STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02163

ANNA KARENINA

Leo Tolstoy

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילנער פֿאַרלאַג

ב. קלעצקין

לעוו טאָלסטאָי

אַלע קינסטלערישע ווערק

ווילנע — 1929
ווילנער פֿאַרלאַג פון ב. קלעצקין

לעוו טאָלסטאָי

אַננאַ קאַרענינאַ

ראָמאַן אין אַכט טיילן

יידיש שלמה שיינבערג

צווייטער באַנד

זיבעטער און אכטער טייל

ווילנע — 1929
ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

איבערגעזעצט מיט די אלע צוגאבן און אויס־
בעסערונגען לויט דער לעצטער אקאדעמישער
אויסגאבע פון רוסלענדישן מלוכה־פארלאג פון 1928.

PRINTED IN POLAND

Lew Tołstoj — „Anna Karenina“
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

זיבעטער טייל

I.

די לעווינס האָבן שוין געוווינט דעם דריטן חודש אין מאָסקווע. עס איז שוין לאַנג געהאַט אריבער די צייט, ווען קיטי האָט, לויט די זיכערסטע אויסרעכענונגען פֿון די מענטשן, וואָס קענען זיך אויף אַזעלכע זאַכן, געדאַרפֿט געלעגן ווערן; אָבער זי האָט נאָך אַלץ געטראָגן, און עס איז לויט גאָרנישט קענטיק געווען, אַז די צייט זאָל אַצינד זיין נענטער, ווי מיט צוויי חדשים צוריק. אי דער דאָקטאָר, אי די אַקושערקע, אי דאָללי, און די מוטער, און באַזונדערס לעווין, וואָס האָט אָן שרעק נישט געקאָנט קיין טראַכט טון וועגן דעם, וואָס ס'האָט זיך דערנענטערט, האָבן אָנגעהויבן צו ווערן אומגעדולדיק און אומרויק; בלויז קיטי אַליין האָט זיך געפֿילט פֿולשטענדיק רויק און גליקלעך.

זי האָט אַצינד דייטלעך געפֿילט דאָס אויפֿקומען אין איר פֿון אַ ניי ליבעס-געפֿיל צום קינפֿטיקן, טיילווייז פֿאַר איר שוין עקזיסטירנדיקן קינד און איז מיט פֿאַרגעניגן פֿאַרזונקען אין דעמדאָזיקן געפֿיל. דאָס קינד איז שוין אַצינד גאָרנישט געווען קיין טייל פֿון איר, נאָר האָט טיילמאָל געלעבט מיט זיין אייגן, פֿון איר אומאָפּהענגיק לעבן. טיילמאָל האָט עס איר פֿאַרשאַפֿט ווייטיק, אָבער איינצייטיק האָט זיך געגלוסט צו לאַכן פֿון אַ נייער מערקווירדיקער פֿרייד.

אַלע, וועמען זי האָט ליב געהאַט, זענען געווען מיט איר, און אַלע זענען געווען אַזוי גוט צו איר, האָבן זי אַזוי אָפּגעהיטן, אַז זי האָט געזען בלויז גוטסקייט אין אַלעם, און ווען זי וואָלט נישט געוווּסט און געפֿילט, אַז דאָס דאַרף זיך גיך ענדיקן, וואָלט זי זיך גאָרנישט געווינטשן קיין בעסער און אָנגענעמער לעבן. דאָס איינציקע, וואָס האָט איר קאַליע

געמאַכט דעם רײַך פון דעמדאָזיקן לעבן, איז געווען דאָס, וואָס איר מאַן איז געווען נישט דער אײגענער, ווי זי האָט אים ליב געהאַט און ווי ער פלעגט זײַן אין דאָרף.

זי האָט ליב געהאַט זײַן רויקן, ליבלעכן און גאַסטפרײַנטלעכן טאָן אין דאָרף. אין שטאָט אָבער האָט ער תּמיד אויסגעזען אומרויק און געשפּאַנט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז עס זאָל עמעצער נישט באַלײדיקן אים און דער עיקר זי. דאָרט, אין דאָרף, האָט ער, משמעות זיך געפילט אויף זײַן אָרט, האָט זי קײנמאָל נישט געאײַלט און פלעגט קײנמאָל נישט זײַן אָן באַשעפטיקונג. דאָ, אין שטאָט, האָט ער זיך תּמיד געאײַלט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער זאָל עפּעס נישט דורכלאָזן, און צו טון האָט ער נישט געהאַט וואָס. און זי האָט רחמנות געהאַט אויף אים. אין די אויגן פון אַנדערע, האָט זי געוווסט, זעט ער נישט אויס נעבעכדיק; פאַרקערט, ווען קיטי האָט אין געזעלשאַפט געקוקט אויף אים, ווי מען קוקט אַמאָל אויף אַ ליבן מענטש, באַמיענדיק זיך צו זען אים כּלומרשט ווי אַ פרעמדן, כּדי זיך פאַרצושטעלן דעם אײַנדרוק, וועלכן ער מאַכט אויף אַנדערע, האָט זי געזען, אַפילו מיט מורא פאַר איר אײפערזוכט, אַז ער איז נישט בלויז נישט נעבעכדיק, נאָר זײער אַנציִענד מיט זײַן אַנשטענדיקײט, אַ ביסל אַלטמאָדישער, אומגעשיקטער העפלעכקײט מיט פרויען, מיט זײַן שטאַרקער פיגור און מיט דעם באַזונדערן, ווי איר האָט זיך געדאַכט, אויסדריקלעכן פּנים. אָבער זי האָט אים געזען נישט אויסערלעך, נאָר אינעווײניק: זי האָט געזען, אַז ער איז דאָ נישט דער אמתער; אַנדערש האָט זי זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן זײַן צושטאַנד. טײלמאָל האָט זי אין האַרצן אים געטאַדלט דערפאַר, וואָס ער קאָן נישט לעבן אין שטאָט; טײלמאָל אָבער אָנערקענט, אַז אים איז ווירקלעך שווער אײַנצואָרדענען זײַן לעבן דאָ אַזוי, אַז ער זאָל זײַן דערפון צופרידן.

און טאַקע, וואָס האָט ער געהאַט צו טון? אין קאָרטן האָט ער נישט ליב געהאַט צו שפּילן. אין קלוב אַרײַן איז ער נישט געפאָרן. מיט פרײלעכע מענער, אַ שטײגער ווי ווראָנסקי, זיך אַרומפירן, האָט זי שוין געוווסט אַצינד, וואָס עס באַטײַט... דאָס האָט באַטײַט טרינקען און נאָכן טרינקען פאָרן ערגעץ... זי האָט אָן שרעק נישט געקאָנט קײן טראַכטן, וווהין די מענער פאָרן אין אַזעלכע פאַלן. פאָרן אין דער הויכער געזעלשאַפט? אָבער זי האָט געוווסט, אַז צוליב דעם דאַרף מען געפינען פאַרגעניגן און דעם דערנענטערן זיך מיט יונגע פרויען, און דאָס האָט זי

זיך נישט געקאָנט ווינטשן. זיצן אינדערהיים מיט איר, מיט דער מוטער און די שוועסטערן? אָבער, ווי אַנגענעם און פריילעך עס זענען איר נישט געווען אַלע די זעלבע געשפּרעכן, — פון די „אַלינקעס און נאַדינקעס״, ווי דער אַלטער פירשט פלעגט רופן דידאָזיקע געשפּרעכן צווישן די שוועסטערן, — האָט זי דאָך געוווּסט, אַז דאָס דאַרף אים זיין לאַנגווייליק. וואָס־זשע איז אים געבליבן צו טון? ווייטער שרייבן זיין בוך? ער האָט דאָס אפילו געפּרוּווט צו טון, און איז די ערשטע צייט געגאַנגען אין דער ביבליאָטעק אַריין זיך מאַכן נאָטיצן און זאַמלען ידיעות פאַר זיין בוך; אָבער וואָס מער ער האָט גאָרנישט געטון, ווי ער האָט איר געזאָגט, אַלץ ווייניקער צייט האָט ער געהאַט. און, חוצדעם, האָט ער זיך געקלאָגט פאַר איר, אַז ער האָט דאָ צופיל גערעדט וועגן זיין בוך, און אַז דעריבער האָבן זיך אַלע געדאַנקען דערוועגן צונויפגעפּלאָנטערט און פאַרלוירן דעם אינטערעס.

דאָס איינציקע באַקוועמע פונם דאָזיקן שטאָטישן לעבן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָ, אין שטאָט, זענען קיינמאָל נישט פאָרגעקומען קיין קריגערייען צווישן זיי. צי דערפאַר, וואָס די שטאָטישע באַדינגונגען זענען אַנדערע, אָדער דערפאַר, וואָס זיי ביידע זענען געוואָרן פאָרזיכטיקער און פאַרנונפטיקער אין דער הינזיכט, זענען אין מאָסקווע צווישן זיי נישט פאָרגעקומען קיין קריגערייען איבער דער אייפערזוכטיקייט, פאַר וועלכער זיי האָבן אַזוי מורא געהאַט, אַריבערפאָרנדיק אין שטאָט אַריין.

אין דער הינזיכט איז אפילו פאָרגעקומען איינע, זייער אַ וויכטיקע געשעעניש פאַר זיי ביידע, נעמלעך קיטיס צונויפטרעפן זיך מיט ווראָנסקין.

די אַלטע פירשטין, מאַריאַ באָריסאָוונאַ, קיטיס טויפמוטער, וואָס האָט זי שטענדיק זייער ליב געהאַט, האָט זי אומבאַדינגט געוואָלט זען. קיטי, וואָס איז צוליב איר לאַגע קיינמאָל אין ערגעץ נישט געפאָרן, איז געפאָרן מיטן פאָטער צו דער חשובער זקנה און האָט געטראָפן בא איר ווראָנסקין.

קיטי האָט בא דערדאָזיקער באַגעגעניש זיך געקאָנט פאָרוואַרפן בלויז דאָס, וואָס איר האָט אויף אַן אויגנבליק פאַרפעלט אָטעם, דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן, און אַ העלע רויטקייט, ווי זי האָט געפילט, האָט באַדעקט איר פּנים. ווען זי האָט אין די ציוויל־קליידער דערקענט די שטריכן, וואָס זענען איר אַמאָל אַזוי גוט באַקאַנט געווען. אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז עטלעכע סעקונדן. דער פאָטער, וואָס האָט בכיוון אָנגעהויבן צו רעדן הויך מיט ווראָנסקין, האָט נאָך נישט

געהאַט פאַרענדיקט זיין געשפּרעך, ווי זי איז שוין אינגאַנצן גרייט געווען צו קוקן אויף ווראָנסקין, צו רעדן מיט אים, אויב עס וועט נייטיק זיין, פּונקט אַזוי, ווי זי האָט גערעדט מיט דער פירשטין מאַריאַ באָריסאָוונאַ, און, דער עיקר אַזוי, אַז אַלץ, ביז דער קלענסטער אינטאָנאַציע און שמייכל, זאָל געפעלן ווערן דעם מאַן, וועמענס אומגעזעענע אָנוועזנהייט זי האָט אין דער מינוט געפילט איבער זיך.

זי האָט גערעדט מיט אים עטלעכע ווערטער, אפילו רויק אַ שמייכל געטון אויף זיין וויץ וועגן די וואַלן, וועלכע ער האָט אָנגערופן „אונזער פּאַרלאַמענט". (מען האָט געדאַרפט אַ שמייכל טון, כדי צו ווייזן, אַז זי האָט פאַרשטאַנען דעמדאָזיקן וויץ.) אָבער זי האָט זיך באַלד אויסגעדרייט צו דער פירשטין מאַריאַ באָריסאָוונאַ און קיין איין מאָל נישט קיין בליק געטון אויף אים, ביז ער איז אויפגעשטאַנען און זיך אָנגעהויבן געזעגענען; דאָ האָט זי אַ קוק געטון אויף אים, אָבער, משמעות, בלויז דערפאַר, וואָס עס איז נישט העפלעך נישט צו קוקן אויף אַ מענטש, ווען ער פאַרנייגט זיך.

זי איז דאַנקבאַר געווען דעם פאָטער דערפאַר, וואָס ער האָט איר גאָרנישט געזאָגט וועגן דער באַגעגעניש מיט ווראָנסקין; אָבער זי האָט נאָכן וויזיט, בעת דעם געוויינלעכן שפּאַציר, לויט זיין באַזונדערער צערטלעכקייט דערקענט, אַז ער איז צופרידן פון איר. זי אַליין איז אויך פון זיך צופרידן געווען. זי האָט בשום אופן נישט דערוואַרט, אַז באַ איר זאָל זיך געפינען אַזאַ כוח צו פאַרהאַלטן ערגעץ טיף אין דער נשמה אַלע דערינערונגען פון דעם פריערדיקן געפיל צו ווראָנסקין און נישט בלויז זיך מאַכן, נאָר טאַקע זיין צו אים אינגאַנצן גלייכגילטיק און רויק.

לעווין איז רויט געוואָרן אַ סך מער פאַר איר, ווען זי האָט אים געזאָגט, אַז זי האָט געטראָפן ווראָנסקין באַ דער פירשטין מאַריאַ באָריסאָוונאַ. איר איז זייער שווער געווען דאָס אים צו זאָגן, אָבער נאָך שווערער איז געווען ווייטער צו רעדן וועגן די פּרטים פון דער באַגעגעניש, ווייל ער האָט זי נישט געפרעגט, נאָר בלויז כמורעדיק זיך געקוקט אויף איר.

— מיר איז זייער אַ שאָד, וואָס דו ביסט נישט געווען דערביי, — האָט זי געזאָגט. — נישט דאָס, וואָס דו ביסט נישט געווען אין צימער... איך וואָלט נישט געווען אַזוי נאַטירלעך אין דיין אָנוועזנהייט... איך ווער אַצינד רויט אַ סך מער, אַ סך, אַ סך מער, — האָט זי געזאָגט, רויט

ווערנדיק ביז טרערן. — נאָר וואָס דו האָסט נישט געקאָנט זעען דורך אַ שפּאַרע.

אירע ערלעכע אויגן האָבן געזאָגט לעווינען, אַז זי איז צופרידן פון זיך, און, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז רויט געוואָרן, האָט ער זיך גלייך באַרויקט און אָנגעהויבן זי אויספרעגן, — וואָס זי האָט טאַקע געוואָלט. ווען ער איז געוויר געוואָרן אַלץ, אפילו ביז דער איינצלהייט, אַז זי האָט בלויז אין דער ערשטער סעקונדע נישט געקאָנט נישט רויט ווערן, נאָר אַז דערנאָך איז איר געווען פּונקט אַזוי איינפאַך און לייכט, ווי מיטן ערשטן בעסטן, איז לעווין אינגאַנצן פריילעך געוואָרן און האָט געזאָגט, אַז ער איז זייער צופרידן פון דעם און וועט שוין אַציגד נישט האַנדלען אַזוי נאַריש, ווי אויף די וואַלן, נאָר וועט זיך באַמיען בײַ דער ערשטער באַגעגעניש מיט ווראָנסקין צו זיין ווי מעגלעך פריילעכער.

— עס איז אַזוי פּיינלעך צו טראַכטן, אַז ס'איז פאַראַן אַ מענטש כמעט אַ שונא, מיט וועלכן עס איז שווער זיך צו באַגעגענען, — האָט לעווין געזאָגט. — עס פרייט מיך זייער, זייער.

II.

— פאָר־זשע־צו, איך בעט דיך, צו די באָלס, — האָט קיטי געזאָגט דעם מאַן, ווען ער איז עלף אַ זייגער, פאַרן אַוועקפאָרן פונדערהיים, אַריינגעקומען צו איר. — איך ווייס, אַז דו וועסט עסן מיטאָג אין קלוב, דער פאָפאַ האָט דיך פאַרשריבן. און אינדערפרי וואָס וועסטו טון ?

— איך וועל בלויז זיין בײַ קאַטאַוואַסאָוון, — האָט לעווין געענטפערט.

— וואָס־זשע אַזוי פרי ?

— ער האָט מיר צוגעזאָגט מיך צו באַקענען מיט מעטראָוון. איך וויל רעדן מיט אים וועגן מיין אַרבעט, דאָס איז אַ באַרימטער פּעטער־בורגער געלערנטער, — האָט לעווין געזאָגט.

— יאָ, דאָס האָסטו זיין אַרטיקל אַזוי געלויבט ? נו, און דערנאָך ? — האָט קיטי געזאָגט.

— וועל איך נאָך, אפשר, צום געריכט צופאָרן וועגן דער שוועס־טערס ענין.

— און אויפן קאָנצערט? — האָט זי געפרעגט.

— וואָס וועל איך גיין פאָרן אליין!

— ניין, פאָר; מען גיט דאָרט נייע זאַכן... דאָס האָט דיך אַזוי אינטערעסירט. איך וואָלט אומבאַדינגט געפאָרן.

— נו, אַלנפאַלס וועל איך אָפּטרעטן אינדערהיים פאַר מיטאָג, — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אויפן זייגער.

— טו־זשע אָן דעם סורדוט, כדי גלייך צוצופאָרן צו דער גרעפין באָל.

— צי איז דאָס אומבאַדינגט נייטיק?

— אָך, אומבאַדינגט! ער איז געווען בײַ אונדז. נו, וואָס וועט עס דיר שאַטן? וועסט צופאָרן, זיצן אַ ביסל, רעדן אַ פינף מינוט וועגן וועטער, אויפשטיין און אַוועקפאָרן.

— נו, דו וועסט נישט גלייבן, איך בין פון דעם אַזוי אָפּגעוווינט געוואָרן, אַז דאָס טאַקע איז מיר איבער דער טבע. ווי אַזוי קאָן מען דאָס? ס'קומט אַ פרעמדער מענטש, זעצט זיך אַנידער, זיצט אָן מינדסטן אינטערעס, שטערט אַנדערע, דענערווירט זיך אַליין און גייט אַוועק.

קיטי האָט זיך צעלאַכט.

— דו פלעגסט דאָך פאָרן אויף וויזיטן אַלס בחור? — האָט זי געזאָגט.

— איך פלעג פאָרן, אָבער עס פלעגט מיר תמיד זיין איבער דער טבע, און אַצינד בין איך אַזוי אָפּגעוווינט געוואָרן, אַז איך וואָלט בנאמנות צוויי טעג קיין מיטאָג נישט געגעסן, איידער צו פאָרן אויף דעם וויזיט. עס איז מיר אַזוי איבער דער טבע. מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז זיי וועלן זיך באַליידיקן, וועלן זאָגן: גאָכוואָס ביסטו דאָס געקומען בחינם?

— ניין, זיי וועלן זיך נישט באַליידיקן. פאַר דעם בין איך דיר שוין פאַראַנטוואָרטלעך, — האָט קיטי געזאָגט, קוקנדיק מיט חוזק אויף זיין פנים. זי האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט. — נו, גיי געזונטער־הייט... פאָר־צו, איך בעט דיך.

ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, האָט שוין אַ קוש געטון איר האַנט, ווי זי האָט אים פאַרהאַלטן.

— קאָסטיאַ, דו ווייסט, אַז מיר איז שוין געבליבן נישט מער ווי פינפציק רובל?

— נו מילא, וועל איך צופאָרן און נעמען אין באַנק. ווי פיל? — האָט ער געזאָגט מיט דעם איר באַקאַנטן אויסדרוק פון אומצופרידנהייט.

— ניין, וואַרט־צו, — זי האָט אים פאַרהאַלטן בײַ דער האַנט. — מיר װעלן זיך דורכשמועסן, דאָס באַאומרויקט מיך. איך גיב, דאַכט זיך, נישט אויס קיין שום איבעריקס, און דאָס געלט האַלט אין איין לויפן. עפּעס פירן מיר נישט גוט.

— לגמרי נישט, — האָט ער געזאָגט, אָפּהוסטנדיק און קוקנדיק אויף איר פון אונטערן שטערן אַפּער.

דאָס־דאָזיקע אָפּהוסטן איז איר באַקאַנט געווען. עס איז געווען אַ סימן פון זײַן שטאַרקער אומצופרידנקייט — נישט מיט איר, נאָר מיט זיך אַליין. ער איז ווירקלעך געווען נישט צופרידן, אָבער נישט פון דעם, וואָס ס'איז אַװעקגעגאַנגען אַ סך געלט, נאָר וואָס מען דערמאַנט אים אָן דעם, אָן וועלכן ער, ווייסנדיק, אַז ס'איז עפּעס נישט אין אָרדנונג, וויל פאַרגעסן.

— איך האָב געהייסן סאָקאָלאָוון פאַרקויפן דעם ווייץ און פאַר דער מיל נעמען פאָרויס. געלט וועט אַלנפאַלס זײַן.

— ניין, אָבער איך האָב מורא, אַז עס גייט בכלל אַ סך אַוועק. . .

— לגמרי נישט, לגמרי נישט, — האָט ער איבערגעחזרט. — נו, זײַ געזונט, האַרצינקע.

— ניין, כ'לעבן, איך באַדויער טײלמאָל, וואָס איך האָב געהאָרכט די מאַמאַ. ווי גוט עס וואָלט געווען אין דאָרף! וואָרים אַזוי זענט איר דאָך אַלע פאַרמאַטערט געוואָרן אַרום מיר און עס קאָסט אונז אַזוי פיל געלט.

— לגמרי נישט, לגמרי נישט. עס איז נאָך קיין איינמאָל נישט געווען זינט איך האָב חתונה געהאַט, איך זאָל זאָגן, אַז עס איז בעסער אַנדערש, ווי ס'איז...

— באמת אַזוי? — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אים אין די אויגן אַרײַן.

ער האָט דאָס געזאָגט, נישט טראַכטנדיק, בלויז כדי צו באַרויקן זי. אָבער ווען ער האָט אַ בליק געטון אויף איר און דערזעען, אַז די־דאָזיקע

ערלעכע, ליבע אויגן זענען פרעגנדיק אָנגעשטעלט אויף אים, האָט ער דאָס אייגענע שוין איבערגעחזרט מיטן גאנצן הארץ. „איך פארגעס אינ־גאנצן אָן איר", האָט ער אַ קלער געטון. און ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם, וואָס עס האָט זיי אַזוי שנעל דערוואַרט.

— און עס וועט נאָך לאַנג געדויערן? ווי פילסטו? — האָט ער אַ פליסטער געטון, זי אָננעמענדיק באַ ביידע הענט.

— איך האָב אַזוי פיל מאָל געקלערט, אַז אַצינד קלער איך שוין גאָרנישט און ווייס נישט.

— און עס איז דיר נישט שרעקלעך?

זי האָט ביטולדיק אַ שמייכל געטון.

— קיין טראָפּעלע, — האָט זי געזאָגט.

— איז אויב עס וועט עפּעס פּאַרקומען, בין איך באַ די קאַטאַ־וואַסאָווס.

— ניין, עס וועט גאָרנישט פּאַרקומען, קלער גאָרנישט. איך וועל פאָרן מיטן פּאַפּאַ שפּאַצירן אויפן בולוואַר. מיר וועלן צופאָרן צו דאָללין. פאר מיטאָג ווארט איך אויף דיר. אָך, יאָ! דו ווייסט, אַז דאָלליס לאַגע ווערט פשוט אָן אַן אויסגאַנג? זי איז באַוואָרפן מיט חובות, קיין געלט האָט זי נישט. מיר האָבן נעכטן גערעדט מיט דער מאַמאַ און מיט אַר־סעניין (אַזוי האָט זי גערופן דער שוועסטער לוואָוואַס מאַן) און באַשלאָסן, אַז איר ביידע זאָלט איבעררעדן מיט סטיוון. עס איז פשוט אוממעגי־לעך אַזוי. מיטן פּאַפּאַ קאָן מען נישט רעדן וועגן דעם... אָבער ווען דו מיט אים...

— אָבער וואָס־זשע קאָנען מיר טון? — האָט לעווין געזאָגט.

— פונדעסטוועגן וועסטו זיין באַ אַרסעניין און איבעררעדן מיט אים; ער וועט דיר זאָגן, וואָס מיר האָבן באַשלאָסן.

— נו, מיט אַרסעניין בין איך לכתחילה שוין אויף אַלץ איינשטי־מיק. וועל איך צופאָרן צו אים. אגב, אויב שוין אויפן קאָנצערט, וועל איך פאָרן מיט נאַטאַליען. נו, זיי געזונט.

אויפן גאַנעק האָט דער אַלטער דינער קוזמאַ, נאָך אַ בחור, וואָס וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיטן שטאָטישן באַלעבאַטישקייט, פאַרהאַלטן לעווינען.

— קראַסאַווטשיקן (דאָס איז געווען דאָס פערד, פון דער לינקער זייט געשפּאַן, וואָס איז מיטגעבערענגט געוואָרן פון דאָרף) האָט מען

שלעכט געקאָוועט, און ער לאָמט כסדר, — האָט ער געזאָגט. — וואָס באַפעלט איר?

די ערשטע צייט אין מאָסקווע האָבן לעווינען אינטערעסירט די פערד, וואָס זענען מיטגעבראַכט געוואָרן פון דאָרף. ער האָט געוואָלט איינאָרדענען דידאָזיקע טייל ווי ווייט מעגלעך בעסער און ביליקער; אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אייגענע פערד קאָסטן טייערער פון געדונגענע און אַ דראָזשקע האָט מען פונדעסטוועגן אַלע מאָל געמוזט נעמען.

— הייס שיקן נאָכן וועטערינאַר, אפשר צעקלאַפּט.

— נו, און פאַר קאַטערינאַ אַלעקסאַנדראָוונען? — האָט קוזמאַ געפרעגט.

לעווינען האָט שוין אַצינד נישט איבערראַשט דאָס, וואָס כדי אַריבערצופאָרן פון וו אָ ז ד וו י ז ש ע נ ק י אויף ס י וו צ ע וו - וו ר אַ ז ש אָ ק האָט מען געמוזט איינשפּאַנען אין דער שווערער קאָטש אַ פּאָר שטאַרקע פערד, אַוועקפירן דידאָזיקע קאָטש אין טיפן שניי אַ פערטל וויאָרסט און שטיין דאָרטן פיר שעה, באַצאָלנדיק פאַר דעם פינף רובל. דאָס איז געווען בלויז די ערשטע צייט פון זיין אויפהאַלטן זיך אין מאָסקווע. אַצינד האָט דאָס אים שוין אויסגעזעען נאַטירלעך.

— הייס אַ באַלעגאָלע ברענגען אַ פּאָר פערד פאַר אונזער קאָטש,— האָט ער געזאָגט.

— איך הער אייך.

און, אַ דאַנק די שטאָטישע באַדינגונגען, האָבנדיק אַזוי איינפאַך און לייכט געלייזט די שווערקייט, וואָס וואָלט אין דאָרף געפאָדערט אַזוי פיל אייגענע מי און אויפמערקזאַמקייט, איז לעווין אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַנעק און, אַ רוף טוענדיק אַ דראָזשקע, איז ער אויפגעזעסן און אַוועקגעפאָרן אויף דער ניקיטסקאַיאַ. אויפן וועג האָט ער נישט געטראַכט וועגן געלט, נאָר געקלערט וועגן דעם, ווי אַזוי ער וועט זיך באַקענען מיט דעם פּעטערבורגער געלערנטן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט סאָציאָלאָגיע, און וועט רעדן מיט אים וועגן זיין בוך.

די איבעריקע, אָבער אומפאַרמיידלעכע הוצאות, וועלכע לעווין האָט כסדר געהאַט און וואָס זעען אויס אַזוי אויסטערליש פאַר אַ דאָרפישן איינוווינער, האָבן אים איבערראַשט בלויז די ערשטע צייט פון זיין אויפהאַלטן זיך אין מאָסקווע. אַצינד אָבער איז ער שוין געווען געוווינט צו זיי. מיט אים איז אין דער הינזיכט פאָרגעקומען דאָס, וואָס עס קומט פאָר,

ווי מען זאָגט, מיט שיכורים: באַ דעם ערשטן גלעזל — קרימען זיי זיך, דאָס צווייטע גייט שוין לייכטער. און נאָכן דריטן — גייט עס שוין ווי געשמירט. ווען לעווין האָט אָפּגעטוישט דעם ערשטן הונדערטער צו קויפן ליוורעען פאַר דעם לאָקיי און דעם שווייצער, האָט ער נישט ווילנדיק אַ קלער געטון, אַז די דאָזיקע קיינעם נישט נייטיקע ליוורעען, וואָס האָבן אַרויסגערופן פאַרוווּנדערונג באַ דער פירשטין און קיטין, ווען ער האָט געפּרוווט זאָגן, אַז מען קאָן זיך באַגיין אָן זיי, — אַז די דאָזיקע ליוורעען וועלן קאָסטן צוויי זומער-אַרבעטער, דאָס הייסט אָן ערך דריי הונדערט אַרבעטס-טעג, יעדער טאָג אין שווערער אַרבעט פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט — און באַ דעמדאָזיקן הונדערטער-רובל האָט ער זיך נאָך פאַרקרומט. אָבער דער צווייטער, וואָס איז אָפּגעטוישט געוואָרן איינצוקויפן אויף אַ מיטאָג פאַר די עלטערן, וואָס האָט באַטראָפן אַכט און צוואָנציק רובל, איז אים שוין פונדעסטוועגן צוגעגאַנגען לייכטער, הגם ער האָט זיך נאָך דערמאַנט, אַז אַכט און צוואָנציק רובל — דאָס איז ניין פערטל האָבער, וועלכע מען האָט אין שווייס און אין שווערער מי געמוזט שניידן, בינדן, דרעשן, רייניקן, אויפקלייבן און אָנשיטן אין די זעק אַריין. און אַצינד האָבן די געטוישטע אַסיגנאַציעס שוין לאַנג נישט אַרויסגערופן אַזעלכע חשבונות און זענען געפלויגן איינע נאָך דער אַנדערער. צי דאָס געקויפטע פאַר דעם געלט פאַרשאַפט אַזוי פיל פאַרגעניגן, וויפיל מי עס איז אויסגעבערענגט געוואָרן דאָס געלט צו באַקומען, — דאָס האָט ער שוין לאַנג נישט אין אַכט גענומען. ער האָט זיך אויך נישט גערעכנט מיט דעם, אַז עס איז דאָ אַ באַשטימטע באַלעבאַטישע פּרייז, אונטער וועלכער מען טאָר קיין תבואה נישט פאַרקויפן. דאָס קאָרן, פון וועלכן ער האָט אַזוי לאַנג אויסגעהאַלטן דעם פּרייז, איז פאַרקויפט געוואָרן מיט פינפציק קאָפּיקעס אויף אַ פערטל ביליקער, ווי מען האָט דערפאַר געגעבן מיט אַ חודש צוריק. אפילו די אויסרעכנונג, אַז עס וועט באַ אַזעלכע הוצאות נישט מעגלעך זיין דורכצולעבן דאָס גאַנצע יאָר און נישט צו פאַרשולדיקן זיך, — אפילו דידאָזיקע אויסרעכנונג האָט שוין אויך נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג. עס האָט זיך געפאָדערט בלויז איינס: צו האָבן געלט אין באַנק, נישט פרעגנדיק זיך, פונוואַנען עס שטאַמט, אַבי צו וויסן שטענדיק, אַז עס איז דאָ מאָרגן פאַרוואָס צו קויפן פלייש. און דאָס האָט ער ביז אַצינד אָפּגעהיטן; ער האָט שטענדיק געהאַט געלט אין באַנק, אָבער אַצינד איז דאָס געלט אין דער באַנק אויסגעגאַנגען, און ער האָט נישט קלאָר געוווּסט, ווו ווייטער צו

נעמען עס. און ווען קיטי האָט אים דערמאַנט וועגן געלט, האָט אים דאָס טאַקע אויף אַ מינוט צערודערט; אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן דעם. ער איז געפאָרן, טראַכטנדיק וועגן קאַטאַוואַסאָוון און דער פאָרשטייענדער באַקאַנטשאַפט מיט מעטראָוון.

III.

לעווין איז דאָס איצטיקע מאָל פון זיין קומען זיך ווידער נאָענט צונויפגעגאַנגען מיטן זיין געוועזענעם חבר פון אוניווערזיטעט, מיטן פּראָפעסאָר קאַטאַוואַסאָוו, מיט וועלכן ער האָט זיך נישט געהאַט געזעען פון זיין חתונה אָן. קאַטאַוואַסאָוו איז אים אָנגענעם געווען מיט דער קלאָרקייט און איינפאַכקייט פון זיין וועלט-אָנשויונג. לעווין האָט געמיינט, אַז די קלאָרקייט פון קאַטאַוואַסאָווס וועלט-אָנשויונג איז אַ פּועל-יוצא פון זיין אָרימער נאַטור, קאַטאַוואַסאָוו ווידער האָט געמיינט, אַז די נישט סיסטעמאַטישקייט פון לעווינס טראַכטן דערנעמט זיך פון דעם מאַנגל אין דיסציפּלין אין זיין שכל. אָבער קאַטאַוואַסאָווס קלאָרקייט איז געווען אָנגענעם לעווינען, און דער איבערפלוס פון לעווינס נישט דיסציפּלינירטע געדאַנקען איז געווען אָנגענעם קאַטאַוואַסאָוון, און זיי האָבן ליב געהאַט זיך צו באַגעגענען און פירן וויכּוחים.

לעווין האָט געלייענט קאַטאַוואַסאָוון עטלעכע שטעלן פון זיין ווערק, און זיי זענען אים געפעלן געוואָרן. נעכטן, טרעפנדיק לעווינען אויף אַן עפנטלעכער לעקציע, האָט אים קאַטאַוואַסאָוו געזאָגט, אַז דער באַוווּסטער מעטראָוו, וואָס זיין אַרטיקל איז אַזוי געפעלן געוואָרן לעווינען, געפינט זיך אין מאָסקווע און איז זייער פאַראינטערעסירט מיט דעם, וואָס קאַטאַוואַסאָוו האָט אים געזאָגט וועגן לעווינס אַרבעט, און אַז מעטראָוו וועט זיין בא אים מאָרגן עלף אַ זייגער און וויל זייער זיך באַקענען מיט אים.

— איר ווערט גאָר פּינקטלעך, ליבינקער, עס פרייט מיך אייך צו זעען, — האָט קאַטאַוואַסאָוו געזאָגט, אויפנעמענדיק לעווינען אין קליינעם גאַסטצימער. — איך הער קלינגען און טראַכט מיר: עס קאָן נישט זיין, אַז ער זאָל קומען אין דער צייט... נו, וואָס, ווי געפעלן אייך די מאָנטאָנעגרער? געבוירענע קריגסלייט.

— וואָס איז דען? — האָט לעווין געפרעגט.

קאַטאַוואַסאָוו האָט אים אין קורצע ווערטער איבערגעגעבן די לעצ־טע ידיעה און, אַריינגייענדיק אין קאַבינעט, האָט ער באַקענט לעווינען מיט אַ נישט הויכן, פעסטגעבויטן מענטש, מיט אַ זייער אָנגענעם אויס־זעען. דאָס איז געווען מעטראָוו. דער שמועס האָט זיך אַ קורצע ווײַלע געדרייט אַרום דער פּאָליטיק און אַרום דעם, ווי אַזוי מען קוקט אין דער העכסטער ספערע אין פּעטערבורג אויף די לעצטע געשעענישן. מעטראָוו האָט איבערגעגעבן די אים באַקאַנטע ווערטער פון אַ זיכערער קוועלע, וואָס זענען כּלומרשט צוליב דעם פאַל געזאָגט געוואָרן דורכן קייסער און דורך איינעם פון די מיניסטאָרן. קאַטאַוואַסאָוו האָט אָבער געהערט, אויך ווי אַ זיכערע זאַך, אַז דער קייסער האָט געזאָגט גאָר עפּעס אַנדערש. לעווין האָט זיך באַמיט צוצוטראַכטן אַזאַ לאַגע, אין וועל־כער סיי די יענע ווערטער האָבן געקאָנט געזאָגט ווערן, און דער שמועס אויף דערדאָזיקער טעמע איז איבערגעריסן געוואָרן.

— יאָ, ער האָט אָנגעשריבן כּמעט אַ בוך וועגן די נאַטירלעכע באַדינגונגען פון אַרבעטער אין דער באַציונג צו דער ערד, — האָט קאַטאַוואַסאָוו געזאָגט, — איך בין נישט קיין ספּעציאַליסט, נאָר מיר, ווי אַ נאַטורוויסנשאַפטלער, איז געפעלן דאָס, וואָס ער נעמט נישט די מענטש־הייט, ווי עפּעס מחוץ פון די זאָאָלאָגישע געזעצן, נאָר, פאַרקערט, זעט איר אָפּהענגיקייט פון דער סביבה און אין דערדאָזיקער אָפּהענגיקייט זוכט ער די אַנטוויקלונגס־געזעצן.

— דאָס איז זייער אינטערעסאַנט, — האָט מעטראָוו געזאָגט.

— איך האָב אייגנטלעך אָנגעהויבן צו שרייבן אַ לאַנדווירטשאַפ־לעך בוך, אָבער, פאַרנעמענדיק זיך מיט דעם הויפּט־געצייג פון דער לאַנדווירטשאַפט, מיט דעם אַרבעטער, — האָט לעווין געזאָגט רויט ווערנדיק, — בין איך נישט ווילנדיק געקומען צו גאָר אומגעריכטע רעזולטאַטן.

און לעווין האָט אָנגעהויבן פאָרזיכטיק, אַזוי ווי אויספּרוּווּנדיק דעם באָדן, אַרויסצוזאָגן זיין בליק. ער האָט געוווּסט, אַז מעטראָוו האָט אָנ־געשריבן אַן אַרטיקל קעגן דער אַלגעמיין־אָנגענומענער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער לערע, נאָר אין וואָסער גראַד ער האָט געקאָנט האָפן אויף זיין מיטגעפיל צו זיינע נייע בליקן, האָט ער נישט געוווּסט און נישט געקאָנט זיך משער זיין לויט דעם קלוגן און רויקן פּנים פון דעם געלערנטן.

— אָבער אין וואָס־זשע זעט איר די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון דעם רוסישן אַרבעטער? — האָט מעטראָוו געזאָגט: — אין די זאָאָלאָגישע, אַזוי צו זאָגן, אייגנשאַפטן זיינע אָדער אין די באַדינגונגען, אין וועלכע ער געפינט זיך?

לעווין האָט געזעען, אַז אין דערדאָזיקער פראַגע איז שוין אויסגעדריקט געוואָרן אַ געדאַנק, מיט וועלכן ער איז נישט איינשטימיק: אָבער ער האָט ווייטער אַרויסגעזאָגט זיין געדאַנק, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער רוסישער אַרבעטער האָט גאָר אַן אַנדערן בליק ווי אַנדערע פעלקער אויף ערד. און, כדי צו באַווייזן דידאָזיקע מיינונג, האָט ער זיך געאיילט צוצוגעבן, אַז, לויט זיין מיינונג, איז דערדאָזיקער בליק פון רוסישן פאָלק אַ פועל־יוצא פון דעם אָנערקענען דורך אים זיין באַרוף צו באַזעצן ריזיקע, נישט פאַרנומענע ערד־שטחים אויפן מזרח.

— עס איז לייכט אַריינגעפירט צו ווערן אין אַ טעות, באַשטימענדיק דעם אַלגעמיינעם באַרוף פון אַ פאָלק, — האָט מעטראָוו געזאָגט, איבערשלאָגנדיק לעווינען. דער צושטאַנד פון אַרבעטער וועט שטענדיק אָפּהענגיק זיין פון זיין באַציונג צו דער ערד און צום קאַפּיטאַל.

און שוין נישט לאָזנדיק לעווינען פאַרענדיקן זיין געדאַנק, האָט מעטראָוו אים אָנגעהויבן אויפצוקלערן די באַזונדערקייט פון זיין לערע.

אין וואָס ס'איז באַשטאַנען די באַזונדערקייט פון זיין לערע, האָט לעווין נישט פאַרשטאַנען, ווייל ער האָט זיך נישט אָנגעשטרענגט צו פאַרשטיין: ער האָט געזען, אַז נישט געקוקט אויף זיין אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט אָפּגעוואָרפן די לערע פון די עקאָנאָמיסטן, האָט מעטראָוו, אַזוי ווי די אַנדערע, דאָך געקוקט אויף דער לאַגע פון רוסישן אַרבעטער בלויז פון שטאַנדפונקט פון קאַפּיטאַל, פון דעם פאַרדינסטן לוין און פון דער רענטע. הגם ער האָט טאַקע געמוזט מודה זיין, אַז אין מזרח־טייל, אין גרעסטן טייל פון רוסלאַנד, איז נאָך די רענטע אַ זעראָ, אַז ד'ער אַרבעטסלוין דריקט זיך אויס פאַר ניין צענטל פון דער אַכציק־מיליאָניקער רוסישער באַפעלקערונג בלויז אין דעם שפייזן זיך אַליין און אַז ד'ער קאַפּיטאַל עקזיסטירט נאָך נישט אַנדערש, ווי אין דער פאָרם פון די פרימיטיווסטע אַרבעטס־מכשירים, אָבער ער האָט בלויז פון דעם שטאַנדפונקט באַטראַכט איטלעכן אַרבעטער, הגם ער האָט אין אַ סך זאַכן נישט איינגעשטימט מיט די עקאָנאָמיסטן און געהאַט זיין אייגענע נייע טעאָריע וועגן דעם אַרבעטסלוין, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט פאַר לעווינען.

לעווין האט געהערט אומגערן און האט אין אנהייב דערווידערט. אים האט זיך געגלוסט איבערצושלאגן מעטראוון, כדי ארויסצוזאגן זיין אייגענעם געדאנק, וועלכער האט, לויט זיין מיינונג, שוין געדארפט מאכן פאר איבעריק מעטראווס ווייטערדיקע רעדן. אבער דערנאך, איבערצייגנדיק זיך, אז זיי קוקן אזוי ווייט פארשידנארטיק אויף דער זאך, אז זיי וועלן קיינמאל נישט פארשטיין איינער דעם אנדערן, האט ער שוין אפילו נישט דערווידערט און בלויז געהערט. נישט געקוקט דעריף, וואס אים האט שוין אצינד לגמרי נישט אינטערעסירט דאס, וואס מעטראוו האט גערעדט, האט ער, פונדעסטוועגן, איבערגעלעבט א געוויסע הנאה, הערנדיק אים. זיין אייגנליבע האט זיך געפילט געחנפט פון דעם, וואס אזא געלערנטער מענטש האט אזוי גערן, מיט אזא אויפמערקזאמקייט און צוטרוי צו לעווינס באקאנטשאפט מיט דעם ענין, טיילמאל מיט איין אנדייטונג אים אנגעוויזן אויף א גאנצער טייל פון דער זאך, און פאר אים ארויסגעזאגט זיינע געדאנקען. ער האט דאס צוגעשריבן זיין ווירדע, נישט וויסנדיק, אז מעטראוו, וואס האט שוין געהאט דאס אלץ איבערגערעדט מיט אלע זיינע נאענטע, האט באזונדערס גערן גערעדט וועגן דעם ענין מיט יעדן נייעם מענטש, און האט בכלל גערן גערעדט מיט אלע אויך וועגן דער פראגע, וואס האט אים אינטערעסירט און איז נאך אים אליין נישט קלאר געווען.

כ'האב מורא, מיר פארשפעטיקן, — האט קאטאוואסאוו געזאגט, א קוק געבנדיק אויפן זייגער, ווי נאר מעטראוו האט פארענדיקט זיין רעדן.

— יא, היינט איז א זיצונג אין דער געזעלשאפט פון די ליבהאבער צום אנדענק פון סווינטיטשס פינפציק-יעריקן יובילעום, — האט קאטאוואסאוו געענטפערט אויף לעווינס פראגע. — איך קלויב מיך צו גיין מיט פעטר איוואנאוויטשן. איך האב צוגעזאגט איבערצולייענען וועגן זיינע ארבעטן איבער זאאלאגיע. פארט מיט אונז, ס'וועט זיין זייער אינטערעסאנט.

יא, עס איז טאקע שוין צייט, — האט מעטראוו געזאגט. — פארט מיט אונז, און פון דארט, אויב ס'וועט זיך אייך גלוסטן, פארט צו מיר. איך וואלט מיך זייער געוואלט באקענען מיט אייער ארבעט.

— ניין, כ'וויס... דאס איז נאך סתם אזוי, נישט פארענדיקט. נאר אויף דער זיצונג וואלט איך זייער צופרידן געווען צו פארן.

— וואָס־זשע, ליבינקער, איר האָט געהערט? זיי האָבן אָפּגעגעבן א באַזונדערע מיינונג, — האָט קאַטאַוואַסאָוו געזאָגט, אָנטועענדיק דעם פראַק אין צווייטן צימער.

און עס האָט זיך פאַרבונדן א געשפּרעך וועגן דער אוניווערזיטעט־פראַגע.

די אוניווערזיטעט־פראַגע איז דעם ווינטער געווען זייער א וויכטיקע געשעעניש אין מאָסקווע. דריי אַלטע פּראָפעסאָרן פון ראַט האָבן נישט אָנגענומען די מיינונג פון די ייִנגערע; די יונגע האָבן אַרויסגעזאָגט א באַזונדערע מיינונג. דיזאָזיקע מיינונג איז, לויט דעם אורטייל פון א טייל מיטגלידער, געווען א שרעקלעכע. לויט דעם אורטייל וווידער פון אַנדערע, די איינפאַכסטע און גערעכטיקסטע מיינונג, און די פּראָפעסאָרן האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי פּאַרטייען.

א טייל, צו וועלכער קאַטאַוואַסאָוו האָט געהערט, האָבן געזען אין דער קעגנערישער זייט א שענדלעכע מסירה און שווינדל; אַנדערע — יונגלערישקייט און אומאַכטונג צו די אויטאָריטעטן. הגם לעווין האָט נישט געהערט צום אוניווערזיטעט, האָט ער אין משך פון זיין פאַרברענגען אין מאָסקווע שוין געהאַט געהערט און גערעדט וועגן דעם ענין און זיך געהאַט וועגן דעם זיין באַזונדער געשאַפענע מיינונג; ער האָט זיך באַטייליקט אין דעם געשפּרעך, וואָס איז אויך ווייטער פאָרגעזעצט געוואָרן אויף דער גאַס, ביז אַלע דריי זענען צוגעקומען צו דעם בנין פון אַלטן אוניווערזיטעט.

די זיצונג האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן. באַם טיש, דעם באַדעקטן מיט טוך, בא וועלכן עס האָבן זיך אַנידערגעזעצט קאַטאַוואַסאָוו און מעטראָוו, זענען געזעסן זעקס מענטשן, און אייגער פון זיי, וואָס האָט זיך נאָענט צוגעבויגן צו א מאַנוסקריפּט, האָט עפּעס געלייענט. לעווין האָט זיך געזעצט אויף איינער פון די ליידיקע שטולן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום דעם טיש, און זיך פליסטערנדיק געפרעגט בא א סטודענט, וואָס איז דערלעבן געזעסן, וואָס מען לייענט. דער סטודענט האָט אומצופרידן א קוק געטון אויף לעווינען און געזאָגט:

— די ביאָגראַפיע.

הגם לעווין האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט דער ביאָגראַפיע פון דעם געלערנטן, האָט ער דאָך נישט ווילנדיק געהערט און איז געוויר געוואָרן עפּעס אינטערעסאַנטס און נייעס וועגן דעם לעבן פון דעם באַרימטן געלערנטן.

ווען דער לייענער האט געענדיקט, האט דער פארזיצער אים געדאנקט, האט איבערגעלייענט דאס געדיכט, וואס דער פאעט מענט האט צוגעשיקט אויף דעמדאזיקן יובילײ, און געזאגט עטלעכע ווערטער אלס דאנק פארן דיכטער. דערנאך האט קאטאוואסאוו מיט זיין הויך, קוויטשעדיק קול איבערגעלייענט זיין צעטל וועגן די געלערנטע ארבעטן פון דעם יובילאר.

ווען קאטאוואסאוו האט געענדיקט, האט לעווין א קוק געטון אויפן זייגער און געזעען, אז עס איז שוין צוויי א זייגער. ער האט א קלער געטון, אז ער וועט נישט באוויזן ביז צום קאנצערט איבערצולייענען מעטראוון זיין ווערק, און ער האט דאס אצינד שוין אויך נישט געוואלט. ער האט בעתן לייענען געטראכט וועגן פריערדיקן געשפרעך. אים איז אצינד קלאר געווען, אז הגם מעטראווס געדאנקען האבן אפשר א באדייטונג, אבער זיינע געדאנקען האבן אויך א באדייטונג, — דידאזיקע געדאנקען קאנען קלאר ווערן און פירן צו עפעס, בלויז ווען איטלעכער וועט באזונדער ארבעטן אויף זיין אויסגעקליבענעם וועג, און פון דעם טיילן זיך מיט דידאזיקע געדאנקען קאן גארנישט ארויסקומען. און, באשלאסן זיך אפצוזאגן פון מעטראווס איינלאדונג, איז לעווין אין סוף פון דער זיצונג צוגעגאנגען צו אים. מעטראוו האט באקענט לעווינען מיטן פארזיצער, מיט וועלכן ער האט גערעדט וועגן א פאליטישער נייעס. דערביי האט מעטראוו דערציילט דעם פארזיצער דאס אייגענע, וואס ער האט דערציילט לעווינען, און לעווין האט געמאכט די זעלבע באמערקונגען, וועלכע ער האט שוין געמאכט היינט אינדערפרי, אבער צוליב פארשידנארטיקייט האט ער ארויסגעזאגט אויך זיינס א נייע מיינונג, וועלכע איז אים נאר־וואס איינגעפאלן. נאכדעם האט זיך פארבונדן א געשפרעך ווידער וועגן דער אוניווערזיטעט־פראגע. אזוי ווי לעווין האט דאס אלץ שוין געהאט געהערט, האט ער זיך צוגעאיילט צו זאגן מעטראוון, אז ער באדויערט, וואס ער קאן נישט געניסן פון זיין איינלאדונג, האט זיך געזעגנט און איז געפארן צו לוואוון.

IV.

לוואָו, וואָס איז געווען פאַרהייראַט מיט נאַטאַליען, קיטיס שוועס־טער, האָט זיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אין די הויפּט־שטעט און אין אויסלאַנד, ווו ער איז דערצויגן געוואָרן און האָט געדינט אַלס דיפּ־לאָמאַט.

מיט אַ יאָר צוריק האָט ער פאַרלאָזט די דיפּלאָמאַטישע דינסט, נישט צוליב אַן אומאַנגענעמלעכקייט (ער האָט קיינמאָל מיט קיינעם נישט געהאַט קיין אומאַנגענעמלעכקייטן), און איז אַריבערגעגאַנגען אויף דינסט אין הויפישן אַמט אין מאָסקווע, כּדי צו געבן די בעסטע דערציונג זיינע צוויי ייִנגלעך.

נישט געקוקט אויף דעם שאַרפסטן קעגנזאַץ אין זייערע געוווינ־הייטן און בליקן, און דערויף, וואָס לוואָוו איז געווען עלטער פון לעווי־נען, זענען זיי דאָך דעם ווינטער זיך שטאַרק צונויפגעגאַנגען און האָבן ליב געקריגן איינער דעם אַנדערן.

לוואָוו איז געווען אינדערהיים, און לעווין איז אומגעמעלדן אַריינ־געגאַנגען צו אים.

לוואָוו, אין אַ היימישן סורדוט מיט אַ גאַרטל, אין זאַמשענע שטעק־לאַטשן איז געזעסן אויף אַ פאָטעל און דורך pince-nez מיט בלויע גלעזלעך געליינט אַ בוך, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ פּיופּיטר, האַלטנדיק פאַר־זיכטיק אין דער שיינער האַנט אַ ציגאַר, וועלכער האָט זיך שוין האַלב געהאַט פאַרוואַנדלט אין אַש, וואָס האָט געהאַלטן בּאַ אַראָפּפאַלן.

זיין שיין, סובטעל און יונג פּנים, וועלכן די געקרייזלטע, בליש־טשענדיקע האָר האָבן צוגעגעבן נאָך אַן איידעלערן אויסדרוק, האָט זיך ליכטיק צעשמייכלט, ווען ער האָט דערזען לעווינען.

— אויסגעצייכנט! איך האָב טאַקע געוואָלט שיקן צו אייך. נו, ווי פילט זיך קיטי? זעצט זיך דאָ: דאָ איז רויקער... — ער איז אויפ־געשטאַנען און האָט צוגערוקט די וויג־שטול. — איר האָט געליינט דעם לעצטן צירקולאַר אין Journal de St-Pétersbourg? איך האַלט אים פאַר אויסגעצייכנט, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ביסל אַ פראַנצויזישן אַקצענט.

לעווין האָט דערציילט, וואָס ער האָט געהערט פון קאַטאַוואַסאָוון וועגן דעם, וואָס מען רעדט אין פעטערבורג, און, רעדנדיק אַ ביסל וועגן פּאָליטיק, האָט ער דערציילט וועגן זיין באַקאַנטשאַפט מיט מעטראָוון און וועגן זיין באַזוך אויף דער זיצונג. לוואָוון האָט דאָס זייער פאַראינטערעסירט.

— אָט איך בין אייך מקנא, וואָס איר האָט איין איינגאַנג אין דערדאָזיקער אינטערעסאַנטער, געלערנטער וועלט, — האָט ער געזאָגט און, צעשמועסנדיק זיך, איז ער ווי געוויינלעך גלייך אַריבער אויף דער מער באַקוועמער פאַר אים פראַנצויזישער שפּראַך. — אמת, אַז איך האָב אויך נישט קיין צייט. מיין דינסט און מיין פאַרנומען זיין מיט די קינדער נעמען מיר צו דידאָזיקע מעגלעכקייט; און חוצדעם וועל איך מיך נישט שעמען צו זאָגן, אַז מיין בילדונג איז צו נישט גענוגנד.

— מיט דעם בין איך נישט איינשטימיק, — האָט לעווין געזאָגט מיט אַ שמייכל און אַזוי ווי גערירט פון זיין נידעריקער מיינונג וועגן זיך, וואָס איז לגמרי געווען נישט געמאַכט, כדי אויסצווזעען אָדער אפילו צו זיין בעשיידן, נאָר איז געווען גאַנץ אויפריכטיק.

— אַך, אוודאי! איך פיל אַצינד, ווי ווייניק געבילדעט איך בין. כדי צו קאָנען דערציען די קינדער, דאַרף איך אפילו אַ סך אויפפרישן אין זכרון און איינפּאַק זיך אויסלערנען. ווייל ס'איז נאָך ווייניק צו האָבן לערערס, ס'איז נייטיק אַן אויפזעער, ווי אין אייער באַלעבאַטישקייט זענען נייטיק אַרבעטער און אַן אויפזעער. אָט לייען איך דאָ, — ער האָט אַ וויין געטון אויף בוסלאַיעווס גראַמאַטיק, וואָס איז געלעגן אויפן פּיופּיטר, — מען פאָדערט פון מישען, און דאָס איז אַזוי שווער... נו, גיט מיר צו פאַרשטיין. דאָ זאָגט ער...

לעווין האָט אים געוואָלט דערקלערן, אַז מען קאָן דאָס נישט פאַרשטיין, נאָר מען דאַרף עס לערנען; אָבער לוואָוו האָט נישט איינגעשטימט מיט אים.

— יאָ, איר לאַכט פון דעם!

— פאַרקערט, איר קאָנט אייך נישט פאָרשטעלן, ווי, קוקנדיק אויף אייך, לערן איך מיך שטענדיק דאָס, וואָס מיר שטייט פאָר, — טאַקע ווי אַזוי צו דערציען קינדער.

— נו, צו לערנען איז זיך נישטאָ וואָס, — האָט לוואָוו געזאָגט.

— איך ווייס בלויז, — האָט לעווין געזאָגט, — אַז איך האָב נאָך

נישט געזעען קיין בעסער דערצויגענע קינדער, ווי אייערע, און וואָלט נישט געוואָלט האָבן קיין בעסערע קינדער ווי אייערע.

לוואָוו האָט, אפנים, זיך געוואָלט אָפּהאַלטן, כדי נישט אַרויסצו־ווייזן זיין פרייד, אָבער אויף זיין פנים האָט זיך באַוויזן אַ ליכטיקער שמייכל.

— זיי זאָלן נאָר זיין בעסער פאַר מיר. דאָס איז אַלץ, וואָס איך ווינטש מיר. איר ווייסט נאָך נישט, וואָס פאַר אַן אַרבעט עס איז, — האָט ער אָנגעהויבן, — מיט אַזעלכע יינגלעך, ווי מיינע, וואָס זענען פאַר־לאָזט געוואָרן דורך דעמדאָזיקן לעבן אין אויסלאַנד.

— איר וועט דאָס אַלץ דעריאָגן, זיי זענען אַזעלכע פעיקע קינדער. דער עיקר איז — די מאָראַלישע דערציונג. אָט וואָס איך לערן מיך, קוקנדיק אויף אייערע קינדער.

— איר זאָגט — די מאָראַלישע דערציונג. עס איז זיך נישט פאָר־צושטעלן, ווי שווער דאָס איז! איר האָט קוים באַקעמפט איין זייט, ווי עס וואַקסן שוין אויס אַנדערע, און איר דאַרפט ווידער קעמפן. ווען מען זאָל נישט האָבן קיין שטיצע אין דער רעליגיע — איר געדענקט, מיר האָבן גערעדט ? — וואָלט קיין שום פאָטער בלויז מיט זיינע כוחות אָן דערדאָזיקער הילף נישט געקאָנט דערציען זיינע קינדער.

דערדאָזיקער געשפּרעך, וואָס האָט לעווינען שטענדיק אינטערע־סירט, איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דער שיינהייט נאַטאַליאַ אַלעק־סאַנדראָוונאַ, וואָס איז אַריינגעקומען, שוין אָנגעטון צום אַרויספאָרן.

— איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז איר געפינט זיך דאָ, — האָט זי געזאָגט, משמעות נישט בלויז מיט באַדויערן, נאָר אפילו מיט צופרידנ־קייט, וואָס זי האָט איבערגעשלאָגן דעמדאָזיקן איר שוין לאַנג באַקאַנטן און לאַנגווייליק געוואָרענעם געשפּרעך. — נו, ווי פילט זיך קיטי ? איך עס היינט מיטאָג בא אייך. אָט וואָס, אַרסעני, — האָט זיך זי געווענדט צום מאַן, — דו וועסט נעמען די קאַטש...

און מאַן און ווייב האָבן אָנגעהויבן באַשטימען, ווי אַזוי זיי וועלן היינט פאַרברענגען דעם טאָג. אַזוי ווי דער מאַן האָט געדאַרפט פאָרן אויפנעמען עמעצן דינסטלעך און דאָס ווייב אויפן קאָנצערט און אויף דער עפנטלעכער זיצונג פון דעם דרום-מזרחדיקן קאָמיטעט, איז געווען אַ סך צו באַשליסן און דורכצוטראַכטן. לעווין, ווי אַן אייגענער מענטש, האָט געמוזט זיך באַטייליקן אין דידאָזיקע פּלענער. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז לעווין וועט פאָרן מיט נאַטאַליען אויפן קאָנצערט און אויף דער

עפנטלעכער זיצונג, און פון דאָרט וועלן זיי די קאַטש שיקן אין קאַנטאָר אריין נאָך ארסעניק, און ער וועט צופאָרן נאָך איר און זי צופירן צו קיטין; אָדער, אויב ער וועט נאָך נישט זיין פריי, וועט ער שיקן די קאַטש, און לעווין וועט פאָרן מיט איר.

— אַט ער מאכט מיך קאַליע, — האָט לוואָוו געזאָגט דעם ווייב, — ער פאַרזיכערט מיך, אַז אונזערע קינדער זענען אויסגעצייכנטע, ווען איך ווייס, אַז זיי האָבן אין זיך אַזוי פיל שלעכטס.

— ארסעני דערגייט צו עקסטרעמיטעטן, איך זאָג דאָס שטענדיק, — האָט די פרוי געזאָגט. — אויב מען וויל זוכן פולקאָמענהייט, איז מען קיינמאָל נישט צופרידן. און דער פּאַפּאַ זאָגט אמת, אַז ווען מען האָט אונז דערצויגן, איז געווען איין עקסטרעמיטעט — אונז האָט מען גע- האַלטן אין אַנטרעסאָל, און די עלטערן האָבן געוווינט אין בעלעטאַזש, אַצינד איז פאַרקערט: די עלטערן אין קאַמער, און די קינדער אין בע- לעטאַזש. די עלטערן דאַרפן שוין אַצינד נישט לעבן, נאָר אַלץ פאַר די קינדער.

— וואָס-זשע, אויב דאָס איז אַנגענעם? — האָט לוואָוו געזאָגט, שמייכלענדיק מיט זיין שיינעם שמייכל און אַנרירנדיק איר האַנט. — ווער עס קען דיך נישט, וואָלט געמיינט, אַז דו ביסט נישט קיין מאַמע, נאָר אַ שטיפמאַמע.

— ניין, עקסטרעמקייט טויג באַ קיין שום זאַך נישט, — האָט נאַטאַליא רויק געזאָגט, אַוועקלייגנדיק זיין פּאַפּיר-מעסער אויפן באַ- שטימטן אָרט אויפן טיש.

— נו אַט, קומט אהער, פולקאָמענע קונדער, — האָט לוואָוו גע- זאָגט צו די אַריינגעקומענע שיינע ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך פאַרנייגט פאַר לעווינען און דערנאָך צוגעגאַנגען צום פאָטער, משמעות ווילנדיק אים פרעגן עפּעס.

לעווינען האָט זיך געגלוסט אַ ביסל צו רעדן מיט זיי, צו הערן, וואָס זיי וועלן זאָגן דעם פאָטער, אָבער נאַטאַליא האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט אים, און באַלד איז אין צימער אריינגעקומען לוואָווס חבר לויט דער דינסט, מאַכאָטין, אין אַ הויף-מונדיר, כדי צו פאָרן איניינעם עפּעס אויפנעמען עמעצן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן שוין אַ כסדרדיקער געשפּרעך וועגן הערצעגאָווינע, וועגן דער פירשטין קאָרזינסקאַיאַ, וועגן דער דומע און וועגן דעם פּלוצלינגדיקן טויט פון דער אַפּראַקסינאַ.

לעווין האָט גאָר פאַרגעסן וועגן דעם אויפטראַג, וואָס איז אים אי-

בערגעגעבן געוואָרן. ער האָט זיך דערמאַנט, ווען ער איז שוין אַרויסגע-גאַנגען אין פּאָרצימער אַריין.

— אַך, קיטי האָט מיך באַאויפטראַגט עפּעס צו רעדן מיט אייך וועגן אָבלאָנסקין. — האָט ער געזאָגט, ווען לוואָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די טרעפּ, באַגלייטנדיק אים און דאָס ווייב.

— יאָ, יאָ, די maman וויל, אַז מיר, les beaux-frères, זאָלן זיך נעמען צו אים, — האָט ער געזאָגט רויט ווערנדיק — און פאַרוואָס עפּעס איך?

— וועל איך מיך נעמען צו אים, — האָט שמייכלענדיק געזאָגט די לוואָווא, וואָס האָט צוגעוואַרט אין איר ווייסער רעטאָנדע, ביז זיי וועלן פאַרענדיקן. — נו, קומט.

V.

אויפן מאָרגן-קאָנצערט האָט מען געגעבן צוויי זייער שיינע זאַכן.

איינע איז געווען א פאַנטאַזיע **דער קעניג ליר אין דער מדבר**, די צווייטע — איז געווען א קוואַרטעט, געווידמעט דעם אָנדענק פון באַכן. ביידע זאַכן זענען געווען נייע און אין נייעם גייסט און לעווין האָט זיך געוואָלט שאַפן וועגן זיי זיינס אַן אייגענע מיינונג. צוגעפירט די שוועגערין צו איר פּאָטעל, האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט בא א זייל און באַשלאָסן ווי ווייט מעגלעך אויפמערק-זאַמער און געוויסנהאַפטער צו הערן. ער האָט זיך באַמיט זיך נישט צו צעשטרייען און זיך נישט קאַליע מאַכן דעם איינדרוק, קוקנדיק אויף דעם מאַכן מיט די הענט פון דעם קאַפּעלמייסטער אין א ווייסן שניפּס, וואָס צעשטרייט שטענדיק אַזוי די מוזיקאַלישע אויפמערקזאַמקייט, אויף די דאַמען אין די הוטן, וואָס האָבן זיך פלייסיק צוליב דעם קאָנצערט פאַר-בינדן די אויערן מיט בענדער און אויף די אַלע פּערזאָנען, וואָס זענען באַשעפטיקט געווען אָדער מיט גאָרנישט, אָדער מיט די פאַרשידנאַרטיק-סטע אינטערעסן, אַבי נישט מיט דער מוזיק. ער האָט זיך באַמיט אויס-צומיידן זיך צונויפצוטרעפן מיט די מוזיק-מבינים און מיט די, וואָס האָבן ליב א סך צו רעדן, נאָר איז געשטאַנען, קוקנדיק אַראָפּ פאַר זיך, און האָט געהערט.

אָבער וואָס מער ער האָט געהערט די פֿאַנטאַזיע פֿון קעניג ליר, אַלץ ווייטער האָט ער זיך געפֿילט פֿון דער מעגלעכקייט זיך צו שאַפֿן וועלכע־עס־איז באַשטימטע מיינונג. דאָס מוזיקאַליש אויסגעדריקטע געפֿיל האָט זיך כּסדר אָנגעהויבן, איז אַזוי ווי געוואַקסן, אָבער גלייך זיך צעפֿאַלן אויף פֿראַגמענטן פֿון נײַ אָנגעהויבענע מוזיקאַלישע פ״אַזן, און טיילמאָל אויף סתּם נישט צונויפֿגעבונדענע, נאָר בלויז, לויטן קאַפּריז פֿון קאָמפּאָזיטאָר, אומגעוויינלעך קאָמפּליצירטע קלאַנגען. אָבער די פֿראַגמענטן גופֿא און דידאָזיקע מוזיקאַלישע פֿראַזן, וואָס זענען טיילמאָל געווען שיין, זענען אויך געווען נישט אָנגענעם, ווייל זיי זענען געקומען פֿולשטענדיק אומגעריכט און דורך גאָרנישט צוגעגרייט. פֿריילעכקייט און טרויער, און פֿאַרצווייפֿלונג, און צערטלעכקייט, און טריומף זענען געקומען אָן דער מינדסטער באַרעכטיקונג אויף דעם, פּונקט ווי די געפֿילן פֿון אַ משוגענעם. און פּונקט ווי בײַ אַ משוגענעם, זענען אויך דידאָזיקע געפֿילן אומגעריכט פֿאַרבײַגעגאַנגען.

לעווין האָט די גאַנצע צייט פֿון דער אויספֿירונג איבערגעלעבט אַ געפֿיל פֿון אַ טויבן, וואָס קוקט אויף טאַנצנדיקע. ער איז געווען אינגאַנצן צעטומלט, ווען די פּיעסע האָט זיך געענדיקט, און האָט געפֿילט אַ גרויסע מידקייט פֿון דער אָנגעשטרענגטער און דורך גאָרנישט באַלוינטער אויפֿמערקזאַמקייט. פֿון אַלע זייטן האָבן זיך דערהערט הויכע אַפּלאָדיסמענטן. אַלע זענען אויפֿגעשטאַנען, האָבן אָנגעהויבן אַרומצוגיין, צו רעדן. וועלנדיק זיך אויפֿקלערן זיין צעטומלטקייט לויט דעם איינדרוק פֿון אַנדערע, האָט לעווין אויך אָנגעהויבן אַרומצוגיין, זוכנדיק די מבֿינים, און איז צופֿרידן געווען, דערזעענדיק איינעם פֿון די באַוווּסטע מבֿינים אין אַ געשפּרעך מיט דעם אים באַקאַנטן פּעסצאָוו.

— וווּנדערבאַר! — האָט געזאָגט פּעסצאָוו געדיכטער באַס. — וואָס מאַכט איר, קאָנסטאַנטין דמיטריטש. באַזונדערס בילדעריש און סקולפּטור־אַרטיק, אַזוי צו זאָגן, און רייך אין פֿאַרבן איז דאָס אָרט, ווו איר פֿילט דאָס דערנענטערן זיך פֿון קאָרדעליען, ווו די פֿרוי, das ewig Weibliche, טרעט אַריין אין קאַמף מיטן שיקזאַל. נישט אמת?

— ווי קומט דאָ קאָרדעליאַ? — האָט לעווין נישט דרייסט געפֿרעגט, גאָר פֿאַרגעסנדיק, אַז די פֿאַנטאַזיע האָט פֿאָרגעשטעלט דעם קעניג ליר אין דעם מדבר.

— עס קומט אָן קאָרדעליאַ... אָט! — האָט פּעסצאָוו געזאָגט, קלאַפּנ-

דיק מיט די פינגער איבער דעם אַפּיש, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, און איבערגעבנדיק אים לעווינען.

ערשט דאָ האָט לעווין זיך דערמאַנט דעם טיטול פון דער פאַנטאַזיע און האָט איילינק איבערגעלייענט אין דער רוסישער איבערזעצונג שעקספּירס געדיכט, וואָס איז געדרוקט געווען אויף דער צווייטער זייט פון אַפּיש.

— אָן דעם איז נישט מעגלעך נאָכצוגיין, — האָט פּעסצאָוו געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו לעווינען, ווייל זיין מיטשמועסער איז געהאַט אוועקגעגאַנגען און ער האָט שוין נישט געהאַט מיט וועמען צו רעדן.

אין אַנטראַקט האָט זיך צווישן לעווינען און פּעסצאָוון אַנטוויקלט אַ דיספּוט וועגן די מעלות און חסרונות פון וואַגנערס ריכטונג אין דער מוזיק. לעווין האָט דערוויזן, אַז דער טעות פון וואַגנערן און פון אַלע זיינע נאָכפאָלגער באַשטייט אין דעם, וואָס די מוזיק וויל איבערגיין אין אַ געביט פון אַ פרעמדער קונסט פאַר איר, אין וואָס עס גרייזט אויך די פּאָעזיע, ווען זי שילדערט די שטריכן פון אַ פּנים, וואָס עס דאַרף טון די מאָלעריי. און אַלס ביישפּיל פון אַזאַ טעות, האָט ער געברענגט אַ סקולפּטאָר, וועמען עס איז איינגעפאַלן אויסצוהאַקן פון מאַרמאָר די שאָטנס פון די פּאָעטישע געשטאַלטן, וואָס דערהייבן זיך אַרום דער פיגור פון אַ פּאָעט אויפן פּיעדעסטאַל. „דידאַזיקע שאָטנס — זענען אַזוי ווייניק שאָטנס בא דעם סקולפּטאָר, אַז זיי האַלטן זיך אָן בא אַ לייטער", האָט לעווין געזאָגט. דידאָזיקע פראַזע איז אים געפעלן, נאָר ער האָט נישט געדענקט, צי ער האָט שוין פריער נישט געזאָגט דידאָזיקע אייגענע פראַזע און טאַקע פּעסצאָוון, און, זאָגנדיק דאָס, האָט ער זיך דערפילט אין אַ פאַרלעגנהייט.

פּעסצאָוו ווידער האָט באַוויזן, אַז די קונסט איז איינע און אַז זי קאָן דערגרייכן איר העכסטן אויסדרוק בלויז אין דער פאַרייניקונג פון אַלע מינים.

דעם צווייטן נומער פון קאָנצערט האָט שוין לעווין נישט געקאָנט הערן. פּעסצאָוו, וואָס האָט זיך אָנידערגעשטעלט לעבן אים, האָט כמעט די גאַנצע צייט גערעדט מיט אים, פאַראורטיילנדיק דידאָזיקע פּיעסע פאַר איר איבערמעסיקער, געמאַכטער, אָנגעבלאָזענער איינפאַכקייט און פאַרגלייכנדיק זי מיט דער איינפאַכקייט פון די ר אַ פ אַ ע ל י ט ן אין דער מאָלעריי. באַם אַרויסגיין האָט לעווין נאָך באַגעגנט אַ סך באַקאַנטע, מיט וועלכע ער האָט געשמועסט אי וועגן פּאָליטיק, אי וועגן מוזיק, אי וועגן

בשותפותדיקע באקאנטע; דערווייל האט ער באגעגנט דעם גראף באל, וועגן וועמענס וויזיט ער האט אינגאנצן געהאט פארגעסן.

— נו, פארט-זשע גלייך, — האט אים געזאגט די לוואווא, וועלכער ער האט וועגן דעם איבערגעגעבן, — עס קאן זיין, מען וועט אייך נישט אויפנעמען. און דערנאך פארט צו נאך מיר אויף דער זיצונג. איר וועט מיך נאך טרעפן.

VI.

— אפשר נעמען זיי נישט אויף? — האט לעווין געזאגט, אריינגייענדיק אין קארידאר פון דער גרעפין באלס הויז.

— זיי נעמען אויף, ביטע, — האט דער שווייצער געזאגט, פלינק אים אויסטועענדיק דאס פוטער.

„סארא פארדראס, — האט לעווין א קלער געטון, אויסטועענדיק מיט א זיפץ איין הענטשקע און זיך גלייך מאכנדיק דעם הוט. — נו נאכוואס גיי איך? נו וואס וועל איך מיט זיי רעדן?“

דורכגייענדיק דאס ערשטע גאסטצימער, האט לעווין באגעגנט אין דער טיר די גרעפין באל, וואס האט מיט א פארזארגט און שטרענג קול עפעס באפוילן א דינער. דערזעען לעווינען, האט זי א שמייכל געטון און אים אריינגעבעטן אין דעם צווייטן קליינעם סאלאן, פון וועלכן עס האבן זיך געהערט שטימען. אין דעמדאזיקן סאלאן זענען געזעסן אויף פאטעלן דער גרעפינס ביידע טעכטער און א מאסקווער פולקאווניק, וואס איז לעווינען באקאנט געווען. לעווין איז צוגעגאנגען צו זיי, האט זיך באגריסט און זיך געזעצט לעבן דער סאפע, האלטנדיק דעם הוט אויף דער קני.

— ווי פילט זיך אייער פרוי? איר זענט געווען אויפן קאנצערט? מיר האבן נישט געקאנט זיין. די מאמא האט געדארפט זיין אויף דער פאניכידע.

— יא, איך האב געהערט... וואס פאר א שנעלער טויט, — האט לעווין געזאגט.

עס איז אריינגעקומען די גרעפין, זיך געזעצט אויף דער סאפע און אויך זיך געפרעגט אויף דער פרוי און אויפן קאנצערט.

לעווין האָט געענטפערט און איבערגעחזרט די פראַגע וועגן דעם ענגעלן טויט פון דער אַפּראַקסינאַ.

— זי איז, אגב, שטענדיק געווען אַ שוואַכע.

איר זענט געווען נעכטן אין דער אָפּערע ?

— יאָ, איך בין געווען.

— זייער פיין איז געווען די לוקקאַ.

— יאָ, זייער פיין, — דאָס ער געזאָגט, און ווייל עס איז אים געווען אינגאַנצן אַלציינס, וואָס מען וועט וועגן אים טראַכטן, האָט ער אָנגעהויבן איבערצוחזרן דאָס, וואָס מען האָט שוין טויזנט מאָל געהערט וועגן די באַזונדערקייטן פון דער זינגערינס טאַלאַנט. די גרעפין באָל האָט זיך געמאַכט, אַז זי הערט. דערנאָך, ווען ער האָט שוין געהאַט גענוג גערעדט און איז שטיל געבליבן, האָט דער פּולקאָווניק, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, אָנגעהויבן צו רעדן. דער פּולקאָווניק האָט אויך גערעדט וועגן דער אָפּערע און וועגן דער באַלייכטונג. ענדלעך, זאָגנדיק עפּעס אויך וועגן דער פאַרגעלייגטער folle journée בײַ טיורינען, האָט זיך דער פּולקאָווניק צעלאַכט, זיך אַ רודער געטון, אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען. לעווין איז אויך אויפגעשטאַנען, אָבער לויט דער גרעפינס פּנים האָט ער באַמערקט, אַז פאַר אים איז נאָך נישט צייט אַוועקצוגיין. מען מוז זיין נאָך אַ צוויי מינוט. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט.

נאָר אַזוי ווי ער האָט כסדר געטראַכט, ווי נאַריש דאָס איז, האָט ער אויך נישט געפינען וועגן וואָס צו רעדן און האָט געשוויגן.

— איר פאָרט נישט אויף דער עפנטלעכער פאַרזאַמלונג ? מען זאָגט, ס'איז זייער אינטערעסאַנט, — האָט די גרעפין אָנגעהויבן.

— ניין, איך האָב צוגעזאָגט מיין belle-soeur צוצופאָרן נאָך איר, — האָט לעווין געזאָגט.

עס האָט אַריינגעטרעטן אַ שטילשווייגן, די מוטער מיט דער טאָכטער האָבן זיך נאָכאַמאָל איבערגעקוקט.

— „נו, דאַכט זיך, אַצינד איז שוין צייט“, האָט לעווין אַ קלער געטון און איז אויפגעשטאַנען. די דאַמען האָבן אים געדריקט די האַנט און געבעטן אים איבערצוגעבן mille choses דער פרוי.

דער שווייצער האָט אים געפרעגט, דערלאַנגענדיק דאָס פוטער: — ווו באַוויליקט איר איינצושטיין ? — און האָט גלייך פאַרשריבן אין דעם גרויסן, שיין-געבונדענעם בוך.

„פאַרשטייט זיך, מיר איז אַלציינס, נאָר דאָך איבער דער טבע און

שרעקלעך נאַריש", האָט לעווין אַ קלער געטון, טרייסטנדיק זיך מיט דעם, וואָס אַלע טוען אַזוי, און איז געפאָרן אויף דער עפנטלעכער פאַרזאַמלונג פון קאָמיטעט, ווו ער האָט געדאַרפט טרעפן די שוועגערין, כדי מיט איר צוזאַמען אַהיימצופאָרן.

אויף דער עפנטלעכער זיצונג פון קאָמיטעט זענען געווען אַ סך מענטשן און כמעט די גאַנצע געזעלשאַפט. לעווין האָט נאָך געטראָפן צום איבערזיכט, וועלכער איז געווען זייער אינטערעסאַנט, ווי אַלע האָבן געזאָגט. נאָכן איבערלייענען דעם איבערזיכט, איז זיך די געזעלשאַפט צונויפגעגאַנגען, און לעווין האָט אויך געטראָפן סוויאַזשסקין, וואָס האָט אים איינגעלאַדן אומבאַדינגט צו קומען היינט אין אָוונט אין דער געזעלשאַפט פון לאַנדווירטשאַפט, ווו עס וועט געלייענט ווערן דער באַרימטער באַריכט. ער האָט אויך געטראָפן סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשן, וועלכער איז נאָר־וואָס געקומען פון די געיעגן, און נאָך אַ סך אַנדערע באַקאַנטע, און לעווין האָט נאָך גערעדט אַ ביסל און געהערט פאַרשידענע מיינונגען וועגן דער זיצונג, וועגן דער נייער פּיעסע און וועגן אַ פּראָצעס. אָבער רעדנדיק וועגן דעם פּראָצעס, האָט ער געהאַט אַ טעות, מסתּמא איבער דער מידקייט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו פילן, און דעמדאָזיקן טעות האָט ער זיך דערנאָך עטלעכע מאָל מיט פאַרדראָס דערמאָנט. רעדנדיק וועגן דער פאַרשטייענדער שטראָף פאַר דעם אויסלענדער, וואָס איז געמשפּט געוואָרן אין רוסלאַנד, און וועגן דעם, ווי אומגערעכט עס וואָלט געווען אים צו באַשטראָפן מיט אַרויסשיקן קיין אויסלאַנד, האָט לעווין איבערגעחזרט דאָס, וואָס ער האָט נעכטן געהערט אין אַ שמועס מיט אַ באַקאַנטן.

— איך מיין, אַז אַרויסשיקן אים קיין אויסלאַנד איז אַלציינס, ווי באַשטראָפן אַ העכט מיט אַריינלאָזן אין וואַסער, — האָט לעווין געזאָגט. ערשט דערנאָך האָט ער זיך דערמאַנט, אַז דערדאָזיקער געדאַנק, וועלכן ער האָט געהערט פון דעם באַקאַנטן און אים אַזוי ווי אָנגעגעבן פאַר זיינס אַן אייגענעם, האָט געשטאַמט פון קרילאָווס משל און אַז דער באַקאַנטער האָט איבערגעחזרט דעמדאָזיקן געדאַנק פון אַ ציימונגס־פעליעטאָן.

צוגעפאָרן מיט דער שוועגערין אַהיים און געטראָפן קיטין פריילעך און אין בעסטן אָרדנונג, איז לעווין אַוועקגעפאָרן אין קלוב אַריין.

VII.

לעווין איז געקומען אין קלוב אַריין אין דער געהעריקער צייט. צוזאַמען מיט אים זענען צוגעפאָרן געסט און מיטגלידער. לעווין איז שוין נישט געהאַט געווען אין קלוב זייער לאַנג, זינט ער האָט, נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערזיטעט, געוווינט אין מאָסקווע און פלעגט פאָרן אין דער היכער געזעלשאַפט. ער האָט געדענקט דעם קלוב, די אויסערלעכע פּרטים פון זיין איינריכטונג, אָבער ער האָט אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן, ווי אַזוי ער פלעגט די ערשטע צייט זיך פילן אין קלוב. ווי נאָר אָבער ער איז אַריינגעפאָרן אין ברייטן, האַלב-קיילעכיקן הויף, איז אַראָפּגעגאַנגען פון דער דראָזשקע און אַרויפגעגאַנגען אויפן גאַנעק, ווו ס'איז אים אַקעגנגעקומען אַ שווייצער אין אַ באַנד, שטיל געעפנט די טיר און זיך פאַרנייגט; ווי נאָר ער האָט דערזעען אין שווייצער-צימער די קאַלאָשן און פוטערס פון די מיטגלידער, זיך משער זייענדיק, אַז עס איז לייכטער אויסצוטון די קאַלאָשן אונטן, ווי אַרויפצוטראָגן זיי אינדערהייך; ווי נאָר ער האָט דערהערט דאָס געהיימנישפולע קלינגען פון גלעקל, וואָס האָט אָנגעזאָגט וועגן אים און האָט דערזעען, אַרויפגייענדיק איבער די משופּעדיקע מיט טעפּיך באַדעקטע טרעפּ, די סטאַטוע אויף דער פּלאַטפאָרמע און אין דער אייבערשטער טיר דעם דריטן שוין געעלטערטן באַקאַנטן שווייצער אין דער ליווריע פון קלוב, וואָס האָט נישט איילנדיק און נישט פאַרזוימענדיק געעפנט די טיר און באַטראַכט דעם גאַסט, — האָט לעווינען באַהערשט דער לאַנגסטיקער איינדרוק פון קלוב, — דער איינדרוק פון אָפּרו, פאַרגעניגן און אָנשטענדיקייט.

— ביטע דעם הוט, — האָט דער שווייצער געזאָגט לעווינען, וואָס האָט פאַרגעסן, לויט די פאָרשריפטן פון קלוב, איבערצולאָזן דעם הוט אין שווייצער-צימער. — איר זענט שוין לאַנג נישט געווען. דער פירשט האָט אייך ערשט נעכטן איינגעשריבן. דער פירשט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז נאָך נישטאָ.

דער שווייצער האָט געקענט נישט בלויז לעווינען, נאָר אויך אַלע זיינע פאַרבינדונגען און קרובים, און האָט באַלד דערמאָנט וועגן זיינע נאָענטע מענטשן.

דורכגייענדיק דעם ערשטן זאַל מיט די שירעמס און רעכטס דאָס אָפּגעצוימטע צימער, ווו עס זיצט דער פּרוכטן־פּאַרקויפער, האָט לעווין איבערגעיאָגט אַן אַלטן, וואָס איז געגאַנגען פּאַמעלעך, און איז אַריינגע־גאַנגען אין עסצימער, וואָס איז פול געווען מיט מענטשן.

ער איז דורכגעגאַנגען לענגאויס כמעט די שוין פּאַרנומענע טישן, באַטראַכטנדיק די געסט. דאָ און דאָרט האָט ער באַמערקט די פאַרשידנ־אַרטיקסטע — אי אַלטע אי יונגע, אי קוים באַקאַנטע אי נאָענטע — מענטשן. קיין איין בייז און פאַרזאָרגט פּנים איז נישט געווען. אַלע האָבן, דאַכט זיך, איבערגעלאָזט אין שווייצער־צימער צוזאַמען מיט זייערע היטלען זייערע דאגות און זאָרגן און זיך פאַרנומען נישט געאיילט צו געניסן פון די מאַטעריעלע חסדים פון לעבן. דאָ איז געווען אי סוויאַזש־סקי, אי שטשערבאַצקי, אי ניעוויעדאָווסקי, און דער אַלטער פירשט, און וראָנסקי, און סערגיי איוואַנאָוויטש.

— אַ! וואָס־זשע האָסטו פאַרשפּעטיקט? — האָט דער פירשט שמייכלענדיק געזאָגט, דערלאַנגענדיק אים די האַנט איבער אַן אַקסל אַריבער. — ווי פילט זיך קיטי? — האָט ער צוגעגעבן, זיך גלייך מאַכנדיק די סערוועטקע, וואָס ער האָט זיך פאַרשטעקט הינטער אַ קנעפּל פון וועסט.

— נישקשה, געזונט; זיי עסן זאַלבעדריט מיטאָג אינדערהיים.

— אַ, „די אַלינקעס און נאַדינקעס". נו, בא אונז איז נישטאָ קיין אָרט. אָבער גיי צו צו יענעם טיש און פאַרנעם שנעל אַן אָרט, — האָט דער פירשט געזאָגט, זיך אָוועקגעדרייט און פאָרזיכטיק גענומען דעם טעלער פיש־זופּ, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט.

— לעווין, אַהער! — האָט אַ געשריי געטון עטוואָס ווייטער אַ גוטמוטיקע שטימע. דאָס איז געווען טוראָווצין. ער איז געזעסן מיט אַ יונגן מיליטער־מאַן, און לעבן זיי זענען געווען צוויי איבערגעקערטע שטולן. לעווין איז מיט פרייד צוגעגאַנגען צו זיי. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט דעם גוטמוטיקן לעב־יונג טוראָווצינען, — מיט אים איז פאַרייניקט געווען די דערינערונג וועגן דעם דערקלערן זיך מיט קיטין, — אָבער היינט, נאָך די אַלע אָנגעשטרענגט־קלוגע געשפּרעכן, איז טוראָווצינס גוטמוטיקע פּנים אים געווען באַזונדערס אָנגענעם.

— דאָס איז פאַר אייך און אָבלאָנסקין. ער וועט באַלד זיין.

דער מיליטערמאַן מיט די פריילעכע, כסדר לאַכנדיקע אויגן, וואָס

האָט זיך זייער פּשוט געהאַלטן, איז געווען גאַגין, אַ פּעטערבורגער. טו־ראַווצין האָט זיי באַקענט.

— אָבלאָנסקי פּאַרשפּעטיקט שטענדיק.

— אַ, אָט איז ער.

— דו ביסט נאַר־וואָס געקומען? — האָט אָבלאָנסקי געזאָגט, שנעל צוגייענדיק צו זיי. — וואָס מאַכסטו. האָסט שוין געטרונקען בראָנפן? נו, קום־זשע.

לעווין איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען מיט אים צום גרויסן טיש, וואָס איז באַשטעלט געווען מיט בראָנפנס און די פאַרשידנאַרטיק־סטע פאַרבייסעכצן. פון צוויי צענדליק פאַרבייסעכצן האָט מען, דאַכט זיך, געקאָנט אויסקלויבן עפּעס באַטעמטס, אָבער סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געפאָדערט עפּעס אַ באַזונדער פאַרבייסעכץ, און איינער פון די ליווריע־לאַקייען, וואָס איז געשטאַנען דערלעבן, האָט גלייך געבראַנגט דאָס געפאָדערטע. זיי האָבן אויסגעטרונקען צו גלעזלעך און האָבן זיך אומגעקערט צום טיש.

באַלד, נאָך באַ דער פיש־זופּ, האָט מען גאַגינען דערלאַנגט שאַמ־פּאַנער, און ער האָט געהייסן אָנגיסן פיר גלעזער. לעווין האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון דעם פאַרגעלייגטן ווייַן און האָט געהייסן דערלאַנגען נאָך אַ פלעשל. ער איז געווען אויסגעהונגערט און האָט געגעסן און געטרונקען מיט גרויס פאַרגעניגן און מיט נאָך אַ גרעסערן פאַרגעניגן זיך באַטיי־ליקט אין די פריילעכע און פּשוטע געשפּרעכן פון די מיטשמועסערס. גאַגין, רעדנדיק אַ ביסל שטילער, האָט דערציילט אַ נייעם פּעטערבור־גער אַנעקדאָט, און הגם דער אַנעקדאָט איז געווען נישט קיין אָנשטענ־דיקער און נאַרישער, איז ער דאָך געווען אַזוי קאָמיש, אַז לעווין האָט זיך צעלאַכט אַזוי הויך, אַז די, וואָס זענען געזעסן בשכנות האָבן זיך אומגעקוקט.

— דאָס איז אַ שטייגער אַזוי, ווי: „אָט דאָס מאַקע קאָן איך דאָך נישט פאַרטראָגן!“ דו ווייסט דאָס? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געפרעגט. — אַך, דאָס איז אויסגעצייכנט! דערלאַנג נאָך אַ פלאַש, — האָט ער געזאָגט דעם לאַקיי און אָנגעהויבן דערציילן.

— פּיאָטר איליטש ווינאָווסקי האָט געלאָזט בעטן, — האָט אַן אַלטיטשקער לאַקיי איבערגעשלאָגן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, צוברענגענ־דיק צוויי דינינקע גלעזער מיט שוימענדיקן שאַמפּאַניער און ווענדנדיק זיך צו סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן און צו לעווינען. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט גענומען דאָס גלאָז, און, איבערקוקנדיק זיך מיט אַ פּליכיקן, געל־

וואָנסיקן מאַן אין צווייטן עק טיש, האָט ער שמייכלענדיק אַ שאָקל געטון צו אים מיטן קאָפּ.

— ווער איז דאָס? — האָט לעווין געפרעגט.

— דו האָסט אים אַמאָל געטראָפן בײַ מיר, געדענקסט? אַ ווילער חברה־מאַן.

לעווין האָט געטון דאָס אייגענע, וואָס סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, און האָט גענומען דאָס גלאָז.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס אַנעקדאָט איז אויך געווען זייער וויציק. לעווין האָט דערציילט זײַנס אַן אַנעקדאָט, וועלכער איז אויך זייער געפעלן געוואָרן. דערנאָך האָט זיך פאַרבונדן אַ געשפּרעך וועגן די פערד, וועגן די געיעגן פון קעגנוואַרטיקן טאָג און וועגן דעם, ווי געשיקט ווראָנסקיס פערד האָט געוווּנען דעם ערשטן פּריז. לעווין האָט נישט באַמערקט, ווי דאָס מיטאָג איז אַריבער.

— אַ! זיי זענען אויך דאָ! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט שוין אין סוף פון מיטאָג, זיך אַריבערבייגנדיק איבערן אָנלען פון דער שטול און אויסשטרעקנדיק די האַנט ווראָנסקין, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו אים מיט אַ הויכן גוואַרדיע־פּאָלקאָווניק. ווראָנסקיס פּנים האָט אויך געשיינט מיט דער אַלגעמיינער קלובאַרטיקער פרייִלעכער גוטמוטיקייט. ער האָט זיך פרייִלעך אָנגעשפּאַרט אָן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס אַקסל, אים עפּעס אײַנגערוימט, און מיטן זעלבן פרייִלעכן שמייכל דערלאַנגט די האַנט לעווינען.

— עס פרייט מיך זייער אײַך צו זען, — האָט ער געזאָגט. איך האָב אײַך דעמאָלט געזוכט אויף די וואַלן, נאָר מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט שוין אָוועקגעפאָרן, — האָט ער אים געזאָגט.

— יאָ, איך בין דעם זעלבן טאָג אָוועקגעפאָרן. מיר האָבן נאָרוואָס גערעדט וועגן אײַער פערד. איך גראַטולירט אײַך, — האָט לעווין געזאָגט. — דאָס איז זייער אַ געשיקט רייטן.

— איר האָט דאָך אויך פערד.

— ניין, מײַן פאָטער האָט געהאַט; אָבער איך געדענק און ווייס.

— ווו האָסטו געגעסן מיטאָג? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געפרעגט.

— מיר האָבן געגעסן באַם צווייטן טיש, הינטער די זאַלן.

— אים האָט מען גראַטולירט, — האָט דער הויכער פּולקאָווניק געזאָגט.

— דער צווייטער קייזערלעכער פּריז; ווען מיר זאָל אַזוי גליקן אין קאָרטן, ווי אים אין פערד.

— נו, צו וואָס־זשע די גאָלדענע צייט פאַרלירן. איך גיי אַראָפּ אין דער אינפערנאַל־אָפּטיילונג, — האָט דער פּולקאָווניק געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען פון טיש.

— דאָס איז יאַשווין, — האָט וורואָנסקי געענטפערט טוראָווצינען און זיך אַנידערגעזעצט אויף דעם פריי געוואָרענעם אָרט לעבן זיי. אויס־געטרונקען דעם פאָרגעלייגטן באָקאַל, האָט ער געהייסן דערלאַנגען אַ פלאַש. צי אונטער דער ווירקונג פון דעם איינדרוק אין קלוב אָדער פון דעם אויסגעטרונקענעם וויין, האָט לעווין זיך צערעדט מיט וורואָנסקין וועגן אַ בעסערן מין בהמות און איז געווען זייער צופרידן, וואָס ער פילט נישט קיין שום פיינטלעכקייט צו דעמדאָזיקן מענטש. ער האָט אים אפילו דרך אגב געזאָגט, אַז ער האָט געהערט פון ווייב, אַז זי האָט אים באַגעגנט באַ דער פירשטין מאַריאַ באָריסאָוונאַ.

— אַ, די פירשטין מאַריאַ באָריסאָוונאַ, זי איז וווּנדערבאַר! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט און דערציילט וועגן איר אַן אַנעקדאָט, וועלכער האָט אַלע לאַכעדיק געמאַכט, באַזונדערס האָט זיך וורואָנסקי אַזוי גוטמוטיק צעלאַכט, אַז לעווין האָט זיך דערפילט אינגאַנצן איבערגעבעטן מיט אים.

— וואָס־זשע, פאַרענדיקט? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש גע־זאָגט, אויפשטייענדיק און שמייכלענדיק. — קומט!

VIII.

אפערגייענדיק פון טיש, האט לעווין דערפילט, אז באזונדער ,רעגלמעסיק און לייכט באוועגן זיך בא אים די הענט אין גאנג, און האט צוזאמען מיט גאגינען דורך די הויכע צימערן זיך געלאזט גיין אין ביליארדצימער אריין. דורכגייענדיק דעם גרויסן זאל, האט ער זיך געטראפן מיטן שווער.

— נו וואס ? ווי געפעלט דיר אונזער טעמפל פון פוסט און פאסקייט. — האט דער פירשט געזאגט, נעמענדיק אים אונטער דער האנט. — קום א ביסל.

— איך האב טאקע געוואלט גיין א ביסל, זען. דאס איז אינטערעסאנט.

— יא, דיר איז אינטערעסאנט. אבער בא מיר איז דער אינטערעס שוין אן אנדערער, ווי בא דיר. אט, דו קוקסט אויף דידאזיקע זקנים, — האט ער געזאגט, אנווייזנדיק אויף אן איינגעהויקערטן מיטגליד מיט א נאכהענגענדיקער ליפ, וועלכער איז, קוים שלעפנדיק די פיס אין די ווייכע שטיוול, זיי אקעגנגעגאנגען, — און מיינסט, אז זיי זענען געבוירן געווארן באלד אזעלכע שליופיקעס.

וואס הייסט שליופיקעס ?

— דיר איז אפילו נישט באקאנט דערדאזיקער נאמען. דאס איז אונזערס א טערמין אין קלוב. פארשטייסט, אז מען קאלערט אייער, איז ווען מען קאלערט זיי לאנג, מאכט זיך א שליופיק. אזוי איז אויך מיט אונז : מען פארט אזוי לאנג אין קלוב אריין, ביז מען ווערט א שליופיק. יא, אט דו לאכסט, און אזעלכער ווי איך טראכט שוין, ווען ער וועט אליין ווערן א שליופיק. דו קענסט דעם פירשט טשעטשענסקי ? — האט דער פירשט געפרעגט, און לעווין האט געזען לויטן פנים, אז ער קלויבט זיך צו דערציילן עפעס קאמישס.

— ניין, איך קען אים נישט.

— נו, ווי הייסט ! נו, דער פירשט טשעטשענסקי, דער באוווסטער. נאר אלציינס. אט ער שפילט שטענדיק אין ביליארד. ער האט מיט א

דריי יאָר צוריק נאָך נישט געהערט צו די *שליופּיקעס* און האָט זיך געבריהט. און אַליין אַנדערע גערופן *שליופּיקעס*. קומט ער איין מאָל צו פאָרן, און דער שווייצער אונזערער... דו ווייסט דאָך, וואַסילי; נו, דערדאָזיקער דיקער. ער איז אַ גרויסער באַנמאַטיסט. פרעגט אים דער פירשט טשעטשענסקי: „נו וואָס, וואַסילי, ווער איז שוין אַלץ געקומען? פון די *שליופּיקעס* איז שוין ווער דאָ?“ און ער ענטפערט אים: „איר זענט דער דריטער“. יאָ, ברודער, אַזוי, אַזוי!

שמועסנדיק און באַגריסנדיק זיך מיט באַקאַנטע, איז לעווין מיטן פירשט דורכגעגאַנגען אַלע צימערן: דאָס גרויסע, וווּ עס זענען שוין געשטאַנען די טישן און עס האָבן געשפּילט אין נישט קיין גרויסע געלטער די געוויינלעכע פּאַרטנערן; דאָס קלענערע צימער, וווּ מען האָט געשפּילט אין שאָך און עס איז געזעסן סערגיי איוואַנאָוויטש, שמועסנדיק מיט עמעצן; דאָס ביליאַרד-צימער, וווּ עס איז אין ווינקל בײַ דער סאָפע צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ פריילעכע פּאַרטיע מיט שאַמפּאַנער, אין וועלכער גאַגין האָט זיך באַטייליקט; זיי האָבן געכאַפּט אַ בליק אין דער אינפערנאַל-אָפּטיילונג, וווּ עס האָבן בײַ איין טיש, בײַ וועלכן יאַשווין איז שוין געזעסן, זיך פאַרזאַמלט אַ סך אונטערהאַלטערס. באַמיענדיק זיך נישט צו רוישן, זענען זיי אַרײַנגעגאַנגען אין טונקעלן לעזע-זאַל, וווּ עס זענען געזעסן אונטער לאָמפּן מיט אַבאַזשורן איין יונגערמאַן מיט אַ בייז פּנים, וואָס האָט געבלעטערט איין זשורנאַל נאָכן צווייטן, און אַ פּליכיקער גענעראַל, פאַרטיפט אין לייענען. זיי זענען אויך אַרײַנגעגאַנגען אין דעם צימער, וועלכעס דער אַלטער האָט אָנגערופן דאָס *קלוגע צימער*. אין דעם צימער האָבן דריי הערן הייס גערעדט וועגן דער לעצטער פּאָליטישער נײַעס.

— ביטע, פירשט, עס איז גרייט, — האָט געזאָגט איינער פון זײַנע פּאַרטנערן, וואָס האָט אים דאָ געפונען, און דער פירשט איז אַוועקגעגאַנגען. לעווין איז געזעסן אַ ביסל, האָט געהערט אַ ביסל, אָבער, דערמאָנט זיך אין אַלע געשפּרעכן פון הײַנטיקן פרימאָרגן, איז אים פּלוצלינג געוואָרן שרעקלעך לאַנגווײַליק. ער איז אײַליק אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען זוכן אָבלאָנסקין און טוראָווצינען, מיט וועלכע עס איז אים געווען פריילעך.

טוראָווצין איז געזעסן מיט אַ קריגל משקה אויף דער הויכער סאָפע אין ביליאַרד-צימער, און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש מיט ווראָנסקין האָבן וועגן עפּעס געשמועסט בײַ דער טיר אין ווײַטן ווינקל פון צימער.

— נישט איר איז לאנגווייליק, נאר דידאזיקע אומבאשטימטקייט, אומבאשלאסנקייט פון דער לאגע, — האט לעווין געהערט און געוואלט אייליק אוועקגיין; נאר סטעפאן ארקאדיעוויטש האט אים צוגערופן.

— לעווין, — האט סטעפאן ארקאדיעוויטש געזאגט, און לעווין האט באמערקט, אז בא אים אין די אויגן זענען געווען נישט קיין טרערן, נאר א פייכטקייט, ווי דאס פלעגט תמיד זיין בא אים, ווען ער פלעגט האבן געטרונקען, אדער ווען ער איז געווען גערירט. היינט זענען געווען ביידע זאכן צוזאמען. — לעווין, גיי נישט אוועק, — האט ער געזאגט און פעסט א דריק געטון זיין האנט באם עלנבויגן, משמעות בשום אופן נישט יעלו־דיק אים אוועקלאזן.

— דאס איז מיין אמתער, אפשר בעסטער פריינט, — האט ער געזאגט ווראנסקין. — דו ביסט מיר אויך נאך מער נאענט און טייער. און איך וויל און ווייס, אז איר דארפט זיין באפריינדעט און נאענט, ווייל איר זענט ביידע גוטע מענטשן.

— מילא, אונז בלייבט נישט מער, ווי צו צעקושן זיך, — האט ווראנסקי אין גוטמוטיקן שפאס געזאגט, דערלאנגענדיק די האנט.

ער האט שנעל אנגענומען די דערלאנגטע האנט און פעסט זי א דריק געטון.

— עס פרייט מיך זייער, זייער, — האט לעווין געזאגט, דריקנדיק זיין האנט.

— דינער, דערלאנג א פלאש, — האט סטעפאן ארקאדיעוויטש געזאגט.

— מיך פרייט אויך זייער, — האט ווראנסקי געזאגט.

אבער, נישט געקוקט אויף סטעפאן ארקאדיעוויטשס פארלאנג און אויף זייער קעגנזייטיקן פארלאנג, האבן זיי נישט געהאט פון וואס צו רעדן, און ביידע האבן דאס געפילט.

— דו ווייסט, אז ער איז נישט באקאנט מיט אנגען? — האט סטעפאן ארקאדיעוויטש געזאגט צו ווראנסקין. — און איך וויל אומבא־דינגט אהינפירן אים צו איר. לאמיר פארן, לעווין!

— טאקע! — האט ווראנסקי געזאגט. — זי וועט זיין זייער צו־פרידן. איך וואלט שוין אהיימגעפארן, — האט ער צוגעגעבן, — נאר יאשווין באאומרויקט מיך, און איך וויל דא צוזיין, ביז ער וועט פאר־ענדיקן.

— און ווי גייט עס אים, שלעכט?

— ער פאַרשפּילט אַלץ כסדר, און בלויז איך אַליין קאָן אים אָפּהאַלטן.

— איז וואָס-זשע, אַ פּיראַמידעלע? לעווין, וועסט שפּילן? נו, איז אויסגעצייכנט, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט. — שטעל אַ פּי־ראַמידעלע, — האָט ער זיך געווענדט צום מאַרקער.

— עס איז שוין לאַנג גרייט, — האָט געענטפערט דער מאַרקער, וואָס האָט שוין געהאַט צונויפגעשטעלט אין אַ דרייעק די באַלעמס און צוליב צעשטרייונג געקאָלערט דעם רויטן.

— נו, שפּילן מיר.

נאָך דער פּאַרטיע האָבן ווראָנסקי און לעווין זיך אַנידערגעזעצט בײַ גאַגינס טיש, און לעווין האָט, אויף סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס פאָר־שלאַג, אָנגעהויבן צו שטעלן אויף די טײַז. ווראָנסקי איז אַ ביסל געזעסן בײַם טיש, אַרומגערינגלט פון באַקאַנטע, וואָס זענען כסדר צוגעקומען צו אים, איז אַ ביסל אַראָפּגעגאַנגען אין דער אינפערנאַל-אָפּטיילונג זען ווי יאַשווין האַלט. לעווין האָט געפילט, אַז ער רוט זיך אָנגענעם אָפּ פון דער פרימאָרגנדיקער גײַסטיקער מידעקייט. אים האָט געפרייט, וואָס עס האָט אויפגעהערט די פײַנטלעכקייט צווישן אים און ווראָנסקין, און דאָס געפיל פון רויקייט, אָנשטענדיקייט און פאַרגעניגן האָט אים כסדר נישט פאַרלאָזט.

ווען די פּאַרטיע האָט זיך געענדיקט, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אָנגענומען לעווינען אונטער דער האַנט.

— נו, איז פאָרן מיר צו אַננען. שוין. האַ? זי איז אינדערהיים. איך האָב איר שיין לאַנג צוגעזאָגט דיך צו ברענגען. ווי האָסטו בדעה געהאַט צו פאָרן אינאָווענט?

— כמעט אין ערגעץ נישט. איך האָב צוגעזאָגט סוויאַזשסקין צו פאָרן אין דער געזעלשאַפט פון לאַנדווירטשאַפט. מיר קאָנען פאָרן, — האָט לעווין געזאָגט.

— אויסגעצייכנט, פאָרן מיר! ווער געוווּר, צי מײַן קאַטש איז געקומען, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש זיך געווענדט צום לאַקיי.

לעווין איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט באַצאָלט די פערציק רובל, וואָס ער האָט פאַרשפּילט אויף די טײַז, האָט באַצאָלט אויף עפּעס אַ גע־היימען אופן די אויסגאַבן אין קלוב, וואָס זענען באַקאַנט געווען דעם אַלטן לאַקיי, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער טיר און, פאַכענדיק עפּעס באַזונ־

דער מיט די הענט, האָט ער זיך געלאָזט גיין דורך אַלע זאַלן צום אַרויס-גאַנג.

IX.

— אַבלאָנסקיס קאָטש! — האָט מיט אַ ברוגזן באַס אַ געשריי געטון דער שווייצער. די קאָטש איז צוגעפאָרן, און ביידע זענען אויפ-געזעסן. בלויז די ערשטע צייט, ביז די קאָטש איז אַרויסגעפאָרן פון דעם טויער פון קלוב, האָט לעווין ווייטער געפילט דעם איינדרוק פון קלוב, פון דער רויקייט, פאַרגעניגן און אומצווייפלהאַפטער אָנשטענדיקייט, וואָס האָט אים דאָרט אַרומגערינגלט; אָבער ווי נאָר די קאָטש איז אַרויסגעפאָרן אויף דער גאַס און ער האָט דערפילט דאָס וויגן זיך פון דער קאָטש איבער דעם נישט גלייכן וועג, האָט דערהערט דאָס בייזע שרייען פון אַ באַגעגנטן פורמאַן, האָט דערזעען די שוואַך באַלויכטענע רויטע שילד פון אַ שענק און אַ קרעמל, איז דערדאָזיקער איינדרוק צעשטערט געוואָרן, און ער האָט אָנגעהויבן דורכצוטראַכטן זיינע האַנד-לונגען און זיך געפרעגט, צי ער טוט גוט, וואָס ער פאָרט צו אַננען. וואָס וועט זאָגן קיטי? אָבער סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אים נישט געלאָזט זיך פאַרטראַכטן און, ווי ער וואָלט זיך משער געווען וועגן זיינע ספקות, האָט ער זיי צעשטרייט.

— ווי עס פרייט מיך, — האָט ער געזאָגט, — וואָס דו וועסט דיך באַקענען מיט איר, דו ווייסט דאָך, דאָללי האָט דאָס שוין לאַנג געוואָלט. אויך לוואָוו איז דאָך געווען און קומט צו איר. כאָטש זי איז מיין שוועסטער, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש ווייטער גערעדט, — דאָך קאָן איך דרייסט זאָגן, אַז דאָס איז אַ מערקווירדיקע פרוי. אָט וועסטו זען. איר לאַגע איז זייער אַ שווערע, באַזונדערס אַצינד.

— פאַרוואָס-זשע באַזונדערס אַצינד?

— מיר פירן אונטערהאַנדלונגען מיט איר מאַן וועגן גט. און ער איז איינשטימיק; אָבער דאָ זענען פאַראַן שוועריקייטן בנוגע דעם זון, און דערדאָזיקער ענין, וואָס האָט שוין געדאַרפט זיין לאַנג פאַרענדיקט, ציט זיך שוין אַזוי דריי חדשים ווי נאָר דער גט וועט זיין דורכגעפירט, וועט זי חתונה האָבן מיט וראָנסקין. ווי נאַריש דאָס איז, דערדאָזיקער

אַלטער מנהג, אין וועלכן קיינער גלייבט שוין נישט און וועלכער שטערט בלויז מענטשן צו זיין גליקלעך! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש צוגעגעבן. — נו, און דעמאָלט וועט זייער לאַגע זיין באַשטימט, ווי מיינע, ווי דיינע.

— אין וואָס־זשע באַשטייט די שווערקייט? — האָט לעווין געזאָגט.

— אַך, דאָס איז אַ לאַנגע און טרויעריקע געשיכטע! דאָס אַלץ איז אַזוי נישט באַשטימט באַ אונז. אָבער עס האַנדלט זיך אין דעם, וואָס זי, וואַרטנדיק אויף דעמדאָזיקן גט אין מאָסקווע, ווו אַלע קענען זיי ביידע, לעבט שוין אַזוי דריי חדשים; פּאָרט אין ערגעץ נישט אַרויס, זעט פון די פרויען קיינעם נישט, חוץ דאָללין, וואָרים, פאַרשטייסטו, זי וויל נישט, מען זאָל צו איר פאָרן אויס גענאָד: דידאָזיקע נאַרישע פירשטין וואַרוואַראַ — אויך זי איז אַוועקגעפאָרן, האַלטנדיק דאָס פאַר נישט אָנשטענדיק. אַ צווייטע פרוי וואָלט אין דער לאַגע נישט געפינען אין זיך קיין כוח זיך אויפצוהאַלטן. דו וועסט אָבער זען, ווי זי האָט איינגעאָרדנט איר לעבן, ווי רויק זי איז, ווי ווירדיק. לינקס, אין געסל קעגנאיבער דער קירכע! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַ געשריי געטון, זיך אַרויסבייגנדיק דורכן פענצטער פון דער קאָטש. פו, אַ היץ! — האָט ער געזאָגט, נישט געקוקט אויף דער צוועלף־גראַדיקער פראָסט נאָך מער צעעפענענדיק זיין שוין אַזוי אויך צעקנעפּלט פוטער.

— זי האָט דאָך אַ טאָכטער, זי איז אוודאי פאַרנומען מיט איר? — האָט לעווין געזאָגט.

— דו שטעלסט דיר, דאַכט זיך, פאָר איטלעכע פרוי בלויז ווי אַ זי, une coureuse, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט. — אויב זי איז פאַרנומען, איז אומבאַדינגט מיט די קינדער. ניין, זי גיט איר, דאַכט זיך, אַן אויסגעצייכנטע דערציונג, אָבער מען הערט נישט וועגן איר. זי איז פאַרנומען, ערשטנס, מיט דעם, וואָס זי שרייבט. איך זע שוין, אַז דו שמייכלסט איראָניש, אָבער אומזיסט. זי שרייבט אַ קינדערבוך און זאָגט קיינעם נישט וועגן דעם, נאָר מיר האָט זי עס געלייענט, און איך האָב געגעבן דעם מאַנוסקריפּט וואָרקויעוון... דו ווייסט דאָך, דערדאָזיקער פאַרלעגער... ער איז, דאַכט זיך, אַליין אויך אַ שרייבער. ער קען זיך אויף די זאַכן, און ער זאָגט, אַז דאָס איז אַ מערקווירדיקע זאַך. נאָר דו מיינסט, אַז דאָס איז — אַ פרוי אַן אויטאָרין? לגמרי נישט. זי איז פריער פון אַלץ אַ פרוי מיט האַרץ, דו וועסט זען. אַצינד האַלט

זיך באַ איר אויף אַן ענגליש מיידעלע און אַ גאַנצע פאַמיליע, מיט וועלכער זי פאַרנעמט זיך.

— וואָס־זשע, דאָס איז עפּעס פילאַנטראָפּיש?

— דו ווילסט באַלד זען בלויז שלעכטס. נישט פילאַנטראָפּיש, נאָר האַרציקס. באַ זיי, דאָס הייסט באַ ווראָנסקין, איז געווען אַ טרענירער, אַן ענגלענדער, אַ מייסטער אין זיין פאַך, אָבער אַ שיכור. ער האָט אָנגעהויבן כסדר צו שיכּורן, delirum tremens, און די פאַמיליע אַוועקגעוואָרפן. זי האָט זיי דערזעען, האָט זיי געהאָלפן, איז אַריינגעצויגן געוואָרן, און אַצינד איז די גאַנצע פאַמיליע אויף אירע הענט. אָבער נישט אַזוי פונדערהייך אַראָפּ, מיט געלט, נאָר זי גרייט אַליין צו אויף רוסיש די יינגלעך אין גימנאַזיע אַריין, און דאָס מיידעלע האָט זי גענומען צו זיך. אָט וועסטו זי זען.

די קאָטש איז אַריינגעפאָרן אין הויף. און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט הויך אָנגעקלונגען אין פראָנט. פאַר וועלכן ס'איז געשטאַנען אַ שליטן.

און זיך נישט געפרעגט באַם שווייצער. וואָס האָט געעפנט די טיר, צי מען איז אינדערהיים, איז סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַריינגעגאַנגען אין קאָרידאָר. לעווין איז אים נאָכגעגאַנגען. אַלץ מער און מער צווייפלענדיק, צי ער טוט גוט אָדער שלעכט.

כאַפּנדיק אַ בליק אין שפּיגל, האָט לעווין באַמערקט, אַז ער איז רויט; אָבער ער איז געווען זיכער, אַז ער איז נישט שיכור, און איז איבער די מיט טעפּיך באַדעקטע טרעפּ נאָכגעגאַנגען סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן אינדערהייך אַרויף. אינדערהייך האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געפרעגט דעם לאָקיי, וואָס האָט זיך פאַרנייגט, ווי פאַר אַ נאָענטן מענטש. ווער עס איז דאָ באַ אננאַ אַרקאַדיעוונען. און באַקומען אַן ענטפער, אַז דער הער וואָרקויעוו.

— ווו זענען זיי?

— אין קאַבינעט.

דורכגייענדיק דאָס נישט גרויסע עסצימער מיט די טונקל געמאָלטע ווענט, איז סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש מיט לעווינען איבער אַ ווייכן טעפּיך אַריינגעגאַנגען אין דעם האַלב־טונקעלן קאַבינעט. וואָס איז באַלויכטן געווען פון איין לאָמפּ מיט אַ טונקעלן אַבאַזשור. אַ צווייטער לאָמפּ אַ רעפלעקטאָר האָט געברענט אויף דער וואַנט און באַלויכטן אין פולן וווּקס אַ גרויסן פּאָרטרעט פון אַ פרוי, אויף וועלכן לעווין האָט נישט ווילנדיק

געוועגדט זיין אויפמערקזאַמקייט. דאָס איז געווען אַננעס פּאָרטרעט. וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין איטאַליע דורך מיכאַילאָוון. בעת סטעפּאַן אַרקאַדיע־וויטש איז אַרונטערגעגאַנגען הינטערן טרעליאַזש, און די מענער־שטימע, וואָס האָט גערעדט, איז שטיל געוואָרן, האָט לעווין געקוקט אויפן פּאָר־טרעט, וואָס איז אין דער גלענצנדער באַלויכטונג אַרויסגעטרעטן פון דער רעם, און האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון אים. ער האָט אפילו פאַר־געסן, ווו ער געפינט זיך, האָט נישט געהערט, וואָס מען רעדט, און נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון דעם ווונדערלעכן פּאָרטרעט. דאָס איז געווען נישט קיין בילד, נאָר אַ לעבעדיקע הערלעכע פרוי, מיט שוואַרצע גע־לאָקטע האָר, אַנטבלויזטע אַקסלען און הענט און אַ פאַרטראַכטן קוים באַ־מערקבאַרן שמייכל אויף די ליפּן, באַדעקטע מיט אַ צאַרטן פוך, וואָס האָבן זיגעריש און צאַרט געקוקט אויף אים מיט אויגן, וואָס האָבן אים צעטומלט. בלויז דערפאַר איז זי געווען נישט לעבעדיק, וואָס זי איז געווען שענער ווי עס קאָן זיין אַ לעבעדיקע.

— עס פרייט מיך זייער, — האָט ער פּלוצלינג דערהערט לעבן זיך אַ קול, וואָס איז משמעות געווענדט געווען צו אים, — דאָס קול פון דער זעלבער פרוי, וועלכע ער האָט באַוווּנדערט אויפן פּאָרטרעט. אַננאַ איז אַרויסגעגאַנגען אַקעגן אים פון הינטערן טרעליאַזש, און לעווין האָט דערזעען אין דער האַלב־ליכטיקייט פון קאַבינעט די זעלבע פרוי פון פּאָרטרעט אין טונקעלן פאַרשידנפאַרביק בלויען קלייד, נישט אין דער זעלבער פּאָזע, נישט מיטן זעלבן אויסדרוק, אָבער אויף דער זעלבער הייך פון שיינקייט, אויף וועלכער זי איז פאַראייביקט געוואָרן דורכן קינסטלער אויפן פּאָרטרעט. זי איז געווען ווינציקער גלענצנד אין דער ווירקלעכקייט, אָבער דערפאַר איז אין דער לעבעדיקער נאָך געווען עפּעס אַזאַ נייער רייץ, וועלכער איז נישט געווען אויפן פּאָרטרעט.

X.

זי איז אויפגעשטאַנען אַקעגן אים, נישט פאַרבאָרגנדיק איר פרייד צו זעען אים. און אין דער רויקייט, מיט וועלכער זי האָט אים אויסגעשטרעקט די קליינע און ענערגישע האַנט, אים באַקאַנט מיט וואָרקויעוון און אים אָנגעוויזן אויף דעם געלבלעכן שייניקן מיידעלע, וואָס איז דערלעבן געזעסן מיט אַן אַרבעט, אָנרופנדיק זי אַלס איר דערציִונגס-טאָכטער — זענען געווען די לעווינען באַקאַנטע און אָנגענעמע מאַנירן פון אַ פרוי פון דער הויכער געזעלשאַפט, אַ שטענדיק רויקער און נאַטירלעכער.

— עס פרייט מיך זייער, זייער, — האָט זי איבערגעחזרט, און דידאָזיקע איינפאַכע ווערטער, אַרויסגעזאָגט דורך אירע ליפן, האָבן איבער עפּעס פאַר לעווינען באַקומען אַ באַזונדערע באַדייטונג. — איך קען אייך שוין לאַנג און האָב אייך ליב, אי צוליב אייער פריינטשאַפט מיט סטיווען, אי צוליב אייער ווייב... איך האָב מיט איר פאַרבראַכט זייער אַ קליינע צייט, אָבער זי האָט איבערגעלאָזט אויף מיר אַן איינדרוק פון אַ הערלעך בלימל, טאַקע אַ בלימל. און זי וועט שוין אין קורצן זיין אַ מוטער!

זי האָט גערעדט פריי און נישט געאיילט, פון צייט-צו-צייט איבערפירנדיק איר בליק פון לעווינען אויפן ברודער. און לעווין האָט געפילט, אַז דער איינדרוק, וועלכן ער האָט געמאַכט, איז אַ גוטער, און אים איז באַלד געוואָרן מיט איר לייכט, איינפאַך און אָנגענעם, ווי ער וואָלט זי שוין געקענט פון דער קינדהייט אָן.

— איך האָב מיט איוואַן פּעטראָוויטשן זיך איינגעאָרדנט אין אַלעקסייס קאַבינעט, — האָט זי געזאָגט, ענטפערנדיק סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן אויף זיין פראַגע, צי מען מעג רייכערן, — טאַקע כּדי צו רייכערן — און, אַ בליק געטון אויף לעווינען, — האָט זי, אָנשטאָט דער פראַגע צי ער רייכערט? צוגערוקט צו זיך דעם שילדקרעטענעם פּאַרטסיגאַר און אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס.

— ווי פילסטו זיך היינט אין געזונט? — האָט זי דער ברודער געפרעגט.

— גישקשה. די נערוון ווי שטענדיק.

— אמת, אומגעווײנלעך גוט? האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, באַמערקנדיק, אַז לעווין קוקט אַלע מאָל אויפֿן פּאָרטרעט.

— איך האָב נישט געזעען קײן בעסערן פּאָרטרעט.

און ער איז אומגעוויינלעך ענלעך, אמת? — האָט וואָרקויעוו געזאָגט.

לעווין האָט אַ קוק געטון פֿון פּאָרטרעט אויפֿן אָריגינאַל. אַ באַזונדערער גלאַנץ האָט באַלויכטן אַננעס פּנים, ווען זי האָט דערפֿילט זײן בליק אויף זיך. לעווין איז רויט געוואָרן און, כדי צו באַהאַלטן זײן פֿאַרלעגנהייט, האָט ער געוואָלט פֿרעגן, צי זי האָט שוין לאַנג נישט געזעען דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט אַננאַ אָנגעהויבן צו רעדן:

— מיר האָבן נאָר־וואָס גערעדט מיט איוואַן פּעטראָוויטשן וועגן וואַשטשענקאָווס לעצטע בילדער. איר האָט זיי געזעען?

— יאָ, איך האָב זיי געזעען, — האָט לעווין געענטפֿערט.

— אָבער אַנטשולדיקט, איך האָב אײַך איבערגעשלאָגן, איר האָט געוואָלט זאָגן...

לעווין האָט געפֿרעגט, צי זי האָט שוין לאַנג נישט געזעען דאָללין.

— נעכטן איז זי געווען בײַ מיר, זי איז זייער בייז צוליב גרישען אויף דער גימנאַזיע. דער לאַטײנישער לערער איז, דאַכט זיך, געווען נישט גערעכט צו אים.

— יאָ, איך האָב געזעען די בילדער. זיי זענען מיר נישט זייער געפֿעלן, — האָט זיך לעווין אומגעקערט צום געשפּרעך, וואָס איז דורך איר אָנגעהויבן געוואָרן.

לעווין האָט שוין אַצינד גערעדט גאָרנישט מיט דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַציִונג צו דעם ענין, מיט וועלכן ער האָט גערעדט אינדערפֿרי. איטלעכעס וואָרט אין דעם געשפּרעך מיט איר האָט באַקומען אַ באַזונדערע באַדײַטונג. און רעדן מיט איר איז געווען אָנגענעם, נאָך אָנגענעמער איז געווען זי צו הערן.

אַננאַ האָט גערעדט נישט בלויז נאַטירלעך, קלוג, נאָר קלוג און כלאַחר־יד, נישט צוגעבנדיק קײן שום ווערט אירע געדאַנקען, נאָר צוגעבנדיק אַ גרויסן ווערט די געדאַנקען פֿון איר מיטשמועסער.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשפּרעך וועגן דער נײַער ריכטונג אין דער קונסט, וועגן דער נײַער אילוסטרירונג פֿון דער ביבל דורך אַ

פראַנצויזישן מאָלער. וואָרקויעוו האָט באַשולדיקט דעם מאָלער אין רעאַליזם, וואָס איז דערפירט געוואָרן ביז גראָבקייט. לעווין האָט געזאָגט, אַז די פראַנצויזן האָבן דערפירט די באַדינגלעכקייט אין דער קונסט, ווי קיינער, נישט און אַז דעריבער זעען זיי אַ באַזונדער פאַרדינסט אין דעם אומקערן זיך צום רעאַליזם. אין דעם, וואָס זיי זאָגן שוין נישט קיין ליגנס, זעען זיי פּאָעזיע.

קיינמאָל האָט נאָך קיין איין קלוגע זאַך, וואָס איז געזאָגט געוואָרן דורך לעווינען, אים נישט פאַרשאַפט אַזאַ פאַרגעניגן, ווי דידאָזיקע. אַננעס פּנים האָט פּלוצלינג אויפגעשיינט, ווען זי האָט פּלוצלינג אָפּגעשאַצט זיין געדאַנק. זי האָט זיך צעלאַכט.

— איך לאַך, — האָט זי געזאָגט, — ווי מען לאַכט, ווען מען זעט זייער אַן ענלעכן פּאָרטרעט. דאָס, וואָס איר האָט געזאָגט, כאַראַקטעריזירט פולשטענדיק די היינטיקע פראַנצויזישע קונסט, סיי די מאָלעריי, סיי אפילו די ליטעראַטור: Zola, Daudet. נאָר אפשר איז דאָס שטענדיק אַזוי. מען מאַכט זיך די אייגענע conceptions פון אויסגעטראַכטע באַשטימטע פיגורן, און דערנאָך, ווען אַלע combinaisons זענען שוין געמאַכט, ווערן די אויסגעטראַכטע פיגורן דערעסן, און מען הייבט אָן צוטראַכטן מער נאַטירלעכע, עכטע פיגורן.

— דאָס איז זייער אמת! — האָט וואָרקויעוו געזאָגט.

— איר זענט געווען אין קלוב? — האָט זי זיך געווענדט צום ברודער.

„יאָ, יאָ, אָט דאָס הייסט אַ פרוי!" האָט לעווין געטראַכט, פאַרגעסנדיק זיך און כסדר קוקנדיק אויף איר שיין, באַוועגלעך פּנים, וואָס האָט זיך אַצינד אינגאַנצן געביטן. לעווין האָט נישט געהערט, וועגן וואָס זי האָט גערעדט, זיך צובייגנדיק צום ברודער, אָבער ער איז געווען איבעראַשט פון איר געענדערטן אויסדרוק. איר פּנים, וואָס איז פריער געווען אַזוי הערלעך אין איר רויקייט, איז פּלוצלינג באַהערשט געוואָרן פון אַ מאָדנער נייגיריקייט, כעס און שטאָלצקייט. אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז איין מינוט. זי האָט זיך פאַרזשמורעט, אַזוי ווי דערמאָנענדיק זיך אָן עפּעס.

— נו, אָבער איבעריקנס, דאָס איז קיינעם נישט אינטערעסאַנט, — האָט זי געזאָגט און זיך געווענדט צו דער ענגלענדערין: — Please order the tea in the drawing-room.

דאָס מיידעלע האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען.

— נו, וואָס־זשע, זי האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געפרעגט.

— אויסגעצייכנט. זי איז זייער אַ פעיק מיידעלע און האָט אַ ליבן כאַראַקטער.

— עס וועט זיך ענדיקן מיט דעם, וואָס זי וועסט זי ליב האָבן מער ווי דיין אייגענע.

— אָט ווי אַ מאַנסביל רעדט. אין ליבע איז נישטאָ קיין מער און ווייניקער. איך האָב ליב די טאָכטער מיט איין ליבע, זי מיט אַ צווייטע.

— איך האָב דאָ געזאָגט אַננאַ אַרקאַדיעוונען, — האָט וואָרקויעוו געזאָגט, — אַז ווען זי וואָלט פאַרווענדט אויף דעם אַלגעמיינעם דערציונגס־פּראָבלעם פון די רוסישע קינדער כאָטש איין הונדערט־חלק פון דער ענערגיע, וואָס זי פאַרווענדט אויף דער ענגלענדערין, וואָלט אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ געטון אַ גרויסע, נוצלעכע זאַך.

— דאָס, וואָס איר ווילט, האָב איך נישט געקאָנט. דער גראַף אַלעקסיי קירילאָוויטש האָט מיך שטאַרק צוגערעדט (אַרויסרעדנדיק די ווערטער דער גראַף אַלעקסיי קירילאָוויטש, האָט זי בעטנדיק און אַפּהענטיק אַ קוק געטון אויף לעווינען און ער האָט איר נישט ווילנדיק געענטפערט מיט אַ דרך־ארצדיקן און באַשטעטיקנדיקן בליק), האָט מיך שטאַרק צוגערעדט זיך צו פאַרנעמען מיט דער שול אין דאָרף. איך בין עטלעכע מאָל געגאַנגען. זיי זענען זייער ליב, אָבער איך האָב מיך נישט געקאָנט צובינדן צו דער זאַך. איר זאָגט — ענערגיע. ענערגיע איז געשטיצט אויף ליבע. און ליבע קאָן מען אין ערגעץ נישט נעמען, באַפעלן זיך קאָן מען נישט. אָט האָב איך ליב געקריגן דאָס מיידעלע, איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס.

און זי האָט ווידער אַ קוק געטון אויף לעווינען. סיי דער שמייכל סיי דער בליק אירער — אַלץ האָט אים געזאָגט, אַז זי ווענדט בלויז צו אים אירע רייד, האַלטנדיק טייער זיין מיינונג און איינזייטיק וויסנדיק פאָרויס, אַז זיי פאַרשטייען איינער דעם אַנדערן.

— איך פאַרשטיי דאָס זייער גוט, — האָט לעווין געענטפערט. — פאַר אַ שול און בכלל פאַר אַזעלכע ענלעכע אינסטיטוציעס קאָן מען נישט אַרבעטן מיט דער גאַנצער ליבע, און איך מיין, אַז דערפאַר טאַקע ברענגען שטענדיק די אַלע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס אַזעלכע קליינע רעזולטאַטן.

זי האָט געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך אַ שמייכל געטון. יאָ, יאָ, — האָט זי באַשטעטיקט. — איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט. Je n'ai pas le coeur assez large, כדי ליב צו קריגן אַ גאַנצן פּריוט מיאוסע מיידלעך. Cela ne m'a jamais réussi. עס זענען דאָ אַזוי פיל פרויען, וואָס האָבן זיך פון דעם געמאַכט position sociale. און בפרט נאָך אַצינד, — האָט זי געזאָגט, מיט אַ טרויעריקן, צוטרוילעכן אויסדרוק, ווענדנדיק זיך אויסערלעך צום ברודער, אָבער משמעות בלויז צו לעווינען. — אפילו אַצינד, ווען מיר איז אַזוי נייטיק עפּעס אַ באַשעפטיקונג, קאָן איך נישט. און פלוצלינג זיך אָנכמורענדיק (לעווין האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט זיך אָנגעכמורעט אויף זיך אַליין דערפאַר, וואָס זי רעדט וועגן זיך), האָט זי געענדערט דעם געשפּרעך. — איך ווייס וועגן אייך, — האָט זי געזאָגט לעווינען, — אַז איר זענט אַ שלעכטער בירגער, און איך האָב אייך פאַרטיידיקט, ווי ווייט איך האָב געקאָנט.

— ווי אַזוי־זשע האָט איר מיך פאַרטיידיקט?

— לויט דעם ווי אַזוי מען איז אָנגעפאַלן אויף אייך. איבעריקנס, איר וואָלט אפשר געטרינקען טיי? — זי האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען אין דער האַנט אַריין אַ בוך, געבונדן אין סאַפיאַן־באַנד.

— גיט עס מיר, אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ, — האָט וואָרקויעוו געזאָגט, אָנווייזנדיק אויפן בוך. — דאָס בוך איז זייער ווערט אַזאַ באַנד.

— אָ, ניין, דאָס אַלץ איז אַזוי נישט באַאַרבעט.

— איך האָב אים געזאָגט, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש זיך געווענדט צו דער שוועסטער, אָנווייזנדיק אויף לעווינען.

— עס איז איבעריק געווען. מיין שרייבן — איז גלייך צו די קיישעלעך און שניצערייען אין די תּפיסות, וועלכע ליזאַ מערקאַלאָוואַ פלעגט מיר פאַרקויפן. זי האָט פאַרוואַלטעט מיט די תּפיסות אין דער־דאָזיקער געזעלשאַפט, — האָט זי זיך געווענדט צו לעווינען. — און די־דאָזיקע אומגליקלעכע פלעגן מיט זייערע אויסאַרבעטונגען באַווייזן ווונ־דער פון געדולד.

און לעווין האָט דערזעען נאָך אַ נייעם שטריך אין דער־דאָזיקער פרוי, וואָס איז אים אַזוי אומגעווייגלעך געפעלן. חוץ שכל, גראַציע, שיינקייט, האָט זי נאָך פאַרמאָגט ערלעכקייט. זי האָט נישט געוואָלט באַהאַלטן פאַר אים די גאַנצע שווערקייט פון איר לאַגע. זאָגנדיק דאָס, האָט זי אַ זיפץ געטון, און איר פּנים, וואָס האָט פלוצלינג אָנגענומען אַ שטרענגן אויסדרוק, איז אַזוי ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. מיט אַזאַ אויסדרוק אויפן

פּנים איז זי געווען נאָך שענער, ווי פריער; אָבער דערדאָזיקער אויס-דרוק איז געווען אַ נייער; ער האָט נישט געהערט צו דעם קרייז אויס-דרוקן, וואָס שיינען מיט גליק און רופן אַרויס גליק, וועלכע דער קינס-לער האָט פאַראייביקט אויפן פּאָרטרעט. לעווין האָט נאָכאַמאָל אַ קוק גע-טון אויפן פּאָרטרעט און אויף איר פיגור, בעת זי איז, אָננעמענדיק דעם ברודער בײַ דער האַנט, אַרויסגעגאַנגען מיט אים דורך דער הויכער טיר, און האָט דערפילט צו איר אַ צאַרטקייט און רחמנות, וואָס האָט אים אַליין פאַרוווּנדערט.

זי האָט אַ געבעטן לעווינען און וואָרקויעוון אַריינצוגיין אין גאַסטצימער, און אַליין איז זי געבליבן זיך דורכצושמועסן וועגן עפּעס מיטן ברודער. „וועגן גט, וועגן ווראָנסקין, וועגן דעם, וואָס ער טוט אין קלוב, וועגן מיר", האָט לעווין געטראַכט. און אים האָט אַזוי באַאומרויקט די פראַגע וועגן דעם, וואָס זי רעדט מיט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, אַז ער האָט אפילו נישט געהערט, וואָס וואָרקויעוו האָט אים דערציילט וועגן די מעלות פון דעם קינדער-ראָמאַן, וואָס אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ האָט אָנגע-שריבן.

בײַ דער טיי איז פאָרגעזעצט געוואָרן דער זעלבער אָנגענעמער, אינהאַלטסרייכער געשפּרעך. עס איז נישט בלויז נישט געווען קיין איין מינוט, אין וועלכער מען זאָל דאַרפן זוכן וועגן וואָס צו רעדן, נאָר, פאַר-קערט, מען האָט געפילט, אַז איידער מען האָט נאָך פאַרענדיקט, וואָס מען האָט אַליין געזאָגט, האָט זיך שוין געגלוסט הערן, וואָס דער צווייטער וועט זאָגן. און אַלץ, וואָס נישט בלויז זי אַליין האָט געזאָגט, נאָר אויך וואָרקויעוו און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, האָט באַקומען אַ באַזונדערע באַ-דייטונג אַ דאַנק איר אויפמערקזאַמקייט און אירע באַמערקונגען, ווי לע-ווינען האָט זיך געדאַכט.

צוהערנדיק זיך צום אינטערעסאַנטן געשפּרעך, האָט לעווין די גאַנצע צייט זיך געקוקט מיט איר — אי מיט איר שיינקייט, אי מיטן שכל, אי מיט דער געבילדעטקייט, אי איינצייטיק מיט דער פשוטקייט און האַרציקייט. ער האָט געהערט, גערעדט און די גאַנצע צייט געטראַכט וועגן איר, וועגן איר אינערלעך לעבן, באַמיענדיק זיך צו פאַרשטיין אירע געפילן. און ווי ער האָט זי פריער אַזוי שטרענג פאַראורטיילט, האָט ער אַצינד איבער עפּעס אַ מאָדנעם געדאַנקען-גאַנג זי באַרעכטיקט און איינ-צייטיק רחמנות געהאַט אויף איר און מורא געהאַט, אַז ווראָנסקי פאַר-שטייט זי נישט ווי געהעריק. עלף אַ זייגער, ווען סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש

האָט זיך אויפגעהויבן, כדי אוועקצופאָרן (וואָרקויעוו איז נאָך פריער גע־האַט אוועקגעפאָרן), האָט זיך לעווינען געדאַכט, אַז ער איז נאַר־וואָס געקומען. לעווין איז מיט באַדויערונג אויך אויפגעשטאַנען.

— זייט געזונט, — האָט זי געזאָגט, פאַרהאַלטנדיק אים בײַ דער האַנט און קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין מיט אַ צוציענדיקן בליק. — עס פרייט מיך זייער, que la glace est rompue.

זי האָט אַרויסגעלאָזט זיין האַנט און זיך פאַרזשמורעט.

— גייט איבער אייער פרוי, אַז איך האָב זי ליב ווי פריער און אַז אויב זי קאָן מיר נישט מוחל זיין מיין לאַגע, ווינטש איך איר מיר קיינמאָל נישט מוחל צו זיין. כדי מוחל צו זיין, מוז מען איבערלעבן דאָס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, און פון דעם זאָל זי גאָט אָפּהיטן.

— אומבאַדינגט, יאָ, איך וועל איבערגעבן... — האָט לעווין רויט ווערנדיק געזאָגט.

XI.

„סאַראַ וווּנדערלעכע, ליבע און באַדויערונגסווערטע פרוי", האָט ער געקלערט, אַרויסגייענדיק מיט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן אויף דער פראָסטיקער לופט.

— נו, וואָס? איך האָב דיר געזאָגט, — האָט אים געזאָגט סטע־פּאַן אַרקאַדיעוויטש, זעענדיק, אַז לעווין איז פולשטענדיק באַזיגט.

— יאָ, — האָט לעווין פאַרטראַכט געענטפערט, — אַן אומגעוויינ־לעכע פרוי! זי איז נישט בלויז קלוג, נאָר אויך וווּנדערלעך האַרציק. ס'איז אַ גרויס רחמנות אויף איר!

— אַצינד וועט שוין, מיט גאָטס הילף, אין קורצן זיך אַלץ איינ־אָרדנען. נאָכאַמאָל זאָלסטו שוין וויסן פריער נישט צו אורטיילן, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט און געעפנט דאָס טירל פון דער קאַטש. — צום ווידערזעען, מיר פאָרן נישט אין זעלבן וועג.

לעווין האָט דעם גאַנצן וועג ביז אַהיים נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן אַננען, וועגן די אַלע איינפאַכסטע געשפּרעכן, וואָס זענען געפירט געוואָרן מיט איר, און דערמאָנענדיק זיך בײַ דעם אַלע אויס־

דרוקן פון איר פּנים, האָט ער אַלץ מער און מער פֿאַרשטאַנען איר לאַ־
גע און געפילט אַ רחמנות צו איר.

אינדערהיים האָט קוזמא איבערגעגעבן לעווינען, אַז קאַטערינאַ
אַלעקסאַנדראָווגאַ איז געזונט, אַז ביישט לאַנג זענען פון איר אָוועקגע־
פאָרן די שוועסטערן, און האָט אים דערלאַנגט צוויי בריוו. לעווין, כּדי
דערנאָך נישט צו פאַרגעסן אָן זיי, האָט זיי באַלד דאָ אין קאָרידאָר אי־
בערגעלייענט. איינער איז געווען פון סאָקאָלאָוו, פון דעם פּאַרוואַלטער.
סאָקאָלאָוו האָט געשריבן, אַז דעם ווייץ קאָן מען נישט פאַרקויפן, מען
גיט בלויז פינף מיט אַ האַלבן רובל, און קיין געלט איז נישטאָ מער ווו
צו נעמען. דער צווייטער בריוו איז געווען פון דער שוועסטער.
זי האָט אים פאַרגעוואָרפן, פאַרוואָס איר ענין איז נאָך אַלץ נישט דורכ־
געפירט.

„נו, וועלן מיר פאַרקויפן פאַר פינף מיט אַ האַלבן, אויב מען גיט
נישט מער", האָט לעווין גלייך מיט אָן אומגעוויינלעכער לייכטקייט פאַר־
ענטפערט די ערשטע פראַגע, וואָס האָט אים פריער אויסגעזען אַזוי
שווער צו לייזן. „ס'איז פּשוט אַ ווונדער, ווי די גאַנצע צייט איז דאָ
פאַרנומען", האָט ער אַ קלער געטון וועגן דעם צווייטן בריוו. ער האָט
זיך געפילט שולדיק קעגן דער שוועסטער, וואָס ער האָט נאָך ביז אַצינד
נישט געהאַט דורכגעפירט דאָס, וועגן וואָס זי האָט אים געבעטן. „איך
בין היינט ווידער נישט געפאָרן אין געריכט אַריין, אָבער היינט האָב איך
שוין טאַקע נישט געהאַט קיין צייט". און, באַשליסנדיק, אַז ער וועט דאָס
אומבאַדינגט טון מאָרגן, איז ער אַריינגעגאַנגען צום ווייב. גייענדיק צו
איר, איז לעווין אין זכרון שנעל דורכגעלאָפן דעם גאַנצן פאַרבראַכטן
טאָג. אַלע געשעענישן פון טאָג זענען באַשטאַנען פון געשפּרעכן, — גע־
שפּרעכן, וועלכע ער האָט געהערט און אין וועלכע ער האָט זיך באַטיי־
ליקט. אַלע געשפּרעכן זענען געווען וועגן אַזעלכע זאַכן, אין וועלכע ער
וואָלט זיך קיינמאָל נישט באַטייליקט, ווען ער וואָלט געווען אַליין און
אין דאָרף, אָבער דאָ זענען זיי געווען זייער אינטערעסאַנט. און אַלע
געשפּרעכן זענען געווען פיינע; בלויז אין צוויי ערטער זענען זיי געווען
נישט אינגאַנצן פיין. איינס איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן
דעם העכט, דאָס צווייטע — וואָס ס'איז געווען עפּעס נישט דאָס
אין דעם צאַרטן מיטגעפיל, וואָס ער האָט איבערגעלעבט צו אַננען.

לעווין האט געטראפן דאס ווייב א טרויעריקע און פארבענקטע. דאס מיטאג פון די דריי שוועסטערן וואלט זייער פריילעך געווען געלינגען, אבער דערנאך האט מען געווארט אויף אים, געווארט און געווארט, אלע איז געווארן אומעטיק, די שוועסטערן זענען זיך צעפארן, און זי איז געבליבן אליין.

— נו, און וואס האסטו געטון? — האט זי געפרעגט, קוקנדיק אים אין די אויגן אריין, וואס האבן עפעס מיט א באזונדערן חשד געגלאנצט. אבער, כדי נישט צו שטערן אים אלץ צו דערציילן, האט זי פארהוילן איר אויפמערקזאמקייט און מיט א צופרידענעם שמייכל אויסגעהערט זיין דערציילן וועגן דעם, ווי אזוי ער האט פארברענגט דעם אוונט.

— נו, איך בין זייער צופרידן געווען, וואס איך האב געטראפן ווראנסקין, מיר איז געווען זייער לייכט און איינפאך מיט אים. דו פארשטייסט, אצינד וועל איך מיך באמיען זיך קיינמאל נישט צו זען מיט אים, אבער איך האב געוואלט, אז די דאזיקע אומאנגענעמלעכקייט זאל זיין פארענדיקט. — האט ער געזאגט. און דערמאנענדיק זיך, אז הגם ער האט געהאט באשלאסן זיך קיינמאל נישט צו זען מיט אים, איז ער דאך גלייך געפארן צו אננען, האט זיין פנים זיך פאררויטלט. — אט מיר זאגן, אז דאס פאלק טרינקט... איך ווייס נישט, ווער עס טרינקט מער — דאס פאלק אדער אונזער שטאנד; דאס פאלק טרינקט כאטש אין יום-טוב, אבער...

נאר קיטין איז נישט אינטערעסאנט געווען די אפהאנדלונג. ווי אזוי דאס פאלק טרינקט. זי האט געזען, אז ער איז רויט געווארן, און האט געוואלט וויסן פארוואס.

— נו, ווו-זשע ביסטו דערנאך געווען?

— סטיווא האט מיך שטארק געבעטן צו פארן צו אננא ארקאדיעוונא.

און, זאגנדיק דאס, איז לעווין נאך מער רויט געווארן, און די ספקות וועגן דעם, צי ער האט געטון גוט אדער שלעכט מיט דעם, וואס ער איז געפארן צו אננען, זענען שוין געווען פאר אים פולשטענדיק קלאר. ער האט שוין אצינד געוווסט, אז ער האט דאס נישט געדארפט טון.

קיטיס אויגן האבן בא אננעס נאמען באזונדערס ברייט זיך צעעפנט און א גלאנץ געטון, אבער, מאכנדיק אן אנשטרענגונג איבער זיך, האט זי פארבארגן איר אויפרעגונג און אים אפגענארט.

— אָ! — האָט זי בלויז געזאָגט.

— דו װעסט אודאי נישט פּײַז זײַן, װאָס איך בין געפֿאָרן. סטיװאַ האָט מיך געבעטן, און דאָלי האָט דאָס אויך פֿאַרלאַנגט, — האָט לעװין װײַטער געזאָגט.

— אָ, ניין, — האָט זי געזאָגט, אָבער אין אירע אויגן האָט ער געזען אַן אָנגשטרענגונג איבער זיך, װאָס האָט נישט צוגעזאָגט קיין שום גוטס.

— זי איז זייער אַ ליבע, זייער, זייער אַ באַדויערונגװערטע, גוטע פֿרוי, — האָט ער געזאָגט, דערציילנדיק װעגן אַננען, װעגן אירע באַשעפֿטיקונגען און װעגן דעם, װאָס זי האָט אים געהייסן זאָגן.

— יאָ, פֿאַרשטייט זיך, זי איז זייער אַ באַדויערונגסװערטע, — האָט קיטי געזאָגט, װען ער האָט פֿאַרענדיקט. — פֿון װעמען האָסטו דערהאַלטן אַ בריװ?

ער האָט איר געזאָגט און, האָבנדיק צוטרוי צו איר רויקן טאָן, איז ער געגאַנגען זיך אויסטון.

צוריקקומענדיק, האָט ער געטראָפֿן קיטין אין דעם זעלבן פֿאָטעל. װען ער איז צוגעגאַנגען צו איר, האָט זי אַ בליק געטון אויף אים און זיך צעשלוכצט.

— װאָס איז דיר? װאָס? — האָט ער געפֿרעגט, שוין װיסנדיק פֿאָרויס װ אָ ס א י ר א י ז.

— דו האָסט דיך פֿאַרליבט אין דערדאָזיקער העסלעכער פֿרוי, זי האָט דיך פֿאַרכּישופֿט. איך האָב עס דערקענט אין דיינע אויגן. יאָ, יאָ! װאָס־זשע קאָן אַרויסקומען פֿון דעם? דו האָסט אין קלוב געטרונקען, געשפּילט און דערנאָך געפֿאָרן... צו װעמען? ניין, לאָמיר אַװעקפֿאָרן... מאָרגן װעל איך אַװעקפֿאָרן.

לאַנג האָט לעװין נישט געקאָנט באַרויקן דאָס װייב. ענדלעך האָט ער זי באַרויקט מיט דעם, װאָס ער האָט זיך מודה געװען, אַז דאָס געפֿיל פֿון רחמנות צוזאַמען מיטן װיין האָבן אים פֿאַרדרייט דעם קאָפּ און ער איז אַרונטערגעפֿאַלן אונטער אַננעס כיטרער װירקונג און אַז ער װעט זי שוין אויסמיידן. דאָס איינציקע, אין װעלכן ער האָט זיך אויפֿריכטיקער מודה געװען, איז געװען דאָס, װאָס, לעבנדיק אַזאַ לאַנגע צייט אין מאָסקװע און פֿאַרברענגענדיק די צייט בלויז אין רעדן, אין עסן און אין טרינקען, האָט ער זיך איינגאַנצן פֿאַרלוירן. זיי האָבן גערעדט ביז דריי אַ זייגער באַנאַכט.

ערשט דריי א זייגער זענען זיי געווען שוין אזוי גוט איבערגעבעטן, אז זיי האבן געקאנט אנטשלאפן ווערן.

XII.

נאכדעם ווי אננא האט באגלייט די געסט, האט זי זיך נישט געזעצט, נאר אנגעהויבן ארומצוגיין הין און צוריק איבערן צימער. הגם זי האט אינסטינקטיוו (ווי זי פלעגט האנדלען אין דערדאזיקער לעצטער צייט אין דער באציונג צו אלע יונגע מענער) דעם גאנצן אוונט געטון אלץ, וואס ס'איז מעגלעך געווען, כדי ארויסצורופן בא לעווינען א געפיל פון ליבע צו זיך, הגם זי האט געוווסט, אז זי האט דאס דערגרייכט, אויף וויפיל דאס איז מעגלעך אין דער באציונג צו א פארהייראטן ערלעכן מענטש און אין משך פון איין אוונט, און הגם ער איז איר זייער געפעלן געווארן (נישט געקוקט אויף דעם שארפן קאנטראסט צווישן ווראנסקין און לעווינען פון מאנסבילשן שטאנדפונקט, האט זי, ווי א פרוי, געזעען אין זיי טאקע דאס בשותפותדיקע, פאר וועלכן קיטי האט ליב געקריגן סיי ווראנסקין סיי לעווינען), האט זי דאך, ווי נאר ער איז ארויסגעגאנגען פון צימער, גלייך אויפגעהערט צו טראכטן וועגן אים.

בלויז איין און אייגציקער געדאנק האט כסדר אויף פארשידענע אופנים זי פארפאלגט. „אויב איך ווירק אזוי אויף אנדערע, אויף דעם-דאזיקן פארהייראטן, ליבנדיקן מענטש, פארוואס-זשע איז ער אזוי קאלט צו מיר?... און נישט אזוי קאלט, ער האט מיך ליב, איך ווייס דאס. נאר עפעס נייעס צעטיילט אונז אצינד. פארוואס איז ער נישטא דעם גאנצן אוונט? ער האט געהייסן סטיווען זאגן, אז ער קען נישט איבערלאזן יאשווינען און מוז אכטונג געבן אויף זיין שפילן. צי איז יאשווין א קינד? נאר לאמיר זאגן, אז ס'איז אמת. ער זאגט קיינמאל נישט קיין ליגנט. אבער אין דעם אמת איז דא עפעס אנדערשס. ער איז צופרידן, וואס ער קאן מיר ארויסווייזן, אז ער האט אויך אנדערע פליכטן. איך ווייס דאס, איך בין מיט דעם איינשטימיק. אבער נאכוואס דארף ער עס מיר ארויסווייזן? ער וויל מיר דערווייזן, אז זיין ליבע צו מיר דארף נישט שטערן זיין פרייהייט. אבער מיר זענען נישט נייטיק קיין באווייזן, מיר איז נייטיק ליבע. ער וואלט געדארפט פארשטיין מיין לעבן

דאָ, אין מאָסקווע. צי לעב איך דען? איך לעב נישט, איך וואַרט אויף דעם אויסגאַנג, וועלכער ווערט אַלץ אָפּגעשלעפּט און אָפּגעשלעפּט. קיין ענטפער איז ווידער נישטאָ! און סטיוואַ זאָגט, אַז ער קאָן נישט פאָרן צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. און נאָכאַמאָל שרייבן קאָן איך נישט. איך קאָן גאָרנישט טון, גאָרנישט אָנהייבן, גאָרנישט ענדערן, איך האַלט מיך איין, וואַרט, קלער מיר אויס שפּילערייען — דעם ענגלענדערס פאַמיליע, דאָס שרייבן, לייענען, אָבער דאָס אַלץ איז דאָך בלויז גענאַרעריי, דאָס אַלץ איז דאָך דער זעלבער מאָרפין. ער וואָלט געדאַרפט רחמנות האָבן אויף מיר", האָט זי געזאָגט, פילנדיק, ווי טרערן פון רחמנות צו זיך פאַרגיסן אירע אויגן.

זי האָט דערהערט דאָס האַסטיקע קלינגען פון וורָאָנסקין און אייליק אָפּגעווישט דידאָזיקע טרערן, און נישט בלויז אָפּגעווישט די טרערן, נאָר זיך געזעצט צום לעמפּ, געעפנט אַ בוך און זיך געמאַכט, אַז זי איז רויק. מען האָט אים געדאַרפט אַרויסווייזן, אַז זי איז נישט צופרידן פון דעם, וואָס ער איז נישט צוריקגעקומען, ווי ער האָט צוגעזאָגט, — בלויז נישט צופרידן, אָבער בשום אופן אים נישט אַרויסווייזן איר צער און, דער עיקר, קיין באַדויערונג וועגן זיך. זי האָט זיך געמעגט באַדויערן, אָבער נישט ער. זי האָט נישט געוואָלט קיין קאַמף, האָט אים פאַראורטיילט דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט קעמפן, אָבער נישט ווילנדיק האָט זי זיך אַליין געשטעלט אין דער פּאָזיציע פון קאַמף.

— נו, עס איז דיר נישט אומעטיק געווען? — האָט ער לעבהאַפט און פריילעך געזאָגט, — צוגייענדיק צו איר. — וואָס פאַר אַ שרעקלעכע ליידנשאַפט עס איז — דאָס שפּילן!

— ניין, עס איז מיר נישט אומעטיק געווען און איך האָב מיך שוין לאַנג אויסגעלערנט עס זאָל מיר נישט אומעטיק זיין. סטיוואַ איז געווען און לעווין.

— יאָ, זיי האָבן געוואָלט פאָרן צו דיר. נו, ווי אַזוי איז דיר לעווין געפעלן? — האָט ער געזאָגט, זעצנדיק זיך לעבן איר.

— זייער. זיי זענען ערשט נישט לאַנג אַוועקגעפאָרן. וואָס־זשע האָט יאַשווין געטון?

— ער האָט שוין געהאַט געוווּנען, זיבעצן טויזנט. איך האָב אים גערופן. ער האָט שוין געוואָלט פאָרן. אָבער האָט זיך ווידער אומגעקערט און צוריק פאַרשפּילט.

— איז נאָכוואָס־זשע ביסטו געבליבן? — האָט זי געפרעגט, פלוצ־

לינג אויפהייבנדיק אויף אים די אויגן. דער אויסדרוק פון איר פנים איז געווען א קאלטער און אומפריינטלעכער. — דו האסט געזאגט סטי-ווען, אז דו בלייבסט, כדי אוועקצופירן יאשווינען. דו האסט דאך אים איבערגעלאזט.

דער זעלבער אויסדרוק פון קאלטער גרייטקייט צום קאמף האט זיך אויסגעדריקט אויך אויף זיין פנים.

— ערשטנס, האב איך אים גארנישט געבעטן דיר איבערצוגעבן; צווייטנס, זאג איך קיינמאל נישט קיין ליגנט. און דער עיקר — איך האב געוואלט בלייבן און בין געבליבן, — האט ער כמורענדיק זיך גע-זאגט. — אננא, נאכוואס, נאכוואס? — האט ער געזאגט נאך א מינוט שווייגן, זיך צובייגנדיק צו איר, און געעפנט די האנט, אין דער האפנונג, אז זי וועט אין איר אריינלייגן אירע.

זי איז געווען צופרידן פון דעמדאזיקן ארויסרוף צו צערטלעכקייט. אבער עפעס אן אויסטערלישער כוח פון שלעכטקייט האט איר נישט דער-לויבט זיך אפצוגעבן איר עקזאלטאציע, אזוי ווי די באדינגונגען פון קאמף וואלטן איר נישט דערלויבט זיך אונטערצוגעבן.

— פארשטייט זיך, אז דו האסט געוואלט בלייבן און ביסט גע-בליבן. דו טוסט אלץ, וואס דו ווילסט. נאר צוואס זאגסטו מיר דאס? צוליב וואס? — האט זי געזאגט, אלץ מער זיך דענערווירנדיק. — צי ווענדט דען ווער אפ דיינע רעכט? נאר דו ווילסט זיין גערעכט, און זיי דיר גערעכט.

זיין האנט האט זיך פארמאכט, ער האט זיך אוועקגעבויגן, און זיין פנים האט אנגענומען נאך א מער עקשנותדיקן אויסדרוק ווי פריער.

— פאר דיר איז דאס א זאך פון עקשנות, — האט זי געזאגט און שארף א קוק געטון אויף אים, נאכדעם ווי זי האט פלוצלינג געפונען א נאמען פאר דעם פנים-אויסדרוק, וואס האט זי צערייצט — טאקע פון עקשנות. פאר דיר איז דאס א פראגע, צי דו וועסט בלייבן זיגער קעגן מיר, אבער פאר מיר... — ס'איז איר ווידער געווארן א רחמנות אויף זיך. און זי האט זיך שיער נישט צעוויינט. — ווען דו וואלסט געוווסט, אין וואס מיר גייט! ווען איך פיל, ווי אצינד, אז דו באציסט זיך פיינט-לעך, טאקע פיינטלעך צו מיר, ווען דו וואלסט געוווסט, וואס דאס בא-טייט פאר מיר! ווען דו וואלסט געוווסט, ווי נאענט איך בין צו אן אומ-גליק אין דידאזיקע מינוטן, ווי איך האב מורא, האב מורא פאר מיר! — און זי האט זיך אוועקגעדרייט, פארבארגנדיק די שלוכצן.

— אָבער וואָס איז דיר ? — האָט ער געזאָגט, דערשרעקנדיק זיך פאַר איר אויסגעדריקטער פאַרצווייפלונג, און ווידער זיך אָנגעבויגן צו איר, גענומען איר האַנט און געקושט זי. — פאַרוואָס ? צי זוך איך פאַרוויילונג מחוץ דער היים ? צי מייד איך נישט אויס די געזעל־שאַפט פון פרויען

— נאָך דאָס זאָלסטו נישט טון ! — האָט זי געזאָגט.

— נו, זאָג, וואָס דאַרף איך טון, אַז דו זאָלסט זיין רויק ? איך בין גרייט אַלץ צו טון, אַבי דו זאָלסט זיין גליקלעך, — האָט ער גע־זאָגט, גערירט פון איר פאַרצווייפלונג, — וואָס־זשע בין איך דען נישט גרייט צו טון, כדי דיך צו באַפרייען פון עפּעס אַן עגמת נפש, ווי אַציַנד, אננאַ ! — האָט ער געזאָגט.

— גאָרנישט, גאָרנישט ! — האָט זי געזאָגט. — איך ווייס אַליין נישט : צי דאָס איינזאַמע לעבן, צי די נערוון... נו, לאָמיר נישט רעדן. ווי אַזוי־זשע האָבן אויסגעזען די געיעגן ? דו האָסט מיר נישט דער־ציילט, — האָט זי געפרעגט, באַמיענדיק זיך צו פאַרהוילן דעם טריומף פון דעם נצחון, וועלכער איז פאַרט געווען אויף איר זייט.

ער האָט געבעטן נאָכטעסן און איר אָנגעהויבן דערציילן די פּרטים פון די געיעגן ; אָבער אין זיין טאָן, אין די בליקן, וואָס זענען אַלץ מער און מער קאַלט געוואָרן, האָט זי געזען, אַז ער האָט איר נישט מוחל געווען איר נצחון, אַז דאָס געפיל פון עקשנות, קעגן וועלכן זי האָט געקעמפט, האָט אים ווידער אָנגעהויבן באַהערשן. ער איז געווען צו איר קעלטער ווי פריער, ווי ער וואָלט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך אונ־טערגעגעבן. און דערמאָנט זיך די ווערטער, וועלכע האָבן איר גע־געבן דעם נצחון, נעמלעך : „איך בין נאָענט פון אַ שרעקלעך אומ־גליק און האָב מורא פאַר זיך", האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דאָס געווער איז אַ געפערלעכס און אַז מען וועט עס אַ צווייט מאָל נישט קאָנען באַ־נוצן. און זי האָט געפילט, אַז צוזאַמען מיט דער ליבע, וועלכע האָט זיי פאַרבונדן, האָט זיך צווישן זיי איינגעשטעלט אַ בייזער גייסט פון עפּעס אַ קאַמף, וועלכן זי קאָן נישט פאַרטרייבן נישט פון זיין האַרץ, נישט, נאָך ווינציקער, פון אירן.

XIII.

עס זענען נישטאָ אַזעלכע באַדינגונגען, צו וועלכע דער מענטש זאָל זיך נישט קאָנען צוגעוואוינען, באַזונדערס ווען ער זעט, אַז אַלע אַרומיקע לעבן אויך אַזוי. לעווין וואָלט מיט דריי חדשים צוריק נישט געגלייבט, אַז ער זאָל קאָנען רויק אַנטשלאָפן ווערן אין די באַדינגונגען, אין וועלכע ער האָט זיך געפונען היינט; אַז לעבנדיק מיט אַ צוועקלאָזן נאַרישן לעבן, דערביי מיט אַ לעבן איבער זיינע מעגלעכקייטן, נאָך שיכּרות (אַנדערש האָט ער נישט געקאָנט אָנרופן דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין קלוב), אומגעלומפּערטע פריינטלעכע באַציונגען מיט אַ מענטש, אין וועלכן זיין ווייב איז אַמאָל פאַרליבט געווען, און נאָך מער אומגעלומפּערטן וויזיט באַ אַ פרוי, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט אַנדערש אָנרופן, ווי אַ פאַרלוירענע, אויך נאָך זיין עקזאַלטאַציע מיט דערדאָזיקער פרוי און זיין ווייבס עגמת נפש, — אַז ער זאָל באַ דידאָזיקע באַדינגונגען קאָנען רויק אַנטשלאָפן ווערן. אָבער אונטער דער ווירקונג פון דער מידעקייט, פון דער שלאָפלאָזער נאַכט און פון דעם אויסגעטרונקענעם וויין איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן פעסט און רויק.

פינף אַ זייגער האָט אַ סקריפּ פון דער געעפנטער טיר אים אויפגעוועקט. ער איז אויפגעשפּרונגען און זיך אומגעקוקט. קיטי איז נישט געווען אין בעט לעבן אים. אָבער הינטער דער פאַרצוימונג איז געווען אַ באַוועגלעכע ליכטיקייט, און ער האָט דערהערט טריט.

— וואָס?... וואָס? — האָט ער אַ זאָג געטון פון שלאָף. — קיטי! וואָס?

— גאָרנישט, — האָט זי געזאָגט, אַפּערגייענדיק מיטן ליכט אין דער האַנט פון הינטער דער פאַרצוימונג. — איך האָב מיך עפּעס געפילט נישט מיט אַלעמען, — האָט זי געזאָגט, שמייכלענדיק מיט אַ באַזונדערס ליבן און באַדייטנדיקן שמייכל.

— וואָס, עס האָט זיך אָנגעהויבן, אָנגעהויבן? — האָט ער דערשראָקן אַ זאָג געטון, — מען דאַרף שיקן, — און ער האָט זיך איילִיק אָנגעהויבן אָנצוטון.

— ניין, ניין, — האָט זי געזאָגט, שמייכלענדיק און פאַרהאַלטנדיק

זיין האַנט. — זיכער גאָרנישט. איך האָב מיך בלויז געפּילט אַ ביסל נישט מיט אַלעמען. אָבער אַצינד איז עס שוין איבערגעגאַנגען.

און צוגייענדיק צום בעט, האָט זי פאַרלאָשן דאָס ליכט, זיך געלייגט און שטיל געבליבן. הגם עס איז אים פאַרדעכטיק געווען די שטילקייט פון איר אַזוי ווי איינגעהאַלטן אָטעמען און מער פון אַלץ — דער אויסדרוק פון דער באַזונדערער צאַרטקייט און אויפגערודערטקייט, מיט וועלכער זי האָט, אָפּעוגייענדיק פון הינטער דער פאַרצוימונג, אים געזאָגט: „עס איז גאָרנישט“, האָט אים דאָך אַזוי געשלעפערט, אַז ער איז גלייך צוריק איינגעשלאָפן. ערשט שפּעטער האָט ער זיך דערמאַנט די שטילקייט פון איר אָטעמען און פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין איר טייערער, ליבער נשמה, בעת זי איז, אין דערוואַרטונג פון דער גרעסטער געשעעניש אין דעם לעבן פון אַ פרוי, אומבאַוועגלעך געלעגן לעבן אים. זיבן אַ זייגער האָט אים אויפגעוועקט אַ צורירן זיך פון איר האַנט צו זיין אַקסל און אַ שטיל פליסטערן. זי האָט אַזוי ווי געקעמפט צווישן דעם רחמנות אים אויפצוועקן און דעם פאַרלאַנג צו רעדן מיט אים.

— קאָסטיאַ, שרעק זיך נישט. עס איז גאָרנישט. נאָר דאַכט זיך... מען דאַרף שיקן נאָך ־עליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ.

דאָס ליכט איז ווידער געווען אָנגעצונדן. זי איז געזעסן אויפן בעט און געהאַלטן אין דער האַנט דאָס שטריקעכץ, מיט וועלכן זי האָט זיך די לעצטע טעג פאַרנומען.

— איך בעט דיך, שרעק דיך גאָרנישט. איך האָב לחלוטין נישט קיין מורא, — האָט זי געזאָגט, דערזעענדיק זיין דערשראָקן פּנים, און האָט צוגעדריקט זיין האַנט צו איר ברוסט, דערנאָך צו אירע ליפּן.

ער איז אייליק אויפגעשפּרונגען, נישט פילנדיק זיך און נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון איר, האָט אָנגעטון דעם שלאָפראָק און זיך אָפּגעשטעלט, אַלץ קוקנדיק אויף איר. מען האָט געדאַרפט גיין, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון איר בליק. צי האָט ער דען פריער נישט ליב געהאַט איר פּנים, נישט געקענט איר אויסדרוק, איר בליק, אָבער ער האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען אַזעלכע. ער האָט זיך דערמאַנט אירע נעכטיקע עגמת נפש, און ווי מיאוס און שרעקלעך האָט ער זיך אויסגעזעען קעגן איר. ווי זי איז געווען אַצינד! איר פאַררויטלט פּנים, אַרומגענומען מיט די ווייכע האָר, וואָס האָבן זיך איר

אַפּערגערוקט פון אונטערן נאַכט-הייבל, האָט געשײַנט מיט פרייד און אַנטשלאָסנקייט.

ווי ווייניק אומנאַטירלעכקייט און באַדינגלעכקייט ס'איז נישט געווען אין קיטיס אַלגעמיינעם כאַראַקטער, איז לעווין דאָך געווען איבערראַשט פון דעם, וואָס ס'איז אַצינד אַנטבלויזט געוואָרן פאַר אים, ווען אַלע שלייערן ווענען פלוצלינג אַראָפּגענומען געוואָרן און דער קערן גופא פון איר נשמה האָט געלויכטן אין אירע אויגן. און אין דער פּשוטקייט און אַנטבלויזטקייט האָט זי, טאָקע די, וועלכע ער האָט ליב געהאַט, זיך נאָך בעסער געזעען. זי האָט שמייכלענדיק געקוקט אויף אים; אָבער פלוצלינג האָבן אירע ברעמען אַ ציטער געטון, זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און, שנעל צוגייענדיק צו אים. האָט זי אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און אײַנגעאַנצן זיך צוגעדריקט צו אים, באַהויכנדיק אים מיט איר הייסן אָטעם. זי האָט געליטן און אַזוי ווי זיך געקלאָגט פאַר אים אויף איר לײַדן. און אים האָט זיך אין דער ערשטער מינוט פון געוווינהייט געדאַכט, אַז ער איז שולדיק. אָבער אין אירע אויגן איז געווען אַ צערטלעכקייט, וועלכע האָט געזאָגט, אַז נישט בלויז זי פאַראורטיילט אים נישט, נאָר האָט אים ליב פאַר דעמדאָזיקן לײַדן. „אויב נישט איך, טאָ ווער זשע איז שולדיק אין דעמדאָזיקן ?" האָט ער נישט ווילנדיק אַ קלער געטון, זוכנדיק דעם שולדיקן פון דעמדאָזיקן לײַדן, כדי צו באַשטראָפן אים; אָבער קיין שולדיקער איז נישט געווען. זי האָט געליטן, זיך געקלאָגט און טריומפירט מיט דידאָזיקע לײַדן, און זיך געפרייט מיט זיי, און זיי ליב געהאַט. ער האָט געזעען, אַז אין איר נשמה קומט פאָר עפּעס הערלעכס, נאָר וואָס — האָט ער נישט געקאָנט פאַרשטיין. דאָס איז געווען העכער פון זײַן פאַרשטאַנד.

— איך האָב געשיקט צו דער מאַמאַ. און די פאָר גיכער נאָך עליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ... קאָסטיאַ!... גאָרנישט, עס איז אַריבערגעגאַנגען.

זי איז אַוועקגעגאַנגען פון אים און האָט אָנגעקלונגען.

— נו, קאָנסט שוין גיין, פּאַשאַ גייט. מיר איז גאָרנישט.

און לעווין האָט מיט פאַרוווּנדערונג דערזעען, אַז זי האָט גענומען דאָס שטריקעכץ, וועלכעס זי האָט זיך געבראַנגט בײַנאַכט, און האָט ווידער אָנגעהויבן צו שטריקן.

בעת לעווין איז אַרויסגעגאַנגען דורך איין טיר, האָט ער געהערט, ווי דורך דער צווייטער איז אַרײַנגעגאַנגען דאָס מיידל. ער האָט זיך

אָפּגעשטעלט בײַ דער טיר און האָט געהערט, ווי קיטי האָט אַרויסגעגעבן אויספּירלעכע באַפעלן דעם מיידל און האָט אַליין מיט איר אָנגעהויבן איבעררוקן דאָס בעט.

ער האָט זיך אָנגעטאָן, און ביז מען האָט איינגעשפּאַנט די פערד, ווייל די פורמאַנעס זענען נאָך נישט געווען, איז ער ווידער אַרײַנגעלאָפן אין שלאָפצימער און נישט אויף די שפּיץ פינגער, נאָר אויף פליגל, ווי אים האָט זיך געדאַכט. צוויי מיידלעך האָבן זאָרגעוודיק עפּעס איבערגעשטעלט אין שלאָפצימער. קיטי איז אַרומגעגאַנגען און געשטריקט, שנעל אויפכאַפּנדיק די אויגן און האָט אַרויסגעגעבן פאַראָרדנונגען.

— איך פאָר שוין צום דאָקטאָר. נאָך עליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ איז מען שוין געפאָרן, אָבער איך וועל נאָך אויך צופאָרן. צי דאַרף מען נישט עפּעס? יאָ, צו דאָללין? — זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, משמעות נישט הערנדיק, וואָס ער זאָגט.

— יאָ, יאָ, גיי. — האָט זי שנעל אַ זאָג געטאָן, כמורענדיק זיך און מאַכנדיק צו אים מיט דער האַנט.

ער איז שוין געווען אין עסצימער, ווען אַ יעמערלעכער קרעכץ, וואָס האָט זיך גלייך איינגעשטילט, האָט זיך פלוצלינג דערהערט פון שלאָפצימער. ער איז שטיין געבליבן און האָט לאַנג נישט געקאָנט פאַרשטיין.

„יאָ, דאָס איז זי", האָט ער זיך אַליין געזאָגט און, אָנכאַפּנדיק זיך באַם קאָפּ, איז ער אַראָפּגעלאָפן אונטן.

— גאָט, זיי דיך מרחם! זיי מוחל, העלף! — האָט ער געמורמלט די ווערטער, וואָס זענען אים עפּעס פלוצלינג אומגעריכט אויף די ליפּן געקומען. און ער, דער אומגלויביקער מענטש, האָט געמורמלט די ווערטער נישט בלויז מיט די ליפּן. אַצינד, אין דער מינוט, האָט ער געוווסט, אַז נישט בלויז אַלע ספקות זיינע, נאָר אויך די אוממעגלעכקייט לויטן שכל צו גלייבן, וועלכע ער האָט געקענט אין זיך, שטערן אים נישט זיך צו ווענדן צו גאָט. דאָס אַלץ איז אַצינד ווי שטויב אַראָפּגעפלויגן פון זיין נשמה. צו וועמען דען זשע האָט ער זיך געהאַט צו ווענדן, אויב נישט צו דעם, אין וועמעס הענט ער האָט געפילט זיך, זיין נשמה און זיין ליבע?

דאָס פערד איז נאָך נישט געווען גרייט, אָבער, פילנדיק אין זיך אַ באַזונדערע געשפּאַנטקייט סיי פון די פיזישע כוחות סיי פון דער אויפמערקזאַמקייט צו דעם, וואָס ס'איז פאַרגעשטאַנען צו טון, כדי נישט צו

פארלירן קיין איין מינוט, האט ער נישט געווארט אויפן פערד, איז ארויסגעגאנגען צופוס און באפוילן קומען צו דערייאגן אים.

אין ראג האט ער באגעגנט א נאכט-באלעגאלע, וואס איז שנעל געפארן, אויף א קליין שליטעלע, אין א סאמעטן מאנטל, ארומגעבונדן מיט א טוך, איז געזעסן עליזאוועטא פעטראוונא. „דאנקען גאט, דאנקען גאט!" האט ער א זאג געטון, מיט באגייסטערונג דערקענענדיק איר קליין העל פנים, וואס האט אצינד געהאט א באזונדער ערנסטן, אפילו שטרענגן אויסדרוק. נישט באפעלנדיק דעם פורמאן צו שטעלן זיך, האט ער זיך געלאזט לויפן צוריק לעבן איר.

— איז א צוויי שעה? נישט מער? — האט זי געפרעגט. — איר וועט טרעפן פיאטר דמיטריעוויטשן, נאר יאגט אים נישט. און נעמט אפיום אין דער אפטייק.

— איז מיינט איר, אז עס קאן אדורכגיין בשלום? גאט, זיי דיך מרחם און העלף! האט לעווין א זאג געטון, דערזעענדיק זיין פערד, וואס איז שוין ארויסגעפארן פון טויער. ארייגעשפרונגען אין שליטן לעבן קוזמען, האט ער געהייסן פארן צום דאקטאר.

XIV.

דער דאקטאר איז נאך נישט געהאט אויפגעשטאנען, און דער לאקיי האט געזאגט, אז „זיי האבן זיך שפעט געלייגט און נישט געהייסן וועקן, נאר זיי וועלן באלד אויפשטיין". דער לאקיי האט געפוצט די לאמפן-גלעזלעך און האט אויסגעזעען זייער באשעפטיקט מיט דעם. דידאזיקע אויפמערקזאמקייט דעם לאקייס צו די גלעזלעך און זיין גלייכגילטיקייט צו דעם, וואס קומט פאר בא לעווינען, האט אים אין אנהייב פארוואונדערט, אבער באלד האט ער זיך איבערגעלייגט און פארשטאנען, אז קיינער ווייסט נישט און איז נישט מחויב צו וויסן זיינע געפילן און אז דעריבער דארף ער נאך מער האנדלען רויק, דורכגעטראכט און אנטשלאסן, כדי דורכצוברעכן דידאזיקע וואנט פון גלייכגילטיקייט און דערגרייכן זיין ציל. „נישט איילן זיך און גארנישט פארזעען", האט זיך לעווין געזאגט, פילנדיק אלץ א גרעסערן און גרעסערן אויפשטייג פון די

פיזישע כּוחות און אויפמערקזאַמקייט צו דעם אַלעם, וואָס ס׳איז פאַרגעשטאַנען צו טון.

געוואויר געוואָרן, אַז דער דאָקטאָר איז נאָך נישט אויפגעשטאַנען, האָט לעווין פון אַלע פּלענער, וואָס זענען אים פאַרגעשטאַנען, זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פאָלגנדן: קוזמאַ זאָל פאָרן מיט אַ צעטעלע צום צווייטן דאָקטאָר, און ער אַליין אין אַפּטייק אַריין נאָך אָפּיום. און אויב דער דאָקטאָר וועט נאָך נישט האָבן אויפגעשטאַנען, ווען ער וועט צוריקקומען, זאָל ער איבערקויפן דעם לאָקיי אָדער מיט געוואַלט, אויב דער לאָקיי וועט וועט נישט איינגיין, פאַר יעדן פּרייז אויפוועקן דעם דאָקטאָר.

אין אַפּטייק האָט אַ דאַרער פּראָוויזער מיט דער זעלבער גלייכגילטיקייט, מיט וועלכער דער לאָקיי האָט געפּוצט די גלעזלעך, מיט אַן אָפּלאַטקע פאַרקלעפּט פּראָשקעס פאַר אַ קוטשער, וואָס האָט צוגעוואַרט, און האָט אָפּגעזאָגט אין אָפּיום. לעווין האָט זיך באַמיט נישט צו איילן זיך, נישט צו היצן זיך, האָט אָנגערופן די נעמען פון די דאָקטוירים און פון דער אַקושערקע און דערקלערט נאָכוואָס ער דאַרף דעם אָפּיום, ביז ער האָט אים אָנגעהויבן איבערצייגן. דער פּראָוויזער האָט זיך אויף דייטש בּאַראַטן, צי ער זאָל געבן, און, באַקומענדיק פון הינטער דער פּאַרטיטור אַ הסכמה, האָט ער אַרויסגענומען אַ פלאַש, אַ לעיעק, פּאַמעלעך אָפּגעגאָסן פון דער גרויסער אין אַ קליין פלעשעלע אַריין, אויפגעקלעפּט אַ צעטעלע, פאַרחתמעט, נישט געקוקט אויף לעווינס בקשה דאָס נישט צו טון, און נאָך געוואָלט עס איינוויקלען. דאָס האָט שוין לעווין נישט געקאָנט אויסהאַלטן; ער האָט אַנטשלאָסן אויסגעריסן פון זיינע הענט דאָס פלעשעלע און איז אַרויסגעלאָפן דורך דער גרויסער גלעזערנער טיר. דער דאָקטאָר איז נאָך נישט געהאַט אויפגעשטאַנען, און דער לאָקיי, וואָס האָט זיך אַצינד פאַרנומען מיטן אויסשפּרייטן דעם טעפּיך, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו וועקן אים. לעווין האָט נישט געאיילט אַרויסצונעמען אַ צענרובלדיקע אַסיגנאַציע און פּאַמעלעך אַרויסרעדנדיק די ווערטער, אָבער אויך נישט פאַרלירנדיק קיין צייט, האָט ער אים דערלאַנגט די אַסיגנאַציע און דערקלערט, אַז פּיאָטר דמיטריעוויטש (ווי גרויס און וויכטיק האָט אַצינד אויסגעזען לעווינען דער פריער נישט וויכטיקער פּיאָטר דמיטריעוויטש) האָט צוגעזאָגט צו זיין צו יעדער צייט, אַז ער וועט זיכער נישט בייז זיין און אַז דעריבער זאָל ער אים גלייך וועקן.

דער לאָקיי האָט איינגעשטימט, איז אַרויפגעגאַנגען אינדערהייך און אַריינגעבעטן לעווינען אין אויפנאַם־צימער.

לעווין האָט געהערט הינטער דער טיר, ווי דער דאָקטאָר האָט געהוסט, זיך ארומגעדרייט, זיך געוואַשן און עפּעס גערעדט. עס זע־נען אריבער אַ דריי מינוט; לעווינען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס'איז שוין אריבער מער ווי אַ שעה. ער האָט שוין נישט געקאָנט מער וואַרטן.

— פּיאָטר דמיטריעוויטש, פּיאָטר דמיטריעוויטש! — האָט ער מיט אַ תחנונימדיק קול אַ זאָג געטון אין דער געעפנטער טיר אַריין. — ווי גאָט איז אייך ליב, אַנטשולדיקט מיר. נעמט מיך אויף, ווי עס איז. שוין מער ווי צוויי שעה.

— באַלד, באַלד! — האָט געענטפערט אַ קול; און לעווין האָט מיט פאַרוווּנדערונג געהערט, אַז דער דאָקטאָר האָט דאָס געזאָגט שמייכ־לענדיק.

— אויף איין מינוט.

— באַלד.

עס זענען אריבער נאָך צוויי מינוט, ביז דער דאָקטאָר האָט אָנ־געטון די שטיוול, און נאָך צוויי מינוט, ביז דער דאָקטאָר האָט אָנגעטון די מלבושים און זיך פאַרקעמט דעם קאָפּ.

— פּיאָטר דמיטריעוויטש! — האָט לעווין שוין ווידער מיט אַ רחמנותדיק קול געוואָלט אָנהייבן, נאָר אין דער צייט איז אַרויסגעקומען דער דאָקטאָר, אָן אָנגעטוענער און פאַרקעמטער. „דידאָזיקע מענטשן האָבן נישט קיין געוויסן, — האָט לעווין אַ קלער געטון. — צו קעמען זיך, בעת מיר קומען אום!"

— גוט מאָרגן! — האָט אים דער דאָקטאָר געזאָגט, דערלאַנגענדיק אים די האַנט און אַזוי ווי רייצנדיק זיך מיט אים. — איילט זיך נישט. נו?

באַמיענדיק זיך צו זיין ווי ווייט מעגלעך אויספירלעכער, האָט לעווין אָנגעהויבן דערציילן אַלע נישט נייטיקע פּרטים וועגן צושטאַנד פון ווייב, כסדר איבעררייסנדיק זיין דערציילן און בעטנדיק, אַז דער דאָקטאָר זאָל שוין מיט אים פאָרן.

— אָבער איילט אייך נישט, איר ווייס דאָך נישט. איך בין זיכער נישט נייטיק, נאָר איך האָב צוגעזאָגט און וועל זיין. אָבער עס איז זיך נישטאָ וואָס צו איילן. ביטע, זעצט זיך; איר וועט אפשר טרינקען קאַווע?

לעווין האָט אַ קוק געטון אויף אים, פרעגנדיק מיטן בליק, צי

ער לאַכט פון אים. אָבער דעם דאָקטאָר איז אפילו נישט איינגעפאַלן צו לאַכן.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס, — האָט דער דאָקטאָר שמייכלענדיק געזאָגט, — איך אַליין בין אַ פאַמיליען-מענטש; נאָר איר, מענער, ווערט אין די מינוטן די נעבעכדיקסטע מענטשן. איך האָב אַ פאַציענטין, אַנטלויפט איר מאַן שטענדיק באַ דעם אין דער פערדשטאַל אַריין.

— אָבער ווי מיינט איר, פיאָטר דמיטריעוויטש? איר מיינט, אַז עס קאָן דורכגיין בשלום?

— אַלע באַווייזן זענען פאַר אַ גוטן אויסגאַנג.

— ווערט איר גלייך קומען? — האָט לעווין געזאָגט, קוקנדיק מיט כעס אויפן דינער, וואָס האָט אַריינגעטראָגן די קאַווע.

— אין אַ שעה אַרום.

— ניין, ווי גאָט איז אייך ליב!

— נו, לאָזט-זשע מיך די קאַווע אויסטרינקען.

דער דאָקטאָר האָט זיך גענומען צו דער קאַווע. ביידע האָבן געשוויגן אַ ווײַלע.

— פונדעסטוועגן שלאָגט מען די טערקן. ווי עס געהער צו זיין. איר האָט געלייענט די נעכטיקע טעלעגראַמע? — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, קייענדיק די זעמל.

— ניין, איך קאָן נישט! — איז לעווין אויפגעשפּרונגען. — ווערט איר זיין אין אַ פערטל שעה אַרום?

— אין אַ האַלבער שעה אַרום.

— ערן וואָרט?

ווען לעווין איז צוריקגעקומען אַהיים, איז ער זיך צונויפגעפאָרן מיט דער פירשטין, און זיי זענען צוזאַמען צוגעגאַנגען צו דער טיר פון שלאָפצימער. די פירשטין האָט געהאַט טרערן אין די אויגן, און אירע הענט האָבן געציטערט. דערזעענדיק לעווינען, האָט זי אים אַרומגענומען און זיך צעוויינט.

— נו וואָס, האַרציקע ליזאַוועטאַ פעטראָוונאַ? — האָט זי געזאָגט, אָנכאַפּנדיק באַ דער האַנט ליזאַוועטאַ פעטראָוונען, וואָס איז זיי אַרויסגעקומען אַקעגן מיט אַ שיינענדיק און פאַרזאָרגט פּנים.

— עס גייט גוט, — האָט זי געזאָגט, — רעדט זי אָן צו לייגן זיך. עס וועט זיין לייכטער.

פון דער מינוט אָן, וואָס לעווין האָט אויפגעוואַכט און פאַרשטאַנען אין וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ער בּאַ זיך אָפּגעמאַכט נישט איבערצוטראַכטן, נישט פאָרצוזעען גאָרנישט, צו פאַרשליסן אַלע געדאַנקען און געפילן, נישט צו דענערווירן דאָס ווייב, נאָר, פאַרקערט, צו בּאַרויקן זי, אונטערהאַלטן איר מוט און אַנטשלאָסן אַריבּערטראָגן אַלץ, וואָס איס שטייט פאָר. ער האָט זיך נישט דערלויבּט אפילו צו טראַכטן וואָס ס'וועט זיין, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן. ער האָט זיך אויסגעפרעגט, ווי לאַנג דאָס געדויערט געווייגלעך, און אין זיין דמיון בּאַשלאָסן צו ליידן, צו האַלטן זיין האַרץ אין די הענט אַ פינף שעה. און דאָס האָט אים אויסגעזעען פאַר מעגלעך. אָבּער ווען ער איז צוריקגעקומען פון דאָקטאָר און האָט ווידער דערזעען איר ליידן, האָט ער אַלץ אָפטער און אָפטער אָנגעהויבּן איבּערצוחזרן: „גאָט, זיי מוחל, העלף”, צו זיפצן און אויפהייבּן דעם קאָפּ אינדערהייך און דערפילט אַ מורא, אַז ער וועט דאָס נישט אויסהאַלטן, וועט זיך צעוויינען אָדער אַנטלויפן: אַזוי פיינלעך איז אים געווען. און עס איז ערשט געהאַט אַריבּער בּלויז איין שעה.

אָבּער נאָך דערדאָזיקער שעה איז אַריבּער נאָך אַ שעה, צוויי, דריי, אַלע פינף שעה, וועלכע ער האָט זיך געשטעלט פאַר דעם ווייטסטן טערמין געדולדיק צו זיין, און די לאַגע איז נאָך אַלץ געווען די זעלבּע; און ער האָט נאָך אַלץ געליטן, ווייל עס איז נישט געווען גאָרנישט מער וואָס צו טון, ווי בּלויז צו ליידן, טראַכטנדיק יעדע מינוט, אַז ער האָט שוין דערגרייכט די לעצטע גרעניצן פון געדולד און אַז זיין האַרץ וועט אָט-אָט פּלאַצן פון מיטגעפיל.

אָבּער עס זענען אַריבּער נאָך מינוטן, שעהן און נאָך שעהן, און זיינע געפילן פון ליידן און שרעק זענען געוואַקסן און זענען נאָך מער געשפּאַנט געוואָרן.

די אַלע געווייגלעכע לעבּנס-בּאַדינגונגען, אָן וועלכע עס איז זיך נישט מעגלעך גאָרנישט פאָרצושטעלן, האָבּן מער נישט עקזיסטירט פאַר לעווינען. ער האָט פאַרלוירן דאָס בּאַוואוסטזיין פון דער צייט. דאָ האָבּן אים מינוטן אויסגעזעען ווי שעהן. בּאַזונדערס די מינוטן, ווען זי האָט אים גערופן צו זיך און ער האָט זי געהאַלטן בּאַ דער פאַרשוויצטער האַנט, וואָס אַמאָל האָט זי זיך צונויפגעדריקט מיט אַן אומגעווייגלעכער קראַפט, אַמאָל האָט זי אים אָפּגעשטויסן. דאָ האָבּן אים שעהן אויסגעזעען ווי מינוטן. ער איז געווען פאַרוואונדערט, ווען ליזאַוועטאַ פּיליפּאָווגאַ

האָט אים געבעטן אָנצוציינדן אַ ליכט הינטערן פּאַראַוואַן און ער איז געוואָר געוואָרן, אַז ס'איז שוין פינף אַ זייגער אינאָוונט. ווען מען וואָלט אים געזאָגט, אַז אַצינד איז ערשט צען אַ זייגער אינדערפרי, וואָלט ער זיך אויך פונקט אַזוי ווייניק געוווּנדערט. ווי ער איז געווען אין דער צייט, האָט ער אויך אַקוראַט אַזוי ווייניק געוווּסט, ווי ווען עפּעס איז פּאָרגעקומען. ער האָט געזען איר פאַרפלאַמט פּנים, וואָס דאָ איז עס געווען מבולבול און האָט געליטן, דאָ האָט עס געשמייכלט און אים באַרויקט. ער האָט אויך געזען די פירשטין, אַ רויטע, אָנגעשטרענגטע, מיט פונאַנדערגעפאַלענע גרויע האָר און אין טרערן, וועלכע זי האָט כּסדר געשלונגען, בייסנדיק זיך די ליפּן, האָט אויך געזען דאָללין, און דעם דאָקטאָר, וואָס האָט גערייכערט גראָבע פּאַפּיראָסן, און ליזאַוועטאַ פּעטראָוונען מיטן פעסטן, אַנטשלאָסענעם און באַרויקדיקן פּנים, און דעם אַלטן פירשט, וואָס האָט זיך געדרייט איבערן זאַל מיט אַן אָנגעכמורעט פּנים. אָבער ווי אַזוי זיי זענען געקומען און אַוועקגעגאַנגען, ווו זיי זענען געווען, האָט ער נישט געוווּסט. די פירשטין איז געווען דאָ מיטן דאָקטאָר אין שלאָפצימער, דאָ אין קאַבינעט, ווו ער האָט דערזען פאַר זיך אַ געדעקטן טיש; דאָ איז געווען נישט זי, נאָר דאָללי. דערנאָך האָט לעווין געדענקט, אַז מען האָט אים געשיקט ערגעץ. איינמאָל האָט מען אים געשיקט איבערטראָגן אַ טיש מיט אַ סאָפע. ער האָט דאָס מיט פלייס געטון, מיינענדיק, אַז דאָס איז נייטיק פאַר איר. און דערנאָך ערשט איז ער געוואָר געוואָרן, אַז דאָס האָט ער פאַר זיך אַליין צוגעגרייט אַ געלעגער. דערנאָך האָט מען אים אַריינגעשיקט צום דאָקטאָר אין קאַבינעט פרעגן עפּעס. דער דאָקטאָר האָט געענטפערט און דערנאָך אָנגעהויבן צו רעדן וועגן די אומאָרדנונגען אין ראַט. דערנאָך האָט מען אים געשיקט צו דער פירשטין אין שלאָפצימער אַריין ברענגען אַ בילד אין אַ זילבערנער, געגילדעטער ריזע, און ער איז מיט דער פירשטינס אַלטן שטובמיידל אַרויפגעקראָכן אויף אַ שענקעלע אַראָפּנעמען און האָט צעהאַקט דאָס אייל-לעמפּל, און דער פירשטינס שטובמיידל האָט אים באַרויקט וועגן ווייב און וועגן אייל-לעמפּל, און ער האָט געבראַכט דאָס בילד און עס אַוועקגעשטעלט צוקאָפּנס קיטין, פלייסיק אַרונטעררוקנדיק עס הינטער די קישנס. נאָר ווו, ווען און נאָכוואָס מען האָט דאָס אַלץ געדאַרפט, האָט ער נישט געוווּסט. ער האָט אויך נישט געוווּסט, פאַרוואָס די פירשטין האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט, רחמנותדיק געקוקט אויף אים און אים געבעטן ער זאָל זיך באַרויקן, און דאָללי האָט אים אָנגע-

רעדט צו עסן עפּעס און אים אַרויסגעפירט פון צימער, און אפילו דער דאָקטאָר האָט ערנסט און מיט מיטגעפיל געקוקט אויף אים און אים פאַרגעלייגט טראָפּנס.

ער האָט בלויז געוווּסט און געפילט, אַז דאָס, וואָס עס קומט פאָר, איז ענלעך צו דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען מיט אַ יאָר צוריק אין האָטעל פון דער גובערניע־שטאָט אויפן טויטן־בעט פון דעם ברודער ניקאָלאַי. נאָר יענץ איז געווען טרויער, דאָס איז פרייד. אָבער סיי יענער טרויער סיי די פרייד זענען אַלצאיינס געווען מחוץ אַלע געוויינלעכע לעבנס־באַדינגונגען, זענען אין דעם געוויינלעכן לעבן געווען אַזוי ווי עפענונגען, דורך וועלכע עס באַווייזט זיך עפּעס העכערס. און אַלצאיינס שווער, פּייגלעך האָט זיך אָנגערוקט דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען, און אַלציינס אומבאַגרייפלעך האָט, באַם אָנבליק פון דעמדאָזיקן העכערן, זיך אויפגעהויבן די נשמה אויף אַזאַ הייך, פון וועלכער זי האָט קיינמאָל פריער אפילו נישט געאָנט, און וווהין דער שכל האָט איר שוין נישט געקאָנט נאָכאיילן.

— „גאָט, זיי מוחל און העלף‟, האָט ער זיך כּסדר געחזרט, נישט געקוקט אויף דער שוין אַזוי לאַנגער און, דאַכט זיך, פולער פאַרפרעמדקייט, פילנדיק, אַז ער ווענדט זיך צו גאָט פּונקט אַזוי צוטרוילעך און איינפאַך, ווי אין די צייטן פון דער קינדהייט און פון דער ערשטער יוגנט.

דידאָזיקע גאַנצע צייט זענען באַ אים געווען צוויי באַזונדערע שטימונגען, איינע — מחוץ איר אָנוועזנהייט מיטן דאָקטאָר, וואָס האָט גערייכערט איין דיקן פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן און זיי פאַרלאָשן אָן ראַנד פון דעם פולן אַש־בעכער, מיט דאָללין און מיטן פירשט, ווו עס איז גערעדט געוואָרן וועגן מיטאָג, וועגן פּאָליטיק, וועגן מאַריאַ פּעטראָוונאַס קראַנקייט און ווו לעווין האָט פּלוצלינג אויף אַ מינוט אינגאַנצן פאַרגעסן, וואָס עס קומט פאָר, און האָט זיך געפילט ממש ווי אָן ערשט אויפגעוואַכטער, און אַ צווייטע שטימונג — אין איר אָנוועזנהייט, באַ איר צוקאָפּנס, ווו דאָס האַרץ האָט געוואָלט צעריסן ווערן און איז דאָך נישט צעריסן געוואָרן פון מיטלייד. און ער האָט כּסדר מתפּלל געווען צו גאָט. און איטלעכעס מאָל, ווען עס פלעגט אים פון אַ פאַרגעסענער מינוט אַרויספירן דאָס שרייען, וואָס פלעגט זיך דערהערן פון שלאָפצימער, פלעגט ער ווידער אַרונטערפאַלן אונטער דער זעלבער מאָדנער צעטראָגנקייט, וואָס האָט אים די ערשטע מינוט באַהערשט: איטלעכעס מאָל, ווען ער פלעגט דער־

הערן דאָס שרייען. פלעגט ער אויפשפרינגען, לויפן זיך פאַרענטפערן, זיך אויפן וועג דערמאָנען, אַז ער איז נישט שולדיק, און אים האָט זיך געוואָלט זיך פאַרטיידיקן, העלפן. אָבער, קוקנדיק אויף איר, האָט ער ווי־דער געזען, אַז העלפן קאָן מען נישט. און איז אַרייַנגעפאַלן אין אַ פּחד און האָט געזאָגט: „גאָט, זיי מוחל און העלף". און וואָס ווייטער די צייַט איז געגאַנגען, אַלץ שטאַרקער זענען געוואָרן בײדע שטימונגען: אַלץ רויִקער, אינגאַנצן פאַרגעסנדיק זי, איז ער געוואָרן מחוץ איר אָנוועזנהייט און אַלץ פּיינלעכער זענען געוואָרן סיי אירע לײדן, סיי דאָס געפיל פון הילפסלאָזיקייט לגבי איר. ער פלעגט אויפשפרינגען, פלעגט וועלן ערגעץ אַנטלויפן און פלעגט לויפן צו איר.

טייל מאָל, ווען זי פלעגט אים און ווידעראַמאָל רופן, פלעגט ער זי באַשולדיקן. אָבער, ווען ער פלעגט דערזעען איר אונטער־טעניק, שמייכלענדיק פּנים און דערהערן די ווערטער: „איך האָב דיך פאַרמאַטערט", פלעגט ער באַשולדיקן גאָט; אָבער דערמאָנט זיך אָן גאָט, פלעגט ער גלייך בעטן אים מוחל צו זיין און זיך מרחם זיין איבער אים.

XV.

ער האָט נישט געוווּסט, צי ס'איז שפּעט אָדער פרי. די ליכט זענען שוין אַלע געווען כמעט אויסגעברענט. דאָלי איז גאָר־וואָס געווען אין קאַבינעט און געבעטן דעם דאָקטאָר זיך צוצולעגן. לעווין איז געזעסן און אויסגעהערט דעם דאָקטאָרס דערציילן וועגן אַ שאַרלאַטאַן אַ מאַגנעטיזירער, און געקוקט אויפן אַש פון זיין פּאַפּיראָס. עס איז געווען אַ פּעריאָד פון אָפּרו און ער האָט זיך פאַרגעסן... ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, וואָס עס קומט פאָר אַצינד. ער האָט אויסגעהערט דעם דאָקטאָרס דערציילן און אים פאַרשטאַנען. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַן אויסטערליש שרייען. דאָס שרייען איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַז לעווין איז אפילו נישט אויפגעשפּרונגען, נאָר האָט. אָן אָטעם, דערשראָקן־פרעגנדיק אַ קוק געטון אויפן דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ אין אַ זייט, זיך איינ־געהערט און צופרידן אַ שמייכל געטון. אַלץ איז געווען אַזוי אומגעוויינלעך, אַז קיין שום זאַך האָט שוין נישט איבעראַשט לעווינען. „מסתמא דאַרף

מען אזוי, האָט ער אַ קלָער געטון און געבליבן ווייטער זיצן. וועמעס שרייען איז דאָס געווען ? ער איז אויפגעשפּרונגען, אויף די שפּיץ פינגער אריינגעלאָפן אין שלאָפצימער, אויסגעמיטן ליזאַוועטאַ פּעטראָווגען, די פּירשטין און זיך געשטעלט אויף זיין אָרט, צוקאָפּנס. דאָס שרייען האָט אויפגעהערט, נאָר עפּעס האָט זיך געענדערט אַצינד. וואָס — האָט ער נישט געזעען און נישט פארשטאַנען, און נישט געוואָלט זעען און פאַרשטיין. אָבער ער האָט דאָס געזעען לויט ליזאַוועטאַ פּעטראָוונעס פּנים: ליזאַוועטאַ פּעטראָווגעס פּנים איז געווען שטרענג און בלייך און נאָך אַלץ אַזוי אַנטשלאָסן, הגם אירע קינבאַקן האָבן אַ ביסל געציטערט און אירע אויגן זענען געווען שאַרף אַנגעשטעלט אויף קיטין. קיטיס פאַרפלאַמטע אויסגעמאַטערטע פּנים מיטן צוגעקלעפּטן לאָק האָר צום פאַרשוויצטן שטערן איז געווען געווענדט צו אים און האָט געזוכט זיין בליק. די אויפגעהויבענע הענט האָבן זיך געבעטן זיינע הענט. אָנכאַפּנדיק מיט די פאַרשוויצטע הענט זיינע קאַלטע הענט, האָט זי זיי אָנגעהויבן צודריקן צו איר פּנים.

— גיי נישט אַוועק, גיי נישט אַוועק! איך האָב נישט מורא, איך האָב נישט מורא! — האָט זי שנעל גערעדט. — מאַמאַ, נעמט צו די אויערינגלעך. זיי שטערן מיך. דו האָסט נישט קיין מורא? שוין באַלד, באַלד, ליזאַוועטאַ פּעטראָווגאַ...

זי האָט גערעדט שנעל, שנעל און געוואָלט אַ שמייכל טון. נאָר פּלוצלינג איז איר פּנים צעקרימט געוואָרן, זי האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך.

— ניין, דאָס איז שרעקלעך! איך וועל שטאַרבן, שטאַרבן! גיי, גיי! — האָט זי אַ געשריי געטון, און ווידער האָט זיך דערהערט דאָס אויסטערלישע שרייען.

לעווין האָט זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ און איז אַרויסגעלאָפן פון צימער.

— ס'איז גאָרנישט, גאָרנישט, אַלץ איז גוט! — האָט דאָלי אַ זאָג געטון נאָכגייענדיק.

אָבער וואָס זיי זאָלן נישט געווען זאָגן, האָט ער געוווסט, אַז אַצינד איז אַלץ פאַרלוירן. צוגעפּאַלן מיטן קאָפּ צוםביישטידל פון דער טיר איז ער געשטאַנען אין שכנותדיקן צימער און געהערט עמעצנס נאָך קיינמאָל נישט געהערטע קוויטשען, רעווען, און ער האָט געוווסט, אַז דאָס שרייט דאָס, וואָס ס'איז פריער געווען קיטי. קיין קינד האָט ער שוין

לאַנג נישט געוואָלט. ער האָט אַצינד געהאַסט דאָסדאָזיקע קינד. ער האָט אַצינד אפילו נישט געוואָלט איר לעבן. ער האָט בלויז געוואָלט, אַז די־דאָזיקע שרעקלעכע יסורים זאָלן אויפהערן.

— דאָקטאָר! וואָס־זשע איז דאָס? וואָס־זשע איז דאָס? גאָט מיי־נער! — האָט ער געזאָגט, אָנכאַפּנדיק בײַ דער האַנט דעם אַריינגייענ־דיקן דאָקטאָר.

— עס ענדיקט זיך, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. און דעם דאָקטאָרס פּנים איז געווען אַזוי ערנסט, ווען ער האָט דאָס געזאָגט, אַז לעווין האָט פֿאַרשטאַנען ע ס ע נ ד י ק ט זיך אין זינען — זי שטאַרבט.

נישט ווייסנדיק, וואָס עס טוט זיך מיט אים, איז ער אַריינגעלאָפן אין שלאָפצימער. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזען, איז געווען ליזאַוועטאַ פּעטראָוונעס פּנים. עס איז געווען נאָך אָנגעכמורעטער און שטרענ־גער. קיטיס פּנים איז נישט געווען. אויף דעם אָרט, וווּ דאָס פּנים איז פֿריער געווען, איז געווען עפּעס שרעקלעכס סיי לויט דער פֿאָרם פֿון אָנשטרענגונג סיי לויטן קלאַנג, וואָס איז פֿון דאָרט אַרויסגעגאַנגען. ער איז צוגעפֿאַלן מיטן קאָפּ צום האָלץ פֿון בעט, פֿילנדיק, אַז זיין האַרץ ווערט צעריסן. דאָס שרעקלעכע שרייען האָט נישט אויפגעהערט, עס איז געוואָרן נאָך שרעקלעכער און, אַזוי ווי דערגרייכנדיק ביז צו דער לעצטער גרענעץ פֿון שרעקלעכקייט, איז עס פּלוצלינג שטיל געוואָרן. לעווין האָט נישט געגלייבט זיינע אויערן, אָבער מען האָט נישט געקאָנט צווייפֿלען: דאָס שרייען איז שטיל געוואָרן, און עס האָט זיך געהערט אַ שטיל פּאָרען, אַ שאָרכן און גיך אָטעמען, און איר איבערגעריסן, לעבעדיק און צאַרט, גליקלעך קול האָט שטיל געזאָגט: „געענדיקט“.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. מיט מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזטע הענט אויף דער קאָלדרע, אָן אומגעווייניקלעך הערלעכע און שטילע, האָט זי שווייגנדיק געקוקט אויף אים און געוואָלט און נישט געקאָנט קיין שמייכל טון.

און פֿון דערדאָזיקער געהיימנישפֿולער און שרעקלעכער, נישט אונזעריקער וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט דידאָזיקע צוויי און צוואָנציק שעה, האָט לעווין פּלוצלינג זיך אויגנבליקלעך דערפֿילט אַריבערגעטראָגן אין דער פֿריערדיקער, געוויינלעכער וועלט, וואָס האָט אָבער אַצינד געלויכטן מיט אַזאַ נייער ליכטיקייט פֿון גליק, אַז ער האָט עס נישט אויסגעהאַלטן. שלוכצן און פֿריידיקע טרערן, וועלכע ער האָט בשום אופֿן נישט פֿאַרגעזן, האָבן מיט אַזאַ קראַפֿט זיך אויפֿגעהויבן אין אים.

טרייסטלענדיק זיין גאַנצן קערפּער, אַז זיי האָבן אים לאַנג געשטערט צו רעדן.

אַנידערגעפאַלן אויף די קניען פאַרן ווייבס בעט, האָט ער געהאַלטן בײַ די ליפן דעם ווייבס האַנט און זי געקושט, און דידאָזיקע האַנט האָט מיט אַ לייכט באַוועגן פון די פינגער אָפּגעענטפערט אויף זיינע קושן. און צופוסנס פון בעט האָט דערווייל אין די געשיקטע הענט פון ליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ זיך געוויגט דאָס לעבן פון אַ מענטשלעך וועזן, וואָס איז פריער קיינמאָל נישט געווען און וואָס וועט מיט די זעלבע רעכט, מיט דער זעלבער וויכטיקייט פאַר זיך, ווייטער לעבן און געבוירן ענלעכע צו זיך.

— עס לעבט! עס לעבט! דערצו איז עס נאָך אַ יונגל! באַאומרויקט זיך נישט, — האָט לעווין דערהערט דאָס קול פון ליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ, וואָס האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט געפּאַטשט דעם קינד איבערן רוקן.

— מאַמאַ, ס'איז אמת? — האָט קיטיס קול געפרעגט.

בלויז דער פּירשטינס כליפּען האָט איר געענטפערט.

און אין דער שטילקייט האָט, ווי אַן אומצווייפלהאַפטער ענטפער אויף דער מוטערס פראַגע, זיך דערהערט אַ קול גאָר אַן אַנדערס, ווי דאָס קול פון אַלע אַנדערע, וואָס האָבן איינגעהאַלטן גערעדט אין צימער. דאָס איז געווען אַ דרייסט, עזותדיק שרייען פון אַ ניי מענטשלעך וועזן, וואָס האָט זיך מיט גאָרנישט געוואָלט רעכענען און עס איז געווען אומפאַרשטענדלעך פונוואַנען עס האָט זיך דערנומען.

ווען מען וואָלט פריער לעווינען געזאָגט, אַז קיטי איז געשטאָרבן, אַז ער איז מיט איר מיטגעשטאָרבן, אַז זיי האָבן קינדער מלאכים און אַז גאָט געפינט זיך דאָ פאַר זיי, — וואָלט ער זיך איבער גאָרנישט געוווּנדערט: אָבער אַצינד, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין דער וועלט פון ווירקלעכקייט, האָט ער געדאַרפט שטאַרק אָנשטרענגען דעם געדאַנק, כדי צו פאַרשטיין, אַז זי לעבט, איז געזונט און אַז דאָס וועזן, וואָס שרייט אַזוי הויך, איז זיין זון. קיטי לעבט, די יסורים האָבן זיך געענדיקט. און ער איז געווען אומגעהייער גליקלעך. דאָס האָט ער פאַרשטאַנען און מיט דעם איז ער געווען פולשטענדיק גליקלעך. אָבער דאָס קינד? פונוואַנען, באַכוואָס, ווער איז עס?.. ער האָט בשום אופן זיך נישט געקאָנט צוגעוווינען צו דעם געדאַנק. דאָס האָט אים אויסגעזען ווי עפּעס איבעריקס, איבערמעסיקס, צו וועלכן ער האָט זיך לאַנג נישט געקאָנט צוגעוווינען.

XVI.

צען אַ זייגער איז דער אַלטער פירשט, סערגיי איוואַנאָוויטש און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזעסן בּאַ לעווינען און, נאָכדעם ווי זיי האָבּן גערעדט אַ בּיסל וועגן דער קימפּעטאָרין, האָבּן זיי אויך פּאַרפירט אַ געשפּרעך וועגן זייטיקע זאַכן. לעווין האָט זיי געהערט און נישט ווילנדיק בעת דעמדאָזיקן געשפּרעך זיך דערמאַנט דאָס פּאַרגאַנגענע, דאָס, וואָס ס'איז פּאָרגעקומען ביז דעם היינטיקן פרימאָרגן, און אויך דאָס ווי אַזוי ער האָט זיך געפילט נעכטן, איידער דאָס איז פּאָרגעקומען. פּונקט ווי הונדערט יאָר וואָלטן שוין געהאַט אַריבּער פון יענער צייט. ער האָט זיך געפילט אויף עפּעס אַן אומדערגרייכבּאַרער הייך, פון וועלכער ער האָט זיך בּאַמיט זיך אַראָפּצולאָזן, כדי נישט צו בּאַליידיקן די, מיט וועלכע ער האָט גערעדט. ער האָט גערעדט און כסדר געטראַכט וועגן ווייב, וועגן די פּרטים פון איר איצטיקן צושטאַנד און וועגן זון, וואָס צום געדאַנק וועגן זיין עקזיסטענץ האָט ער זיך כסדר בּאַמיט צוצוגעוויינען. די גאַנצע פרויען-וועלט, וואָס האָט בּאַקומען פאַר אים אַ נייע, גאָר אומבּאַקאַנטע בּאַדייטונג, זינט ער האָט חתונה געהאַט, האָט אַצינד אין זיין בּאַגריף זיך אויפגעהויבּן אַזוי הויך, אַז ער האָט זי נישט געקאָנט מיטן געדאַנק אַרומנעמען. ער האָט געהערט דעם געשפּרעך וועגן דעם נעכטיקן מיטאָג אין קלוב און געטראַכט: „וואָס קומט אַציגד פאָר מיט איר? צי איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן? ווי פילט זי זיך? וואָס טראַכט זי? צי שרייט דער זון דמיטרי?” אין מיטן געשפּרעך, אין מיטן פון אַ פראַזע איז ער אויפגעשפּרונגען און אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

— שיק מיר זאָגן, צי מען קאָן צו איר אַריינגיין, — האָט דער פירשט געזאָגט.

— גוט, בּאַלד, — האָט לעווין געענטפערט און איז, נישט אָפּשטעלנדיק זיך, אַריינגעגאַנגען צו איר.

זי איז נישט געשלאָפן און האָט רויק גערעדט מיט דער מוטער, מאַכנדיק פּלענער וועגן דער פאָרשטייענדער טויפונג.

אַן אָנגעטוענע, אַ פאַרקעמטע, אין אַ פאַרפּוצט הייבּל מיט עפּעס בּלויס, די הענט אויסגעגלייכט איבּער דער קאָלדרע, איז זי געלעגן אויפן

דרוקן. זי האָט אים אויפגענומען מיט אַ בליק, און מיטן בליק אים צו זיך צוגעצויגן. איר בליק, וואָס איז אַזוי אויך ליכטיק געווען, איז נאָך ליכטיקער געוואָרן, וואָס מער ער האָט זיך דערנענטערט צו איר. אויף איר פּנים איז געווען די זעלבע ענדערונג פון ערדישן צו נישט ערדישן, וואָס מען זעט אויף פּנימער פון געשטאָרבענע; נאָר דאָרט איז געווענונג, דאָ באַגעגעניש. ווידער איז אַן אויפרעגונג, ענלעך צו דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די מינוטן פון די געבורט־ווייען, אים צוגעטרעטן צום האַרץ. זי האָט אָנגענומען זיין האַנט און געפרעגט, צי ער איז געשלאָפן. ער האָט נישט געקאָנט ענטפערן און זיך אַוועקגעדרייט, איבערציינגנדיק זיך אין זיין שוואַכקייט.

— און איך האָב אַ ביסל געדרימלט, קאָסטיאַ! — האָט זי אים געזאָגט. — און מיר איז אַצינד אַזוי גוט.

זי האָט געקוקט אויף אים, אָבער פּלוצלינג האָט זיך איר אויסדרוק געענדערט.

— גיט אים מיר, — האָט זי געזאָגט, דערהערנדיק אַ פּישטש פון קינד. — גיט אים, ליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ, וועט ער אים אויך זען.

— מילא, זאָל דער פּאַפּאַ אַ קוק טון. — האָט ליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ געזאָגט, אויפהייבנדיק און צוטראָגנדיק עפּעס רויטס, אויסטערלישס און שלאַבעריקס. — וואַרט צו, מיר וועלן זיך פריער אָנטון, — און ליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ האָט אַרויפגעלייגט דאָסדאָזיקע שלאַבעריקע און רויטע אויפן בעט, האָט אָנגעהויבן איבערוויקלען דאָס קינד, מיט איין פינגער אויפהייבנדיק עס, איבערדרייענדיק און איינשיטנדיק מיט עפּעס.

קוקנדיק אויף דעמדאָזיקן נעבעכדיקן פּיצעלע, האָט לעווין בחינם זיך אָנגעשטרענגט צו געפינען אין זיין האַרץ וועלכע־ס'איז סימנים פון פּאָטערלעכן געפיל דערצו. ער האָט געפילט דערצו בלויז אַ ווידערווילן. נאָר ווען מען האָט עס אויסגעטון און עס האָבן זיך באַוויזן די דינינקע־דינינקע הענטעלעך, די שאַפרענע פיסעלעך, אויך מיט פינגערלעך, און אפילו מיט אַ גרויסן פינגער, וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון די איבעריקע, און ווען ער האָט דערזען, ווי ליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ האָט דידאָזיקע סטאַרטשענדיקע הענטעלעך איינגעקלאַמערט אין דער וויקלשניר, איז אים באַפאַלן אַזאַ רחמנות צו דעמדאָזיקן פּיצעלע און אַזאַ שרעק, אַז זי וועט עס נאָך שלעכטס טון, אַז ער האָט זי בײַ דער האַנט אָנגעכאַפּט.

— האָט נישט מורא, האָט נישט מורא!

ווען דאָס קינד איז שוין געווען געוויקלט און פאַרוואַנדלט אין אַ האַרט ליאַלקעלע, האָט ליזאַוועטע פּעטראָוונאַ עס אַ קאַליער-איבער געטון, אַזוי ווי שטאָלצירנדיק מיט איר אַרבעט, און זיך אָפּגערוקט, אַז לעווין זאָל קאָנען זעען דעם זון אין זיין גאַנצער פּראַכט.

קיטי האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן און אויך זייטיק געקוקט אַהין. — גיט אים מיר, גיט אים! — האָט זי געזאָגט און זיך שוין אפילו געוואָלט אויפהייבן.

— וואָס טוט זיך מיט אייך, קאַטערינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, אַזעלכע באַוועגונגען טאָר מען נישט מאַכן! וואַרט-צו, איך וועל אים אייך געבן. אָט וועלן מיר דעם פּאַפּאַ זיך באַווייזן, וואָס פאַר אַ ווילער בחור מיר זענען.

און ליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ האָט אויף איין האַנט אויפגעהויבן צו לעווינען (די צווייטע האָט בלויז מיט די פינגער אונטערגעהאַלטן די זיך דרייענדיקע פּאָטעליצע) דאָסדאָזיקע מערקווירדיקע רויטע ווען, וואָס האָט געדרייט מיטן קעפּעלע און עס באַהאַלטן אונטערן ברעג פון דער ראָגעווקע. אָבער עס איז געווען אויך אַ נאָז, שיקלענדיקע אויגן און טשמאָקענדיקע ליפּן.

— אַ הערלעך קינד! — האָט ליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ געזאָגט.

לעווין האָט באַטריבט אַ זיפץ געטון. דאָסדאָזיקע הערלעכע קינד האָט אַרויסגערופן בא אים בלויז אַ געפיל פון איבל און רחמנות. דאָס איז געווען לגמרי נישט דאָס געפיל, וועלכעס ער האָט דערוואַרט.

ער האָט זיך אָוועקגעדרייט, ביז ליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ האָט אים צוגעלייגט צו דער נישט געוויינטער ברוסט. דאָס קינד האָט אָנגענומען די ברוסט.

— נו, גענוג, גענוג! — האָט ליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ געזאָגט, אָבער קיטי האָט עס נישט אַרויסגעלאָזט. עס איז אַנטשלאָפן געוואָרן אויף אירע הענט.

— אַצינד גיב אַ קוק, — האָט קיטי געזאָגט, אויסדרייענדיק צו אים דאָס קינד אַזוי, אַז ער זאָל עס קאָנען זעען. דאָס זקנישע פּנימל האָט זיך פּלוצלינג נאָך מער פאַרקריכט, און דאָס קינד האָט אַ ניס געטון.

שמייכלענדיק און קוים איינהאַלטנדיק די טרערן פון גערירטקייט,

האָט לעווין אַ קוש געטון דעם ווייב און איז אַרויסגעגאַנגען פון טונקעלן צימער.

דאָס, וואָס ער האָט געפילט צו דעמדאָזיקן קליינעם ווען, איז געווען לגמרי נישט דאָס, וואָס ער האָט דערוואַרט. קיין שום פריילעכס און פריידיקס איז נישט געווען אין דעמדאָזיקן געפיל; פאַרקערט, דאָס איז געווען אַ נייע פּיינלעכע שרעק. דאָס איז געווען אַ ניי אָנערקענט געביט פון ליידן. און דידאָזיקע אָנערקענונג איז די ערשטע צייט געווען אַזוי פּיינלעך, אַז די שרעק פאַר דעם, אַז דאָסדאָזיקע קליינע ווען זאָל נישט פון עפּעס ליידן, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז איבער דעם איז אפילו נישט באַמערקבאַר געווען דאָס אויסטערלישע געפיל פון אומזיניקער פרייד און אפילו שטאָלצקייט, וואָס ער האָט געפילט, ווען דאָס קינד האָט אַ ניס געטון.

XVII.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס עסקים האָבן זיך געפינען אין אַ שלעכטער לאַגע.

דאָס געלט פאַר צווי דריטל וואַלד איז שוין געווען פאַרלעבט און פאַרן אַראָפּרעכענען צען פּראָצענט האָט ער באַקומען באַם סוחר פאַרויס כמעט די גאַנצע סומע פאַרן לעצטן דריטל. דער סוחר האָט מער נישט געוואָלט געבן קיין געלט, בפרט אַז דעם ווינטער האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אָפן אַרויסגערוקט אירע רעכט אויף איר פאַרמעגן און זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן אויפן קאָנטראַקט וועגן דעם באַקומענעם געלט פאַרן לעצטן דריטל וואַלד. דאָס גאַנצע געהאַלט איז אַוועקגעגאַנגען אויף די היימישע הוצאות און אויפן באַצאָלן די קליינע חובות, וועלכע מען האָט שוין נישט געקאָנט אָפּלייגן. קיין געלט איז אינגאַנצן נישט געווען.

דאָס איז געווען נישט אָנגענעם, נישט באַקוועם און האָט, לויט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס מיינונג, נישט געטאָרט אַזוי לאַנג געדויערן. די סיבה פון דעם איז, לויט זיין מיינונג, באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט באַקומען צו ווייניק געהאַלט. דער אמת, וועלכן ער האָט פאַרנומען, איז געווען משמעות זייער גוט מיט פינף יאָר צוריק, אָבער אַצינד איז שוין געווען עפּעס אַנדערש. פּעטראָוו — אַלס דירעקטאָר פון אַ באַנק — האָט באַקומען 12.000; סוועטניצקי — אַלס מיטגליד פון אַ געזעלשאַפט —

האָט באַקומען 17.000 ; מיטין, וואָס האָט געגרינדעט אַ באַנק, האָט באַקומען 50.000. „משמעות איך בין איינגעשלאָפן און מען האָט פאַרגעסן אָן מיר“. האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געטראַכט וועגן זיך. און ער האָט זיך אָנגעהויבן צוהערן, צוקוקן און האָט אין סוף ווינטער אויסגעקוקט זייער אַ גוטן אַמט און אָנגעהויבן אַן אָנגריף אויף אים, מתחילת פון מאָסקווע— דורך די מומעס, פעטערס, פריינט, און דערנאָך, ווען די זאַך איז רייף געוואָרן, איז ער פרילינג אַליין געפאָרן קיין פעטערבורג. דאָס איז געווען אַן אַמט, אויף וועלכן מען האָט געקאָנט אוואַנסירן ביז 50.000 אַ יאָר געהאַלט, אַן אַמט פון אַ קאָמיסיע-מיטגליד פון גרויסע דרומדיקע אייזנבאַן-אָפּעראַציעס און באַנק-אינסטיטוציעס. דערדאָזיקער אַמט האָט געפאָדערט אַזאַ גרויס וויסן און אָנגעשטרענגטע טעטיקייט, וועלכע ס'איז שווער געווען צו פאַרייניקן אין איין מענטש. און אַזוי ווי עס איז נישט געווען קיין מענטש, וואָס זאָל פאַרייניקן אין זיך דידאָזיקע אַלע מעלות, איז פונדעסטוועגן גלייכער געווען, אַז דעמדאָזיקן אַמט זאָל פאַרנעמען אַן ערלעכער, איידער נישט ערלעכער מענטש. און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז געווען נישט בלויז אַ מענטש אַן ערלעכער (אָן אַקצענטירונג), נאָר ער איז געווען אַן ערלעכער מענטש (מיט אַקצענטירונג), מיט דער באַזונדערער באַדייטונג, וואָס דאָסדאָזיקע וואָרט האָט אין מאָסקווע, ווען מען זאָגט: אַן ערלעכער טוער, אַן ערלעכער שרייבער, אַן ערלעכער זשורנאַל, אַן ערלעכע אינסטיטוציע, אַן ערלעכע ריכטונג, און וואָס באַדייט נישט בלויז, אַז דער מענטש אָדער די אינסטיטוציע זענען נישט אומערלעך, נאָר אויך דאָס, אַז זיי זענען פעיק בײַ אַ געלעגנהייט אַרונטערצולאָזן אַ שפּילקע דער רעגירונג. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט זיך געדרייט אין מאָסקווע אין די קרייזן, ווו דאָסדאָזיקע וואָרט איז איינגעפירט געווען, האָט זיך גערעכנט פאַר אַן ערלעכן מענטש און האָט דעריבער געהאַט מער רעכט ווי אַנדערע אויף דעמדאָזיקן אַמט.

דערדאָזיקער אַמט האָט געגעבן פון זיבן ביז צען טויזנט אַ יאָר, און אַבלאָנסקי האָט אים געקאָנט פאַרנעמען, נישט פאַרלאָזנדיק זיין קאַזיאָנע אַמט. דערדאָזיקער אַמט איז געווען אָפּהענגיק פון צוויי מיניסטאָרן, פון איין דאַמע און פון צוויי יידן, און הגם דידאָזיקע אַלע מענטשן זענען שוין געווען צוגעגרייט, האָט זיי סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש פונדעסטוועגן געדאַרפט זען אין פעטערבורג. חוץ דעם, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געהאַט צוגעזאָגט דער שוועסטער אַננען אַרויסצוקריגן פון קאַרע-

נינען אן אנטשלאסענעם ענטפער וועגן דעם גס. און, אויסבעטנדיק באַ דאַלין פינפציק רובל, איז ער אוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג.

זיצנדיק אין קארענינס קאבינעט און אויסהערנדיק זיינע פראָיעקטן וועגן די סיבות פון דעם שלעכטן באשטאנד פון די רוסישע פינאנסן, האָט סטעפאן ארקאדיעוויטש בלויז אפגעוואַרט די מינוט, ווען ער וועט ענדיקן, כדי אנצוהייבן א געשפרעך וועגן זיין ענין און וועגן אננען.

— יאָ, דאָס איז זייער אמת, — האָט ער געזאָגט, ווען אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש האָט אויסגעטון די pince-nez, און וועלכע ער האָט אצינד נישט געקאָנט לייענען, און האָט מיט א פראגע א קוק געטון אויפן געוועזענעם שוואָגער, — דאָס איז זייער אמת אין די פרטים, נאָר טונדעסט וועגן איז דער פרינציפ פון אונזער צייט — פרייהייט.

— יאָ, אָבער איך שטעל ארויס א צווייטן פרינציפ, וועלכער נעמט ארום דעם פרינציפ פון פרייהייט, — האָט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש געזאָגט, אקצענטירנדיק די ווערטער „וואָס נעמט ארום" און ווידער אָנטוענדיק די pince-nez, כדי ווידער איבערצולייענען דעם הערער דאָס אָרט, וו דאָס טאַקע איז געזאָגט געוואָרן.

און א זוך טוענדיק אין דעם שיין-געשריבענעם כתב-יד מיט די ברייטע ראנדן, האָט אלעקסיי אלעקסאנדראָוויטש נאָכאמאָל איבערגעלייענט דאָס איבערצייגנדע אָרט.

— איך וויל נישט דאָס סיסטעם פון פראָטעקציע, נישט פאַר דער באקוועמלעכקייט פון פריוואַטע פערזאָנען, נאָר פאַר דעם אלגעמיינעם ווילזיין — אלצא-ינס פאַר די נידעריקסטע ווי פאַר די העכסטע קלאסן, — האָט ער געזאָגט, אריבערקוקנדיק איבער די pince-nez אויף אָבלאָנסקין. — אָבער זיי קאָנען דאָס נישט פארשטיין, זיי זענען פארנומען בלויז מיט זייערע פערזענלעכע אינטערעסן און עקזאלטירן זיך מיט פראַזן.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האָט געוווסט, אז ווען קארענין האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם, וואָס עס טוען און טראכטן זיי, די זעלבע, וועלכע ווילן נישט אננעמען זיינע פראָיעקטן און זענען די סיבה פון דעם גאנצן שלעכטס אין רוסלאַנד, אז דעמאָלט איז שוין נאָענט צום סוף, און דעריבער האָט ער זיך גערן אפגעזאָגט אצינד פון דעם פרינציפ פון פרייהייט און האָט אינגאנצן מסכים געווען. אלעקסיי אלעק-

סאַנדראָוויטש איז שטיל געבליבן, פאַרטראַכט איבערמישנדיק זיין כתב-יד.

— אָך, אגב, — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, — האָב איך דיך געוואָלט בעטן באַ א געלעגנהייט, ווען דו וועסט דיך זעען מיט פאָמאַרסקין, צו זאָגן אים עטלעכע ווערטער וועגן דעם, אַז איך וואָלט מיר זייער געווינטשן צו פאַרנעמען דעם אַמט פון קאָמיסיע-מיטגליד פון דער פאַראייניקטער אַגענטור פון די דרומדיקע אייזנבאַנען. — סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש איז שוין געווינט געוואָרן צו דעם נאָמען פון דעמדאָזיקן אַמט, וואָס איז אים אַזוי געפעלן געוואָרן, און ער האָט אים, אָן טעות, שנעל אַרויסגעזאָגט.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך אויסגעפרעגט, אין וואָס עס באַשטייט די טעטיקייט פון דערדאָזיקער נייער קאָמיסיע, און האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט נאָכגעטראַכט, צי ס'איז נישטאָ אין דער טעטיקייט פון דערדאָזיקער קאָמיסיע עפּעס קעגנזעצלעכס צו זיינע פּראָיעקטן. נאָר אַזוי ווי די טעטיקייט פון דערדאָזיקער נייער אינסטיטוציע איז געווען זייער פאַרוויקלט און זיינע פּראָיעקטן האָבן אַרומגענומען זייער אַ גרויס געביט, האָט ער נישט געקאָנט גלייך קומען צו אַ החלטה וועגן דעם און, אויסטוענדיק די pince-nez, האָט ער געזאָגט:

— אָן ספק, איך קאָן אים זאָגן; אָבער נאָכוואָס אייגנטלעך ווילסטו פאַרנעמען דעמדאָזיקן אַמט?

— דער געהאַלט איז אַ גוטער, ביז נײַן טויזנט, און מיינע מיטלען...

— נײַן טויזנט, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איבערגע-חזרט און זיך אָנגעכמורעט.

דער הויכער ציפער פון דעמדאָזיקן געהאַלט האָט אים דערמאָנט, אַז פון דער זייט איז סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשס געפּלאַנטע טעטיקייט קעגן דעם הויפּט-זינען פון זיינע פּראָיעקטן, וואָס זענען שטענדיק געגייגט גע-ווען צו עקאָנאָמיע.

— איך האַלט, און האָב אָנגעשריבן אַ נאָטיץ וועגן דעם, אַז אין אונזער צייט זענען דידאָזיקע הויכע געהאַלטן אַ סימן פון אַ פאַלשער עקאָנאָמישער assiette פון אונזער אָנפירונג.

— וואָס-זשע דען ווילסטו? — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש גע-זאָגט. — נו, לאָמיר זאָגן, אַ דירעקטאָר פון אַ באַנק באַקומט צען טויזנט, — ער איז דאָך דאָס ווערט. אָדער אָן אינזשיניער באַקומט צוואַנ-ציק טויזנט. ווי דו ווילסט, דאָס איז דאָך אַ גרויסע אַרבעט.

— איך מיין, אַז געהאַלט איז אַ פּרייז, וואָס ווערט געצאָלט פאַר סחורה, און ער דאַרף זיין אונטערגעוואָרפן דעם געזעץ פון נאָכפראַגע און אָנבאָט. אויב אָבער דאָס באַשטימען געהאַלט טרעט אָפּ פון דעמדאָזיקן געזעץ, ווי, למשל, ווען איך זע, אַז עס טרעטן אַרויס פון אינסטיטוט צוויי אינזשיניערן, וואָס ביידע קאָנען גלייך און זענען גלייך פעיק, און איינער באַקומט פערציק טויזנט, און דער צווייטער באַנוגנט זיך מיט צוויי טויזנט; אָדער ווען אַלס דירעקטאָרן פון געזעלשאַפטלכע בענק ווערן מיט אַ ריזיקן געהאַלט באַשטימט אַדוואָקאַטן, הוזאַרן, וואָס האָבן נישט קיין שום באַזונדערע ידיעות, — קום איך צום באַשלוס, אַז געהאַלט ווערט באַשטימט נישט לויטן געזעץ פון נאָכפראַגע און אָנבאָט, נאָר פשוט לויט פּערזענלעכער סימפּאַטיע. און דאָס איז מיסברויך, וואָס איז וויכטיק פאַר זיך גופא און רופט זיך שעדלעך אָפּ אויף דער מלוכהשער דינסט. איך מיין...

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געאיילט איבערצושלאָגן דעם שוואָגער.

— יאָ, נאָר דו מוזסט דאָך מסכים זיין, אַז עס עפנט זיך אַ נייע, אָן ספק נוצלעכע אינסטיטוציע. ווי דו זאָלסט נישט זאָגן, עס איז פאָרט אַ וויכטיקע אונטערנעמונג! עס גייט באַזונדערס אין דעם, אַז דער ענין זאָל געפירט ווערן ערלעך, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַקצענטירנדיק געזאָגט.

אָבער די מאָסקווער באַדייטונג פון ע ר ל ע ך איז נישט פאַרשטענדלעך געווען פאַר אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן.

— ערלעכקייט איז בלויז אַ נעגאַטיווע אייגנשאַפט, — האָט ער געזאָגט.

— אָבער דו וועסט מיר פונדעסטוועגן טון אַ גרויסע טובה, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, — ווען וועסט אַ שמועס טון מיט פּאָמאָרסקין. אַזוי, דרך אגב.

— דאָס איז דאָך, דאַכט זיך, מער אָפּהענגיק פון באָלגאַרינאָוון, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט.

— באָלגאַרינאָוו איז פון זיין זייט פולשטענדיק איינשטימיק, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט רויט ווערנדיק.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז רויט געוואָרן באַם דערמאָנען אָן באָלגאַרינאָוון, ווייל ער איז דעם זעלבן טאָג אינדערפרי געהאַט געווען באַ דעם

ייד באָלגאַרינאָוו, און דערדאָזיקער וויזיט האָט איבערגעלאָזט באַ אים אַ נישט אָנגענעמע דערינערונג.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געוווּסט אויף זיכער, אַז דאָסדאָזיקע געשעפט, וועלכן ער האָט געוואָלט דינען, איז אַ נײַ, רירעוודיק און ערלעך געשעפט; אָבער הײַנט אינדערפרי, ווען באָלגאַרינאָוו האָט אים, משמעות, בכיוון געלאָזט וואַרטן צוויי שעה צוזאַמען מיט די איבעריקע אינטערעסאַנטן אין אויפנאַמצימער, איז אים פּלוצלינג געוואָרן אומבאַקוועם.

צי עס איז אים געווען אומבאַקוועם דאָס, וואָס ער, רוריקס אַן אייניקל, דער פירשט אָבלאָנסקי, מוז וואַרטן צוויי שעה אין אויפנאַמצימער פון אַ ייד, אָדער דאָס, וואָס צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער נישט נאָכגעטון דעם בײַשפּיל פון זײַנע זיידעס, דינענדיק דער מלוכה, נאָר האָט זיך אויסגעקליבן אַן אַנדערן וועג, — אַזוי צי אַזוי, אָבער עס איז אים געווען זייער אומבאַקוועם. אין משך פון די צוויי שעה, וואָס סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן איז אויסגעקומען צו וואַרטן באַ באָלגאַרינאָוון, האָט ער זיך האָפערדיק געדרייט איבערן אויפנאַמצימער, זיך געגלעט די באַקנבערד, אַרײַנגעטרעטן אין אַ געשפּרעך מיט אַנדערע אינטערעסאַנטן, צוגעטראַכט אַ קאַלאַמבור, וועלכן ער וועט דערציילן, ווי אַזוי אים איז אויסגעקומען צו וואַרטן באַ אַ ייד און פלײַסיק זיך באַמיט צו פאַרבאָרגן זײַן איבערגעלעבט געפיל פאַר אַנדערע און אפילו פאַר זיך אַליין.

אָבער אים איז די גאַנצע צײַט געווען אומבאַקוועם און פאַרדראָסיק, ער האָט אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס: צי דערפאַר וואָס פון דעם קאַלאַמבור איז גאָרנישט אַרויסגעקומען, אָדער איבער עפּעס אַנדערש. ווען אָבער באָלגאַרינאָוו האָט אים שוין ענדלעך מיט אומגעוויינלעכער העפלעכקייט אויפגענומען, משמעות טריומפירנדיק איבער זײַן דערנידערונג, און אים כמעט אָפּגעזאָגט, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש זיך געאײַלט וואָס שנעלער צו פאַרגעסן אָן דעם. און ערשט אַצינד, ווען ער האָט זיך דערמאַנט, איז ער רויט געוואָרן.

XIII.

— אצינד האָב איך נאָך אַן ענין, און דו ווייסט וואָסערן... וועגן אננען, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, שוויינענדיק אַ ווײַלע און באַפרייענדיק זיך פון דעמדאָזיקן נישט אָנגענעמען איינדרוק.

ווי נאָר אָבלאָנסקי האָט אָנגערופן אננעס נאָמען, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס פּנים זיך פולשטענדיק געענדערט: אָנשטאָט דער פריערדיקער הייטערקייט, האָט עס אויסגעדריקט מידקייט און טויטקייט.

— וואָס אייגנטלעך פאַרלאַנגט איר פון מיר? — האָט ער געזאָגט, זיך אַ דריי טוענדיק אויף דער שטול און פאַרמאַכנדיק זיין pince-nez.

— אַן אָנטשיידונג, עפּעס אַן אָנטשיידונג, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. איך ווענד מיך אצינד נישט (ווי צו קיין באַליידיקטן מאַן, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געוואָלט זאָגן, אָבער מורא געהאַט מיט דעם נישט קאַליע צו מאַכן דעם ענין און עס פאַרביטן מיט די ווערטער) נישט ווי צו קיין מלוכה-מאַן (וואָס עס איז אַרויסגעקומען נישט אויפן אָרט), נאָר פּשוט ווי צו אַ מענטש, און צו אַ גוטן מענטש און אַ קריסט. דו דאַרפט רחמנות האָבן אויף איר. — האָט ער געזאָגט.

— דאָס הייסט אייגנטלעך פאַרוואָס? — האָט קארענין שטיל געזאָגט.

— יאָ, רחמנות האָבן אויף איר. ווען דו וואָלסט זי געזעען, ווי איך — איך האָב פאַרבראַכט דעם גאַנצן זומער מיט איר — וואָלסטו זיך דערבאַרעמט איבער איר. איר לאַגע איז שרעקלעך, טאַקע שרעקלעך.

— מיר האָט זיך געדאַכט, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געענטפערט מיט אַ דינערן, כמעט קוויטשעדיקן קול, — אַז אננא אַרקאַדיעוונא האָט דאָס אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט.

— אַך, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, ווי גאָט איז דיר ליב, לאָמיר נישט מאַכן קיין רעקרימינאַציעס! וואָס ס'איז געווען איז געווען, און דו ווייסט דאָך, וואָס זי פאַרלאַנגט און דערוואַרט פון דיר — אַ גט.

— אָבער איך האָב געמיינט, אַז אננא אַרקאַדיעוונא זאָגט זיך אָפּ

פון אַ גט אין דעם פאַל, ווען איך פאָדער איבערצולאָזן בײַ מיר דעם זון. איך האָב אַזוי טאַקע געענטפערט און האָב געמיינט, אַז דער ענין איז פאַרענדיקט. איך האַלט אים פאַר פאַרענדיקט, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַ קווישש געטון.

— אָבער, אום גאָטס ווילן, ווער נישט אויפגערעגט, — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, זיך צורירנדיק צום שוואָגערס קני. — דער ענין איז נישט פאַרענדיקט. אויב דו וועסט מיר דערלויבן צו רעקאַפּיטולירן, איז די זאַך געווען אַזוי: ווען איר האָט אייך צעשיידט ביסטו געווען גרויס, ווי מען קאָן נאָר זײַן גרויסמוטיק; דו האָסט איר אַוועקגעגעבן אַלץ — די פרייהייט, ביסט אפילו גרייט געווען איר צו געבן אַ גט. זי האָט דאָס אָפּגעשאַצט. ניין, דו מייַן נישט, טאַקע אָפּגעשאַצט. אַזוי ווייט, אַז אין די ערשטע מינוטן, פילנדיק איר שולד קעגן דיר, האָט זי נישט באַקלערט און איז נישט אימשטאַנד געווען אַלץ צו באַקלערן. זי האָט זיך פון אַלעם אָפּגעזאָגט. אָבער דיווירקלעכקייט, די צייט האָבן געוויזן, אַז איר לאַגע איז אַ פּײַנלעכע און אוממעגלעכע.

— אננאַ אַרקאַדיעוונאַס לעבן קאָן מיך נישט אינטערעסירן, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איבערגעשלאָגן, אויפהייבנדיק די ברעמען.

— דערלויב מיר נישט צו גלייבן, — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש ווייך דערווידערט. — איר לאַגע איז אי פּײַנלעך פאַר איר, אי אָן דעם מינדסטן נוצן פאַר וועמען עס איז אַנדערש. זי האָט זי זיך פאַרדינט, וועסטו זאָגן. זי ווייסט דאָס און בעט דיך נישט; זי זאָגט גלייך, אַז זי וואַגט גאָרנישט צו בעטן. נאָר איך, מיר אַלע קרובים, אַלע, וואָס האָבן זי ליב, בעטן דיך. צוליב וואָס פּײַניקט זי זיך? ווער האָט פון דעם אַ נוצן?

— דערלויבט, איר שטעלט מיך, דאַכט זיך, אין דער לאַגע פון אַ באַשולדיקטן, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַ זאָג געטון.

— אָבער ניין, אָבער ניין, לגמרי נישט, דו פאַרשטיי מיך, — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, זיך ווידער צורירנדיק צו זײַן קני, ווי ער וואָלט איבערצייגט געווען, אַז דיזאַזיקע צורירונג וועט ווייכער מאַכן דעם שוואָגער. — איך זאָג בלויז איינס: איר לאַגע איז אַ פּײַנלעכע און זי קאָן פאַרגרינגערט ווערן דורך דיר, און דו וועסט גאָרנישט פאַרלירן. דו האָסט דאָך צוגעזאָגט.

— דער צוזאָג איז געגעבן געוואָרן פריער. און איך האָב געמיינט,

אַז די פֿראַגע וועגן זון האָט געלייזט דעם ענין. הוצדעם האָב איך געהאָפֿט, אַז אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ וועט האָבן אַזוי פֿיל גרויסמוטיקייט, — האָט מיט אָנשטרענגונג, מיט טרייסלענדיקע ליפּן אַרויסגערעדט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, וואָס איז בלייך געוואָרן.

— זי פֿאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויף דיין גרויסמוטיקייט. זי בעט דיך, זי בעט דיך תּחנונימדיק וועגן איינס — אַרויסצופֿירן זי פֿון דערדאָזיקער אוממעגלעכער לאַגע, אין וועלכער זי געפֿינט זיך. זי בעט שוין נישט דעם זון. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, דו ביסט אַ גוטער מענטש. גיי אויף אַן אויגנבליק אַריין אין איר לאַגע. די פֿראַגע וועגן גט איז פֿאַר איר אין איר לאַגע — אַ פֿראַגע פֿון לעבן און טויט. ווען דו וואָלסט איר נישט געהאַט פֿריער צוגעזאָגט, וואָלט זי שלום געשלאָסן מיט איר לאַגע, וואָלט געלעבט אין דאָרף. אָבער דו האָסט צוגעזאָגט, זי האָט דיר אָנגעשריבן און איז אַריבערגעפֿאָרן קיין מאָסקווע. און אין מאָסקווע, וווּ יעדע באַגעגעניש איז פֿאַר איר אַ מעסער אין האַרץ, לעבט זי שוין אַזוי זעקס חדשים און וואַרט מיט יעדן טאָג אויף דיין אַנטשיידונג. דאָס איז דאָך גלייך, ווי מען האַלט אַ טויט־פֿאַראורטיילטן חדשים לאַנג מיט דער פּעטלע אויפֿן האַלז, אים צוזאָגנדיק אפשר טויט, אפשר באַגנעדיקונג. זיי דיך מרחם איבער איר, און הוצדעם נעם איך מיך אונטער אַלץ אַזוי איינצואָרדנען... Vos scrupules...

— איך רעד נישט וועגן דעם, וועגן דעם... — האָט אים אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש מיט איבל איבערגעשלאָגן. — אָבער אפשר האָב איך צוגעזאָגט דאָס, וואָס איך האָב נישט געהאַט קיין רעכט צוצוזאָגן.

— זאָגסטו אָפּ אין דעם, וואָס דו האָסט צוגעזאָגט?

— איך האָב מיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט אין דעם, וואָס ס'איז מעגלעך, אָבער איך וויל האָבן צייט צו באַקלערן, אויף וויפֿיל דאָס צוגעזאָגטע איז מעגלעך.

— ניין, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, — האָט אָבלאָנסקי אויפֿשפּרינגענדיק אַ זאָג געטון, — איך וויל נישט גלייבן אין דעם! זי איז אַזוי אומגליקלעך, ווי עס קאָן נאָר זיין אומגליקלעך אַ פֿרוי, און דו טאָרסט נישט אָפּזאָגן אין אַזאַ...

— אויף וויפֿיל דאָס צוגעזאָגטע איז מעגלעך. Vous professez d'etre un libre penseur. אָבער איך, ווי אַ מענטש אַ גלויביקער, קאָן נישט אין אַזאַ וויכטיקן ענין האַנדלען קעגן דעם קריסטלעכן געזעץ.

— אָבער, אויף וויפיל איך ווייס, איז אַ גט דערלאָזבאַר אויך אין אונזערע קריסטלעכע געזעלשאַפטן, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט. — אַ גט איז אויך דערלאָזבאַר דורך אונזער קירכע. און מיר זעען...

— דערלאָזבאַר, אָבער נישט אין דעם זינען.

— אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, איך דערקען דיך נישט, — האָט אָבלאָנסקי געזאָגט. שווייגנדיק אַ ווײַלע. — צי האָסטו דען נישט אַלץ מוחל געווען (און צי האָבן מיר דען דאָס נישט אָפּגעשאַצט?) און, באַוויגן טאַקע דורך דעמדאָזיקן קריסטלעכן געפיל, ביסטו דען נישט גרייט געווען אַלץ מקריב צו זײַן? דו האָסט אַליין געזאָגט — מען דאַרף אַוועקגעבן אויך דעם קאַפּטן, ווען מען פאָדערט בײַ דיר דאָס העמד, און אַצינד...

— איך בעט. — האָט פּלוצלינג מיט אַ קוויטשעדיק קול אַ זאָג געטון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, אויפשטייענדיק אַ בלייכער און מיט אַ ציטערדיקן קין, — איך בעט אײַך איבערצורײַסן, איבערצורײַסן... דעמדאָזיקן געשפּרעך...

— אַך, ניין! נו, אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט מיר, אויב איך האָב אײַך פאַרשאַפט עגמת נפש, — האָט מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל אַ זאָג געטון סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, אויסשטרעקנדיק די האַנט, — אָבער איך האָב פונדעסטוועגן, ווי אַ שליח, איבערגעגעבן בלויז מײַן אויפטראַג.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט דערלאַנגט זײַן האַנט, זיך פאַרטראַכט און אַ זאָג געטון:

— איך דאַרף מיך באַקלערן און געפינען מאַטיוון. איבערמאָרגן וועל איך אײַך געבן אַן ענדגילטיקן ענטפער, — האָט ער נאָך אַ קלײַנעם ישוב־הדעת אַ זאָג געטון.

XIX.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, ווען קאָרנעי איז אַריינגעקומען מעלדן:

— סערגיי אַלעקסייעוויטש!

— ווער איז דאָס סערגיי אַלעקסייעוויטש? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש שוין געוואָלט אָנהייבן, אָבער גלייך זיך דערמאַנט.

— אַך, סעריאָזשאַ! — האָט ער געזאָגט. „סערגיי אַלעקסייעוויטש. איך האָב געמיינט, דער דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט. אַננאַ האָט מיך טאַקע געבעטן צו זען אים“, האָט ער זיך דערמאַנט.

און ער האָט זיך דערמאַנט יענעם אומטערטעניקן, נעבעכדיקן אויסדרוק, מיט וועלכן אַננאַ האָט, באַגלייטנדיק אים, געזאָגט: „דו וועסט דאָך אים פונדעסטוועגן זען. ווער געוויר אויספירלעך, ווו ער איז, ווער עס גיט אַכטונג אויף אים. און, סטיוואַ... אויב עס וועט מעגלעך זיין! עס קאָן דאָך מעגלעך זיין?“ סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט פאַרשטאַנען, וואָס עס האָט באַדייט דאָזיקע „אויב עס וועט מעגלעך זיין“: אויב עס וועט מעגלעך זיין דורכצופירן דעם גט אזוי, אַז מען זאָל איר אָוועקגעבן דעם זון... אַצינד האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזען, אַז וועגן דעם איז גאָרנישטאָ וואָס צו טראַכטן, דאָך איז ער צופרידן געווען צו זען דעם פּלימעניק.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט דערמאַנט דעם שוואָגער, אַז פאַרן זון רעדט מען קיינמאָל נישט וועגן דער מוטער און אַז ער בעט אים מיט קיין וואָרט נישט צו דערמאַנען וועגן איר.

— ער איז געווען זייער קראַנק נאָך יענער זעונג מיט דער מוטער, וועלכע מיר האָבן נישט באַוויזן אויסצומיידן, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט. — מיר האָבן אפילו מורא געהאַט פאַר זיין לעבן. אָבער די פאַרנונפטיקע קוראַציע און די ים-בעדער זומער-צייט האָבן פאַרבעסערט זיין געזונט און אַצינד האָב איך אים, לויט דער עצה פון דאָקטאָר, אַריינגעגעבן אין שול. ווירקלעך, די השפּעה פון די חברים האָט אויף אים גוט געווירקט, און ער איז אינגאַנצן געזונט און לערנט זיך גוט.

— סאַראַ פיינער בחור ער איז געוואָרן! שוין גאָרנישט קיין סעריאָזשאַ נאָר אַ גאַנצער סערגיי אַלעקסייעוויטש! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט מיט אַ שמייכל, קוקנדיק אויף דעם שיינעם, ברייטן יינגל אין אַ בלויער קורטקע און לאַנגע הויזן, וואָס איז האָפּערדיק און דרייסט אַריינגעקומען. דאָס יינגל האָט אויסגעזעען געזונט און פריילעך. ער האָט זיך פאַרנייגט פאַרן פעטער, ווי פאַר אַ פרעמדן, אָבער נאָכדעם ווי ער האָט אים דערקענט, איז ער רויט געוואָרן און, אַזוי ווי באַליידיקט און אויפגערעגט פון עפּעס, האָט ער זיך אייליק אַוועקגעדרייט פון אים. דאָס יינגל איז צוגעגאַנגען צום פאָטער און אים דערלאַנגט אַ צעטעלע וועגן די באַלן, וואָס ער האָט באַקומען אין שול.

— נו, דאָס איז זייער פיין, — האָט דער פאָטער געזאָגט, — קאָנסט גיין.

— ער איז דאַרער געוואָרן, איז אויסגעוואַקסן און האָט אויפגעהערט צו זיין אַ קינד, נאָר איז געוואָרן אַ יינגל; איך האָב דאָס ליב, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט. — דו געדענקסט מיך?

דאָס יינגל האָט געוואָרפן אַ שנעלן בליק אויפן פאָטער.

— איך געדענק, mon oncle, — האָט ער געענטפערט, אַ בליק טוענדיק אויפן פעטער, און ווידער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט.

דער פעטער האָט צוגערופן דאָס יינגל און אים אָנגענומען בא דער האַנט.

— נו, וואָס־זשע, ווי גייען די געשעפטן? — האָט ער געזאָגט, וועלנדיק אָנהייבן צו רעדן, און נישט וויסנדיק, וואָס צו זאָגן.

דאָס יינגל איז רויט געוואָרן, האָט גאָרנישט געענטפערט און פאַרזיכטיק אַ ציי געטון זיין האַנט פון פעטערס האַנט אַרויס. ווי באַלד סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אַרויסגעלאָזט זיין האַנט, איז ער, ווי אַ פויגל, וואָס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי, מיט אַ שנעלן טריט אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

עס איז אַריבער אַ יאָר, זינט סעריאָזשאַ האָט דאָס לעצטע מאָל געזען זיין מוטער. פון דעמאָלט אָן האָט ער מער נישט געהערט וועגן איר. און אין זעלבן יאָר איז ער אַריינגעגעבן געוואָרן אין שול און האָט זיך באַקענט און האָט ליב געקריגן די חברים. די טרוימען און דערינערונגען וועגן דער מוטער, וועלכע האָבן נאָך דער זעונג מיט איר אים קראַנק געמאַכט, האָבן אים שוין אַצינד נישט אינטערעסירט. ווען זיי פלעגן קומען צו אים, פלעגט ער זיי פלייסיק פאַרטרייבן פון זיך, האַלטנדיק זיי

פאַר בזיונדיק און פאַסיק בלויז פאַר מיידלעך, אָבער נישט פאַר אַ ייִנגל און אַ חבר. ער האָט געוווּסט, אַז צווישן טאַטע־מאַמע איז פאָרגעקומען אַ קריג, וואָס האָט זיי צעשיידט, געוווּסט, אַז אים איז באַשערט געווען צו בלייבן מיטן פאָטער און זיך באַמיט זיך צוצוגעוויינען צו דעם געדאַנק.

דערזעען דעם פעטער, וואָס איז ענלעך געווען צו דער מוטער, איז אים געווען אָנגענעם, ווייל דאָס האָט אַרויסגערופן באַ אים יענע דערינערונגען, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר בזיונדיק. דאָס איז אים געווען נאָך מער אָנגענעם דערפאַר, וואָס פון געוויסע ווערטער, וועלכע ער האָט געהערט, צוואַרטנדיק באַ דער טיר פון קאַבינעט, האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אַז זיי האָבן געמוזט רעדן וועגן דער מוטער. און כדי נישט צו פאַראורטיילן דעם פאָטער, מיט וועלכן ער האָט געלעבט און פון וועלכן ער איז אָפּהענגיק געווען, און דער עיקר כדי נישט באַהערשט צו ווערן פון דער גערירטקייט, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר אַזוי דערנידעריקענד, האָט סעריאָזשאַ זיך באַמיט נישט צו קוקן אויף דעם פעטער, וועלכער איז געקומען צעשטערן זיין רו, און נישט צו טראַכטן וועגן דעם, אָן וועלכן ער האָט דערמאָנט.

אָבער ווען סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, וואָס איז נאָך אים אַרויסגעגאַנגען, האָט אים דערזעען אויף די טרעפּ, אים צוגערופן צו זיך און געפרעגט, ווי אַזוי ער פאַרברענגט די צייט אין שול צווישן די קלאַסן, האָט סעריאָזשאַ, מחוץ דער אָנוועזנהייט פון פאָטער, פאַרפירט אַ שמועס מיט אים.

— באַ אונדז גייט אַצינד אַ באַן, — האָט ער געזאָגט, ענטפערנדיק אויף זיין פראַגע. — דאָס, זעט איר, ווערט געמאַכט אַזוי: צוויי זעצן זיך אַרויף אויף אַ באַנק. דאָס זענען די פּאַסאַזשירן. און איינער שטעלט זיך אַרויף אויף דער באַנק. און אַלע שפּאַנען זיך איין. מען קאָן מיט די הענט, מען קאָן אויך מיט די פּאַסקעס, און גיבן זיך אַ לאָז דורך אַלע זאַלן. די טירן זענען שוין פון פריער געעפנט. נו, און באַ דעם איז זייער שווער צו זיין קאָנדוקטאָר!

— דער, וואָס שטייט אויף דער באַנק? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש שמייכלענדיק געפרעגט.

— יאָ, דאָ איז נייטיק אי דרייסטקייט אי געשיקטקייט, באַזונדערס, ווען מען גיט זיך פּלוצלינג אַ שטעל אָפּ אָדער ווען עמעצער פאַלט אַראָפּ.

— יאָ, דאָס איז נישט קיין שפּילעכל, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיע־וויטש געזאָגט, מיט טרויער זיך איינקוקנדיק אין דידאָזיקע לעבהאַפטע אויגן דער מוטערס, וואָס זענען שוין אַצינד געווען נישט קינדעריש, שוין נישט דורכאויס אומשולדיק. און הגם ער האָט צוגעזאָגט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן נישט צו רעדן וועגן אַנגען, האָט ער נישט אויסגע־האַלטן.

— דו געדענקסט די מוטער? — האָט ער פּלוצלינג גע־פרעגט.

— ניין, איך געדענק נישט, — האָט סעריאָזשאַ שנעל אַ זאָג געטון און, ווערנדיק שטאַרק רויט, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. און דער פעטער האָט שוין מער גאָרנישט געקאָנט אַרויסקריגן פון אים.

דער סלאַוויאַנער דער גוווערניאָר האָט אין אַ האַלבער שעה אַרום געפונען זיין דערציִונגס־זון אויף די טרעפּ און לאַנג נישט געקאָנט פאַר־שטיין, צי ער איז בייז אָדער ער וויינט.

— וואָס־זשע, איר האָט זיך אוודאי אַ קלאַפּ געטון, ווען איר זענט געפאַלן? — האָט דער גוווערניאָר געזאָגט. — איך האָב גע־זאָגט, אַז דאָס איז אַ געפערלעכער שפּיל. און מען דאַרף זאָגן דעם דירעקטאָר.

— ווען איך וואָלט מיר אפילו אַ קלאַפּ געטון, וואָלט אויך קיי־נער נישט באַמערקט. דאָס איז שוין זיכער.

— נו, איז וואָס־זשע?

— לאָזט מיך אָפּ!... צי איך געדענק יאָ... צי איך געדענק נישט... וואָס גייט דאָס אים אָן? נאָכוואָס דאַרף איך געדענקען? לאָזט מיך צורו! — האָט ער זיך שוין געווענדט נישט צום גוווערניאָר, נאָר צו דער גאַנצער וועלט.

XX.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט, ווי תמיד, נישט מיט ליידיק-גיין פאַרברענגט די צייט אין פעטערבורג. אין פעטערבורג האָט ער חוץ די ענינים: דער שוועסטערס גט און דעם אַמט, נאָך געדאַרפט זיך אויפפרישן נאָך דער מאָסקווער פאַרשימלטקייט, ווי ער פלעגט זאָגן.

נישט געקוקט אויף אירע cafés chantants און אָמניבוסן, איז מאָסקווע דאָך געווען אַ שטייענדיקער זומפ. דאָס האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש שטענדיק געפילט. אָפלעבנדיק אין מאָסקווע אַ שטיקל צייט, באַזונדערס אין דער נאָענטקייט פון דער פאַמיליע, האָט ער געפילט, אַז ער פאַרלירט דעם מוט. אָפלעבנדיק כסדר אַ לאַנגע צייט אין מאָסקווע, איז ער דערגאַנגען צו דעם, אַז ער האָט אָנגעהויבן אַריינפאַלן אין אַ שלעכטער שטימונג און עס האָבן אים אָנגעהויבן באַאומרויקן דעם ווייבס פאָרווורפן, דאָס געזונט, די דערציונג פון די קינדער, די קליינע אינטערעסן פון זיין דינסט; אפילו דאָס, וואָס ער האָט קליינע חובות, האָט אים באַאומרויקט. אָבער עס איז גענוג געווען צו קומען און לעבן אַ ביסל אין פעטערבורג, אין דעם קרייז, אין וועלכן ער האָט פאַרקערט, וו מען האָט געלעבט, טאַקע געלעבט, און דידאָזיקע אַלע געדאַנקען זענען פאַרשווונדן געוואָרן און צעגאַנגען, ווי וואַקס אויפן פייער.

דאָס ווייב?... ערשט היינט האָט ער גערעדט מיטן פירשט טשעטשענסקי. דער פירשט טשעטשענסקי האָט אַ ווייב מיט אַ פאַמיליע — דערוואַקסענע פאַזשן-קינדער, און האָט אויך אַ צווייטע, נישט געזעצלעכע פאַמיליע, פון וועלכער ער האָט אויך געהאַט קינדער. הגם די ערשטע פאַמיליע איז אויך געווען אַ גוטע, האָט דער פירשט טשעטשענסקי זיך געפילט גליקלעכער אין דער צווייטער פאַמיליע. און האָט געפירט זיין עלטערן זון אין דער צווייטער פאַמיליע אַריין און דאָס געהאַלטן פאַר נוצלעך און אויפקלערנד פאַרן זון. וואָס וואָלט מען אויף דעם געזאָגט אין מאָסקווע?

די קינדער?.. אין פעטערבורג האָבן די קינדער נישט געשטערט די פאָטערס צו לעבן. די קינדער זענען דערצויגן געוואָרן אין אַנשטאַלטן, און עס איז נישט געווען דערדאָזיקער, וואָס האָט זיך פאַרשפרייט אין

מאָסקווע — לוואָו, למשל — ווילדער באַגריף, אַז די קינדער געהערט דער גאַנצער לוקסוס פון לעבן, און די עלטערן בלויז די אַרבעט און זאָרג. דאָ האָט מען פאַרשטאַנען, אַז אַ מענטש איז מחויב צו לעבן פאַר זיך, ווי אַ געבילדעטער מענטש דאַרף לעבן.

די דינסט ?.. די דינסט איז דאָ אויך נישט געווען יענע שווערע, האָפנונגסלאָזע יאָך, אין וועלכער מען איז כסדר געגאַנגען אין מאָסקווע; דאָ איז געווען אינטערעס אין דער דינסט. אַ באַגעגעניש, אַ טובהלע, אַ פיין ווערטל, און דער מענטש האָט פלוצלינג געמאַכט אַ קאַריערע, ווי בריאַנצעוו, וועלכן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט נעכטן באַגעגנט און וועלכער איז אַצינד געווען אַ הויכער באַאַמטער. דידאָזיקע דינסט האָט געהאַט אינטערעס.

באַזונדערס אָבער האָט דער פּעטערבורגער בליק אויף די געלט-ענינים באַרויקענד געווירקט אויף סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן. באַרטניאַנסקי, וואָס פאַרלעבט, לויט דעם frain, וועלכן ער פירט, מינדעסטנס פינפציק טויזנט, האָט נעכטן וועגן דעם געזאָגט אַן אויסגעצייכנט וואָרט.

צעשמועסנדיק זיך פאַרן מיטאָג, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט באַרטניאַנסקין:

— דו ביסט, דאַכט זיך, נאָענט מיט מאָרדווינסקין; דו קאָנסט מיר טון אַ טובה, זאָג אים, איך בעט דיך, פאַר מיר אַ גוט וואָרט. עס איז דאָ אַן אַמט, וועלכן איך וואָלט געוואָלט פאַרנעמען. אַלס מיטגליד פון דער אַגענטור...

— נו, איך וועל סיי־ווי נישט געדענקען... אָבער נאָכוואָס דאַרפסטו דידאָזיקע אייזנבאַן-געשעפטן מיט די ייִדן ?... ווי דו ווילסט דיר, עס איז פאָרט עקלהאַפט.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אים נישט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פיי-נער ענין: באַרטניאַנסקי וואָלט דאָס נישט פאַרשטאַנען.

— געלט איז נייטיק, נישטאָ פאַרוואָס צו לעבן.

— לעבסט דאָך ?

— איך לעב, אָבער די חובות.

— וואָס רעדסטו ? אַ סך ? — האָט באַרטניאַנסקי מיט מיטגעפיל געזאָגט.

— זייער אַ סך, אַ צוואַנציק טויזנט.

באַרטניאַנסקי האָט זיך פריילעך צעלאַכט.

— אָ, גליקלעכער מענטש! — האָט ער געזאָגט. — איך בין שול-

דיק אַנדערהאַלבן מיליאָן און פאַרמאָג גאָרנישט, און ווי דו זעסט, קאָן מען נאָך לעבן!

און סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט נישט בלויז אויפן וואָרט, נאָר באַשיינפּערלעך געזען די גערעכטיקייט פון דעמדאָזיקן. זשיוואַכאָוו האָט געהאַט דרייהונדערט טויזנט חובות און קיין קאָפּיקע באַ דער נשמה. און האָט פונדעסטוועגן געלעבט, און נאָך ווי אַזוי געלעבט! דעם גראַף קריפּ-צאָוו האָבן שוין לאַנג אַלע געהאַלטן פאַר אַ פאַרטיקן, און ער האָט נאָך אויפגעהאַלטן צוויי. פּעטראָווסקי האָט פאַרלעבט פינף מיליאָן און האָט נאָך אַלץ ווייטער אַזוי געלעבט און אפילו פאַרוואַלטעט מיט פינאַנסן און באַקומען צוואַנציק טויזנט געהאַלט. אַבער, חוצדעם, האָט פּעטערבורג פיזיש אָנגענעם געווירקט אויף סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשן. פּעטערבורג האָט אים יונג געמאַכט. אין מאָסקווע פלעגט ער שוין אַמאָל דערזען אַ גרויע האָר באַ זיך, פלעגט שוין איינשלאָפן נאָכן מיטאָג, זיך ציען, מיט אַ שווערן טריט און שווערן אָטעם אַרויפגיין אויף די טרעפּ, זיך לאַנגווײַלן מיט יונגע פרויען, נישט טאַנצן אויף קיין בעלער. אין פּעטערבורג אָבער האָט ער זיך שטענדיק געפילט מיט צען יאָר ייִנגער.

ער האָט אין פּעטערבורג איבערגעלעבט דאָס זעלבע, וואָס עס האָט אים ערשט נעכטן געזאָגט דער זעכציקיעריקער פירשט אָבלאָנסקי, פּיאָטר, וואָס האָט זיך נאָר-וואָס אומגעקערט פון אויסלאַנד.

— מיר דאָ קאָנען נישט לעבן, — האָט פּיאָטר אָבלאָנסקי געזאָגט. — דו וועסט גלייבן, איך האָב פאַרבראַכט דעם זומער אין באַדן, נו, כ'לעבן, איך האָב מיך געפילט ווי אַ יונגערמאַן. איך באַגעגן אַ יונגע פרוי, און עס קומען באַלד געדאַנקען... נאָך אַ מיטאָג, נאָך אַ ביסעלע משקה — אַ כוח, אַ מונטערקייט. געקומען קיין רוסלאַנד — האָט מען געמוזט צום ווייב און דערצו נאָך אין דאָרף אַרײַן צופאָרן — נו, דו וועסט נישט גלייבן, אין צוויי וואָכן אַרום האָב איך אָנגעטון דעם שלאָפראָק, זיך אויפגעהערט אפילו צום מיטאָג אָנצוטון. בין אינגאַנצן געוואָרן אַ זקן. עס בלייבט בלויז פאַר דער נשמה צו זאָרגן. געקומען קיין פּאַריז — האָב איך מיך ווידער פאַרבעסערט.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געפילט דעם זעלבן אונטערשיד, וואָס פּיאָטר אָבלאָנסקי. אין מאָסקווע האָט ער זיך אַזוי אָפּגעלאָזט, אַז ווען ער זאָל טאַקע כסדר געוווען לעבן דאָרט אַ לענגערע צייט, וואָלט ער שוין אין בעסטן פאַל געווען דערגאַנגען צו דעם, אַז ער וואָלט אָנגע-

הויבן פאַר דער נשמה צו זאָרגן; אין פּעטערבורג אָבער האָט ער זיך ווידער געפילט אַלס מענטש ווי עס געהער צו זיין.

צווישן דער פירשטין בעטסי טווערסקאַיאַ און סטעפּאַן אַרקאַדיעװיטש האָבן געהערשט לאַנגסטיקע, גאַנץ מאָדנע באַציונגען. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט שטענדיק אין שפּאַס זיך געדרייט אַרום איר און איר געזאָגט, אויך אין שפּאַס, די נישט אָנשטענדיקסטע זאַכן, וויסנדיק, אַז דאָס געפעלט איר בעסער פון אַלץ. צומאָרגנס פון זיין געשפרעך מיט קאַרענינען האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, פאַרפאָרנדיק צו איר, זיך געפילט אַזוי יונג, אַז ער איז אין דעמדאָזיקן אַדאַרירן זי און ליגנט זאָגן פאַרגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט שוין נישט געוווּסט, ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון איר, ווייל, צום אומגליק, איז זי אים נישט בלויז נישט געפעלן, נאָר איז אים געווען דערווידער. דערדאָזיקער טאָן אָבער האָט זיך איינגעשטעלט דערפאַר, וואָס ער איז איר זייער געפעלן געוואָרן. אַזוי אַז ער איז שוין געווען זייער צופרידן פון דעם, וואָס עס איז געקומען די פירשטין מיאַכקאַיאַ, וועלכע האָט איבערגעריסן זייער אָפּגעזונדערטקייט אין צווייען.

— אַ, איר זענט דאָ, — האָט זי געזאָגט, דערזעענדיק אים. — נו, וואָס מאַכט אייער אָרימע שוועסטער? איר קוקט נישט אַזוי אויף מיר, — האָט זי צוגעגעבן. — זינט אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף איר, די אַלע, וואָס זענען הונדערט טויזנט מאָל ערגער פון איר, האַלט איך, אַז זי האָט געטון אויסגעצייכנט. איך קאָן נישט מוחל זיין וראָנסקין, וואָס ער האָט מיר נישט צו וויסן געטון, ווען זי איז געווען אין פּעטערבורג. איך וואָלט געווען געפאָרן צו איר און וואָלט געווען אומעטום מיט איר געגאַנגען. איך בעט אייך, גיט איר איבער, אַז איך האָב זי ליב. נו, דערציילט זשע מיר וועגן איר.

— יאָ, איר לאַגע איז אַ שווערע, זי... — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש שוין געוואָלט אָנהייבן דערציילן, אין זיין פּראָסטהאַרציקייט אָננעמענדיק פאַר אַ גוטער מטבע דער פירשטין מיאַכקאַיאַס ווערטער: „דערציילט מיר וועגן אייער שוועסטער". די פירשטין מיאַכקאַיאַ האָט אים גלייך, ווי איר טבע איז געווען, איבערגעשלאָגן און אַליין אָנגעהויבן דערציילן.

— זי האָט געטון דאָס, וואָס אַלע, חוץ מיר, טון, נאָר טון באַהאַלטן; אָבער זי האָט נישט געוואָלט אָפּנאַרן און האָט געטון אויסגעצייכנט. און זי האָט נאָך בעסער געטון דערפאַר, וואָס זי האָט אַוועקגע-

געוואָרפן דעמדאָזיקן האַלב דולן שוואָגער אייערן. איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן. אַלע פלעגן זאָגן, אַז ער איז קלוג, קלוג, בלויז איך אַליין האָב געזאָגט, אַז ער איז אַ נאַר. אַצינד, ווען ער האָט זיך פאַרבונדן מיט לידיאַ איוואַנאָוונאַ און מיט Landau, זאָגן שוין אַלע, אַז ער איז אַ האַלבער חסר־דעה, און איך וואָלט צופרידן געווען נישט איינשטימיק צו זיין מיט אַלע, אָבער דאָס מאָל קאָן איך נישט.

— דערקלערט מיר, איך בעט אייך, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, — וואָס באַטייט דאָס? נעכטן בין איך געווען בא אים וועגן דער שוועסטערס ענין און אים געבעטן אַן ענדגילטיקן ענטפער. ער האָט מיר נישט געגעבן קיין ענטפער און געזאָגט, אַז ער וועט זיך מישב זיין, און היינט אינדערפרי האָב איך באַקומען אָנשטאָט אַן ענטפער אַן איינלאַדונג אויפן היינטיקן אָוונט צו דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ.

— נו יאָ, יאָ! — האָט די פירשטין מיאַכקאַיאַ מיט פרייד אַ זאָג געטון. — זיי וועלן פרעגן בא Landau, וואָס ער וועט זאָגן.

— וואָס הייסט בא Landau? נאָכוואָס? וואָס איז דאָס Landau?

— וואָס, איר קענט נישט Jules Landau? le fameux? Jules Landau, le clairvoyant. ער איז אויך אַ האַלבער חסר דעה, אָבער פון אים איז אָפּהענגיק דער גורל פון אייער שוועסטער. אָט וואָס עס קומט אַרויס פון דעם לעבן אין דער פּראָווינץ, איר ווייסט גאָרנישט. Landau, זעט איר, איז געווען אַ commis אין אַ מאַגאַזין אין פּאַריז און איז געקומען צו אַ דאָקטאָר. באַם דאָקטאָר אין אויפנאַמצימער איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן און אין שלאָף אָנגעהויבן געבן עצות אַלע קראַנקע. און ווונדערבאַרע עצות. דערנאָך איז יורי מעלעדינסקיס ווייב — איר קענט דאָך אים, דעם קראַנקן? — געוויר געוואָרן וועגן דעמדאָזיקן Landau און אים גענומען צום מאַן. ער היילט איר מאַן. און ער האָט אים, לויט מיין מיינונג, גאָרנישט בעסער געמאַכט, ווייל ער איז נאָך אַלץ אַזוי שוואַך. אָבער זיי גלייבן אין אים און פירן אים אַרום מיט זיך. און זיי האָבן אים געבראַנגט קיין רוסלאַנד. דאָ האָבן זיך אַלע צו אים אַ לאָז געטון, און ער האָט אַלע אָנגעהויבן צו היילן. די גרעפין בעזובאָווא האָט ער אויסגעהיילט, און זי האָט אים אַזוי ליב געקריגן, אַז זי האָט אים אַדאָפּטירט.

— וואָס הייסט אַדאָפּטירט?

— יאָ, אַדאָפּטירט. ער איז אַצינד שוין נישט מער Landau, נאָר גראַף בעזזובאָוו. אָבער נישט אין דעם האַנדלט זיך, נאָר לידיאַ — איך האָב זי זייער ליב, אָבער דער קאָפּ איז נישט בּאַ איר אויפן אָרט — האָט זיך, פאַרשטייט זיך, אָנגעכאַפּט אָן דעמדאָזיקן Landau, און אָן אים ווערט נישט בּאַ איר, נישט בּאַ אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן גאָרנישט בּאַשלאָסן, און דעריבער איז דער גורל פון אייער שוועסטער אַצינד אין די הענט פון דעמדאָזיקן Landau, אַנדערש גראַף בעזזובאָוו.

XI.

נאָך אַ הערלעך מיטאָג און אַ גרויסער צאָל קאָניאַק, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען בּאַ בּאַרטניאַנסקין, איז סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, בּלויז מיט אַ קליינער פאַרשפּעטיקונג לויט דער בּאַשטימטער צייט, אַריינגעגאַנגען צו דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ.

— ווער איז נאָך בּאַ דער גרעפין? אַ פראַנצויז? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געפרעגט דעם שווייצער, בּאַטראַכטנדיק דעם בּאַקאַנטן פּאַלטן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס און נאָך עפּעס אַ מאָדנעם פּאַלטן מיט האָקלען.

— אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש קאַרענין און דער גראַף בעזזובאָוו, — האָט דער שווייצער שטרענג געענטפערט.

„די פירשטין מיאַכקאַיאַ האָט געטראָפן, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַ קלער געטון אַרויפגייענדיק אויף די טרעפּ. — מערקווירדיק! פונדעסטוועגן וואָלט גוט געווען זיך צו דערנענטערן מיט איר. זי האָט אַן אומגעהייערע השפּעה. אויב זי וועט נאָר אַ רעד טון מיט פּאָמאָרסקין, וועט דאָס שוין זיכער דורכגעפירט ווערן".

עס איז נאָך געווען גאָר ליכטיק אין דרויסן, אָבער אין דעם קליינעם זאַל פון דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ מיט די אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן האָבן זיך שוין געבּרענט די לאָמפּן.

בּאַם קיילעכיקן טיש אונטערן לאָמפּ זענען געזעסן די גרעפין און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש און האָבן וועגן עפּעס שטיל געשמועסט. אַ נישט הויכגעוואַקסיקער, דאַרער מענטש מיט ווייבּלעכע היפּטן, מיט געבויגענע קניען, זייער אַ בּלייכער, אַ שיינער, מיט גלאַנציקע, הערלעכע

אויגן און לאַנגע האָר, אויסגעלייגטע אויפן קאָלנער פון זיין סורדוט איז געשטאַנען אין צווייטן עק, באַטראַכטנדיק די וואַנט מיט די פּאָרטרעטן. זיך באַגריסט מיט דער באַלעבאָסטע און מיט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש נישט ווילנדיק נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויף דעם אומבאַקאַנטן מענטש.

— Monsieur Landau! — האָט זיך די גרעפין געווענדט צו אים מיט אַזאַ ווייכקייט און פאַרזיכטיקייט, אַז דאָס האָט אים איבערראַשט.

Landau האָט זיך אײַליק אומגעקוקט, איז צוגעגאַנגען און מיט אַ שמייכל אַרײַנגעלייגט אין סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס אויסגעשטרעקטער האַנט אַן אומבאַוועגלעכע פייכטע האַנט און איז גלײַך ווידער אַוועקגעגאַנגען און אָנגעהויבן קוקן אויף די פּאָרטרעטן. די גרעפין און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָבן זיך מיט אַ וויכטיקער מינע איבערגעקוקט.

— עס פרייט מיך זייער אייך צו זעען, באַזונדערס הײַנט, — האָט די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט, אָנווייזנדיק סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן אַן אָרט לעבן קארענינען.

— איך האָב אייך באַקענט מיט אים, ווי מיט Landau, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שטיל קול, וואַרפנדיק אַ בליק אויפן פראַנצויז און דערנאָך גלײַך אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, — אָבער ער איז אייגנטלעך גראַף בעזזובאָוו, ווי איר, וואָרשיינלעך, ווייסט שוין. אָבער ער האָט נישט ליב דעמדאָזיקן טיטול.

— יאָ, איך האָב געהערט, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געענטפערט, — מען זאָגט, אַז ער האָט אינגאַנצן אויסגעהיילט די גרעפין בעזזובאָוו.

— זי איז הײַנט געווען בײַ מיר, זי זעט אויס אַזוי דערשלאָגן! — האָט די גרעפין זיך געווענדט צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. — די־דאָזיקע צעשיידונג איז פאַר איר שרעקלעך. פאַר איר איז דאָס אַזאַ קלאַפּ!

— און ער פאָרט שוין באַשטימט? — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געפרעגט.

— יאָ, ער פאָרט קיין פּאַריז. ער האָט נעכטן געהערט דאָס קול, — האָט די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט, קוקנדיק אויף סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן.

— אַך, דאָס קול! — האָט אָבלאָנסקי איבערגעחזרט, פילנדיק, אַז

מען דאַרף זיין ווי ווייט מעגלעך פּאָרזיכטיקער אין דערדאָזיקער געזעל־שאַפט, אין וועלכער עס קומט פאַר אָדער עס דאַרף פאָרקומען עפּעס באַ־זונדערס, צו וועלכן ער האָט נאָך נישט קיין שליסל.

עס האָט אַריינגעטרעטן אַ שווייגן אויף אַ מינוט, נאָך וועלכן די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ האָט, אַזוי ווי באַרירנדיק די הויפּט־טעמע פון געשפּרעך, געזאָגט צו אָבלאָנסקין.

— איך קען אייך שוין לאַנג און עס פרייט מיך זייער אייך נענ־טער צו דערקענען. Les amis de nos amis sont nos amis. אָבער כדי צו זיין אַ פריינט, מוז מען זיך אַריינטראַכטן אין דעם צושטאַנד פון דעם פריינטס נשמה, און איך האָב מורא, אַז איר טוט דאָס נישט אין דער באַציונג צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. איר פאַרשטייט וועגן וואָס איך רעד, — האָט זי געזאָגט, אויפהייבנדיק אירע הערלעכע, פאַר־טראַכטע אויגן.

— טיילווייז, גרעפין, פאַרשטיי איך, אַז די לאַגע פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן... — האָט אָבלאָנסקי געזאָגט, נישט גוט פאַרשטייענ־דיק אין וואָס עס האַנדלט זיך, און דעריבער וועלנדיק רעדן אין אַל־געמיין.

— די ענדערונג איז נישט אין דער אויסערלעכער לאַגע, — האָט די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט, איינצייטיק נאָכקוקנדיק מיט אַ פאַרליבטן בליק אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, וואָס איז אויפגעשטאַנען און אַריבערגעגאַנגען צו Lanbau. — זיין האַרץ האָט זיך געביטן, אים איז געגעבן געוואָרן אַ נײַ האַרץ, און איך האָב מורא, אַז איר האָט זיך נישט גרינטלעך אַריינגעטראַכט אין דער ענדערונג, וועלכע איז פאָרגע־קומען אין אים.

— דאָס הייסט איך קאָן מיר אין אַלגעמיינע שטריכן פאָרשטעלן דידאָזיקע ענדערונג. מיר זענען שטענדיק געווען פריינט און אַצינד... — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, ענטפערנדיק מיט אַ צאַרטן בליק אויף דער גרעפינס בליק און איבערלייגנדיק זיך, מיט וועלכן פון די צוויי מיניסטאָרן זי איז נענטער, כדי צו ויסן, וועגן וועלכן עס וועט אים אויס־קומען צו בעטן זי.

— די ענדערונג, וועלכע איז אין אים פאָרגעקומען, קאָן נישט אָפּ־שוואַכן זיין געפיל פון ליבע צו די נאָענטע; פאַרקערט, די ענדערונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אים, דאַרף פאַרגרעסערן די ליבע. אָבער איך האָב מורא, אַז איר פאַרשטייט מיך נישט. איר ווילט אפשר טיי? —

האָט זי געזאָגט, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויפן לאָקיי, וועלכער האָט דערלאַנגט טיי אויף אַ טאַץ.

נישט זייער, גרעפין. פארשטייט זיך, זיין אומגליק...

— יאָ, דאָס אומגליק, וואָס האָט זיך פארוואַנדלט אין העכסטן גליק, ווען דאָס הארץ איז געוואָרן באַנייט, איבערפולט מיט אים, — האָט זי געזאָגט, פארליבט קוקנדיק אויף סטעפאַן ארקאַדיעוויטשן.

„איך מיין, אַז מען וועט זי קאָנען בעטן אַ שמועס צו טון מיט ביידע", האָט סטעפאַן ארקאַדיעוויטש געקלערט.

— אָ, אוודאי, גרעפין, — האָט ער געזאָגט, — אָבער איך מיין, אַז דידאָזיקע ענדערונגען זענען אַזוי אינטים, אַז קיינער, אפילו דער נאָענטסטער מענטש, האָט נישט ליב צו רעדן.

— פארקערט! מיר זענען מחויב צו רעדן און העלפן איינער דעם אנדערן.

— יאָ, אָן ספק, אָבער עס הערשט אַזאַ פארשידנקייט אין די איבערצייגונגען, און דערביי... — האָט אָבלאָנסקי געזאָגט מיט אַ מילדן שמייכל.

— עס קאָן נישט זיין קיין אונטערשיד אין דער זאַך פון הייליקן אמת.

— אָ, יאָ, אוודאי, אָבער... — און, דערפילנדיק זיך אין אַ פארלעגנהייט, איז סטעפאַן ארקאַדיעוויטש שטיל געבליבן. ער האָט פארשטאַנען, אַז עס רעדט זיך וועגן רעליגיע.

— מיר דאַכט זיך, ער וועט באַלד איינשלאָפן, האָט מיט אַ באַדייטונגספולן פליסטערן אַ זאָג געטון סטעפאַן ארקאַדיעוויטש, צוגייענדיק צו לידיאַ איוואַנאָוונאַ.

סטעפאַן ארקאַדיעוויטש האָט זיך אומגעקוקט. Landau איז געזעסן באַם פענצטער, אָנגעשפארט אויפן הענטל און אָנלען פון פאָטעל, אראָפגעלאָזט דעם קאָפּ. באַמערקט די בליקן, וואָס זענען געווענדט געווען אויף אים, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ שמייכל געטון מיט אַ קינדיש-נאַיוון שמייכל.

— קוקט אייך נישט אום — האָט לידיאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט און מיט אַ לייכטער באַוועגונג צוגערוקט אַ שטול אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. — אין האָב באַמערקט... — האָט זי עפּעס אָנגעהויבן, ווי אין צימער איז אַריינגעקומען דער לאָקיי מיט אַ בריוו. לידיאַ איוואַנאָוונאַ

איז שנעל דורכגעלאָפן דאָס צעטעלע און, בעטנדיק אַנטשולדיקונג, האָט זי מיט אַן אומגעווייגלעכער שנעלקייט אָנגעשריבן, אַוועקגעגעבן דעם ענטפער און זיך אומגעקערט צום טיש. — איך האָב באַמערקט, — האָט זי פאָרגעזעצט דעם אָנגעהויבענעם געשפרעך, — אַז די מאָסקווער, באַזונדערס די מענער, זענען די גלייכגילטיקסטע מענער צו רעליגיע.

— אָ, ניין גרעפין, מיר דאַכט זיך, אַז די מאָסקווער האָבן אַ רעפּוטאַציע צו זיין די שטאַנדהאַפטיקסטע, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געענטפערט.

— יאָ, אויף וויפיל איך פאַרשטיי, זענט איר, צום באַדויערן, פון די גלייכגילטיקע, — האָט, ווענדנדיק זיך צו אים מיט אַ מידן שמייכל, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט.

— ווי אַזוי קאָן מען זיין גלייכגילטיק! — האָט לידיאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט.

— איך בין אין דעם דאָזיקער הינזיכט נישט אַזוי גלייכגילטיק, ווי אין אָפּוואַרטונג, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט מיט זיין ליבלעכסטן שמייכל. — איך האַלט נישט, אַז פאַר מיר זאָל שוין האָבן אָנגעקומען די צייט פון די דאָזיקע פראַגן.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש און לידיאַ איוואַנאָוונאַ האָבן זיך איבערגעקוקט.

— מיר קאָנען קיינמאָל נישט וויסן, צי עס איז שוין יאָ אָדער נישט אָנגעקומען פאַר אונז די צייט, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש שטרענג געזאָגט. — מיר דאַרפן נישט טראַכטן וועגן דעם, צי מיר זענען גרייט אָדער נישט גרייט: גאָטס חסד ריכט זיך נישט לויט מענטשלעכע אורטיילן; ער קומט טיילמאָל נישט אויף אַזעלכע, וואָס מיען זיך וועגן אים, נאָר קומט אויף נישט צוגעגרייטע, ווי אויף סאַוועלן.

— ניין, דאַכט זיך, נאָך נישט אַצינד, — האָט געזאָגט לידיאַ איוואַנאָוונאַ, וואָס האָט אין דער צייט נאָכגעקוקט די באַוועגונגען פונם פראַנצויז. Landau איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו זיי.

— איר וועט מיר דערלויבן צו הערן? — האָט ער געפרעגט.

— אָ, יאָ, איך האָב אייך נישט געוואָלט שטערן, — האָט לידיאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט, צאַרט קוקנדיק אויף אים, — זעצט זיך לעבן אונז.

— מען דאַרף בלויז נישט פאַרמאַכן די אויגן, כדי נישט צו פאַר-

לירן די ליכטיקייט, — האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש פארגע-זעצט.

— אך, ווען אייך זאל באקאנט זיין דאס גליק, וואס מיר לעבן איבער, פילנדיק זיין שטענדיקע אנוועזנהייט אין אונזערע נשמות, — האט די גרעפין לידיא איוואנאוונא געזאגט, גליקזעליק שמייכלענדיק.

— אבער א מענטש קאן זיך דאך טיילמאל פילן פאר נישט פעיק זיך איפצוהייבן אויף דערדאזיקער הייך, — האט סטעפאן ארקאדיעוויטש געזאגט, פילנדיק, אז ער זאגט ליגנס, אנערקענענדיק א רעליגיעזע הויכ-קייט, נאר איינצייטיק נישט האבנדיק קיין מוט זיך מודה צו זיין אין זיין פריידענקערישקייט פאר א פערזאן, וועלכע קאן מיט איין ווארט פאר פאמארסקין אים פארשאפן דעם געווונטשענעם אמט.

— דאס הייסט איר ווילט זאגן, אז די זינד שטערן אים? — האט לידיא איוואנאוונא געזאגט. -- אבער דאס איז א פאלשע מיינונג. עס איז נישטא קיין זינד פאר קיין גלויביקע, די זינד זענען שוין פארגעבן. Pardon, — האט זי צוגעגעבן, קוקנדיק אויפן לאקיי, וואס איז ווידער אריינגעקומען מיט א צווייט צעטעלע. זי האט איבערגעלייענט און מינד-לעך געענטפערט: — מארגן בא דער גרויספירשטין זאגט... פאר א גלייבנדיקן איז נישטא קיין זינד, -- האט זי ווייטער געזאגט.

— יא, נאר גלויבן אן מעשים איז טויט, — האט סטעפאן ארקא-דיעוויטש געזאגט, דערמאנענדיק זיך דידאזיקע פראזע פונם קאטיכיזיס און מיטן בלויזן שמייכל שוין צוריק געווינענדיק זיין אומאפהענ-גיקייט.

— אט איז עס, פון דער שריפט פונם אפאסטאל יאקאוו, — האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש געזאגט, ווענדנדיק זיך צו לידיא איוואנאוונא, משמעות ווי וועגן א זאך, וועגן וועלכער זיי האבן שוין נישט איינמאל גערעדט. — וויפיל שאדן האט אנגעמאכט די פאלשע אויסטייטשונג פון דעמדאזיקן ארט! קיין שום זאך שטויסט נישט אזוי אפ פון גלייבן, ווי דידאזיקע אויסטייטשונג. „איך טו גארנישט, דעריבער קאן איך נישט גלייבן”, בעת דאס איז אין ערגעץ נישט געזאגט געווארן, נאר עס איז געזאגט געווארן דאס פארקערטע.

— ארבעטן פאר גאטס וועגן, מיט ארבעט, מיט פאסטן אויסלייזן די נשמה, — האט די גרעפין לידיא איוואנאוונא מיט אן איבלדיקן ביטול געזאגט, — דאס זענען די ווילדע באגריפן פון אונזערע מאנאכן... בעת דאס איז אין ערגעץ נישט געזאגט געווארן. דאס איז א סך איינפאכער

און לייכטער, — האָט זי צוגעגעבן, קוקנדיק אויף אָבלאָנסקין מיט יענעם זעלבן אויפמונטערנדיקן שמייכל, מיט וועלכן זי פלעגט אין הויף אויפמונ־טערן די יונגע פריילינס, וואָס פלעגן זיך פילן פאַרלעגן אין דער נייער סביבה.

— מיר זענען אויסגעלייזט געוואָרן דורך קריסטוסן, וועלכער האָט געליטן פאַר אונז. מיר זענען אויסגעלייזט געוואָרן דורכן גלויבן, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש באַשטעטיקט און באַגיטיקט אירע ווערטער מיטן בליק.

— Vous comprenez l'anglais ? — האָט לידיאַ איוואַנאָוונאַ געפרעגט און, האָקומענדיק אַ באַשטעטיקנדיקן ענטפער, איז זי אויפגע־שטאַנען און אָנגעהויבן איבערקלויבן די ביכער אויף דער פאָליצע. — איך וועל איבערלייענען Safe and Happy, אָדער Under the wing ? — האָט זי געזאָגט, אַ קוק טוענדיק מיט אַ פראַגע אויף קאַרע־נינען. און, געפונען דאָס בוך און זיך ווידער געזעצט אויף איר אָרט, האָט זי עס אויפגעעפנט. — דאָס איז זייער בקיצור. דאָ איז באַשריבן דער וועג, מיט וועלכן מען קומט צום גלויבן, און דאָס גליק, העכער פון אַלעס ערדישן, וואָס פילט בא דעם אָן די נשמה. אַ גלויביקער מענטש קאָן נישט זיין אומגליקלעך, ווייל ער איז נישט אַליין. אָט וועט איר זעען. — זי האָט זיך שוין פאַרנומען צו לייענען, ווי דער לאָקיי איז ווידער אריינגעקומען. — די באַראָנעסע ? זאָגט, אַז מאָרגן צוויי אַ זייגער. יאָ, — האָט זי געזאָגט, פאַרלייגנדיק מיט אַ פינגער דאָס אָרט אין בוך און מיט אַ זיפץ אַ בליק געבנדיק פאַר זיך מיט פאַרטראַכטע הערלעכע אויגן. — אָט ווי אַזוי עס ווירקט אמתער גלויבן. איר קענט די סאַנינאַ מאַרי ? איר ווייסט וועגן איר אומגליק ? — זי האָט פאַרלוירן איר איינציק קינד. זי איז געווען פאַרצווייפלט. נו, און וואָס־זשע ? זי האָט געפונען דעמדאָזיקן פריינט, און זי דאַנקט אַצינד גאָט פאַר דעם טויט פון איר קינד. אָט איז דאָס גליק, וואָס עס גיט דער גלויבן.

— אָ, יאָ, דאָס איז זייער... — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש גע־זאָגט, צופרידן פון דעם, וואָס מען וועט לייענען און מען וועט אים לאָזן אַ ביסל קומען צו זיך. „ניין, עס איז שוין בעסער היינט וועגן גאָרנישט צו בעטן", — האָט ער געטראַכט, — אַבי זיך נאָר אַרויסצודרייען פונדאַנען, נישט האָבנדיק אריינגעפאַלן מיט עפּעס.

— אייך וועט זיין לאַנגווייליק, — האָט לידיאַ איוואַנאָוונאַ גע־

זאָגט, װענדנדיק זיך צו Landau, — איר קענט נישט קיין ענגליש, אָבער דאָס װעט נישט לאַנג געדויערן.

— אָ, איך װעל פאַרשטיין, — האָט Landau געזאָגט מיטן זעלבן שמייכל און פאַרמאַכט די אויגן.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָװיטש און לידיאַ איװאַנאָװנאַ האָבן זיך באַ־דייטונגספול איבערגעקוקט, און דאָס לייענען האָט זיך אָנגעהויבן.

XXII.

סטעפּאַן אַרקאַדיעװיטש האָט זיך געפילט אינגאַנצן צעטומלט פון דידאָזיקע פאַר אים נייע אויסטערלישע רייד, װעלכע ער האָט געהערט. די קאָמפּליצירטקייט פון דעם פּעטערבורגער לעבן האָט אים בכלל אויפגערו־דערט און אַרויסגערופט פון דער מאָסקװער אָפּגעשטאַנענקייט; אָבער דידאָזיקע קאָמפּליצירטקייט האָט ער ליב געהאַט און פאַרשטאַנען אין די ספערן, װאָס זענען אים נאָענט און באַקאַנט געװען; אין דערדאָזיקער פרעמדער ספערע אָבער איז ער געװען צעטומלט, צעמישט און האָט נישט געקאָנט אַלץ אַרומנעמען. הערנדיק די גרעפין לידיאַ איװאַנאָװנאַ און פילנדיק אויף זיך אָנגעשטעלט די שיינע נאַיװע אָדער שעלמישע — ער האָט אַליין נישט געװוסט — אויגן Landau'ס, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיע־װיטש אָנגעהויבן פילן עפּעס אַ באַזונדערע שװערקייט אין קאָפּ.

די פאַרשידנאַרטיקסטע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין זיין קאָפּ. „די מאַרי סאַנינאַ פרייט זיך, װאָס איר קינד איז געשטאָרבן... עס װאָלט גוט געװען אַצינד צו פאַררייכערן... כדי אויסגעלייזט צו װערן, דאַרף מען בלויז גלייבן, און די מאָנאַכן װייסן נישט, װי אַזוי מען דאַרף דאָס טון; די גרעפין לידיאַ איװאַנאָװנאַ װייסט... און פאַרװאָס איז מיר אַזוי שװער דער קאָפּ? פון דעם קאָניאַק אָדער דערפון, װאָס דאָס אַלץ איז שוין צו אויסטערליש? איך האָב פונדעסטװעגן ביז אַצינד, דאַכט זיך, קיין שום אומאָנשטענדיקס נישט געטון. אָבער פונדעסטװעגן קאָן מען זי שוין נישט בעטן. מען זאָגט, אַז זיי הייסן מתפלל זיין. זיי זאָלן אַמאָל מיך נישט הייסן. דאָס װעט שוין זיין צו נאַריש. און װאָס פאַר אַ נאַריש־קייט זי לייענט, און רעדט אַרויס שיין. Landau — איז בעזזובאָװ! פאַר־װאָס איז ער בעזזובאָװ?“ פּלוצלינג האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעװיטש דערפילט,

אַז זיין אונטערשטער קין הייבט אָן אָפּהאַלטן זיך צו קרימען אויף אַ געגעץ. ער האָט זיך גלייך געמאַכט די באַקנבערד, פאַרבאָרגנדיק דעם געגעץ, און זיך אַ טרייסל געטון. אָבער גלייך נאָכדעם האָט ער דערפילט, אַז ער שלאָפט שוין און פאַרנעמט זיך צו כראָפּען. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער מינוט, ווען דאָס קול פון דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ האָט געזאָגט: „ער שלאָפט".

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט דערשראָקן זיך אויפגעכאַפּט, פילנדיק זיך שולדיק און דעמאַסקירט. אָבער ער האָט זיך באַלד געטרייסט, דערזעענדיק, אַז די ווערטער: „ער שלאָפט", האָבן זיך באַצויגן נישט צו אים, נאָר צו Landau. אָבער סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס שלאָפן וואָלט זיי באַליידיקט, ווי ער האָט געמיינט. (איבעריקנס, ער האָט אויך דאָס נישט געמיינט, אַזוי אויסטערליש האָט אים שוין אַלץ אויסגעזעען), נאָר Landau'ס שלאָפן האָט זיי אומגעווייינלעך דערפרייט, באַזונדערס די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ.

— Mon ami, — האָט די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט, פאָרזיכטיק, כּדי נישט צו רוישן, פאַרנעמענדיק איר זיידן קלייד און אין איר אויפגערודערטקייט שוין אָנרופנדיק קאַרענינען נישט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, נאָר „mon ami", — donnez lui la main. Vous voyez! שש! — האָט זי אַ שושקע געטון צום לאַקיי, וואָס איז ווידער אַריינגעקומען. — נישט אויפנעמען.

דער פראַנצויז איז געשלאָפן אָדער האָט זיך געמאַכט, אַז ער שלאָפט, מיטן קאָפּ געבויגן צום אָנלען פון פאָטעל און מאַכנדיק מיט דער האַנט אויף דער קני לייכטע באַוועגונגען, ווי פאַנגענדיק עפּעס. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אויפגעשטאַנען, האָט געוואָלט פאָרזיכטיק, נאָר זיך פאַרטשעפּעט אָן טיש, איז צוגעגאַנגען און אַריינגעלייגט זיין האַנט אין דער האַנט פונם פראַנצויז. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז אויך אויפגעשטאַנען, האָט ברייט געעפנט די אויגן, וועלנדיק זיך אויפוועקן, אויב ער שלאָפט, און געקוקט דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם. דאָס אַלץ איז געווען אויף דער וואָר. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געפילט, אַז בא אים אין קאָפּ ווערט אַלץ מער נישט קלאָר.

— Que la personne qui est arrivée la derniére, celle qui dermande, qu'elle — sorte. Quele sorte! — האָט דער פראַנצויז אַ זאָג געטון מיט פאַרמאַכטע אויגן.

— Vous m'excuserez, mais vous voyez... Revenez vers dix heures, encore mieux demain.

— Quelle sorta ! — האָט דער פראַנצויז אומגעדולדיק איבערגעחזרט.

— C'est moi, n'est-ce pas ?

און באַקומען אַ באַשטעטיקדיקן ענטפער, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש פאַרגעסן סיי אָן דעם, וואָס ער האָט געוואָלט בעטן לידיאַ איוואַנאָוונען, סיי אָן דער שוועסטערס ענין, און מיט דעם איינציקן פאַרלאַנג וואָס גיכער זיך אַרויסצוקריגן פונדאַנען, איז ער אַרויסגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער און, ווי פון אַן עפּידעמיש הויז, אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס און לאַנג גערעדט און זיך געוויצלט מיטן פורמאַן, וועלנדיק וואָס שנעלער קומען צו זיך.

אין פראַנצויזישן טעאַטער, אין וועלכן ער איז אָנגעקומען צום לעצטן אַקט, און דערנאָך בײַ די טאַטערן בײַם שאַמפּאַנער האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אָפּגעטעמט אַ ביסל אין זײַן פּאַר אים אייגנטימלעכער לופט. פונדעסטוועגן האָט ער דעם אָוונט זייער נישט גוט זיך געפילט.

צוריקקומענדיק אַהיים צו פּיאָטר אָבלאָנסקין, בײַ וועלכן ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פּעטערבורג, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געטראָפן אַ צעטעלע פון בעטסין. זי האָט אים געשריבן, אַז זי וויל זייער פאַרענדיקן דעם אָנגעהויבענעם געשפּרעך און בעט אים מאָרגן צו קומען. ער האָט קוים באַוויזן איבערצולייענען דאָסדאָזיקע צעטעלע און זיך צו פאַרקרימען איבער דעם, ווי אונטן האָבן זיך דערהערט שטאָלפּערדיקע טריט פון מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן עפּעס שווערס.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז אַרויסגעגאַנגען אַ קוק טון. דאָס איז געווען דער יונג געוואָרענער פּיאָטר אָבלאָנסקי. ער איז געווען אַזוי שיכּור, אַז ער האָט נישט געקאָנט אַרויפגיין אויף די טרעפּ; אָבער ער האָט זיך געהייסן אויפשטעלן אויף די פיס, דערזעענדיק סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, און, אָנהענגענדיק זיך אָן אים, איז ער אַרײַנגעגאַנגען מיט אים אין זײַן צימער אַרײַן און דאָרט אָנגעהויבן צו דערציילן אים, ווי אַזוי ער האָט פאַרברענגט דעם אָוונט און איז גלייך אײַנגעשלאָפן.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז געווען אין אַ שלעכטער שטימונג, וואָס עס פלעגט זעלטן פאַרקומען מיט אים, און האָט לאַנג נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. אַלץ, וואָס ער האָט זיך דערמאַנט, איז געווען מיאוס ;

הינטערער אָבער פון אַלץ, ממש ווי עפּעס שענדלעכס, האָט זיך אים דערמאַנט דער אָוונט בײַ דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָווגאַ.

צומאָרגנס האָט ער באַקומען פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַן ענדגילטיקן אָפּזאָג וועגן אַננעס גט און האָט פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער באַשלוס האָט זיך געשטיצט אויף דעם, וואָס דער פראַנצויז האָט נעכטן געזאָגט אין זײַן אמתן אָדער געמאַכטן שלאָף.

XXIII.

כּדי עפּעס אונטערצונעמען אין פאַמיליען-לעבן, איז נייטיק אָדער אַ פולשטענדיקע צעריסנקייט צווישן מאַן-און-ווייב, אָדער אַ ליבלעך צוזאַמענלעבן. ווען אָבער די באַציונגען צווישן מאַן-און-ווייב זענען אומבאַשטימטע און עס איז נישט דאָס, נישט יענץ. קאָן קיין שום זאַך נישט אונטערגענומען ווערן.

אַ סך פאַמיליעס בלייבן יאָרן לאַנג אויף די אַלטע ערטער, וואָס זענען זיי שוין פאַרמיאוסט געוואָרן, בלויז דערפאַר, וואָס עס איז נישטאָ נישט קיין פולע צעריסנקייט, נישט קיין איינשטימיקייט.

סיי פאַר ווראָנסקין סיי פאַר אַננען איז געווען אומדערטרעגלעך דאָס מאָסקווער לעבן אין היץ און אין שטויב, ווען די זון האָט שוין געלויכטן נישט פרילינגדיק, נאָר זומערדיק, און אַלע ביימער אויף די בולוואַרן זענען שוין לאַנג געווען אָנגעטון אין בלעטער, און די בלעטער זענען שוין באַדעקט געווען מיט שטויב; אָבער זיי זענען נישט אַריבערגעפאָרן קיין וואָזדוויזשענסקאָיע, ווי עס איז שוין לאַנג באַשלאָסן געווען, לעבנדיק ווייטער אין מאָסקווע, וואָס איז זיי שוין ביידע פאַרמיאוסט געווען, ווייל עס איז די לעצטע צייט נישט געווען קיין איינשטימיקייט צווישן זיי.

די צערייצטקייט, וואָס האָט זיי צעטיילט, האָט נישט געהאַט קיין שום אויסערלעכע סיבה, און אַלע פּרוּוון פון אויפקלערונג האָבן זי נישט בלויז נישט באַזייטיקט, נאָר זי פאַרגרעסערט. דאָס איז געווען אַן אינערלעכע צערייטקייט, וואָס האָט געהאַט פאַר איר אַלס יסוד די פאַרמינערונג פון זײַן ליבע, פאַר אים — די חרטה אין דעם, וואָס ער האָט זיך געשטעלט צוליב איר אין אַ שווע-

רער לאַגע, וועלכע זי, אַנשטאָט זי לייכטער צו מאַכן, מאַכט נאָך שווערער. נישט ער, נישט זי האָבן נישט אַרויסגעזאָגט די סיבה פון זייער צערייצטקייט, אָבער האָבן געהאַלטן איינער דעם אַנדערן פאַר אומגערעכט און בּאַ יעדער געלעגנהייט זיך בּאַמיט דאָס אַרויסצווייזן איינער דעם אַנדערן.

פאַר איר איז ער אינגאַנצן, מיט אַלע זיינע געוווינהייטן, געדאַנקען, פאַרלאַנגען, מיט אַלע זיינע גייסטיקע און פיזישע אייגשאַפטן, געווען איינס — ליבע צו פרויען, און דידאָזיקע ליבע האָט לויט איר געפיל געדאַרפט זיין אינגאַנצן קאָנצענטרירט אויף איר אַליין. דידאָזיקע ליבע איז קלענער געוואָרן; פאָלגלעך האָט ער, לויט איר מיינונג, אַ טייל פון דער ליבע געמוזט אַריבערטראָגן אויף אַנדערע אָדער אויף אַן אַנדערער פרוי, — און זי איז געווען אייפערזיכטיק. זי איז געווען אייפערזיכטיק אויף אים נישט צו עפעס אַ פרוי, נאָר צו זיין פאַרקלענערטער ליבע. נאָך נישט האָבנדיק קיין אָביעקט פאַר איר אייפערזוכט, האָט זי זיך געזוכט אַזעלכן. דאָ איז זי געווען אייפערזיכטיק אויף אים צו די גראָבע פרויען, מיט וועלכע, אַ דאַנק זיינע בחורישע פאַרבינדונגען, ער האָט געקאָנט אַזוי לייכט קומען אין באַציונג; דאָ איז זי געווען אייפערזיכטיק אויף אים צו די היכוועלטישע פרויען, מיט וועלכע ער האָט זיך געקאָנט באַגעגענען; דאָ איז זי געווען אייפערזיכטיק אויף אים צו עפעס אַ מיידל, מיט וועלכער, איבעררייסנדיק מיט איר די פאַרבינדונג, ער האָט געקאָנט חתונה האָבן. און דידאָזיקע לעצטע אייפערזוכט האָט זי מער פון אַלץ געמאַטערט, באַזונדערס דערפאַר, וואָס ער אַליין האָט נישט פאַרזיכטיק אין אַן אָפנהאַרציקער מינוט איר געזאָגט, אַז זיין מוטער פאַרשטייט אים אַזוי ווייניק, אַז זי האָט זיך דערלויבט אים אָנצורעדן חתונה צו האָבן מיט דער פירשטין סאָראָקינאַ.

און זייענדיק אייפערזיכטיק אויף אים, איז אַננאַ געווען אומצופרידן מיט אים און האָט אין אַלעם געזוכט אַ סיבה פאַר דערדאָזיקער אומצופרידנקייט. אין אַלעם שווערן אין איר לאַגע האָט זי באַשולדיקט אים. דעם פּיינלעכן צושטאַנד פון דערוואַרטונג, וועלכן זי האָט, אַזוי ווי צווישן הימל און ערד, איבערגעלעבט אין מאָסקווע, די פאַמעלעכקייט און נישט אַנטשלאָסנקייט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשעס, איר איינזאַמקייט — אין אַלעם האָט זי באַשולדיקט אים. ווען ער וואָלט זי ליב געהאַט, וואָלט ער פאַרשטאַנען די גאַנצע שווערקייט פון איר לאַגע און וואָלט זי אַרויסגעפירט פון איר. אין דעם, וואָס זי האָט געוווינט אין מאָסקווע און נישט

אין דאָרף, איז אויך ער שולדיק געווען. ער האָט נישט געקאָנט לעבן, פאַרגראָבנדיק זיך אין דאָרף, ווי זי האָט דאָס געוואָלט. אים איז נייטיק געווען געזעלשאַפט, און ער האָט זי געשטעלט אין דערדאָזיקער שרעקלעכער לאַגע, וואָס איר שווערקייט ער האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין. און ווידער איז ער דאָך אויך שולדיק געווען אין דעם, וואָס זי איז אויף אייביק צעשיידט געווען מיטן זון.

אפילו די זעלטענע מינוטן פון צערטלעכקייט, וועלכע פלעגן זיין צווישן זיי, פלעגן זי אויך נישט באַרויקן: אין זיין צערטלעכקייט האָט זי אַצינד געזען אַ שאָטן פון רויקייט, זיכערקייט, וועלכע זענען פריער נישט געווען און וועלכע האָבן זי אויפגערייצט.

עס איז שוין געווען בין השמשות. וואַרטנדיק אויף זיין צוריקקומען פון אַ בחוריש מיטאָג, אויף וועלכן ער איז געפאָרן, איז אַננאַ איינע אַליין געגאַנגען הין און צוריק איבער זיין קאַבינעט (דאָס צימער, ווו עס האָט זיך ווינציקער געהערט דאָס גערויש פון דער גאַס) און אין אַלע פרטים דורכגעטראַכט די אויסדריקן פון דער נעכטיקער קריג. זיך אומקערנדיק אַלץ מער צוריק פון די געדענקלעכע באַליידיקונגסווערטער פון דער קריג צו דעם, וואָס ס'איז געווען זייער סיבה, האָט זי זיך ענדלעך דערקליבן צום אָנהייב פון דעם געשפרעך. זי האָט לאַנג נישט געקאָנט גלייבן, אַז די קריג זאָל זיך געווען אָנהייבן פון אַזאַ נישטיקן, אומוויכטיקן געשפרעך, און ווירקלעך איז דאָס געווען אַזוי. אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם, וואָס ער האָט חוזק געמאַכט פון די פרויען-גימנאַזיעס, האַלטנדיק זיי פאַר נישט נייטיק, און זי האָט זיך אָנגענומען פאַר זיי. ער האָט זיך גרינגשעציק באַצויגן צו דער פרויען-בילדונג בכלל און האָט געזאָגט, אַז דאָס ענגלישע מיידל האַננאַ, מיט וועלכער אַננאַ האָט זיך פאַרנומען, איז לגמרי נישט מחויב צו קענען קיין פיזיק.

דאָס האָט אויפגערייצט אַננען. זי האָט געזען אין דעם אַ ביטולדיקן רמז אויף אירע באַשעפטיקונגען. און זי האָט צוגעטראַכט און געזאָגט אַזאַ פראַזע, וועלכע זאָל אים אָפּצאָלן פאַר דעם ווייטיק, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט.

— איך דערוואַרט גאָרנישט, אַז איר זאָלט געדענקען מיך, מיינע געפילן, ווי עס וואָלט זיי געקאָנט געדענקען אַ ליבנדיקער מענטש, נאָר איך האָב דערוואַרט פשוט איידלקייט, — האָט זי געזאָגט.

און ער איז ווירקלעך רויט געוואָרן פון פאַרדראָס און האָט געזאָגט עפּעס נישט אָנגענעמס. זי האָט נישט געדענקט, וואָס זי האָט

געענטפערט, נאָר דאָ, משמעות אויך מיטן פאַרלאַנג איר ווי צו טון האָט ער געזאָגט:

— מיר איז נישט אָנגענעם אייער ליבע צו דעמדאָזיקן מיידל, דאָס איז אמת, ווייל איך זע, אַז זי איז נישט נאַטירלעך.

דידאָזיקע גרויזאַמקייט זיינע, מיט וועלכער ער האָט צעשטערט די וועלט, וועלכע זי האָט זיך מיט אַזוי פיל אָנשטרענגונג באַשאַפן, כדי איבערצוטראָגן איר שווער לעבן, דידאָזיקע אומגערעכטיקייט זיינע, מיט וועלכער ער האָט זי באַשולדיקט אין געמאַכטקייט, אין נישט נאַטירלעכקייט, האָבן זי אַריינגעבערענגט אין צאָרן.

— איך באַדויער זייער, וואָס בלויז גראָבס און מאַטעריעלס איז פאַר אייך פאַרשטענדלעך און נאַטירלעך, — האָט זי געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

ווען ער איז נעכטן אינאָוונט געקומען צו איר, האָבן זיי נישט דערמאָנט אָן דער נעכטיקער קריג, אָבער ביידע האָבן געפילט, אַז די קריג איז בלויז פאַרגלעט, אָבער נישט אַריבערגעגאַנגען.

היינט איז ער אַ גאַנצן טאָג נישט געווען אינדערהיים, און איר איז געווען אַזוי איינזאַם און שווער זיך צו פילן מיט אים צעקריגט, אַז זי האָט געוואָלט אַלץ פאַרגעסן, מוחל זיין און זיך איבערבעטן מיט אים, האָט געוואָלט באַשולדיקן זיך און באַרעכטיקן אים.

„איך בין אַליין שולדיק. איך בין צערייצט, איך בין אומזיניק אייפערזיכטיק... איך וועל מיך איבערבעטן מיט אים, און מיר וועלן אַוועקפאָרן אין דאָרף אַריין, דאָרט וועל איך זיין רויקער", האָט זי זיך געזאָגט.

„נישט נאַטירלעך! — האָט זי זיך פּלוצלינג דערמאָנט נישט אַזוי דאָס וואָרט, וואָס האָט זי צומיינסטן באַליידיקט, ווי די כוונה איר ווי צו טון. — איך ווייס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן: ער האָט געוואָלט זאָגן: עס איז נישט נאַטירלעך, נישט ליב האָבנדיק די אייגענע טאָכטער, ליב צו האָבן אַ פרעמד קינד. וואָס פאַרשטייט ער אין ליבע צו קינדער, אין מיין ליבע צו סעריאָזשען, וועלכן איך האָב פאַר אים מקריב געווען? אָבער דערדאָזיקער פאַרלאַנג מיר ווי צו טון! ניין, ער האָט ליב אַ צווייטע פרוי, דאָס קאָן נישט זיין אַנדערש".

און זעענדיק, אַז מיטן פאַרלאַנג זיך צו באַרויקן, האָט זי ווידער געמאַכט דעם זעלבן שוין אַזוי פיל מאָל דורכגעמאַכטן קרייז און זיך אומגעקערט צו דער פריערדיקער צערייצטקייט, האָט זי זיך דערשראָקן

פאַר זיך אַליין. „צי קאָן איך טאַקע נישט? צי קאָן איך נישט נעמען אויף זיך? — האָט זי זיך געזאָגט און ווידער אָנגעהויבן פון אָנהייב. — ער איז גערעכט, ער איז ערלעך, ער האָט מיך ליב. איך האָב אים ליב, אַ ליאַדע טאָג וועט אָנקומען דער גט. וואָס־זשע דאַרף מען נאָך? מען דאַרף רויקייט, צוטרוי, און איך וועל נעמען אויף מיר. יאָ, אַצינד, ווען ער וועט קומען, וועל איך זאָגן, אַז איך בין שולדיק געווען, הגם איך בין נישט שולדיק געווען, און מיר וועלן אוועקפאָרן".

און כדי נישט צו טראַכטן מער און זיך נישט אונטערצוגעבן דער צערייצטקייט, האָט זי אָנגעקלונגען און געהייסן אַריינטראָגן די קופערטס פאַרן איינפּאַקן די זאַכן אין דאָרף אַריין.

צען אַ זייגער איז וראָנסקי געקומען.

XXIV.

— וואָס־זשע, עס איז געווען פריילעך? — האָט זי געפרעגט, אַרויסגייענדיק אים אַקעגן מיט אַ שולדיקן און מילדן אויסדרוק אויפן פּנים.

— ווי געוויינלעך, — האָט ער געענטפערט, פאַרשטייענדיק גלייך פון ערשטן בליק אויף איר, אַז זי איז אין איינער פון אירע גוטע שטימונגען. ער איז שוין געווינט געווען צו די ענדערונגען און איז היינט געווען באַזונדערס צופרידן פון דעם, ווייל ער אַליין איז אויך געווען אין בעסטן געמיטס־צושטאַנד.

— וואָס זע איך! אָט דאָס איז גוט! — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף די קופערטס אין פאַרצימער.

— יאָ, מען דאַרף פאָרן. איך בין געפאָרן שפּאַצירן, און עס איז אַזוי גוט געווען, אַז עס האָט זיך פאַרגלוסט אין דאָרף אַריין. דיך פאַרהאַלט דאָך גאָרנישט?

— איך וויל בלויז איינס. איך וועל באַלד אַריינקומען, און מיר וועלן זיך דורכשמועסן, איך וועל מיך נאָר איבערטון. הייס דערלאַנגען טיי.

און ער איז אַריינגעגאַנגען אין זיין קאַבינעט.

עס איז געווען עפּעס באַליידיקענדס אין דעם, וואָס ער האָט גע־

זאָגט: „אַט דאָס איז גוט", ווי מען זאָגט צו אַ קינד, וועז עס הערט אויף צו קאַפּריזעווען, און נאָך מער באַליידיקענד איז געווען די קעגנזעצלעכקייט צווישן איר שולדיקן און זיין זעלבסטזיכערן טאָן; און זי האָט אויף אַן אויגנבליק דערפילט אין זיך אַ שטייגנדיקן פאַרלאַנג פון קאַמף; אָבער זי האָט זיך באַהערשט, דערשטיקט דעם פאַרלאַנג אין זיך און ווידער באַגעגנט ווראָנסקין אַזוי פריילעך, ווי פריער.

ווען ער איז אַריינגעקומען צו איר, האָט זי אים דערציילט, טיילווייז איבערחזרנדיק די צוגעגרייטע ווערטער, איר טאָג און אירע פּלענער צום אָוועקפאָרן.

— דו ווייסט, מיך האָט באַהערשט כמעט אַ באַגייסטערונג, — האָט זי געזאָגט. — צו וואָס זאָל מען וואַרטן דאָ אויפן גט? איז דען נישט אַלץ איינס אין דאָרף? איך קאָן נישט מער וואַרטן. איך וויל נישט האָפן, וויל נישט מער הערן וועגן גט. איך האָב באַשלאָסן, אַז דאָס וועט נישט האָבן מער קיין איינפלוס אויף מיין לעבן. דו ביסט איינשטימיק?

— אָ, יאָ! — האָט ער געזאָגט, אַ קוק געבנדיק מיט אומרויִקייט אויף איר אויפגערעגט פּנים.

— וואָס זשע האָט איר דאָרט געטון? ווער איז געווען? — האָט זי געזאָגט, שווייגנדיק אַ ווײַלע.

ווראָנסקי האָט אָנגערופן די געסט. — דאָס מיטאָג איז געווען אַ הערלעכס, אויך דאָס געיעג פון די שיפלעך, און דאָס אַלץ איז געווען זייער פיין, אָבער אין מאָסקווע קאָן מען זיך נישט באַגיין אָן קיין ridicule. האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ דאַמע, אַ לערערין פון שווימען בײַ דער שוועדישער קעניגן, און האָט געוויזן איר קונסט.

— ווי אַזוי? זי איז געשווומען? — האָט אַננאַ זיך כמורעדיק געפרעגט.

— אין עפּעס אַ רויטן costume de natation, אַן אַלטע, אַן אומגעלומפּערטע. ווען זשע פאָרן מיר?

— וואָס פאַר אַ נאַרישע פאַנטאַזיע! וואָס זשע, זי שווימט עפּעס באַזונדערס? — האָט אַננאַ געזאָגט, נישט ענטפערנדיק.

— קיין שום באַזונדערס. דאָס זאָג איך דאָך טאַקע, אַז ס'איז געווען שרעקלעך נאַריש. ווען זשע קלערסטו צו פאָרן?

אַננאַ האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ, ווי וועלנדיק פאַרטרייבן אַ נישט אָנגענעמען געדאַנק.

— ווען פאָרן ? וואָס פריער, אַלץ בעסער. מאָרגן וועלן מיר נישט באַווייזן. איבערמאָרגן.

— אָבער... ניין, ווארט צו. איבערמאָרגן — זונטיק, דאַרף איך זיין בא דער maman, — האָט ווראָנסקי געזאָגט, ווערנדיק אומרויק, ווייל ווי נאָר ער האָט ארויסגעבערענגט דער מוטערס נאָמען, האָט ער דערפילט אויף זיך אַ שאַרפן פאַרדעכטיקן בליק. זיין אומרויקייט האָט איר באַשטעטיקט איר פאַרדאַכט. זי איז רויט געוואָרן און האָט זיך אָוועקגעדרייט פון אים. אַצינד האָט שוין אַננאַ געזעען פאַר זיך נישט קיין לערערין פון דער שוועדישער קעניגין, נאָר די פירשטין סאָראָקינאַ, וועלכע האָט געוווינט אין אַ הינט‍ערשטאָטישן מאָסקווער דאָרף צוזאַמען מיט דער גרעפין ווראָנסקאַיאַ.

— דו קאָנסט פאָרן מאָרגן ! — האָט זי געזאָגט.

— אָבער ניין. צוליב דעם ענין, וואָס איך פאָר, באַקומט מען נישט קיין באַפולמעכטיקונג און געלט מאָרגן, — האָט ער געענטפערט.

— אויב אַזוי, וועלן מיר אינגאַנצן נישט פאָרן.

— פאַרוואָס-זשע ?

— איך וועל שפּעטער נישט פאָרן. מאָנטיק אָדער קיינמאָל נישט !

— פאַרוואָס-זשע ? — האָט ווראָנסקי אַזוי ווי מיט פאַרוווּנדערונג געזאָגט. — דאָס האָט דאָך נישט קיין זינען !

— פאַר דיר האָט דאָס נישט קיין זינען, ווייל איך גיי דיך אינגאַנצן נישט אָן. דו ווילסט נישט פאַרשטיין מיין לעבן. דאָס איינציקע, וואָס מיך האָט דאָ פאַרנומען — האַננאַ. זאָגסטו, אַז דאָס איז געמאַכט. דו האָסט דאָך געזאָגט נעכטן, אַז איך האָב נישט ליב די טאָכטער, און מאַך דעם אָנשטעל, אַז איך האָב ליב די ענגלענדערין, אַז דאָס איז נישט נאַטירלעך ; איך וואָלט געוואָלט וויסן, וואָסער לעבן עס קאָן דאָ זיין פאַר מיר נאַטירלעך.

אויף אַן אויגנבליק איז זי געקומען צו זיך און זיך דערשראָקן פון דעם, וואָס זי האָט געענדערט איר באַשלוס. אָבער הגם זי האָט געוווּסט, אַז זי ברענגט זיך אום, האָט זי נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן, נישט געקאָנט אים נישט אויפווייזן, ווי אומגערעכט ער איז, נישט געקאָנט זיך אונטערגעבן אים.

— איך האָב דאָס קיינמאָל נישט געזאָגט ; איך האָב געזאָגט, אַז מיר געפעלט נישט די דאָזיקע פלוצלינגדיקע ליבע.

— פאַרוואָס זאָגסטו נישט קיין אמת, דו, וואָס רימסט דיך מיט דיין אָפנהאַרציקייט.

— איך רום מיך קיינמאָל נישט און זאָג קיינמאָל נישט קיין ליגנט, — האָט ער געזאָגט שטיל, איינהאַלטנדיק דעם כעס, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין אים. — זייער אַ שאָד, אויב דו אַכטעסט נישט. . .

— אַכטונג האָט מען אויסגעטראַכט, כדי צו פאַרשטעלן דאָס ליידיקע אָרט, ווו עס דאַרף זיין ליבע... און אויב דו האָסט מיך מער נישט ליב, איז בעסער און ערלעכער דאָס צו זאָגן.

— ניין, דאָס ווערט אומדערטרעגלעך! — האָט וורא‏נסקי אויסגעשריגן, אויפשטייענדיק פון דער שטול. און, שטעלנדיק זיך קעגן איר, האָט ער געלאָסן אַרויסגערעדט: — צוליב וואָס פרווסטו אויס מיין געדולדיקייט? — האָט ער געזאָגט מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט געקאָנט זאָגן נאָך אַ סך, נאָר האָט זיך אָפּגעהאַלטן. — עס האָט דאָך אַ גרענעץ.

— וואָס ווילט איר מיט דעם זאָגן? — האָט זי אויסגעשריגן, מיט שרעק זיך איינקוקנדיק אין דעם דייטלעכן אויסדרוק פון האַס, וואָס איז געווען אינגאַנצן פנים און באַזונדערס אין די גרויזאַמע, דראָענדיקע אויגן.

— איך וויל זאָגן... — האָט ער שוין אָנגעהויבן, נאָר זיך אָפּגעשטעלט. — איך וויל אייך פרעגן, וואָס איר ווילט פון מיר?

— וואָס קאָן איך ווען? איך קאָן ווען בלויז דאָס, אַז איר זאָלט מיך נישט פאַרלאָזן, ווי איר טראַכט, — האָט זי געזאָגט, פאַרשטייענדיק דאָס אַלץ, וואָס ער האָט נישט דערזאָגט. — אָבער דאָס וויל איך נישט, דאָס איז אַ זאַך פון דער צווייטער מדרגה. איך וויל ליבע, און זי איז נישטאָ. הייסט עס, אַז אַלץ איז געענדיקט.

זי האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

— וואַרט-צו! וואַרט... צו! — האָט וורא‏נסקי געזאָגט, נישט אויסגלייכנדיק די אָנגעכמורעטע ברעמען, נאָר פאַרהאַלטנדיק זי בא דער האַנט. און וואָס גייט דאָ? איך האָב געזאָגט, אַז מען דאַרף דאָס פאָרן אָפּלייגן אויף דריי טעג, האָסטו מיר אויף דעם געענטפערט, אַז איך זאָג ליגנט, אַז איך בין נישט קיין ערלעכער מענטש.

— און איך חזר איבער, אַז אַ מענטש, וועלכער באַשולדיקט מיך, אַז ער האָט אַלץ פאַר מיר מקריב געווען, — האָט זי געזאָגט, דערמאָ-

נענדיק זיך די ווערטער נאָך פון אַ פריערדיקער קריג, — אַז דאָס איז ערגער פון אַ נישט ערלעכן מענטש, — דאָס איז אַ מענטש אָן ו ארץ.

— ניין, דאָס געדולד האָט אַ גרענעץ! — האָט ער אויסגעשריגן און שנעל אַרויסגעלאָזט איר האַנט.

„ער האַסט מיך, דאָס איז קלאָר“, האָט זי אַ קלער געטון און שווייגנדיק, נישט אומקוקנדיק זיך, מיט נישט גלייכע טריט אַרויסגעגאַנגען פון צימער. „ער האָט ליב אַן אַנדערע פרוי, דאָס איז נאָך קלאָרער“, האָט זי זיך געזאָגט, אַריינגייענדיק אין איר צימער. „איך וויל ליבע, און זי איז נישטאָ. הייסט עס, איז אַלץ געענדיקט, — האָט זי איבערגעחזרט אירע געזאָגטע ווערטער, — און מען דאַרף פאַרענדיקן“.

„אָבער ווי אַזוי?“ האָט זיך געפרעגט און זיך געזעצט אויפן פאָטעל פאַרן שפיגל.

געדאַנקען וועגן דעם, וווהין זי וועט פאָרן אַצינד, צו דער מומען, בא וועלכער זי איז דערצויגן געוואָרן, צו דאָללין אָדער איינפאַך קיין אויסלאַנד, און וועגן דעם, וואָס ע ר טוט אַצינד אַליין אין קאַבינעט, צי די קריג איז שוין אַן ענדגילטיקע, אָדער עס איז נאָך מעגלעך זיך איבערצובעטן, און וועגן דעם, וואָס עס וועלן אַצינד רעדן וועגן איר אַלע אירע פעטערבורגער געוועזענע באַקאַנטע, ווי אַזוי עס וועט קוקן אויף דעם אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, און נאָך אַ סך אַנדערע געדאַנקען וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין אַצינד נאָכן איבעררייס, זענען איר געקומען אין קאָפּ אַריין, אָבער זי האָט זיך נישט מיטן גאַנצן האַרץ אָפּגעגעבן דידאָזיקע געדאַנקען. אין איר נשמה איז געווען עפּעס איין אומקלאָרער געדאַנק, וועלכער האָט זי אַליין אינטערעסירט. נאָר זי האָט אים נישט געקאָנט אָנערקענען. דערמאַנענדיק זיך נאָכאַמאָל וועגן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, האָט זי זיך אויך דערמאַנט די צייט פון איר קראַנקייט נאָך דער קימפּעט, און דאָס געפיל, וואָס האָט זי דעמאָלט נישט פאַרלאָזט. „פאַרוואָס בין איך נישט געשטאָרבן?“ האָבן זיך איר דערמאַנט אירע דעמאָלטיקע ווערטער און איר דעמאָלטיק געפיל. און זי האָט פּלוצלינג פאַרשטאַנען דאָס, וואָס איז געווען אין איר נשמה. יאָ, דאָס איז געווען דער איינציקער געדאַנק, וועלכער האָט אַלץ געלייזט. יאָ, שטאַרבן!...“

„אי די בושה אי די שאַנד אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס און סעריאָזשעס, אי מיין בושה — אַלץ וועט אויסגעלייזט ווערן דורכן טויט.

שטאַרבן — און ער וועט חרטה האָבן, וועט באַדויערן, וועט ליב האָבן, וועט ליידן צוליב מיר". מיט אַ פאַרגליווערטן שמייכל פון מיטגעפיל צו זיך איז זי געזעסן אין פאָטעל, אויסטועענדיק און אָנטועענדיק די רינגלעך פון דער לינקער האַנט, לעבעדיק פון פאַרשידענע זייטן זיך פאָרשטעלנ־דיק זיינע געפילן נאָך איר טויט. טריט, וואָס האָבן זיך דערנעענטערט, זיינע טריט, האָבן זי צעשטערט. אַזוי ווי פאַרנומען מיטן אָנטון אירע רינגלעך, האָט זי זיך אפילו נישט אויסגעדרייט צו אים.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר און, אָננעמענדיק זי בײַ דער האַנט, האָט ער שטיל געזאָגט:

— אַננאַ, מיר וועלן פאָרן איבערמאָרגן, אויב דו ווילסט. איך בין אויף אַלץ איינשטימיק.

זי האָט געשוויגן.

— וואָס־זשע? — האָט ער געפרעגט.

— דו ווייסט אַליין, — האָט זי געזאָגט און אין דער זעלבער מי־נוט, נישט זייענדיק בכוח זיך מער איינצוהאַלטן, האָט זי זיך צעשלוכצט.

— וואַרף מיך אַוועק, וואַרף אַוועק! — האָט זי שלוכצנדיק אַרויס־גערעדט. — איך וועל מאָרגן אַוועקפאָרן... איך וועל נאָך מער טון. ווער בין איך? אַן אויסגעלאַסענע פרוי. אַ שטיין אויף דיין האַלז. איך וויל דיך נישט מאַטערן, איך וויל נישט! איך וועל דיך באַפרייען. דו האָסט נישט ליב, דו האָסט ליב אַ צווייטע!

וורָאָנסקי האָט זי געבעטן זיך צו באַרויקן און פאַרזיכערט, אַז עס איז נישטאָ קיין גרונט פאַר איר אייפערזוכט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט און וועט קיינמאָל נישט אויפהערן זי ליב צו האָבן, אַז ער האָט זי ליב מער ווי פריער.

— אַננאַ, פאַרוואָס זאָלסטו אַזוי מאַטערן זיך און מיך? — האָט ער געזאָגט, קושנדיק אירע הענט. זיין פנים האָט אַציַנד אויסגעדריקט צערטלעכקייט, און איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט מיטן אויער גע־הערט אַ קלאַנג פון טרערן אין זיין קול און אויף דער האַנט געפילט זייער פייכטקייט. און אויגנבליקלעך איז אַננעס פאַרצווייפלטע אייפערזוכט איבערגעגאַנגען אין אַ פאַרצווייפלטער, ליידנשאַפטלעכער צערטלעכקייט; זי האָט אים אַרומגענומען, באַדעקט מיט קושן זיין קאָפּ, זיין האַלז, זיינע הענט.

XXV.

פילנדיק, אַז דאָס איבערבעטן זיך איז געווען אַ פולשטענדיקס, האָט אננאַ באַלד אינדערפרי זיך גענומען לעבהאַפט צוגרייטן צום פאָרן. הגם עס איז נאָך נישט געווען באַשלאָסן, צי זיי פאָרן מאָנטיק אָדער דינסטיק, ווייל זיי האָבן נעכטן אָפּגעטרעטן איינער דעם אַנדערן, האָט אננאַ דאָך זיך טיכטיק געגרייט צום פאָרן, פילנדיק זיך אינגאַנצן גלייכגילטיק צו דעם, צי זיי וועלן פאָרן מיט אַ טאָג פריער אָדער שפּעטער. זי איז גע־שטאַנען אין איר צימער בּאַ אַ געעפנטן קופערט, איבערקלייבנדיק די זאַכן, ווען ער איז, שוין אַן אָנגעטאָנענער, פריער ווי געוויינלעך אַריינגע־קומען צו איר.

— איך וועל גלייך צופאָרן צו דער maman, זי קאָן מיר שיקן דאָס געלט דורך יעגאָרן. און מאָרגן בּין איך גרייט צו פאָרן, — האָט ער געזאָגט.

ווי גוט געשטימט זי איז נישט געווען, האָט דאָך דאָס דערמאָנטע פאָרן אויף דער דאַטשע איר אַ שטאָך געטון.

— ניין, איך וועל אויך אַליין נישט באַוויזן, — האָט זי געזאָגט און גלייך אַ קלער געטון: „האָט מען, הייסט עס, געקאָנט איינאָרדנען צו טון אַזוי, ווי איך האָב געוואָלט". — ניין, טו אַזוי, ווי דו האָסט גע־וואָלט. גיי אַריין אין עסצימער, איך וועל באַלד אַריינקומען, איך דאַרף בלויז אָפּקלייבן זידאָזיקע נישט נייטיקע זאַכן, — האָט זי געזאָגט, אַרויפ־לייגנדיק נאָך עפּעס אויף אַננושקאַס האַנט, אויף וועלכער עס איז שוין געלעגן אַ גאַנצער באַרג זאַכן.

וורָאָנסקי האָט געגעסן זיין ביפשטעקס, ווען זי איז אַריינגעקומען אין עסצימער.

— דו קאָנסט דיר נישט פאָרשטעלן, ווי דידאָזיקע צימערן זענען מיר פאַרמיאוסט געוואָרן, — האָט זי געזאָגט, זעצנדיק זיך לעבן אים צו איר קאַווע. — עס איז גאָרנישטאָ קיין שרעקלעכערס פון דידאָזיקע chambres garnies. זיי האָבן נישט קיין אויסדרוק, קיין נשמה. דידאָ־זיקע זייגערס, גאַרדינען, דער עיקר, די טאַפּעטן — אַ קאָשמאַר. איך

טראכט וועגן וואזדוויזשענסקאיע ווי וועגן א גן עדן. דו שיקסט נאך נישט אוועק די פערד?

— ניין, זיי וועלן פארן נאך אונז. און דו פארסט ערגעץ?

— איך האב געוואלט צופארן צו דער ווילסאן. איך דארף איר אריבערפירן די מלבושים. איז באשטימט מארגן? — האט זי געזאגט מיט א פריילעך קול; נאר פלוצלינג האט איר פנים זיך געענדערט.

ווראנסקיס קאמערדינער איז געקומען בעטן דאס צעטעלע אויף א טעלעגראמע פון פעטערבורג. עס איז נישט געווען קיין שום באזונדערס אין ווראנסקיס דערהאלטן א דעפעשע, אבער, ווי ער וואלט געוואלט עפעס פארהוילן פאר איר, האט ער געזאגט, אז דאס צעטעלע איז אין קאבינעט און זיך איילנדיק געווענדט צו איר:

— איך וועל אומבאדינגט מארגן אלץ פארענדיקן.

— פון וועמען איז די דעפעשע? — האט זי געפרעגט, נישט הערנדיק אים.

— פון סטיווען! — האט ער אומגערן געענטפערט.

— פארוואס־זשע האסטו מיר נישט געוויזן? וואסער סוד קאן זיין צווישן סטיווען און מיר?

ווראנסקי האט צוריקגערופן דעם קאמערדינער און געהייסן ברענגען די דעפעשע.

— איך האב דיר נישט געוואלט ווייזן, ווייל סטיווא האט סתם ליב צו טעלעגראפירן; נאכוואס איז דאס טעלעגראפירן, ווען עס איז נאך גאר נישט באשלאסן.

— וועגן גט?

— יא, אבער ער שרייבט: ער האט נאך גארנישט געקאנט אויפטון. ער האט צוגעזאגט צו געבן די טעג אן ענדגילטיק ענטפער. נא, לייען איבער.

מיט ציטערדיקע הענט האט אננא גענומען די דעפעשע און איבערגעלייענט דאס זעלבע, וואס ווראנסקי האט געזאגט. צום סוף איז נאך געווען צוגעגעבן: „עס זענען דא קליינע האפנונגען, אבער איך וועל טון אלץ, וואס וועט זיין מעגלעך און אוממעגלעך".

— איך האב נעכטן געזאגט, אז ס'איז מיר פולשטענדיק אלץ איינס, ווען איך וועל באקומען, און צי איך וועל בכלל באקומען דעם גט, — האט זי געזאגט רויט ווערנדיק. — עס איז נישט געווען קיין שום נויטווענדיקייט צו באהאלטן פאר מיר. „אזוי קאן ער באהאלטן און באהאלט

פאַר מיר זיין דורכשרייבן-זיך מיט פרויען״, האָט זי אַ קלער געטון.

— און יאַשווין האָט געוואָלט קומען היינט אינדערפרי מיט וואָיטאָוון, — האָט וראָנסקי געזאָגט; — דאַכט זיך, אַז ער האָט אָפּגעווונען בײַ פעווצאָוון אַלץ, און אפילו נאָך מער, וויפיל יענער קאָן באַצאָלן, — אַן ערך זעכציק טויזנט.

— ניין, האָט זי געזאָגט, דענערווירט פון דעם, וואָס ער האָט אַזוי באַשיינפּערלעך מיט דעמדאָזיקן געענדערטן געשפּרעך איר אַרויסגעוויזן, אַז זי איז דענערווירט, — פאַרוואָס-זשע מיינסטו, אַז דידאָזיקע ידיעה אינטערעסירט מיך אַזוי, אַז מען דאַרף אַפילו באַהאַלטן? איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל נישט וועגן דעם טראַכטן, און וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט דיך אויך מיט דעם אַזוי ווייניק אינטערעסירן, ווי איך.

— איך אינטערעסיר מיך דערפאַר, וואָס איך האָב ליב קלאָרקייט, — האָט ער געזאָגט.

— די קלאָרקייט איז נישט אין דער פאָרם, נאָר אין דער ליבע, — האָט זי געזאָגט, אַלץ מער און מער זיך דענערווירנדיק נישט פון די ווערטער, נאָר פון דעם טאָן פון קאַלטער רויקייט, מיט וועלכן ער האָט גערעדט. — נאָכוואָס ווילסטו דאָס?

„גאָט מיינער! ווידער וועגן ליבע“, האָט ער אַ קלער געטון קרימענדיק זיך.

— דו ווייסט דאָך פאַרוואָס: פאַר דיר און פאַר די קינדער, וועלכע וועלן זיין, — האָט ער געזאָגט.

— קיין קינדער וועלן נישט זיין.

— דאָס איז זייער אַ שאָד! — האָט ער געזאָגט.

— דיר איז דאָס נייטיק פאַר די קינדער; און וועגן מיר טראַכסטו נישט? — האָט זי געזאָגט, גאָר פאַרגעסנדיק און נישט הערנדיק, אַז ער האָט געזאָגט: פ אַ ר ד י ר און פאַר די קינדער.

די פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פון האָבן קינדער איז שוין לאַנג געווען אַ שטרייט-פראַגע, וואָס האָט זי אויפגערייצט. זיין פאַרלאַנג צו האָבן קינדער האָט זי זיך דערקלערט מיט דעם, וואָס פאַר אים איז נישט טייער איר שיינקייט.

— אָך, איך האָב דאָך געזאָגט: פאַר דיר. מער פון אַלץ פאַר דיר, — האָט ער, אַזוי ווי קרימענדיק זיך פון ווייטיק, איבערגעחזרט, — ווייל איך בין איבערצייגט, אַז די גרעסטע טייל פון דיין אויפרעגונג דערנעמט זיך פון דער אומבאַשטימטער לאַגע.

„יאָ, אָט האָט ער אַצינד אויפגעהערט צו מאַכן זיך און ס'איז קענ־טיק זיין גאַנצער קאַלטער האַס צו מיר“, האָט זי אַ קלער געטון, נישט הערנדיק זיינע ווערטער, נאָר מיט שרעק זיך איינקוקנדיק אין דעם קאַלטן און גרויזאַמען ריכטער, וואָס האָט, רייצנדיק זי, אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן.

— די סיבה איז נישט דאָס, — האָט זי געזאָגט, — און איך פאַרשטיי אפילו נישט, ווי אַזוי די סיבה פון מיין, ווי דו רופסט עס אָן, דענערווירטקייט קאָן זיין דאָס, וואָס איך געפין מיך אינגאַנצן אין דיין מאַכט. וואָסער זשע אומבאַשטימטע לאַגע קאָן דאָ זיין? פאַרקערט.

— איך באַדויער זייער, וואָס דו ווילסט נישט פאַרשטיין, — האָט ער איר איבערגעשלאָגן, ווענדיק דווקא אַרויסזאָגן זיין געדאַנק; — די אומבאַשטימטקייט באַשטייט אין דעם, וואָס דיר דאַכט זיך, אַז איך בין פריי.

— וועגן דעם קאָנסטו זיין אינגאַנצן רויק, — האָט זי געזאָגט און, אַוועקדרייענדיק זיך פון אים, האָט זי אָנגעהויבן צו טרינקען די קאַווע.

זי האָט אויפגעהויבן דאָס שעלעכל, אַוועקנעמענדיק דעם קליינעם פינגער, און עס צוגעטראָגן צום מויל. נאָכן אָפטרינקען עטלעכע שלונג, האָט זי אַ קוק געטון אויף אים און לויטן אויסדרוק פון זיין פנים קלאָר פאַרשטאַנען, אַז אים זענען דערווידער די האַנט און דער זשעסט און דער קלאַנג, וועלכן זי האָט אַרויסגעבראַכט מיט די ליפּן.

— מיר איז אינגאַנצן אַלציינס, וואָס עס טראַכט דיין מוטער און ווי אַזוי זי וויל דיך חתונה מאַכן, — האָט זי געזאָגט, אַוועקשטעלנדיק מיט אַ ציטערדיקער האַנט דאָס שעלעכל.

— אָבער מיר רעדן דאָך נישט וועגן דעם.

— ניין, טאַקע וועגן דעם. און גלייב מיר, אַז פאַר מיר איז אַ פרוי אָן האַרץ, מעג דאָס זיין אַ זקנה אָדער נישט קיין זקנה, דיין מוטער אָדער אַ פרעמדע, נישט אינטערעסאַנט, און איך וויל זי נישט קענען.

— אננאַ, איך בעט דיך נישט צו רעדן מיט באַליידיקונג וועגן מיין מוטער.

— אַ פרוי, וועלכע האָט נישט דערפילט מיטן האַרץ, אין וואָס

עס ליגט דאָס גליק און די ערע פון איר זון, אַזעלכע האָט נישט קיין האַרץ.

— איך חזר איבער מיין בקשה: נישט צו רעדן מיט אומכבוד וועגן דער מוטער, וועלכע איך שעץ, — האָט ער געזאָגט מיט אַ העכער קול און קוקנדיק שטרענג אויף איר.

זי האָט נישט געענטפערט. שאַרף קוקנדיק אויף אים, אויף זיין פּנים, אויף די הענט, האָט זי זיך דערמאָנט מיט אַלע פּרטים די סצענע פון דער נעכטיקער איבערבעטונג און זיינע ליידנשאַפטלעכע צערטלערייען. „פּונקט אַזעלכע צערטלערייען האָט ער אויסגעבראַכט, וויל און וועט אויס־ברענגען אויך אויף אַנדערע פרויען!" האָט זי געטראַכט.

— דו האָסט נישט ליב די מוטער. דאָס אַלץ איז פראַזן! — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק מיט האַס אויף אים.

— אויב אַזוי דאַרף מען...

— דאַרף מען זיך אַנטשליסן, און איך האָב מיך אַנטשלאָסן, — האָט זי געזאָגט און געוואָלט אַוועקגיין, נאָר אין דער מינוט איז אין צימער אַריינגעקומען יאַשווין. אַננאַ האָט זיך באַגריסט מיט אים און זיך אָפּגעשטעלט.

נאָכוואָס זי האָט געדאַרפט אין דער מינוט, ווען אין איר נשמה איז פאָרגעקומען אַ שטורעם און זי האָט געפילט, אַז זי שטייט פאַר אַ ווענדפּונקט אין לעבן, וואָס קאָן האָבן שרעקלעכע פאָלגן פאַר איר, — נאָכוואָס זי האָט געדאַרפט אין דער מינוט שפּילן אַ ראָלע פאַר דעם פרעמדן מענטש, וועלכער וועט פריער צי שפּעטער אַלץ געוווּיר ווערן, — דאָס האָט זי נישט געוווּסט; אָבער זי האָט גלייך איינגעשטילט אין זיך דעם אינערלעכן שטורעם, זיך געזעצט און אָנגעהויבן רעדן מיטן גאַסט.

— נו, וואָס הערט זיך מיט אייער ענין? איר האָט באַקומען אייער חוב? — האָט זי געפרעגט יאַשווינען.

— גאַרנישט דערוויל; דאַכט זיך, איך וועל נישט באַקומען אינ־גאַנצן, און דינסטיק דאַרף מען פאָרן. און איר ווען? — האָט יאַשווין געזאָגט, זיך זשמורענדיק אויף וראָנסקין און משמעות זיך אָנשטויסנדיק וועגן דער פאָרגעקומענער קריג.

— דאַכט זיך איבערמאָרגן! — האָט וראָנסקי געזאָגט.

— איר, איבעריקנס, קלויבט זיך שוין לאַנג.

— אָבער אַצינד שוין אויף זיכער, — האָט אַננאַ געזאָגט, קוקנדיק וראָנסקין גלייך אין די אויגן אַריין מיט אַזאַ בליק, וועלכער האָט אים

געזאָגט, אַז ער זאָל אפילו נישט קלערן וועגן אַ מעגלעכקייט זיך איבערצובעטן.

— צי האָט איר נישט קיין רחמנות אויף דעמדאָזיקן אומגליקלעכן פּעווצאָוון? — האָט זי ווייטער גערעדט מיט יאַשווינען.

— איך האָב מיך קיינמאָל נישט געפרעגט, אננאַ אַרקאַדיעוונאַ, צי איך האָב יאָ אָדער נישט רחמנות. מיין גאַנץ פאַרמעגן געפינט זיך דאָך דאָ, — ער האָט אָנגעוויזן אויף דער זייטיקער קעשענע, און אַצינד בין איך אַ רייכער מענטש; אָבער היינט פאָר איך אין קלוב אַריין און וועל, אפשר, אַרויס אַן אָרימאַן. ווער עס זעצט זיך מיט מיר שפּילן — וויל דאָך מיך אויך לאָזן אָן אַ העמד, און איך אים אויך דאָס אייגענע. נו, און מיר קעמפן און אין דעם איז דאָך דאָס פאַרגעניגן.

— נו, און ווען איר וואָלט געווען פאַרהייראַט, — האָט אַננאַ געזאָגט, ווי אַזוי וואָלט דאָס געווירקט אויף אייער פרוי?

יאַשווין האָט זיך צעלאַכט.

— דערפאַר האָב איך דאָך, אפנים, נישט חתונה געהאַט און האָב דאָס קיינמאָל נישט גערעכנט צו טון.

— און העלסינגפאָרס? — האָט ווראָנסקי געזאָגט, אַריינטרעטנדיק אין געשפּרעך און אַ קוק געבנדיק אויף אַננען, וואָס האָט אַ שמייכל געטון. באַגעגנט זיין בליק, האָט אַננעס געזיכט פּלוצלינג אָנגענומען אַ קאַלטן שטרענגן אויסדרוק, ווי זי וואָלט אים געזאָגט: „עס איז נישט פאַרגעסן. עס איז נאָך אַלץ דאָס אייגענע".

— צי זענט איר טאַקע געווען פאַרליבט? — האָט זי געזאָגט יאַשווינען.

— אָ גאָט! וויפיל מאָל! אָבער, פאַרשטייט איר, איינער קאָן זיך זעצן צו די קאָרטן, נאָר כּדי אויפצושטיין, ווען עס וועט קומען די צייט פון rendez-vous. און איך קאָן מיך פאַרנעמען מיט ליבע, נאָר אַזוי, כּדי אין אָוונט נישט צו פאַרשפּעטיקן צו דער פּאַרטיע. אַזוי טו איך טאַקע.

— ניין, איך פרעג נישט וועגן דעם, נאָר וועגן דעם אמתן. — זי האָט געוואָלט זאָגן ה ע ל ס י נ ג ס פ אָ ר ס, אָבער נישט געוואָלט איבערחזרן דאָס וואָרט, וואָס ווראָנסקי האָט געזאָגט.

עס איז געקומען וואָיטאָוו, וואָס האָט געקויפט אַ זשרעבאַק; אַננאַ איז אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

פאַרן אַוועקפאָרן פון דער היים, איז ווראָנסקי אַריינגעגאַנגען צו איר. זי האָט זיך געוואָלט מאַכן, אַז זי זוכט עפּעס אויפן טיש, אָבער זיך פאַרשעמט פאַר דער געמאַכטקייט און גלייך אים אַ קוק געטון מיט אַ קאַלטן בליק אין פּנים אַריין.

— וואָס דאַרפסט איר? — האָט זי אים געפרעגט אויף פראַנצויזיש.

— נעמען דעם אַטעסטאַט אויף גאַמבעטן, איך האָב אים פאַרקויפט, — האָט ער געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, וואָס האָט אויסגעדריקט דייטלעכער פון ווערטער: „דורכצושמועסן זיך האָב איך נישט קיין צייט און עס וועט אויך צו גאָרנישט ברענגען".

„איך בין אין גאָרנישט שולדיק קעגן איר, — האָט ער געקלערט. — אויב זי וויל זיך באַשטראָפן, fant pis pour elle". אָבער אַרויסגייענדיק, האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי האָט עפּעס געזאָגט, און זיין האַרץ האָט פּלוצלינג אַ ציטער געטון פון מיטלייד צו איר.

— וואָס, אַננאַ? — האָט ער געפרעגט.

— גאָרנישט, — האָט זי ווידער קאַלט און רויק געענטפערט.

„גאָרנישט, איז taut pis", האָט ער אַ קלער געטון, ווידער קאַלט געוואָרן, זיך אויסגעדרייט און אַרויסגעגאַנגען. אַרויסגייענדיק, האָט ער אין שפּיגל דערזען איר פּנים, אַ בלייכס, מיט ציטערדיקע ליפּן. ער האָט זיך געוואָלט אָפּשטעלן און זאָגן איר אַ טרייסט-וואָרט, אָבער די פיס האָבן אים אַרויסגעטראָגן פון צימער, איידער ער האָט צוגעטראַכט וואָס צו זאָגן. דעם גאַנצן טאָג האָט ער פאַרבראַכט נישט אינדערהיים און ווען ער איז שפּעט אין אָוונט אַהיימגעקומען, האָט אים דאָס מיידל געזאָגט, אַז אַננאַ אַרקאַדיעווגע טוט וויי דער קאָפּ און זי האָט געבעטן נישט אַריינצוגיין צו איר.

XXVI.

עס איז נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַריבער קיין טאָג אין קריג. היינט איז דאָס געווען צום ערשטן מאָל. און דאָס איז געווען נישט קיין קריג. דאָס איז געווען אַ באַשיינפּערלעך זיך מודה זיין אין פולשטענדיקער אָפּגעקילטקייט. צי האָט מען געקאָנט אַזוי אַ קוק טון אויף איר, ווי ער האָט אַ קוק געטון, ווען ער איז אַריינגעקומען אין צימער נאָכן אַטעסטאַט? אַ קוק טון אויף איר, זעען, אַז איר האַרץ ווערט צעריסן פון פאַרצווייפלונג און שווייגנדיק דורכגיין מיט דעמדאָזיקן גלייכגילטיק-רויקן פּנים? ער איז נישט אָפּגעקילט געוואָרן צו איר, נאָר ער האַסט זי, ווייל ער האָט ליב אַ צווייטע פרוי, — דאָס איז געווען קלאָר.

און, דערמאַנענדיק זיך די אַלע גרויזאַמע ווערטער, וואָס ער האָט איר געזאָגט, האָט אַננאַ צוגעטראַכט נאָך די ווערטער, וועלכע ער האָט, משמעות, איר געוואָלט און געקאָנט זאָגן, און איז אַלץ מער און מער אויפגערייצט געוואָרן.

„איך האַלט אייך נישט צו, — האָט ער געקאָנט זאָגן. — איר קאָנט גיין, וווהין איר ווילט. איר האָט נישט געוואָלט זיך גטן מיט אייער מאַן, וואָרשיינלעך, כדי זיך אומצוקערן צו אים. גייט אייך צוריק. אויב אייך איז נייטיק געלט, וועל איך אייך געבן. וויפיל רובל דאַרפט איר?"

אַלע גרויזאַמסטע ווערטער, וועלכע עס וואָלט געקאָנט זאָגן אַ גראָבער מענטש, האָט ער איר געזאָגט אין איר פאַנטאַזיע, און זי האָט זיי אים נישט מוחל געווען, ווי ער וואָלט זיי איר טאַקע געהאַט געזאָגט.

„אָבער צי האָט ער זיך דען ערשט נעכטן נישט געשווירן אין ליבע, ער, דער אויפריכטיקער און ערלעכער מענטש? צי בין איך דען שוין נישט אומזיסט געקומען אין פאַרצווייפלונג אַ סך מאָל?" האָט זי זיך גלייך נאָכדעם געזאָגט.

דעמדאָזיקן גאַנצן טאָג, חוץ דעם פאָרן צו דער ווילסאָן, וואָס האָט פאַרנומען באַ איר צוויי שעה, האָט אַננאַ פאַרבראַכט אין ספק וועגן דעם, צי ס'איז שוין אַלץ געענדיקט אָדער ס'איז נאָך דאָ אַ האָפנונג זיך אייבערצובעטן און צי זי דאַרף שוין אַוועקצופאָרן אָדער נאָכאַמאָל אים זעען.

זי האָט געוואַרט אויף אים דעם גאַנצן טאָג און אין אָוונט, ווען זי איז אַריינגעגאַנגען אין איר צימער און האָט באַפוילן אים איבערצוגעבן, אַז דער קאָפּ טוט איר וויי, האָט זי זיך געמאַכט אַ סימן: „אויב ער וועט אַריינקומען, נישט געקוקט אויף דעם שטובמיידלס ווערטער, וועט דאָס זיין אַ באַווייז, אַז ער האָט זי נאָך ליב. אויב אָבער נישט, איז אַלץ געענדיקט, און דעמאָלט וועל איך באַשליסן, וואָס איך האָב צו טון!...“

זי האָט אין אָוונט געהערט דאָס אָפּשטעלן זיך פון זיין קאָטש, זיין קלינגען, זיינע טריט און דאָס רעדן מיטן מיידל: ער האָט געגלייבט וואָס מען האָט אים געזאָגט, האָט נישט געוואָלט מער גאָרנישט געוויר ווערן און איז אַריינגעגאַנגען צו זיך. הייסט עס, אַלץ איז געווען געענדיקט.

און איר האָט זיך לעבעדיק און קלאָר פאָרגעשטעלט דער טויט, ווי דאָס איינציקע מיטל צו באַנייען אין זיין האַרץ די ליבע צו איר, צו באַשטראָפן אים און אָפּהאַלטן אַ נצחון אין דעם קאַמף, וועלכן דער בייזער גייסט, וואָס האָט זיך באַזעצט אין איר האַרץ, האָט געפירט מיט אים.

אַצינד איז געווען אַלצאיינס: צי יאָ פאָרן אָדער נישט פאָרן קיין וואָזדוויזשענסקאָיע, צי באַקומען אָדער נישט באַקומען דעם גט פון מאַן, — אַלץ איז געווען נישט נייטיק. נייטיק איז געווען איינס — צו באַשטראָפן אים.

ווען זי האָט זיך אָנגעגאָסן די געוויינלעכע דאָזע אָפּיום און אַ טראַכט געטון, אַז ס'איז גענוג בלויז אויסצוטרינקען דאָס גאַנצע פלעשעלע, כדי צו שטאַרבן, האָט דאָס איר אויסגעזען אַזוי לייכט און איינפאַך, אַז זי האָט ווידער מיט פאַרגעניגן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי ער וועט זיך מאַטערן, וועט חרטה האָבן און ליב האָבן איר געדעכעניש, ווען עס וועט זיין שוין שפּעט. זי איז געלעגן אין בעט מיט אָפענע אויגן, קוקנדיק בײַ דער שיין פונם איינציקן כמעט אויסגעברענטן ליכט אויף דעם מאָדעלירטן קאַרניז פון סופיט און אויף דעם שאָטן פונם פּאַראַוואַן, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַ טייל פון אים, און לעבעדיק זיך פאָרגעשטעלט, וואָס ער וועט פילן, ווען זי וועט שוין נישט זיין, נאָר וועט זיין פאַר אים בלויז אַ דערינערונג. „ווי אַזוי האָב איך איר געקאָנט זאָגן די דאָזיקע גרויזאַמע ווערטער?“ וועט ער זאָגן. „ווי אַזוי האָב איך געקאָנט אַרויסגיין פון צימער, נישט זאָגנדיק איר גאָרנישט? אָבער אַצינד איז זי שוין נישטאָ. זי איז אויף אייביק אַוועקגעגאַנגען פון אונז. זי איז

דאָרט...״ פּלוצלינג האָט דער שאָטן פון דעם פּאַראַוואַן זיך אַ וויג געטון, פאַרכאַפּט דעם גאַנצן קאַרניז, דעם גאַנצן סופיט, אַנדערע שאָטנס פון דער צווייטער זייט האָבן אָנגעהויבן צאַפּלען אַקעגן אים, אויף אַן אויגנבליק זענען די שאָטנס פאַרשוווּנדן, אָבער דערנאָך האָבן זיי מיט אַ נייער שנעל-קייט זיך אָנגערוקט, זיך אָנגעהויבן וויגן, זיך צונויפגעגאָסן, און אַלץ איז געוואָרן פינצטער. „דער טויט !״ האָט זי אַ טראַכט געטון. און עס איז זי באַפאַלן אַזאַ פּחד, אַז זי האָט לאַנג נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווו זי איז, און האָט לאַנג מיט ציטערדיקע הענט נישט געקאָנט געפינען די שוועבעלעך און אָנצינדן אַן אַנדער ליכט אָנשטאָט דעם, וואָס איז אויס-געברענט געוואָרן און האָט זיך פאַרלאָשן. „ניין, אַלץ — אַבי לעבן ! איך האָב דאָך אים ליב. ער האָט דאָך מיך ליב ! דאָס איז שוין אַמאָל געווען און וועט אַריבערגיין״, האָט זי געזאָגט, פילנדיק, אַז פריידיקע טרערן פון אומקערן זיך צום לעבן רינען איבער אירע באַקן. און כדי זיך צו ראַ-טעווען פון איר פּחד, איז זי אַליין אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט צו אים.

ער איז געשלאָפן אין קאַבינעט מיט אַ פעסטן שלאָף. זי איז צו-געגאַנגען צו אים און, באַלייכטנדיק פון דער הייך זיין פּנים, האָט זי לאַנג געקוקט אויף אים. אַצינד, ווען ער איז געשלאָפן, האָט זי אים ליב געהאַט אַזוי, אַז באַם זעען אים האָט זי נישט געקאָנט איינהאַלטן די טרערן פון צערטלעכקייט; אָבער זי האָט געוווּסט, אַז ווען ער זאָל אויפ-וואַכן, וואָלט ער אַ קוק געטון אויף איר מיט אַ קאַלטן בליק, וואָס אָנער-קענט זיין גערעכטיקייט, און איידער זי וואָלט אים געקאָנט דערציילן וועגן איר ליבע, וואָלט זי אים געמוזט דערווייזן, ווי שולדיק ער איז קעגן איר. זי האָט אים נישט אויפגעוועקט, זיך אומגעקערט אין איר צימער אַריין, און נאָך דער צווייטער דאָזע אָפּיום איז זי ערשט פאַרטאָג אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ שווערן, נישט פולן שלאָף, אין וועלכן זי האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט זיך צו פילן.

אינדערפרי האָט דער שרעקלעכער קאָשמאַר, וועלכער האָט זיך שוין עטלעכע מאָל באַ איר געהאַט איבערגעחזרט נאָך פאַר דעם צונויפ-גיין זיך מיט ווראָנסקין, זיך איר ווידער פאָרגעשטעלט און זי אויפגע-וועקט. אַן אַלטיטשקער מיט אַ צעשויבערטער באָרד האָט עפּעס געטון, אָנגעבויגן איבער אייזן, צומורמלענדיק אומזיניקע פראַנצויזישע ווערטער, און זי האָט, ווי תּמיד באַ דעם קאָשמאַר (וואָס עס האָט טאַקע געשאַפן דעם גאַנצן פּחד זיינעם), געפילט, אַז דאָסדאָזיקע פּויערל לייגט גאָרנישט

אויף איר קיין אכט, נאָר טוט דידאָזיקע עפּעס שרעקלעכע אַרבעט אין דעם אייזן איבער איר. און זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין אַ קאַלטן שווייס.

ווען זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך איר, ווי אין אַ נעפּל, דער־מאָנט דער נעכטיקער טאָג.

„עס איז פאָרגעקומען אַ קריג. עס איז געווען דאָס, וואָס איז שוין פאָרגעקומען עטלעכע מאָל. איך האָב געזאָגט, אַז מיר טוט ווי דער קאָפּ, און ער איז נישט אַריינגעקומען. מאָרגן פאָרן מיר, מען דאַרף אים זעען און זיך צוגרייטן צום פאָרן", האָט זי זיך געזאָגט. און געוווּר ווערנדיק, אַז ער איז אין קאַבינעט, האָט זי זיך געלאָזט גיין צו אים. דורכגייענדיק דאָס גאַסטצימער, האָט זי דערהערט, אַז פאַרן טויער האָט זיך אָפּגע־שטעלט אַ קאַטש, און, אַ בליק געבנדיק דורכן פענצטער, האָט זי דערזעען אַ קאַטש, פון וועלכער עס האָט זיך אַרויסגערוקט אַ יונג מיידל אין אַ לילאַ היטעלע, עפּעס באַפעלנדיק דעם לאַקיי, וואָס האָט אָנגעקלונגען. נאָך עטלעכע ווערטער אין פאָרצימער איז עמעצער אַרויפגעגאַנגען אין דער הייך, און לעבן דעם גאַסטצימער האָבן זיך דערהערט ווראָנסקיס טריט. ער איז מיט שנעלע טריט אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ. אַננאַ איז ווידער צוגעגאַנגען צום פענצטער. אָט איז ער אַרויסגעגאַנגען אָן הוט אויפן גאַנעק און איז צוגעגאַנגען צו דער קאַטש. דאָס יונגע מיידל אין דעם לילאַ היטעלע האָט אים איבערגעגעבן אַ פּאַקעט. ווראָנסקי האָט איר שמייכלענדיק עפּעס געזאָגט. די קאַטש איז אַוועקגעפאָרן; ער איז שנעל צוריק אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ.

דער נעפּל, וואָס האָט אַלץ געהאַט פאַרשטעלט אין איר נשמה, איז פּלוצלינג צעזייעט געוואָרן. די נעכטיקע געפילן האָבן מיט אַ נייעם ווייטיק צוזאַמענגעדריקט דאָס קראַנקע האַרץ. זי האָט אַצינד נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי זי האָט געקאָנט זיך אַזוי דערנידעריקן, צו זיין מיט אים אַ גאַנצן טאָג אין זיין הויז. זי איז אַריינגעגאַנגען צו אים אין קאַבי־נעט, כדי צו מעלדן אים איר באַשלוס.

— דאָס איז די סאָראָקינאַ מיט דער טאָכטער צוגעפאָרן און מיר געבראַכט דאָס געלט און די פּאַפּירן פון דער maman. איך האָב נעכטן נישט געקאָנט דערהאַלטן. וואָס מאַכסטו אויפן קאָפּ, בעסער? — האָט ער רויק געזאָגט, נישט וועלנדיק זעען און פאַרשטיין דעם מרהשחורהדיקן און פייערלעכן אויסדרוק פון איר פּנים.

זי האָט שווייגנדיק שאַרף געקוקט אויף אים, שטייענדיק אין מיטן צימער. ער האָט אַ קוק געטון אויף איר, אויף אַן אויגנבליק זיך אָנגע־

כמורעט און ווייטער געלייענט דעם בריוו. זי האָט זיך אויסגעדרייט און איז פֿאַמעלעך אַרויסגעגאַנגען פֿון צימער. ער האָט זי נאָך געקאָנט צוריקרופֿן, אָבער זי איז צוגעגאַנגען ביז צו דער טיר, ער האָט אַלץ געשוויגן, און עס האָט זיך בלויז געהערט דער שאָרך פֿונם איבערגעדרייטן פּאַפּיר-בויגן.

— יאָ, אגב, — האָט ער געזאָגט, בעת זי איז שוין געווען אין דער טיר, — מאָרגן פֿאָרן מיר זיכער? אמת?

— איר, אָבער נישט איך, — האָט זי געזאָגט, זיך אויסדרייענדיק צו אים.

— אננאַ, אַזוי איז אוממעגלעך צו לעבן...

— איר, אָבער נישט איך, — האָט זי איבערגעחזרט.

— דאָס ווערט אומדערטרעגלעך!

— איר... איר וועט חרטה האָבן אויף דעם, — האָט זי געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

דערשראָקן פֿון דעם פֿאַרצווייפֿלטן אויסדרוק, מיט וועלכן די דאָזיקע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן, איז ער אויפֿגעשפּרונגען און געוואָלט איר נאָכלויפֿן, אָבער ער האָט זיך באַהערשט, זיך ווידער געזעצט און, פֿעסט צונויפֿדריקנדיק די ציין, זיך אָנגעכמורעט. די דאָזיקע נישט אָנשטענדיקע, ווי ער האָט אײַנגעפֿונען, דראָונג פֿון עפּעס האָט אים אויפֿגערייצט. „איך האָב געפּרווט אַלץ, — האָט ער אַ קלער געטון, — עס בלײַבט איינס — נישט צו לייגן קיין אַכט", און ער האָט זיך אָנגעהויבן קלײַבן צו פֿאָרן אין שטאָט אַרײַן און ווידער צו דער מוטער, בײַ וועלכער ער האָט געדאַרפֿט קריגן אַן אונטערשריפֿט אויף דער באַפֿולמעכטיקונג.

זי האָט געהערט זײַנע טריט איבערן קאַבינעט און דעם עסצימער. באַם גאַסטצימער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. אָבער ער איז נישט אַרײַנגעגאַנגען צו איר, ער האָט בלויז אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל וועגן דעם, אַז מען זאָל אָן אים אַרויסגעבן דעם זשרעבאָק וואָיטאָוון. דערנאָך האָט זי געהערט, ווי די קאַטש איז אַרויסגעפֿאָרן, ווי די טיר האָט זיך געעפֿנט און ער איז ווידער אַרויסגעגאַנגען. נאָר אָט איז ער ווידער אַרײַנגעגאַנגען אין קאָרידאָר, און עמעצער איז אַרויפֿגעלאָפֿן אינדערהייך. דאָס איז דער קאַמערדינער אַרײַנגעלאָפֿן נאָך די פֿאַרגעסענע הענטשקעס. זי איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און האָט געזען, ווי ער האָט נישט קוקנדיק גענומען די הענטשקעס און, אָנרירנדיק מיט דער האַנט דעם קוטשערס רוקן, האָט ער אים עפּעס געזאָגט. דערנאָך האָט ער, נישט קוקנדיק אויף

די פענצטער, זיך אוועקגעזעצט אין זיין געוויינלעכער פּאָזע אין דער קאָטש, פאַרלייגט איין פוס איבערן צווייטן, און, אָנטוענדיק די הענטשקעס, פאַרשוואונדן אין ווינקל פון דער קאָטש.

XXVII.

„ער איז אַוועקגעפאָרן! עס איז געענדיקט!“ האָט זיך אננא געזאָגט, שטייענדיק בּאַם פענצטער, און אַלס ענטפער אויף דערדאָזיקער פראַגע האָבן די איינדרוקן פון דער פינצטערניש בּאַם פאַרלאָשענעם ליכט און פון שרעקלעכן חלום, וואָס האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איינעם, מיט אַ קאַלטן פחד איר האַרץ אָנגעפילט.

— ניין, דאָס קאָן נישט זיין! — האָט זי אויסגעשריגן און, אריבערגייענדיק אין דער צווייטער זייט צימער, האָט זי האַסטיק אָנגעקלונגען. איר איז אַזוי שרעקלעך געווען צו בּלייבן אַצינד אַליין, אַז, נישט צוואַרטנדיק ביז דער מענטש וועט אַריינקומען, איז זי אים אַקעגנגעגאַנגען.

— ווערט געוויר, וווהין דער גראַף איז געפאָרן, — האָט זי געזאָגט.

דער מענטש האָט געזאָגט, אַז דער גראַף איז געפאָרן אין די פערד-שטאַלן אַריין.

— זיי האָבן באַפוילן צו מעלדן, אַז אויב איך וועט ווילן געפעלן אַרויסצופאָרן, קומט די קאָטש באַלד צוריק.

— גוט, וואַרט-צו. איך שרייב גלייך אָן אַ צעטעלע. שיקט מיכאַילאָן מיטן צעטעלע אין די פערד-שטאַלן אַריין. גיכער.

זי האָט זיך געזעצט און אָנגעשריבן.

„איך בין שולדיק. קום צוריק אַהיים, מיר דאַרפן זיך דורכשמועסן. ווי גאָט איז דיר ליב, קום, מיר איז שרעקלעך“.

זי האָט פאַרמאַכט און געגעבן דעם מענטש.

זי האָט מורא געהאַט צו בּלייבן אַצינד אַליין און איז גלייך נאָכן מענטש אַרויסגעגאַנגען פון צימער און זיך געלאָזט גיין אין קינדער-צימער אַריין.

„וואָס זשע, עס איז גאָרנישט דאָס אייגענע, דאָס איז נישט ער! וווּ זענען זיינע בּלויע אויגן, דער ליבער און מילדער שמייכל?“ איז גע-

ווען איר ערשטער געדאַנק, ווען זי האָט דערזעען איר פּוכיק, ראָז מיידעלע מיט די שוואַרצע געלאָקטע האָר אָנשטאָט סעריאָזשען, וועלכן זי האָט באַ אירע פאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען דערוואַרט צו זען אין קינדערצימער. דאָס מיידעלע, זיצנדיק באַם טיש, האָט עקשנותדיק און פעסט געקלאַפּט איבער אים מיט אַ קאָרק און אומזיניק געקוקט אויף דער מוטער מיט צוויי שוואַרצע אויגן, ווי יאַגדעס. געענטפערט דער ענגלענדערין, אַז זי איז אינגאַנצן געזונט און אַז זי פאָרט מאָרגן אין דאָרף אַריין, האָט זיך אַננאַ אַנידערגעזעצט לעבן מיידעלע און אָנגעהויבן דרייען פאַר איר דעם קאָרק פון דער קאַרפינקע. אָבער דאָס הויכע קלינגענדיקע לאַכן פון דעם קינד און די באַוועגונג, וואָס זי האָט געמאַכט מיט אַ ברעם, האָבן איר אַזוי לעבעדיק דערמאַנט ווראָנסקין. אַז, איינהאַלטנדיק די שלוכצן, איז זי איילִיק אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען. „צי איז שוין טאַקע אַלץ געענדיקט? ניין, דאָס קאָן נישט זיין, — האָט זי געטראַכט. — ער וועט צוריקקומען. אָבער ווי אַזוי וועט ער איר אויפקלערן דעמדאָזיקן שמייכל, דידאָזיקע באַלעבטקייט נאָכדעם, ווי ער האָט גערעדט מיט איר? נאָר ווען ער וועט אַפילו נישט אויפקלערן, וועל איך אויך גלייבן. אויב איך וועל נישט גלייבן, בלייבט מיר איינס... און איך וויל נישט".

זי האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער. עס איז אַריבער צוועלף מינוט. „אַצינד האָט ער שוין דערהאַלטן דאָס צעטעלע און פאָרט צוריק. נישט לאַנג, נאָך צען מינוט... אָבער וואָס וועט זיין, אויב ער וועט נישט קומען? ניין, דאָס קאָן נישט זיין. מען דאַרף, ער זאָל מיך נישט זען מיט פאַרוויינטע אויגן. איך וועל מיך גיין אָפּוואַשן. יאָ, יאָ, צי האָב איך מיך צוגעגרייט אָדער נישט?" האָט זי זיך געפרעגט. און נישט געקאָנט זיך דערמאַנען. זי האָט זיך אָנגעטאַפּט דעם קאָפּ מיט דער האַנט. „יאָ, איך בין צוגעקעמט, אָבער ווען — געדענק איך לגמרי נישט". זי האָט אַפילו נישט געגלייבט איר האַנט און איז צוגעגאַנגען צום טרימאָ, כדי צו זען, צי זי איז טאַקע צוגעקעמט אָדער נישט. זי איז געווען צוגעקעמט און האָט נישט געקאָנט געדענקען, ווען זי האָט דאָס געטון. „ווער איז דאָס? — האָט זי געקלערט, קוקנדיק אין שפיגל אַריין אויף דעם אָנגעצונדענעם פּנים מיט די אויסטערליש בלישטשענדיקע אויגן, וואָס האָבן דערשראָקן געקוקט אויף איר. — דאָס בין איך דאָך", האָט זי פּלוצלינג פאַרשטאַנען און, באַטראַכטנדיק זיך אינגאַנצן, האָט זי פּלוצלינג דערפילט אויף זיך זיינע קושן און מיט אַ ציטער אַ דריי געטון מיט די אַקסלען.

דערנאָך האָט זי אויפגעהויבן די האַנט צו די ליפּן און זי אַ קוש געטון.
„וואָס איז דאָס, איך גיי אַראָפּ פון זינען", און זי איז אַריינגע-גאַנגען אין שלאָפצימער, ווו אננושקאַ האָט זיך פאַרנומען מיט אויפ-רוימען.

— אננושקאַ, — האָט זי געזאָגט, זיך אָפּשטעלנדיק פאַר איר, קוקנדיק אויפן שטובמיידל און אַליין נישט וויסנדיק, וואָס איר צו זאָגן.
— צו דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט איר געוואָלט פאָרן, — האָט דאָס שטובמיידל געזאָגט, אַזוי פאַרשטייענדיק.
— צו דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ? יאָ, איך וועל פאָרן.

„פינפצען מינוט אַהין, פינפצען צוריק. ער פאָרט שוין, ער וועט באַלד קומען, — זי האָט אַרויסגענומען דעם זייגער און אַ קוק געטון אויף אים. — אָבער ווי אַזוי האָט ער געקאָנט אַוועקפאָרן, האָבנדיק מיך איבערגעלאָזט אין אַזאַ לאַגע? ווי אַזוי קאָן ער לעבן, נישט האָבנדיק זיך איבערגעבעטן מיט מיר?" זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט אָנגעהויבן אַראָפּצוקוקן אויף דער גאַס. לויט דער צייט האָט ער שוין געקאָנט האָבן זיך אומגעקערט. אָבער די אויסרעכנונג האָט געקאָנט זיין נישט ריכטיק, און זי האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דערמאָנען, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן, און ציילן די מינוטן.

בעת זי איז אַוועקגעגאַנגען צום גרויסן זייגער, כדי צו קאָנטראָלירן אים, איז עמעצער צוגעפאָרן. וואַרפנדיק אַ בליק דורכן פענצטער, האָט זי דערזען זיין קאַטש. אָבער קיינער איז נישט אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ, און אונטן האָבן זיך געהערט שטימען. דאָס איז געווען דער שליח, וואָס האָט זיך אומגעקערט אין דער קאַטש. זי איז אַראָפּגעגאַנגען צו אים.

— דעם גראַף נישט געטראָפן... זיי זענען אַוועקגעפאָרן אויפן ני-זשעגאָראָדער וועג.

— וואָס ווילסטו? וואָס... — האָט זי זיך געווענדט צום ראָזן, פריילעכן מיכאַילאַ, וואָס האָט איר צוריק דערלאַנגט איר צעטעלע.
„ער האָט דאָך עס נישט דערהאַלטן", האָט זי זיך דערמאָנט.
— פאָר-זשע מיט דעם זעלבן צעטעלע אין דאָרף אַריין צו דער גרעפין ווראָנסקאַיאַ, דו ווייסט דאָך? און ברענג גלייך ענטפער, — האָט זי געזאָגט דעם שליח.
„און איך אַליין, וואָס-זשע וועל איך טון? — האָט זי אַ קלער

געגעבן. — יאָ, איך וועל פאָרן צו דאָללין, דאָס איז אמת, וואָרים אַז נישט וועל איך פון זינען אַראָפּ. יאָ, איך קאָן נאָך טעלעגראַפירן". און זי האָט אָנגעשריבן אַ דעפּעשע.

„איך מוז מיך דורכשמועסן, קומט גלייך".

אַוועקגעשיקט די טעלעגראַמע, איז זי געגאַנגען זיך אָנטון. שוין אָן אָנגעטאָנענע אויך אין הוט, האָט זי ווידער אַ קוק געטון אין די אויגן אַריין דער דיק געוואָרענער, רויקער אַננושקען. דייטלעכער מיטגעפיל איז קענטיק געווען אין דידאָזיקע קליינע, גוטע גרויע אויגן.

— אַננושקאַ, ליבע, וואָס זאָל איך טון? — האָט אַננאַ שלוכצנדיק אַ זאָג געטון, הילפלאָז זיך אַראָפּלאָזנדיק אויף אַ פאָטעל.

— פאַר וואָס-זשע זאָלט איר זיך אַזוי באַמרויקן, אַננאַ אַרקאַדיעווּנאַ! עס קומט דאָך פאַר אַמאָל. פאָרט, צעשטרייט אייך אַ ביסל, — האָט דאָס שטובמיידל געזאָגט.

— יאָ, איך וועל פאָרן, — האָט אַננאַ געזאָגט, באַהערשנדיק זיך און אויפשטייענדיק. — און אויב עס וועט דאָ אין מיין אָפּוועזנהייט זיין אַ טעלעגראַמע, שיקט זי מיר צו דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווּנען... ניין, איך וועל אַליין צוריקקומען.

„יאָ, מען דאַרף נישט קלערן, מען דאַרף עפּעס טון, פאָרן, דער עיקר אַוועקפאָרן פון דעמדאָזיקן הויז", האָט זי געזאָגט, מיט שרעק זיך צוהערנדיק צו דעם שרעקלעכן קלאַפּן, וואָס איז פאָרגעקומען אין איר האַרץ, און איז איילִיק אַרויסגעגאַנגען און זיך אַריינגעזעצט אין דער קאַטש.

— וווהין באַפעלט איר? — האָט פיאָטר געפרעגט, איידער ער איז אויפגעזעסן אויף דער קעלניע.

— זנאַמענקע, צו די אָבלאָנסקיס.

XXVIII.

דאָס וועטער איז געווען אַ העלס, דעם גאַנצן פרימאָרגן איז געגאַנגען אַ דראָבנער רעגן, און עס האָט זיך ערשט נישט לאַנג געהאַט אויסגעלייטערט. די בלעכענע דעכער, טראָטואַרן-פליטעס, קיזל-שטיינער פונם ברוק, רעדער און לעדערוואַרג, מעש און בלעך פון די קאַטשן, — אַלץ האָט העל געגלאַנצט אויף דער מאַי-זון. עס איז געווען דריי אַ זייגער און די באַלעבסטע צייט אויף די גאַסן.

זיצנדיק אין ווינקל פון דער באַקוועמער קאַטש, וואָס האָט זיך לייכט געוויגט אויף אירע שטייפע רעסאָרן אין שנעלן גאַנג פון די גרויע פערד, האָט אַננאַ באַ דעם אומאויפהערלעכן גערויש פון די רעדער און די שנעל זיך בייטנדיקע איינדרוקן אויף דער פרישער לופט, ווידער איבערקלייבנדיק די איינדריקן פון די לעצטע טעג, דערזעען איר לאַגע אַלס גאָר אַן אַנדערע, ווי זי האָט איר אויסגעזעען אינדערהיים. אַצינד האָט איר אויך דער געדאַנק וועגן טויט שוין מער נישט אויסגעזעען אַזוי שרעקלעך און דייטלעך, און דער טויט גופא האָט איר שוין מער נישט אויסגעזעען אַלס אומפאַרמיידלעך. אַצינד האָט זי זיך געטאַדלט פאַר דער דערנידערונג, צו וועלכער זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. „איך בעט אים מיר מוחל צו זיין. איך האָב מיך אים אונטערגעגעבן. זיך אַנערקענט פאַר שולדיק. נאָכוואָס? צי קאָן איך דען נישט לעבן אָן אים? און, נישט ענטפערנדיק אויף דער פראַגע, ווי אַזוי זי וועט לעבן אָן אים, האָט זי אָנגעהויבן צו לייענען די שילדן. „אַ קאַנטאָר און אַ סקלאַד. אַ צאַנדאָקטאָר. יאָ, איך וועל דערציילן דאָללין אַלץ. זי האָט נישט ליב וראָנסקין. עס וועט זיין בזיונדיק, ווייטיקלעך; אָבער איך וועל איר אַלץ דערציילן. זי האָט מיך ליב, און איך וועל פאָלגן איר עצה. איך הער מיך אים נישט אונטערגעבן; איך וועל אים נישט דערלויבן צו דערציען מיך. פיליפאָוו, קוילעטשן... מען זאָגט, אַז זיי פירן טייג קיין פעטערבורג. דאָס מאָסקווער וואָסער איז אַזוי גוט. און די מיטישטשער ברונימס און לאַטקעס". און זי האָט זיך דערמאָנט, ווי שוין זייער-זייער לאַנג, ווען זי איז ערשט אַלט געווען זיבצען יאָר, איז זי געפאָרן מיט דער מומע אויף טראָיצאַ. „מיט פערד נאָך. צי איז דאָס געווען איך, מיט די רויטע הענט? ווי

ציִשטיק איז מיר געוואָרן אַ סך פון דעם. וואָס האָט מיר דעמאָלט אויס־געזעען שיין און אומדערגרייכבאַר, און דאָס, וואָס איז געווען דעמאָלט, איז אַצינד געוואָרן אויף אייביק אומדערגרייכבאַר. צי וואָלט איך דעמאָלט געגלייבט, אַז איך קאָן דערגיין צו אַזאַ שפּלדיקייט? ווי שטאָלץ און צו־פרידן וועט ער זיין, ווען ער וועט דערהאַלטן מיין צעטעלע! אָבער איך וועל אים ווייזן... וואָס פאַר אַ שלעכטן ריח דידאָזיקע פאַרב האָט. צוואָס פאַרבן זיי אַלץ און בויען? מאָדע־און מלבושים־מאַגאַזין", האָט זי גע־לייענט. אַ מאַנספּאַרשוין האָט זיך פאַרנייגט פאַר איר. דאָס איז געווען אַננושקאַס מאַן. „אונזערע פּאַראַזיטן, — האָט זי זיך דערמאַנט, ווי ווראָנסקי פלעגט דאָס זאָגן. — אונזערע? פאַרוואָס אונזערע? שרעקלעך איז דאָס, וואָס מען קאָן נישט אויסרייסן מיטן וואָרצל דאָס פאַרגאַנגענע. מען קאָן נישט אויסרייסן, אָבער מען קאָן זיך באַמיען צו פאַרגעסן אָן דעם. און איך וועל מיך באַמיען". און דאָ האָט זי זיך דערמאַנט אָן דער פאַרגאַנגענהייט מיט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, אָן דעם, ווי אַזוי זי האָט אים אויסגעמעקט פון איר זכרון. דאָללי וועט אַ קלער טון, אַז איך פאַרלאָז דעם צווייטן מאַן, און אַז איך בין דערפאַר זיכער נישט גערעכט. „צי וויל איך דען זיין גערעכט! איך קאָן נישט!" האָט זי אַ זאָג געטון, און איר האָט זיך פאַרגלוסט צו וויינען. אָבער זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן, וועגן וואָס עס האָבן געקאָנט אַזוי שמייכלען דידאָזיקע צוויי מיידלעך. „אוודאי וועגן ליבע? זיי ווייסן נישט, ווי נישט פריילעך דאָס איז, ווי נידעריק... אַ בולוואַר און קינדער. דריי ייִנגלעך לויפן, אַ שפּיל און פערדלעך. סעריאָזשאַ! און איך פאַרליר אַלץ און וועל אים נישט צוריק האָבן. יאָ, איך פאַרליר אַלץ, אויב ער וועט נישט צוריקקומען. ווילסט דיך ווידער דערנידעריקן! — האָט זי זיך אַליין געזאָגט. — ניין, איך וועל אַריינגיין צו דאָללין און איר גלייך זאָגן: איך בין אומגליקלעך, איך בין דאָס ווערט, איך בין שולדיק, אָבער איך בין דאָך אומגליקלעך, העלף מיר. דידאָזיקע פערד, דידאָזיקע קאָטש — ווי עקלהאַפט איז מיר אין דערדאָזיקער קאָטש — אַלץ איז זיין; אָבער איך וועל זיי מער נישט זעען".

צוטראַכטנדיק די ווערטער, אין וועלכע זי וועט אַלץ דערציילן פאַר דאָללין, און בכיוון אויפרייצנדיק איר האַרץ, איז אננאַ אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ.

— עס איז ווער דאָ? — האָט זי געפרעגט אין פאָרצימער.

— קאַטערינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ לעווינאַ, — האָט דער לאַקיי געענטפערט.

„קיטי! די זעלבע קיטי, אין וועלכער ווראָנסקי איז פאַרליבט געווען! — האָט אַננאַ אַ קלער געטון. — די זעלבע, וועגן וועלכע ער האָט דערמאַנט מיט ליבע. ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט נישט חתונה געהאַט מיט איר. און וועגן מיר דערמאַנט ער זיך מיט האַס און באַדויערט, וואָס ער איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט מיר.

צווישן די שוועסטערן, בעת אַננאַ איז געקומען, איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג וועגן זייגן. דאָללי איז אַליין אַרויסגעגאַנגען אויפנעמען דעם גאַסט, וואָס האָט אין דער מינוט געשטערט זייער שמועס.

— אַ, דו ביסט נאָך נישט אַוועקגעפאָרן? איך אַליין האָב געוואָלט זיין בײַ דיר, — האָט זי געזאָגט, — היינט האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון סטיוון.

— מיר האָבן אויך דערהאַלטן אַ דעפּעשע, — האָט אַננאַ געענטפערט, זיך אַרומקוקנדיק, כדי צו זעען קיטין.

— ער שרייבט, אַז ער קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש וויל אייגנטלעך, נאָר אַז ער וועט נישט אַוועקפאָרן אָן קיין ענטפער.

— איך האָב געמיינט, אַז בײַ דיר איז ווער דאָ. מען קאָן איבערלייענען דעם בריוו?

— יאָ, קיטי, — האָט דאָללי אין פאַרלעגנהייט געזאָגט, — זי איז געבליבן אין קינדער-צימער. זי איז געווען זייער קראַנק.

— איך האָב געהערט. מען קאָן איבערלייענען דעם בריוו?

— איך וועל אים דיר באַלד ברענגען. אָבער ער זאָגט נישט אָפּ; פאַרקערט, סטיווא האָפט, — האָט דאָללי געזאָגט, זיך אָפּשטעלנדיק אין דער טיר.

— איך האָף נישט, און וויל דאָס אויך נישט, — האָט אַננאַ געזאָגט.

„וואָס-זשע איז דאָס, קיטי האַלט פאַר נידעריק זיך צו באַגעגענען מיט מיר? — האָט אַננאַ געטראַכט, בלייבנדיק אַליין. — אפשר איז זי אויך גערעכט. אָבער נישט זי, די, וועלכע איז געווען פאַרליבט אין ווראָנסקין, נישט זי דאַרף מיר דאָס אַרויסווייזן, הגם דאָס איז אמת. איך ווייס, אַז מיך, אין מיין לאַגע, קאָן נישט אויפנעמען קיין איין אָנשטענדיקע פרוי. איך ווייס, אַז פון דער ערשטער מינוט אָן האָב איך פאַר אים

מקריב געווען אַלץ. און אַט איז די באַלוינונג! אָ, ווי איך האָב זיך און נאָכוואָס בין איך געקומען אהער? מיר איז נאָך ערגער, נאָך שווע־רער". זי האָט געהערט פון צווייטן צימער די שטימען פון די שוועס־טערן, וואָס האָבן געשמועסט צווישן זיך. „און וואָס־זשע וועל איך אַצינד זאָגן דאָללין? טרייסטן קיטין מיט דעם, וואָס איך בין אומגליקלעך, זיך אונטערוואַרפן איר באַשיצונג? ניין, און דאָללי וועט איך גאָרנישט פארשטיין. און איך האָב איר גאָרנישט וואָס צו זאָגן. עס וואָלט בלויז אינטערעסאַנט געווען צו זעען קיטין און איר אַרויסווייזן, ווי איך האָס אַלץ און אַלעמען, ווי מיר איז אַצינד אַלץ איינס".

דאָללי איז אַריינגעקומען מיטן בריוו. אננא האָט אים איבערגע־לייענט און שווייגנדיק צוריקגעגעבן.

— איך האָב דאָס אַלץ געוווּסט, — האָט זי געזאָגט. — און דאָס אינטערעסירט מיך לגמרי נישט.

— פארוואָס־זשע? פאַרקערט, איך האָף, — האָט דאָללי געזאָגט, קוקנ־דיק מיט נייגיריקייט אויף אננען. זי האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געזען אין אַזאַ דענערווירטן צושטאַנד. — ווען פאָרסטו? — האָט זי געפרעגט.

אננא האָט, פאַרזשמורענדיק זיך, געקוקט פאַר זיך און איר נישט געענטפערט.

— וואָס־זשע באַהאַלט זיך קיטי פאַר מיר? — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אויף דער טיר און רויט ווערנדיק.

— אַך, וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן! זי זייגט אַליין דאָס קינד, און בא איר איז עפּעס נישט אין אָרדנונג, איך האָב איר געגעבן אַן עצה... עס פרייט זי זייער. זי וועט באַלד אַרויסקומען. — האָט דאָללי זיך געפּלאָנטערט, נישט קאָנענדיק זאָגן קיין ליגנט. — אָט איז זי.

געוויר געוואָרן, אַז אננא איז געקומען, האָט קיטי געוואָלט נישט אַרויסגיין; אָבער דאָללי האָט זי איבערגערעדט. זיך אָנגענומען מיט כוח, איז קיטי אַרויסגעגאַנגען און, רויט ווערנדיק, צוגעגאַנגען און איר דער־לאַנגט די האַנט.

— עס פרייט מיך זייער, — האָט זי געזאָגט מיט אַ ציטער־דיק קול.

קיטי איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט פון דעם קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען אין איר צווישן דער פיינדלעכקייט צו דער דאָזיקער פאַר־דאָרבענער פרוי און דעם פאַרלאַנג צו זיין מילד צו איר; ווי נאָר אָבער

זי האָט דערזעען דאָסדאָזיקע שיינע, סימפּאַטישע פּנים אַננעס, איז די גאַנצע פיינדלעכקייט גלייך פאַרשווונדן.

— איך וואָלט מיך גאַרנישט געוווּנדערט, ווען איר וואָלט אייך אפילו נישט געוואָלט באַגעגענען מיט מיר. איך בין שוין צו אַלעם גע־ווינט געוואָרן. איר זענט געווען קראַנק? יאָ, איר האָט זיך געענדערט, — האָט אַננאַ געזאָגט.

קיטי האָט געפילט, אַז אַננאַ קוקט פיינדלעך אויף איר. זי האָט זיך דערקלערט דידאָזיקע פיינדלעכקייט מיט דער אומבאַקוועמער לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך אַצינד געפילט פאַר איר די פריער זי באַשיצנ־דיקע אַננאַ, און איר איז געוואָרן אַ רחמנות אויף איר.

זיי האָבן גערעדט וועגן דער קראַנקייט, וועגן קינד, וועגן סטיווען, אָבער אַננען האָט משמעות גאָרנישט אינטערעסירט.

— איך בין געקומען זיך געזעגענען מיט דיר, — האָט זי געזאָגט אויפשטייענדיק.

— ווען־זשע פאָרט איר?

אָבער אַננאַ האָט ווידער נישט געענטפערט און זיך געווענדט צו קיטין.

— יאָ, עס פרייט מיך זייער, וואָס איך האָב אייך געזעען, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל. — איך האָב וועגן אייך געהערט אַזוי פיל פון אַלע זייטן, אפילו פון אייער מאַן. ער איז געווען בא מיר און ער איז מיר זייער געפעלן, — האָט זי משמעות מיט אַ שלעכטער כוונה צו־געגעבן. — ווו איז ער?

— ער איז געפאָרן אין דאָרף אַריין, — האָט קיטי רויט ווערנדיק געזאָגט.

— גריכט אים פון מיר, גריסט אים אומבאַדינגט.

— אומבאַדינגט! — האָט קיטי נאַיוו איבערגעחזרט, קוקנדיק איר מיט מיטגעפיל אין די אויגן אַריין.

— זיי־זשע געזונט, דאָללי, — און, נאָכדעם ווי זי האָט געקושט דאָללין און געדריקט די האַנט קיטין, איז אַננאַ איילִיק אַרויסגע־גאַנגען.

— זי איז נאָך אַלץ די אייגענע און נאָך אַלץ אַזוי אַנציענד. זי איז זייער שיין! — האָט קיטי געזאָגט, בלייבנדיק אַליין מיט דער שוועסטער. — נאָר עס איז דאָ אין איר עפּעס נעבעכדיקס, שרעקלעך נעבעכדיקס.

— ניין, היינט איז דא אין איר עפּעס באַזונדערס, — האָט דאָללי געזאָגט. — ווען איך האָב זי באַגלייט אין פאַרצימער, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי וויל וויינען.

XXIX.

אננא האָט זיך אריינגעזעצט אין דער קאָטש נאָך אין אַן ערגערן צושטאַנד, ווי זי איז געווען, איידער זי איז אַרויסגעפאָרן פון דער היים. צו די פריערדיקע פּיין איז אַצינד צוגעקומען אַ געפיל פון באַליידיקונג און פאַרשטויסנקייט, וואָס זי האָט דייטלעך דערפילט בא דער באַגעגעניש מיט קיטין.

— וואוהין באַפעלט איר? אַהיים? — האָט פיאָטר געפרעגט.

— יאָ, אַהיים, — האָט זי געזאָגט, אַצינד אפילו נישט טראַכטנדיק וועגן דעם, וואוהין זי פאָרט.

„ווי זיי האָבן, ווי אויף עפּעס שרעקלעכס, אומפאַרשטענדלעכס און בייגיריקס געקוקט אויף מיר. וועגן וואָס קאָן ער מיט אַזא היציקייט דערציילן דעם צווייטן? — האָט זי געטראַכט, קוקנדיק אויף צוויי פוסגייער. — צי קאָן מען דען אַ צווייטן דערציילן דאָס, וואָס מען טראַכט? איך האָב געוואָלט דערציילן דאָללין און גוט, וואָס איך האָב נישט דערציילט. ווי צופרידן וואָלט זי געווען פון מיין אומגליק! זי וואָלט דאָס פאַרהוילן; אָבער דאָס הויפּט-געפיל וואָלט געווען פרייד, וואָס איך בין באַשטראָפט געוואָרן פאַר די פאַרגעניגנס, אין וועלכע זי האָט מיך מקנא געווען. קיטי, זי וואָלט נאָך מער צופרידן געווען. ווי דורך און דורך איך זע זי איינגאַנצן! זי ווייסט, אַז איך בין, מער ווי געוויינלעך, געווען ליבלעך צו איר מאַן. און זי איז אייפערזיכטיק און האָט מיך נישט ליב. און האסט מיך. אין אירע אויגן בין איך אַן אוממאָראַלישע פרוי. ווען איך וואָלט געווען אַן אוממאָראַלישע פרוי, וואָלט איך געקאָנט איינליבן אין מיר איר מאַן... ווען איך וואָלט געוואָלט. און איך האָב טאַקע געוואָלט. אָט דער איז צופרידן מיט זיך", האָט זי אַ קלער געטון וועגן אַ דיקן הער מיט אַ רויטן פּנים, וואָס איז איר אַקעגנגעפאָרן, אָנגענומען זי פאַר אַ באַקאַנטע, אויפגעהויבן דעם גלאַנציקן הוט איבערן פליכיקן גלאַנציקן קאָפּ און דערנאָך זיך איבערצייגט, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט. „ער האָט געמיינט,

אַז ער קען מיך. און ער קען מיך פּונקט אַזוי ווייניק, ווי ווער ס׳איז אויף דער וועלט קען מיך. איך אַליין קען מיך נישט. איך קען מיינע אַפּעטיטן, ווי די פראַנצויזן זאָגן. אָט זיי גלוסט זיך דערדראָזיקער אומריינער אייזקרעם. דאָס ווייסן זיי זיכער״, האָט זי געטראַכט, קוקנדיק אויף צוויי ייִנגלעך, וואָס האָבן אָפּגעשטעלט אַ פּאַר־קויפער פֿון אייזקרעם, וועלכער האָט אַראָפּגענומען דאָס פּעסעלע פֿון קאָפּ און זיך אָפּגעווישט דאָס פאַרשוויצטע פּנים מיטן ברעג פֿון האַנטוך. „אונז אַלע גלוסט זיך דאָס, וואָס איז זיס, באַטעמט. עס איז נישטאָ קיין קאָנפֿעקטן, איז גוט אומריינער אייזקרעם. און קיטין אויך: נישט וורָאנסקי, איז לעווין. און זי איז מיך מקנא. און האַסט מיך. און מיר אַלע האַסן איינער דעם אַנדערן. איך — קיטין, קיטי — מיך. אָט דאָס איז דער אמת. טיוטקין... Je me fais coiffer par טיוטקין coiffeur... איך וועל אים דאָס זאָגן, ווען ער וועט קומען״, האָט זי אַ קלער געטון און אַ שמייכל געגעבן. אָבער אין דער מינוט האָט זי זיך דערמאַנט, אַז זי האָט נישט אַצינד קיינעם צו זאָגן קיין שום קאָמישס. און עס איז אויך נישטאָ קיין שום קאָמישס, קיין פריילעכס. אַלץ איז העסלעך. מען קלינגט צו דער אָוונט־תּפֿילה, און ווי פּינקטלעך דערדאָזיקער סוחר צלמט זיך, ווי ער וואָלט מורא געהאַט עפּעס נישט אַראָפּצולאָזן. נאָכוואָס זענען דידאָזיקע צערקוועס, דאָסדאָזיקע קלינגען און דערדאָזיקער ליגנט? בלויז צוליב דעם, כּדי צו באַהאַלטן, אַז מיר האַסן איינער דעם אַנדערן, ווי דידאָזיקע פּורמאַנעס, וואָס זידלען זיך אַזוי צאָרניק. יאַשווין זאָגט: ער וויל מיך לאָזן אָן אַ העמד, און איך אים אויך דאָס אייגענע. אָט דאָס איז אמת!״

פֿון דידאָזיקע געדאַנקען, וועלכע האָבן זי אַזוי אַריינגעצויגן, אַז זי האָט אפילו אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן איר לאַגע, האָט זי אויפגעוועקט דאָס אָפּשטעלן זיך פאַר איר הויז. דערזעען דעם שווייצער, וואָס איז איר אַרויסגעקומען אַקעגן, האָט זי זיך ערשט דערמאַנט, אַז זי האָט געשיקט אַ צעטעלע און אַ טעלעגראַמע.

— ס׳איז דאָ אַן ענטפער? — האָט זי געפרעגט.

— איך וועל גלייך זעען, — האָט דער שווייצער געענטפערט און, אַ קוק טוענדיק אויפן ביוראָ־טישל, האָט ער גענומען און איר דערלאַנגט אַ פּירעקעכדיקן דינעם קאָנווערט פֿון אַ טעלעגראַמע. „איך קאָן נישט קומען פריער פון צען אַ זייגער. וורָאנסקי״, האָט זי איבערגעלייענט.

— און דער שליח איז נישט צוריקגעקומען?

— ניין, — האָט דער שווייצער געענטפערט.

„אָ, אויב אַזוי, ווייס איך, וואָס איך האָב צו טון, — האָט זי געזאָגט, און, פילנדיק אין זיך אַן אויפשטייגנדיקן אומבאַשטימטן כעס און אַ נייטיקייט נקמה צו נעמען, איז זי אַרויסגעלאָפן אין דער הייך. — איך וועל אַליין פאָרן צו אים. איידער איך וועל אויף שטענדיק אַוועקפאָרן, וועל איך אים זאָגן אַלץ. איך האָב קיינמאָל קיינעם אַזוי נישט געהאַסט, ווי דעמדאָזיקן מענטש!“ האָט זי געטראַכט. דערזעענדיק זיין הוט אויף דעם מלבושים־הענגער, האָט זי אויפגעציטערט פון עקל. זי האָט זיך נישט באַרעכנט דאָס, אַז זיין טעלעגראַמע איז אַן ענטפער אויף איר טעלעגראַמע און אַז ער האָט נאָך נישט דערהאַלטן איר צעטעלע. זי האָט זיך אים אַצינד פאָרגעשטעלט, ווי ער רעדט רויק מיט דער מוטער און מיט דער סאָראָקינאַ און פרייט זיך פון איר ליידן. „יאָ, מען דאַרף פאָרן שנעלער“, האָט זי זיך געזאָגט, נאָך נישט וויסנדיק, וווהין צו פאָרן. איר האָט זיך געוואָלט וואָס שנעלער אַנטלויפן פון די דאָזיקע געפילן, וועלכע זי האָט איבערגעלעבט אין דעמדאָזיקן שרעקלעכן הויז. די דינערשאַפט, די ווענט, די זאַכן אין דעמדאָזיקן הויז, אַלץ האָט אַרויסגערופן אין איר עקל און כעס און האָט זי געדריקט מיט עפּעס אַ משא.

„יאָ, מען דאַרף פאָרן צו דער באַן־סטאַציע, און אויב נישט, איז פאָרן אַהין און דעמאַסקירן אים“. אַננאַ האָט נאָכגעקוקט אין די צייטונגען דעם רייזע־פּלאַן. אין אָוונט גייט אָפּ אַכט אַ זייגער מיט צוויי מינוט. „יאָ, איך וועל באַוויזן“. זי האָט געהייסן איינשפּאַנען אַנדערע פערד און זיך פאַרנומען מיט איינפּאַקן אין רייזע־טעשל די זאַכן, וואָס קאָנען איר נייטיק זיין אויף עטלעכע טעג. זי האָט געוווסט, אַז זי וועט שוין קיינמאָל דאָ מער נישט אַהערקומען. זי האָט נעפּלהאַפט באַשלאָסן באַ זיך צווישן די פּלענער, וואָס זענען איר געקומען אין קאָפּ אַריין, אויך דאָס, אַז נאָכדעם, וואָס ס'וועט דאָרט פאָרקומען אויף דער סטאַציע אָדער אין דער גראַפינס גוט, וועט זי פאָרן מיטן ניזשעגאָראָדער וועג ביז צו דער ערשטער שטאָט און דאָרט בלייבן.

דאָס מיטאָג איז געשטאַנען אויפן טיש; זי איז צוגעגאַנגען, האָט אַ שמעק געטון צום ברויט, צום קעז און, איבערצייגנדיק זיך, אַז דער ריח פון יעדן עסנוואַרג איז איר דערווידער, האָט זי געהייסן די קאָטש זאָל צופאָרן און איז אַרויסגעגאַנגען. דאָס הויז האָט שוין געוואָרפן אַ שאָטן איבער דער גאַנצער גאַס, און עס איז געווען אַ העלער, אויף

דער זון נאָך װאַרעמער אָװנט. אי אַננושקא, װאָס האָט זי באַגלייט מיט די זאַכן, אי פּיאָטר, װאָס האָט אַריינגעלייגט די זאַכן אין דער קאַטש, אי דער קוטשער, װאָס איז משמעות געװען נישט צופרידן, — אַלע זענען איר געװען דערװידער און האָבן זי אויפגערעגט מיט זייערע רייד און באַװעגונגען.

— איך דאַרף דיך נישט, פּיאָטר.

— און װי אַזוי װעט זיין מיט אַ בילעט?

— נו, װי דו װילסט, מיר איז אַלץ איינס, — האָט זי מיט פאַרדראָס געזאָגט.

פּיאָטר איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער קעלניע און, פאַרלייגנדיק די הענט אויף די זייטן, האָט ער געהייסן פאָרן צום װאָקזאַל.

XXX.

„אָט איז עס װידער! װידער פאַרשטיי איך אַלץ", האָט זיך אַננאַ געזאָגט, װי נאָר די קאַטש האָט גערירט און, װיגנדיק זיך, אָנגעהויבן רוישן איבערן ברוק, און װידער האָבן איינע נאָך די אַנדערע זיך אָנגעהויבן בייטן די איינדרוקן.

„יאָ, װעגן װאָס האָב איך צום לעצט אַזוי גוט געטראַכט", האָט זי זיך באַמיט צו דערמאָנען. „טיוטקין coiffeur? ניין, נישט דאָס. יאָ, װעגן דעם, װאָס יאַשװין האָט געזאָגט: דער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ און דער האַס — איז דאָס איינציקע, װאָס בינדט צונויף די מענטשן. ניין, איר פאָרט אומזיסט, — האָט זי זיך אין געדאַנק געװענדט צו אַ קאָמפּאַניע אין אַ קאַטש, װעלכע איז, משמעות, געפאָרן װיילן זיך הינטער דער שטאָט אַרויס. — אויך דער הונט, װעלכן איר פירט מיט זיך, װעט אייך נישט העלפן. פון זיך װעט איר נישט אַנטלויפן". װאַרפנדיק אַ בליק אין דער זייט אַריין, אין װעלכער פּיאָטר האָט זיך אויסגעדרייט, האָט זי דערזען אַ האַלב טויט-שיכורן פאַבריק-אַרבעטער מיט אַ װאַקלענדיקן קאָפּ, װעלכן אַ פּאָליציאַנט האָט ערגעץ געפירט. „אָט דער — ביכער", האָט זי אַ קלער געטון. „איך מיטן גראַף װראָנסקי האָבן אויך

נישט געפונען דאָסדאָזיקע פארגעניגן. הגם מיר האָבן א סך דערוואַרט דערפון". און אננא האָט אצינד אנגעשטעלט צום ערשטן מאָל דאָס העלע ליכט, בא וועלכן זי האָט אלץ געזעען, אויף אירע באַציונגען מיט אים, וועגן וועלכע זי האָט פריער אויסגעמיטן צו טראַכטן. „וואָס האָט ער געזוכט אין מיר? נישט אַזוי פיל ליבע, וויפיל צו באַפרידיקן זיין כבוד-זוכעניש". זי האָט זיך דערמאַנט זיינע ווערטער, דעם אויסדרוק פון זיין פנים אין דער ערשטער צייט פון זייער פאַרבינדונג, וואָס האָט דערמאַנט אַן אונטערטעניקן טרייען הונט. „יאָ, אין אים איז געווען טריומף פון ערגייציקן דערפאָלג. פאַרשטייט זיך, אז ס'איז געווען אויך ליבע, אָבער א גרויסע טייל איז געווען שטאָלצקייט פון דערפאָלג. ער האָט זיך גע-רימט מיט מיר. אצינד איז דאָס אריבערגעגאַנגען. צו שטאָלצירן איז נישטאָ מיט וואָס. נישט צו שטאָלצירן, נאָר צו שעמען זיך. ער האָט גע-נומען בא מיר אלץ, וואָס ער האָט געקאָנט, און אצינד בין איך אים שוין נישט נייטיק. איך בין אים צו לאַסט און ער באַמיט זיך נישט צו זיין אין דער באַציונג צו מיר אומערלעך. ער האָט נעכטן ארויסגערעדט — ער וויל איך זאָל מיך גטן און מיר זאָלן חתונה האָבן, כדי ער זאָל שוין נישט האָבן קיין אַנדערן אויסוועג. ער האָט מיך ליב, אָבער ווי אַזוי? The zest is gone. דערדאָזיקער וויל אַרויסרופן בא אַלע פאַרוווּנדערונג און איז זייער צופרידן מיט זיך", האָט זי א קלער געטון, קוקנדיק אויף אַן אָנגעשטעלטן מיט א ראָזן פנים, וואָס איז געריטן אויף א געדונגען פערד. „יאָ, ער אַנטציקט זיך שוין נישט אַזוי מיט מיר, ווי דעמאָלט. אויב איך וועל פון אים אַוועקפאָרן, וועט ער טיף אין דער נשמה זיין צופרידן".

דאָס איז געווען נישט קיין השערה, — זי האָט דאָס קלאָר געזעען אין דעם העלן ליכט, וואָס האָט איר אצינד אַנטדעקט דעם זינען פון לעבן און פון די מענטשלעכע באַציונגען.

„מיין ליבע ווערט אלץ ליידנשאַפטלעכער און פלאַמענדיקער, און זיינע ווערט אלץ שוואַכער און שוואַכער, אָט צוליב וואָס מיר צעגייען זיך. — און העלפן צו דעם קאָן מען נישט. ער איז פאַר מיר אלץ, און איך פאָדער, ער זאָל זיך אינגאַנצן מיר אלץ מער און מער אָפּגעבן. און ער וויל אלץ מער און מער אַוועקגיין פון מיר. מיר זענען נעמלעך גע-גאַנגען אַקעגן זיך ביז צו דער פאַרבינדונג, און דערנאָך האָבן מיר אַן אויפהער זיך אָנגעהויבן צונאַנדערצוגיין אין פאַרשידענע זייטן. און ענדערן דאָס קאָן מען נישט. ער זאָגט מיר, אַז איך בין אומזיניק אייפערזיכטיק; אָבער דאָס איז נישט אמת. איך בין נישט אייפערזיכטיק, נאָר איך בין

אומצופרידן. אָבער..." זי האָט געעפנט דאָס מויל און זיך איבערגעזעצט
אין דער קאָטש פון דער אויפרעגונג, וואָס עס האָט אַרויסגערופן אין איר
אַ געדאַנק, וואָס איז איר פּלוצלינג איינגעפאַלן. „ווען איך וואָלט געקאָנט
זיין עפּעס, חוץ אַ געליבטער, וואָס האָט בלויז ליידנשאַפטלעך ליב זיינע
צערטלעכקייטן; אָבער איך קאָן נישט און וויל נישט זיין עפּעס אַנדערש.
און איך רוף מיט דעמדאָזיקן פאַרלאַנג אַרויס בּאַ אים עקל, און ער בּאַ
מיר כּעס, און דאָס קאָן נישט זיין אַנדערש. צי ווייס איך דען נישט, אַז
ער וואָלט מיך נישט אָפּגענאַרט, אַז ער האָט נישט קיין אויסזיכטן אויף
דער סאָראָקינאַ, אַז ער איז נישט פאַרליבּט אין קיטין, אַז ער וועט מיך
נישט פאַרראַטן? איך ווייס דאָס אַלץ, נאָר מיר איז פון דעם נישט בעסער-
אויב ער וועט מיך נישט ליב האָבן, נאָר וועט אויס פ ל י כ ט זיין גוט,
צערטלעך צו מיר, און עס וועט נישט זיין דאָס, וואָס איך וויל, — איז
דאָך דאָס טויזנט מאָל ערגער אפילו ווי פיינטשאַפט! דאָס איז — גהינום!
און אַזוי איז דאָך טאַקע. ער האָט מיך שוין לאַנג נישט ליב. און דאָרט,
וווּ עס ענדיקט זיך ליבּע, דאָרט הייבּט זיך אָן פיינטשאַפט... דידאָזיקע
גאַסן קען איך לגמרי נישט. בערג עפּעס אַזעלכע, און אַלץ הייזער, היי-
זער... און אין די הייזער אַלץ מענטשן, מענטשן... וויפיל זיי זענען, עס
בעמט נישט קיין סוף צו זיי, און אַלע האַסן איינער דעם אַנדערן. נו,
לאָמיך מיר צוטראַכטן דאָס, וואָס איך וויל, כּדי צו זיין גליקלעך. נו?
איך באַקום גט, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש גיט מיר אַוועק סעריאָזשען
און איך האָב חתונה מיט ווראָנסקין". זיך דערמאַנט אָן אַלעקסיי אַלעק-
סאַנדראָוויטשן, האָט זי גלייך מיט אַן אומגעוויינלעכער לעבּעדיקייט זיך
אים פאָרגעשטעלט מיט זיינע מילדע, לעבנסלאָזע, אויסגעלאָשענע
אויגן, מיט די בלויע אַדערן אויף די ווייסע הענט, מיט די אינטאָנאַציעס
און דעם קנאַקן פון די פינגער און, דערמאַנט זיך דאָס געפיל, וואָס איז
געווען צווישן זיי און וואָס האָט אויך געהייסן ליבּע, האָט זי אויפגעצי-
טערט פון עקל. נו, איך וועל באַקומען אַ גט און וועל זיין ווראָנסקיס
ווייב. וואָס-זשע, וועט קיטי אויפהערן צו קוקן אויף מיר אַזוי, ווי זי האָט
היינט געקוקט? ניין. און סעריאָזשאַ וועט אויפהערן צו פרעגן אָדער צו
טראַכטן וועגן מיינע צוויי מענער? און וואָס פאַר אַ ניי געפיל וועל איך
אויסטראַכטן צווישן מיר און ווראָנסקין? צי איז מעגלעך עפּעס אַזוינס —
שוין נישט קיין גליק, נאָר בלויז נישט קיין מאַטערניש? ניין און ניין!"
האָט זי זיך געענטפערט אָן דער מינדסטער וואַקלעניש. אוממעגלעך!
מיר צעגייען זיך אין לעבן, און איך פאַרשאַף זיין אומגליק, ער מיינס,

און איבערמאַכן נישט אים, נישט מיך קאָן מען נישט. אַלע פּרווון זענען שוין געמאַכט געוואָרן, די שרויף האָט זיך איבערגעדרייט... יאָ, אַ בעטלערין מיט אַ קינד. זי מיינט, אַז ס׳איז אַ רחמנות אויף איר. צי זענען מיר נישט אַלע אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער וועלט בלויז צוליב דעם, כּדי צו האַסן איינער דעם אַנדערן און דערפאַר פּייניקן זיך און אַנדערע? גימנאַזיסטן גייען — זיי לאַכן. סעריאָזשאַ?״ האָט זי זיך דערמאַנט. „איך האָב אויך געמיינט, אַז איך האָב אים ליב געהאַט, און בין גערירט געווען פון מיין צערטלעכקייט. און איך האָב דאָך געלעבט אויך אָן אים, אים אויסגעטוישט אויף אַ צווייטער ליבע און זיך נישט געקלאָגט אויף דעמדאָזיקן טויש, כּל־זמן איך בין באַפרידיקט געוואָרן פון יענער ליבע״. און זי האָט מיט עקל זיך דערמאַנט אָן דעם, וואָס זי האָט אָנגערופן יענע ליבע. און די קלאָרקייט, מיט וועלכער זי האָט אַצינד געזעען איר לעבן און דאָס לעבן פון אַלע מענטשן, האָט זי געפרייט. „אַזוי בין איך, און פּיאָטר, און דער קוטשער פעדאָר, און דערדאָזיקער סוחר, און די אַלע מענטשן, וועלכע לעבן דאָרט בײַ דער וואָלגע, וווהין דידאָזיקע מודעות לײַדן איין, און אומעטום איז אַזוי, און שטענדיק״, האָט זי געטראַכט, ווען זי איז שוין צוגעפאָרן צו דער נידעריקער געביידע פון דער ניזשעגאָראָדער סטאַציע און איר אַקעגן זענען אַרויסגעלאָפן די באַנטרעגערס.

— איר וועט באַפעלן קיין אָבּיראַלאָווקע? — האָט פּיאָטר געזאָגט.

זי האָט אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן וווהין און נאָכוואָס זי פאָרט, און בלויז מיט גרויס אָנשטרענגונג געקאָנט פאַרשטיין דידאָזיקע פראַגע.

— יאָ, — האָט זי אים געזאָגט, דערלאַנגענדיק דאָס בייטעלע מיטן געלט, און, נעמענדיק אויף דער האַנט דאָס קליינע רויטע זעקעלע, איז זי אַרויסגעגאַנגען פון דער קאַטש.

אַוועקלאָזנדיק זיך צווישן עולם אין זאַל אַריין פון ערשטן קלאַס, האָט זי זיך ביסלעכווייז דערמאַנט אַלע פּרטים פון איר לאַגע און די באַשלוסן, צווישן וועלכע זי האָט זיך געוויגט. און ווידער האָבן דאָ האָפנונג, דאָ פאַרצווייפלונג אויף די אַלטע אָנגעווייטיקטע ערטער אָנגעהויבן אויפרודערן די וווּנדן פון איר אויסגעמאַטערט האַרץ, וואָס האָט שרעקלעך געפלאַטערט. זיצנדיק אויף דער סאָפע אין דערוואַרטונג פון צוג, האָט זי מיט פאַראַכטונג געקוקט אויף די אַרויסגייער און אַרייַנגייער

(אַלע זענען זיי איר געווען דערווידער), געטראַכט דאָ וועגן דעם, ווי אַזוי זי וועט קומען אויף דער סטאַציע, אים אָנשרייבן אַ צעטעלע און וואָס זי וועט אים אָנשרייבן, דאָ וועגן דעם, ווי ער קלאָגט זיך אַצינד פאַר דער מוטער (נישט וויסנדיק, וואָס עס הייסט אַזוינס ליידן) אויף זיין לאַגע, און ווי אַזוי זי וועט אַריינגיין אין צימער און וואָס זי וועט אים זאָגן. דאָ האָט זי געטראַכט וועגן דעם, ווי דאָס לעבן וואָלט נאָך געקאָנט זיין גליקלעך און ווי פיינלעך זי האָט אים ליב און האַסט אים, און ווי שרעקלעך עס קלאַפּט איר האַרץ.

XXXI.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג, עס זענען דורכגעגאַנגען עפּעס יונגע מענער, אומגעלומפּערטע, עזותדיקע, איילנדיקע און איינצייטיק אויפמערקזאַמע צו דעם איינדרוק, וועלכן זיי האָבן אַרויסגערופן; עס איז אויך דורכגעגאַנגען איבערן זאַל פּיאָטר אין זיין ליווריע און אין די שטובלעטן, מיטן טעמפּן רויען פּנים, און איז צוגעגאַנגען צו איר, כדי זי צו באַגלייטן צום וואַגאָן. די טומלענדיקע מענער זענען שטיל געבליבן, ווען זי איז דורכגעגאַנגען פאַרביי זיי איבער דער פּלאַטפאָרמע, און איינער האָט עפּעס אַ פּליסטער געטון וועגן איר אַ צווייטן, פאַרשטייט זיך, עפּעס עקלהאַפטס. זי איז אַרויף אויפן הויכן טרעפּל און זיך געזעצט אַליין אין דעם קופּע אויף דער געבעטער שמוציקער סאָפע, וואָס איז אַמאָל וויים געווען. דאָס זעקעלע אונטערשפּרינגענדיק אויף די פּרוזשינעס, איז ליגן געבליבן. פּיאָטר האָט מיט אַ נאַרישן שמייכל אונטערגעהויבן באַם פענצטער אַלס סימן פון געזעגנונג זיין הוט מיטן שעך, אַן עזותדיקער קאָנדוקטאָר האָט פאַרהאַקט די טיר און די קליאַמקע. אַן אומגעלומפּערטע דאַמע מיט אַ טורניור (אַננאַ האָט אין געדאַנק אויסגעטון די דאָזיקע פרוי און זיך דערשראָקן פאַר איר העסלעכקייט), און מיידעלעך, וואָס האָבן אומנאַטירלעך געלאַכט, זענען דורכגעלאָפן אונטן.

— באַ קאַטערינאַ אַנדרעעוונאַ, אַלץ באַ איר, ma tante! — האָט איין מיידעלע אויסגעשריגן.

„אַ מיידעלע ערשט — און איז אויך שוין פאַרקריפּלט און נישט

באטירלעך״, האָט אננא אַ קלער געטון. כּדי נישט צו זעען קיינעם, איז זי שנעל אויפגעשטאַנען און זיך געזעצט באַם קעגנאיבערדיקן פענצטער אין ליידיקן וואַגאָן. אַן אויסגעשמירטער קריפּלהאַפּטער פויער אין אַ היטל, פון אונטער וועלכן עס האָבן אַפּערגעקוקט צעשויבערטע האָר, איז דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם פענצטער, זיך אָנבייגנדיק צו די רעדער פון דעם וואַגאָן. „עס איז דאָ עפּעס באַקאַנטס אין דעם קריפּלהאַפּטן פויער״, האָט אננא אַ קלער געטון. און, זיך דערמאָנט איר חלום, איז זי, ציטערנדיק פון שרעק, צוגעגאַנגען צו דער קעגנאיבערדיקער טיר. דער קאָנדוקטאָר האָט געעפנט די טיר, אַריינלאָזנדיק אַ מאַן מיט אַ פרוי.

— איר ווינטשט זיך אַרויסגיין?

אננא האָט נישט געענטפערט. דער קאָנדוקטאָר און די אַריינגייענדיקע האָבן נישט באַמערקט די שרעק אויף איר פּנים הינטערן וואַל. זי האָט זיך אומגעקערט אויף איר אָרט און זיך געזעצט. דאָס פּאָר-פאָלק האָט זיך געזעצט אַקעגנאיבער, אויפמערקזאַם, אָבער געהיים באַטראַכטנדיק איר קלייד. אי דער מאַן אי די פרוי האָבן אויסגעזעען עקלהאַפט אננען. דער מאַן האָט געפרעגט, צי זי וועט אים דערלויבן צו רייכערן, משמעות נישט כּדי צו רייכערן, נאָר כּדי צו פאַרפירן אַ געשפּרעך מיט איר. באַקומען איר הסכּמה, האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן מיטן ווייב אויף פראַנצויזיש וועגן דעם, וועגן וואָס ער האָט נאָך ווינציקער געדאַרפט רעדן, ווי רייכערן. זיי האָבן נישט אויפריכטיק גערעדט נאַרישקייטן, בלויז כּדי זי זאָל הערן. אננא האָט דייטלעך געזעען, ווי דערווידער זיי זענען איינער דעם אַנדערן און ווי זיי האַסן איינער דעם אַנדערן. און עס איז נישט מעגלעך געווען נישט צו האַסן אַזעלכע נעבעכדיקע ברואים.

עס האָט זיך דערהערט דער צווייטער קלונג און גלייך נאָך אים דאָס איבערפירן דעם באַגאַזש, גערויש, געשריי און געלעכטער. פאַר אננען איז געווען אַזוי קלאָר, אַז קיינער האָט נישט צוליב וואָס צו פרייען זיך, אַז דאָסדאָזיקע לאַכן האָט זי אויפגערעגט ביז ווייטיק און איר האָט זיך געוואָלט פאַרשטאָפּן די אויערן, כּדי נישט צו הערן עס. ענדלעך האָט אַ קלונג געטון צום דריטן מאָל, עס האָט זיך דערהערט אַ פייפן, דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ ריטש געטון, די וואַגאָנעס האָבן זיך אַ ריס געטון, און דער מאַן האָט זיך איבערגעצלמט. „עס וואָלט אינטערעסאַנט געווען אים צו פרעגן, וואָס ער פאַרשטייט אונטער דעמדאָזיקן״,

האָט אננאַ, געבנדיק אַ בייזן בליק אויף אים, אַ קלער געטון. זי האָט געקוקט פאַרביי דער דאַמע דורכן פענצטער אויף די מענטשן, וואָס זענען געקומען באַגלייטן דעם צוג און האָבן זיך אַזוי ווי פאַרבייגערוקט צוריק, שטייענדיק אויף דער פּלאַטפאָרמע. גלייכמעסיק אונטערציטערנדיק אויף די רעלסן, האָט דער וואַגאָן, אין וועלכן אננאַ איז געזעסן, זיך דורכ־געטראָגן פאַרביי דער פּלאַטפאָרמע, פאַרביי אַ געמויערטער וואַנט, פאַר־ביי דעם דיסק, פאַרביי אַנדערע וואַגאָנעס; די רעדער האָבן ווייכער און ריטמישער, מיט אַ לייכטן קלאַנג אָנגעהויבן רוישן איבער די רעלסן; דאָס פענצטער איז באַלויכטן געוואָרן פון דער העלער אָוונט־זון, און אַ ווינטעלע האָט אַ וויג געטון דאָס פאָרהענגל. אננאַ האָט פאַרגעסן אָן אירע שכנים אין וואַגאָן, און, אין לייכטן וויגן זיך פון פאָרן, אַריינאָטע־מענדיק די פרישע לופט אין זיך, האָט זי ווידער אָנגעהויבן צו טראַכטן:

„יאָ, בּאַ וואָס האָב איך מיך אָפּגעשטעלט! בּאַ דעם, איך קאָן נישט צוטראַכטן קיין לאַגע, אין וועלכער דאָס לעבן זאָל נישט זיין קיין מאַטערניש, אַז מיר אַלע זענען באַשאַפן, כּדי צו מאַטערן זיך, און אַז מיר אַלע ווייסן דאָס און טראַכטן אַלע צו מיטלען, ווי אַזוי זיך אָפּצו־נאַרן. און וואָס־זשע בלייבט צו טון, ווען מען זעט דעם אמת?

— אויף דעם איז געגעבן געוואָרן דעם מענטש שכל, אַז ער זאָל זיך באַפרייען פון דעם, וואָס באַאומרויקט אים, — האָט די דאַמע גע־זאָגט אויף פראַנצויזיש, משמעות צופרידן פון איר פראַזע און דרייענדיק מיט דער צונג.

די דאָזיקע ווערטער האָבן אַזוי ווי געענטפערט אויף אננאַס געדאַנק.

„זיך באַפרייען פון דעם, וואָס באַאומרויקט", האָט אננאַ איבערגע־חזרט. און, וואַרפנדיק אַ בליק אויף דעם רויטבאַקיקן מאַן און אויף דער דאַ־רער פרוי, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז די קרענקלעכע פרוי האַלט זיך פאַר אַ נישט פאַרשטאַנענער פרוי און דער מאַן נאַרט זי אָפּ און האַלט אונטער אין איר דידאָזיקע מיינונג וועגן זיך. אננאַ האָט אַזוי ווי געזעען זייער געשיכטע און אַלע ווינקעלעך פון זייער נשמה, איבערטראָגנדיק דאָס ליכט אויף זיי. אָבער קיין שום אינטערעסאַנטס איז אין דעם נישט געווען און זי האָט ווייטער געטראַכט.

„עס באַאומרויקט מיך זייער, און אויף דעם איז געגעבן געוואָרן

שכל, כדי זיך צו באפרייען; הייסט עס, דארף מען זיך באפרייען. פאר־וואס־זשע נישט פארלעשן דאס ליכט, ווען עס איז שוין נישטא אויף וואס צו קוקן, ווען עס איז איבלדיק צו קוקן אויף דעם אלעם? אבער ווי אזוי? נאכוואס איז דער קאנדוקטאר דא דורכגעלאפן? נאכוואס שרייען זיי, דידאזיקע יונגעלייט, אין יענעם וואגאן? נאכוואס רעדן זיי, נאכ־וואס לאכן זיי? אלץ איז נישט אמת, אלץ איז ליגנט, אלץ איז שלעכט!..."

ווען דער צוג איז צוגעקומען צו דער סטאציע, איז אננא ארויס־געגאנגען צוזאמען מיט די איבעריקע פאסאזשירן און, האלטנדיק זיך זייטיק פון זיי, ווי פון מצורעים, האט זי זיך אפגעשטעלט אויף דער פלאטפארמע, באמיענדיק זיך צו דערמאנען, נאכוואס זי איז דא אהער־געקומען און וואס זי האט בדעה געהאט צו טון. אלץ, וואס איר האט פריער אויסגעזעען פאר מעגלעך, איז אצינד אזוי שווער געווען צו באנעמען, באזונדערס אין דער רוישנדיקער מחנה פון די אלע העס־לעכע מענטשן, וואס האבן זי נישט צורו געלאזט. דא זענען די באן־טרעגערס צוגעלאפן צו איר, פארלייגנדיק זייער דינסט, דא האבן יונגעלייט, קלאפנדיק מיט די אפצאסן איבער די ברעטער פון דער פלאט־פארמע און הויך רעדנדיק, זי באטראכט, דא האט זי זיך צונויפגעשטויסן מיט באגעגנטע. זיך דערמאנט, אז זי האט בדעה געהאט צו פארן ווייטער, אויב עס וועט נישט זיין קיין ענטפער, האט זי אפגעשטעלט איין באן־טרעגער און אים געפרעגט, צי עס איז נישטא דא קיין קוטשער מיט א צעטעלע צום גראף ווראנסקי.

— דער גראף ווראנסקי? פון זיי איז מען דא ערשט געווען. מען האט אפגעוואַרט די פירשטין סאראקינא מיט דער טאכטער. און דער קו־טשער ווי אזוי זעט אויס?

אין דער צייט, וואס זי האט גערעדט מיטן באן־טרעגער, איז דער קוטשער מיכאילא, א פאררויטלטער, א פריילעכער, אין זיין בלויען עלע־גאנטן קאפטן מיטן קייטעלע, משמעות שטאלץ פון דעם, וואס ער האט אזוי גוט אויסגעפירט דעם אויפטראג, צוגעקומען צו איר און איר דער־לאנגט א צעטעלע. זי האט עס געעפנט, און איר הארץ האט זיך צונויפ־געדריקט נאך איידער זי האט עס איבערגעלייענט.

„איך באדויער זייער, וואס דאס צעטעלע האט מיך נישט געטראפן.

איך וועל זיין צען אָ זייגער״, האָט ווראָנסקי מיט אַ באַכלעסיקער האַנט־שריפט געשריבן.

„אַזוי איז עס! איך האָב דאָס דערוואַרט!״ האָט זי זיך געזאָגט מיט אַ בייזן שמייכל.

— גוט, פאָר־זשע אַהיים, — האָט זי שטיל אַ זאָג געטון, ווענדנדיק זיך צו מיכאַילאַ. זי האָט גערעדט שטיל, ווייל דאָס שנעלע האַרץ־קלאַפּן האָט איר געשטערט צו אָטעמען. „ניין, איך וועל דיך נישט לאָזן מיך פּייניקן״, האָט זי אַ קלער געטון, ווענדנדיק זיך מיט דראָונג נישט צו אים, נישט צו זיך אַליין, נאָר צו דעם, ווער עס האָט זי געצוווּנגען זיך צו פּייניקן, און זיך געלאָזט גיין איבער דער פּלאַטפאָרמע פאַרביי דער סטאַנציע.

צוויי שטובמיידלעך, וואָס זענען געגאַנגען איבער דער פּלאַטפאָרמע, האָבן אויסגעבויגן די קעפּ אַהינטער, געקוקט אויף איר און עפּעס הויך גערעדט וועגן איר טואַליעט: „אמתע״, האָבן זיי געזאָגט וועגן די שפּיצן, וואָס זענען געווען אויף איר. די יונגעלייט האָבן זי נישט צורו געלאָזט. זיי האָבן איר ווידער אַריינגעקוקט אין פּנים, לאַכנדיק געשריגן עפּעס מיט אַ נישט נאַטירלעך קול און פאַרבייגעגאַנגען. דער נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט זי געפרעגט, צי זי פאָרט. דאָס ייִנגל, דער פאַרקויפער פון קוואַס, האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר. „גאָט מיינער, ווו גייט מען?״ האָט זי געטראַכט, אַלץ ווייטער און ווייטער אַוועקגייענדיק איבער דער פּלאַטפאָרמע. באַם סוף האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. די דאַמען און קינדער, וואָס האָבן באַגעגנט אַ הער אין ברילן און האָבן הויך געלאַכט און גערעדט, זענען שטיל געבליבן, באַטראַכטנדיק זי, ווען זי איז זיי פאַרבייגעגאַנגען. זי האָט פאַרגיכערט דעם טריט און איז אַוועקגעגאַנגען פון זיי צום סוף פון דער פּלאַטפאָרמע. עס איז דורכגעגאַנגען אַ פראַכט־צוג. די פּלאַטפאָרמע האָט אָנגעהויבן צו ציטערן, און איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי פאָרט ווידער.

און פּלוצלינג, זיך דערמאַנענדיק אָן דעם צעדריקטן מענטש אין טאָג פון איר ערשטער באַגעגעניש מיט ווראָנסקין, האָט זי פאַרשטאַנען, וואָס זי דאַרף טון. זי איז מיט אַ פלינקן לייכטן טריט אַראָפּגעגאַנגען מיט די שטיגעלעך, וואָס האָבן געפירט פון דער וואָדאָקאַטשקע צו די רעלסן און זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם צוג, וואָס איז האַרט פאַר איר פאַרבייגעגאַנגען. זי האָט געקוקט אויף דעם אונטערשטן טייל פון די וואַגאָנעס, אויף די שרויפן און קייטן און אויף די הויכע אייזערנע רעדער פון דעם

ערשטן וואַגאָן, וואָס האָט זיך פּאַמעלעך פאַרבייגערוקט, און מיטן בליק זיך באַמיט צו באַשטימען דעם מיטן צווישן די פאָדערשטע און הינטערשטע רעדער און די מינוט, ווען דערדאָזיקער מיטן וועט זיין קעגן איר.

„אַהין! — האָט זי זיך געזאָגט, קוקנדיק אויפן שאָטן פון דעם וואַגאָן, אויף דעם זאַמד, אויסגעמישט מיט קוילן, מיט וועלכן די שפּאַלן זענען פאַרשיט געווען, — אַהין אין סאַמע מיטן אַריין, און איך וועל אים באַשטראָפן, און זיך באַפרייען פון אַלע און אויך פון זיך".

זי האָט געוואָלט אַרונטערפאַלן אונטערן ערשטן וואַגאָן, וואָס איז צו איר צוגעקומען מיט זיין מיטן, נאָר דאָס רויטע זעקעלע, וואָס זי האָט אָנגעהויבן אַראָפּנעמען פון דער האַנט, האָט זי פאַרהאַלטן, און ס'איז שוין געווען שפּעט: דער מיטן איז שוין געהאַט פאַרבייגעגאַנגען. מען האָט געמוזט וואַרטן אויפן צווייטן וואַגאָן. אַ געפיל, ענלעך צו דעם, וואָס זי פלעגט איבערלעבן, ווען זי פלעגט זיך גרייטן אַריינצוגיין אין וואַסער באַם באָדן זיך, האָט זי באַהערשט, און זי האָט זיך איבערגעצלמט. דער געוווינטער זשעסט פון צלמען זיך האָט אַרויסגערופן אין איר נשמה אַ גאַנצע רייע מיידלישע און קינדישע זכרונות, און פּלוצלינג איז די פינצטערניש, וואָס האָט פאַרשטעלט פאַר איר אַלץ, צעריסן געוואָרן, און דאָס לעבן האָט אויף אַן אויגנבליק אַ שיין געטון פאַר איר מיט אַלע זיינע פאַרגאַנגענע פריידן. אָבער זי האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון צווייטן וואַגאָן, וואָס האָט זיך דערנענטערט. און פּונקט אין דער מינוט, ווען דער מיטן צווישן די רעדער איז צוגעקומען צו איר, האָט זי אַוועקגעוואָרפן דאָס רויטע זעקעלע און, אַריינציִענדיק דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, איז זי אַנידערגעפאַלן אויף די הענט אונטערן וואַגאָן אַרונטער און מיט אַ לייכטער באַוועגונג, אַזוי ווי גרייטנדיק זיך גלייך צוריק אויפצושטיין, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען. און אין זעלבן אויגנבליק האָט זי זיך דערשראָקן פאַר דעם, וואָס זי האָט געטון. „ווו בין איך? וואָס טו איך? נאָכוואָס?" זי האָט זיך געוואָלט אויפהייבן, אַ וואַרף טון צוריק, אָבער עפּעס ריזיקס, אומרחמנותדיקס האָט איר אַ שטויס געטון אין קאָפּ אַריין און זי אָנגעהויבן שלעפּן באַם רוקן. „גאָט, זיי מיר אַלץ מוחל!" האָט זי אַ זאָג געטון, פילנדיק אַן אוממעגלעכקייט צו קעמפן. דאָס פּויערל האָט, מורמלענדיק עפּעס, געאַרבעט איבער אייזן. און דאָס ליכט, באַ וועלכן זי

האָט געלייענט דאָס בוך, דאָס איבערפולטע מיט אויפרעגונג, פאַלשקייט, צרות און שלעכטס, — האָט אויפגעפלאַמט מיט אַ העלערער ווי ווען ס'איז ליכטיקייט, האָט איר באַלויכטן דאָס אַלץ, וואָס איז פריער פאַר איר פאַרהוילן געווען, האָט אָנגעהויבן קנאַקן, טונקעלער ווערן און זיך אויף אייביק פאַרלאָשן.

אַכטע טייל

1.

עס זײַנען אַריבער כּמעט צוויי חדשים. עס איז שוין געווען אין מיטן הייסן זומער, און סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך ערשט אַצינד גע־קליבן אַרויסצופאָרן פון מאָסקווע.

אין לעבן פון סערגיי איוואַנאָוויטשן זײַנען פאַר דער צייט פאָרגעקו־מען זײַנע אייגענע געשעענישן. שוין בערך אַ יאָר איז געווען פאַרענדיקט זײַן בוך, די פרוכט פון אַ זעקסיעריקער אַרבעט, וואָס האָט געטראָגן דעם טיטל: **אַן איבערבליק איבער די יסודות און פאָרמען פון מלוכישקייט אין אייראָפּע און אין רוסלאַנד.** טייל קאַפּיטלען פון דעמדאָזיקן בוך און די אײַנלייטונג זײַנען געדרוקט געווען אין די פּעריאָדישע אויסגאַבן, און אַנדערע טיילן האָט סערגיי איוואַנאָוויטש שוין געהאַט געלייענט פאַר מענטשן פון זײַן קרייז, אַזוי אַז די געדאַנקען פון דעמדאָזיקן ווערק האָבן שוין נישט געקאָנט זײַן קיין פולקאָמע נײַעס פאַרן פּובליקום; דאָך האָט סערגיי איוואַנאָוויטש דערוואַרט, אַז דאָס דערשײַנען פון זײַן בוך איז מחויב אַרויסצורופן אַן ערנסטע פאַראינטערעסירונג אין דער געזעלשאַפט און אויב נישט קיין איבערקערעניש אין דער וויסנשאַפט, איז אַלנפאַלס אַ שטאַרקע אויפרודערונג אין דער געלערנטער וועלט.

דאָסדאָזיקע בוך איז נאָך אַ גרינטלעכער באַאַרבעטונג אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פאַרגאַנגענעם יאָר און איז צעשיקט געוואָרן צו די בוכ־הענדלער.

סערגיי איוואַנאָוויטש, וואָס האָט נישט געפרעגט קיינעמס מיינונג דערויף, וואָס האָט אומגערן און כלומרשט גלייכגילטיק געענטפערט אויף די פראַגן פון זיינע פריינט וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס בוך גייט, וואָס האָט אפילו נישט געפרעגט די בוכהענדלער, ווי אַזוי דאָס בוך פאַרקויפט זיך, האָט שאַרף און מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָרשט דעם ערשטן רושם, וואָס זיין בוך וועט מאַכן אויף דער געזעלשאַפט און אין דער ליטעראַטור.

אָבער עס איז אַריבער אַ וואָך, אַ צווייטע, אַ דריטע, און אין דער געזעלשאַפט איז נישט געווען צו באַמערקן קיין שום רושם; די פריינד זיינע, די ספּעציאַליסטן און געלערנטע, פלעגן טיילמאָל — משמעות אויס העפלעכקייט — פאַרפירן אַ שמועס וועגן דעם. אָבער די איבעריקע באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך נישט אינטערעסירט מיט קיין בוך פון אַ וויסנ-שאַפטלעכן אינהאַלט, האָבן לגמרי וועגן דעם נישט גערעדט מיט אים. און אין דער געזעלשאַפט, וואָס איז באַזונדערס אַצינד פאַרנומען געווען מיט עפּעס אַנדערש, איז געווען אַ פולשטענדיקע גלייכגילטיקייט. אין דער ליטעראַטור איז אויך אין משך פון אַ חודש נישט געווען קיין וואָרט וועגן בוך.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אויסגערעכנט מיט דער גרעסטער פּינקט-לעכקייט די צייט, וואָס איז נייטיק אויף אָנצושרייבן רעצענזיעס, אָבער עס אַריבער אַ חודש, אַ צווייטער און עס איז געווען דאָס זעלבע שווייגן.

בלויז אין צפונדיקן זשוק, אין אַ וויציקן פעליעטאָן וועגן זינגער דראַבאַנטי, וואָס האָט פאַרלוירן די שטימע, איז געזאָגט געווען עטלעכע שפּאָטישע ווערטער וועגן קאָזנישעווס בוך, וואָס האָבן באַ-וויזן, אַז דאָסדאָזיקע בוך איז שוין לאַנג פאַראורטיילט געוואָרן דורך אַלעמען און איבערגעגעבן געוואָרן צום אַלגעמיינעם אָפּלאַכן.

ענדלעך האָט אויפן דריטן חודש אין אַן ערנסטן זשורנאַל זיך באַ-וויזן אַ קריטיש אַרטיקל. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געקענט אויך דעם אויטאָר פון דעמדאָזיקן אַרטיקל. ער האָט אים איינמאָל געהאַט באַגעגנט באַ גאָלובצאָוון.

דער אויטאָר פון דעם אַרטיקל איז געווען זייער אַ יונגער און וויציקער פעליעטאָניסט, זייער אַ פיפיקער, ווי אַ שריפטשטעלער, אָבער זייער ווייניק געבילדעטער און נישט דרייסטער אין די פּערזענלעכע באַ-ציונגען.

נישט געקוקט אויף זיין פולשטענדיקן ביטול צום אויטאָר, איז סערגיי איוואַנאָוויטש מיט פולשטענדיקער אַכטונג צוגעטרעטן לייענען דאָס אַרטיקל. דאָס אַרטיקל איז געווען אַ שרעקלעכס.

דער פעליעטאָניסט האָט, משמעות, פאַרשטאַנען דאָס גאַנצע בוך אַזוי, ווי עס איז עס נישט מעגלעך געווען צו פאַרשטיין. אָבער ער האָט אַזוי געשיקט צוגעקליבן די אויסצוגן, אַז פאַר די, וואָס האָבן נישט געהאַט געלייענט דאָס בוך (און משמעות האָט עס כמעט קיינער נישט געהאַט געלייענט), איז געווען פולשטענדיק קלאָר, אַז דאָס גאַנצע בוך איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ צונויפקלייב פון מליצהדיקע ווערטער, דערצו נאָך נישט אויפן געהעריקן אָרט באַנוצטע (וואָס עס האָבן באַוויזן די פראַגעצייכנס), אַז דער אויטאָר פון בוך איז אַ מענטש אַ פולשטענדיק אומוויסנדער, און דאָס אַלץ איז געווען אַזוי שאַרפזיניק, אַז סערגיי איוואַנאָוויטש וואָלט זיך אַליין נישט אָפּגעזאָגט פון אַזאַ שאַרפזיניקייט; אָבער אין דעם טאַקע איז געווען דאָס שרעקלעכע.

נישט געקוקט אויף דער גאַנצער געוויסנהאַפטיקייט, מיט וועלכער סערגיי איוואַנאָוויטש האָט קאָנטראָלירט די גערעכטיקייט פון דעם רעצענזענטס באַווייזן, האָט ער זיך אויף קיין איין מינוט נישט אָפּגעשטעלט אויף די חסרונות און טעותים, וואָס זענען אויסגעלאַכט געוואָרן, נאָר האָט גלייך נישט ווילנדיק ביז די קלענסטע פרטים זיך אָנגעהויבן דער־מאָנען זיין באַגעגעניש און דעם געשפּרעך מיט דעם טויטאָר פון דעם אַרטיקל.

„צי האָב איך אים נישט באַליידיקט מיט עפּעס?‟ האָט סערגיי איוואַנאָוויטש זיך געפרעגט.

און, זיך דערמאָנט, ווי ער האָט דעמדאָזיקן יונגנמאַן אויסגעבעסערט אַ וואָרט, וואָס האָט אַרויסגעוויזן זיין אומוויסנהייט, האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געפונען די דערקלערונג פאַר דעם זינען פון דעמדאָזיקן אַרטיקל.

נאָך דעמדאָזיקן אַרטיקל האָט אַריינגעטרעטן אַ טויט שטילשווייגן וועגן בוך, און סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געזען, אַז זיין זעקסיעריק ווערק, איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט מיט אַזאַ ליבשאַפט און פלייס, איז אַריבער שפורלאָז.

סערגיי איוואַנאָוויטשס לאַגע איז געווען נאָך שווערער דערפאַר,

וואָס נאָכן פאַרענדיקן דאָס בוך האָט ער נישט געהאַט מער קיין קאָבי־נעט־אַרבעט, וואָס האָט פריער פאַרנומען די גרעסטע טייל פון זיין צייט.

סערגיי איוואַנאָוויטש איז געווען קלוג, געבילדעט, געזונט, טעטיק און האָט נישט געוווסט, אויף וואָס צו פאַרווענדן זיין טעטיקייט. די גע־שפּרעכן אין די סאַלאָנען, אויף די צוזאַמענפאָרן, פאַרזאַמלונגען, קאָמי־טעטן, אומעטום, ווו מען האָט געקאָנט רעדן, האָבן פאַרנומען אַ טייל פון זיין צייט; אָבער ער, דער שטענדיקער שטאָט־איינוווינער, האָט זיך נישט דערלויבט אינגאַנצן אריינגעטון צו ווערן אין די געשפּרעכן, ווי זיין נישט געניטער ברודער האָט געטון, ווען ער האָט פאַרברענגט אין מאָסקווע; עס איז געבליבן נאָך אַ סך פרייע צייט און גייסטיקע כוחות. צו זיין גליק איז אין דערדאָזיקער שווערסטער צייט פאַר אים, צוליב דעם דורכפאַל פון זיין בוך, אָנשטאָט די פראַגן פון די פרעמד־גלויביקע, אַמעריקאַנער פריינט, סאַמאַרער הונגער, דער אויסשטעלונג, דעם ספּיריטיזם אַרויסגעשוווּמען די סלאַוויאַנער פראַגע, וואָס האָט פריער בלויז געטליעט אין דער געזעלשאַפט, און סערגיי איוואַנאָוויטש, וואָס איז אויך פריער געווען איינער פון די אויפוועקער פון דערדאָזיקער פראַגע, האָט זיך איר אינגאַנצן אָפּגעגעבן.

אין דעם קרייז פון די מענטשן, צו וועלכע סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געהערט, האָט מען אין דער צייט וועגן גאָרנישט עפּעס אַנדערש גערעדט און געשריבן, ווי נאָר וועגן דער סערבישער מלחמה. דאָס אַלץ, וואָס עס טוט געוויינלעך דער פּוסט־און־פּאַסער עולם, כדי אויס־צופּברענגען די צייט, איז אַצינד געטון געוואָרן לטובת די סלאַ־וויאַנער. די בעלער, קאָנצערטן, מיטאָגן, ספּיטשן, דאַמען־שטעטער, ביר, טראַקטירן, — אַלץ האָט עדות געזאָגט וועגן דעם מיטגעפיל צו די סלאַוויאַנער.

מיט אַ סך פון דעם, וואָס מען האָט גערעדט און געשריבן בײַ דער געלעגנהייט, איז סערגיי איוואַנאָוויטש נישט איינשטימיק געווען אין די פּרטים. ער האָט געזען, אַז די סלאַוויאַנישע פראַגע איז געוואָרן איינע פון די מאָדערנע עקזאַלטאַציעס, וועלכע, פאַרטרעטנדיק איינע די אַנדערע, דינען זיי תמיד דער געזעלשאַפט אַלס אַ זאַך פון פאַרווײַלונג; ער האָט אויך געזען, אַז עס זענען געווען אַ סך מענטשן מיט אייגננוציקע, כבוד־זוכערישע צילן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער זאַך. ער האָט אָנער־

קענט, אַז די צייטונגען האָבן געדרוקט אַ סך נישט נייטיקס און איבער־געטריבנס מיטן איינציקן ציל — צו ווענדן אויף זיך די אויפמערקזאַמ־קייט און איבערצושרייען די אַנדערע. ער האָט געזען, אַז בײַ דעם אַל־געמיינעם אויפשטייג פון דער געזעלשאַפט זענען אַרויסגעשפרונגען פאָרויס און האָבן געשריגן העכער פון אַלע אַנדערע די דורכגעפאַלענע און באַליי־דיקטע: הויפטקאָמאַנדירן אָן אַרמייען, מיניסטאָרן אָן מיניסטעריומס, זשורנאַליסטן אָן זשורנאַלן, פאַרטיי־אָנפירער אָן פאַרטיזאַנען. ער האָט געזען, אַז עס איז אין דעם געווען אַ סך לייכטזיניקס און קאָמישס: ער האָט אָבער אויך געזען און אָנערקענט דעם אומצווייפלהאַפטן, כסדר וואַקסנדיקן ענטוזיאַזם, וואָס האָט פאַרייניקט איינאיינעם אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. וועלכן מען האָט נישט געקאָנט נישט מיטפילן. די שחיטה פון די איינגלויביקע און ברידער סלאַוויאַנער האָט אַרויסגערופן מיטגעפיל צו די ליידנדע און פאַרדראָס צו די אונטערדריקער. און די העלדישקייט פון די סערבן און מאָנטענעגרער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר אַ גרויסער זאַך, האָט אַרויסגערופן בײַם גאַנצן פאָלק אַ פאַרלאַנג צו העלפן די אייגענע ברידער שוין נישט מיט וואָרט, נאָר מיט טאַט.

אָבער דערבײַ איז געווען נאָך אַ צווייטע, פריידיקע דערשיינונג פאַר סערגיי איוואַנאָוויטשן. דאָס איז געווען דאָס שאַפן זיך פון אַ געזעלשאַפטלעכער מיינונג. די געזעלשאַפט האָט קלאָר אויסגעדריקט איר ווונטש. די פאָלקס־נשמה האָט באַקומען אַן אויסדרוק, ווי סערגיי איוואַ־נאָוויטש האָט געזאָגט. און וואָס מער ער האָט זיך פאַרנומען מיט דער־דאָזיקער זאַך, אַלץ באַשיינפערלעכער האָט אים אויסגעזען, אַז דאָס איז אַ זאַך, וואָס דאַרף באַקומען אַ קאָלאָסאַלן פאַרנעם, וואָס דאַרף שאַפן אַן עפּאָכע.

ער האָט זיך אינגאַנצן געווידמעט דער דינסט פון דער־דאָזיקער גרויסער זאַך און האָט פאַרגעסן צו טראַכטן וועגן זיין בוך.

די גאַנצע צייט זיינע איז אַצינד געווען פאַרנומען, אַזוי אַז ער האָט נישט באַוויזן צו ענטפערן אויף אַלע צו אים געווענדטע בריוו און פאָדערונגען.

אָפּגעאַרבעט דעם גאַנצן פרילינג און אַ טייל פון זומער, האָט ער ערשט אין חודש יולי זיך געקליבן צו פאָרן אין דאָרף אַריין צום ברודער.

ער איז געפאָרן אי זיך אָפּרוען אויף צוויי וואָכן אי אין העכסטן קדשי קדשים פון פאָלק, אין דער דאָרפישער שטילקייט, זיך קוויקן מיטן אָנבליק פון דעם אויפשטייג פונם פאָלקס-גייסט, אין וועלכן ער און אַלע הויפּשטאָטישע און שטאָטישע איינוווינער זענען געווען פולשטענדיק איבערציינגט. קאַטאַוואַסאָוו, וואָס האָט זיך שוין לאַנג געקליבן צו פאַרווירקלעכן זיין צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן לעווינען — צו פאַרברענגען באַ אים אַ ביסל, איז געפאָרן צוזאַמען מיט אים.

II.

סערגיי איוואַנאָוויטש מיט קאַטאַוואַסאָוון האָבן קוים באַוויזן צוצופאָרן צו דער קורסקער באַן-סטאַציע, וואָס איז היינט באַזונדערס באַלעבט געווען מיט מענטשן, און אַרויסגייענדיק פון דער קאַטש, צו באַטראַכטן אַ לאַקיי, וואָס איז פון הינטן צוגעפאָרן מיט זאַכן, ווי עס זענען אויך צוגעפאָרן פרייוויליקע אויף פיר דראָזשקעס. דאַמען מיט בוקעטן האָבן זיי באַגעגנט און אין באַגלייטונג פון עולם, וואָס האָט זיך אַ לאָז געטון נאָך זיי. זענען זיי אַריינגעגאַנגען אויף דער סטאַציע.

איינע פון די דאַמען, וואָס האָט אויפגענומען די פרייוויליקע, איז אַרויסגעגאַנגען פון זאַל און זיך געווענדט צו סערגיי איוואַנאָוויטשן.

— איר זענט אויך געקומען באַגלייטן? — האָט זי געפרעגט אויף פראַנצויזיש.

— ניין, פירשטין, איך אַליין פאָר זיך אָפּרוען צום ברודער. און איר באַגלייט שטענדיק? — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט מיט אַ קוים באַמערקטן שמייכל.

— מען קאָן דאָך נישט אַנדערש! — האָט די פירשטין געענטפערט. — עס איז אמת, אַז מען האָט שוין פון אונז אַוועקגעשיקט אַכטהונדערט? מאַלווינסקי האָט מיר נישט געגלייבט.

— מער ווי אַכטהונדערט. אויב צו רעכענען די, וואָס זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן נישט גלייך פון מאָסקווע, איז מער ווי טויזנט, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט.

— נו אָט, איך האָב דאָך געזאָגט! — האָט די דאַמע פריידיק אונטערגעכאַפּט. — און עס איז דאָך אמת, אַז עס איז אַצינד געשפּענדעט געוואָרן בערך אַ מיליאָן?

— מער, פּירשטין!

— און ווי געפעלט אייך די הײַנטיקע טעלעגראַמע? זיי האָבן ווידער צעקלאַפּט די טערקן.

— יאָ, איך האָב געלייענט, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געענטפערט. זיי האָבן גערעדט וועגן דער לעצטער טעלעגראַמע, וואָס האָט באַשטעטיקט, אַז דריי טעג כּסדר זענען די טערקן געווען צעקלאַפּט אויף אַלע פּונקטן און זענען אַנטלאָפן און אַז אויף מאָרגן איז דערוואַרט געוואָרן אַן אַנטשיידנדע שלאַכט.

— אַך, יאָ, איר ווייסט, איין פיינער יונגערמאַן האָט זיך געבעטן אָנגענומען צו ווערן. איך ווייס נישט, פאַרוואָס מען האָט אים באַשווערט. איך האָב געוואָלט בעטן אייך, איך קען אים, שרייבט אָן, איך בעט אייך, אַ צעטעלע. ער איז דורך דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ געשיקט געוואָרן.

אויסגעפרעגט זיך די פּרטים, וועלכע די פּירשטין האָט געוווּסט וועגן דעם יונגנמאַן, וואָס האָט זיך געבעטן, איז סערגיי איוואַנאָוויטש אַרײַנגעגאַנגען אין ערשטן קלאַס, אָנגעשריבן אַ צעטעלע צו דעם, פון וועמען דאָס איז אָפּהענגיק געווען, און עס איבערגעגעבן דער פּירשטין.

— איר ווייסט, דער גראַף וראָנסקי, דער באַוווּסטער... פאָרט מיט דעם צוג, — האָט די פּירשטין געזאָגט מיט אַ טריומפירנדיקן און פילבאַדײַטנדיקן שמייכל, ווען ער האָט זי ווידער געפונען און איר איבערגעגעבן דאָס צעטעלע.

— איך האָב געהערט, אַז ער פאָרט, נאָר נישט געוווּסט ווען. מיט דעם צוג?

— איך האָב אים געזען. ער געפינט זיך דאָ; בלויז די מוטער אַליין באַגלייט אים. פונדעסטוועגן איז עס — דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקאָנט טון.

— אָ, יאָ, פאַרשטייט זיך.

אין דער צייט, וואָס זיי האָבן גערעדט, האָט דער עולם זיך אַ לאָז געטון פאַרבײַ זיי צום מיטאָג-טיש. זיי האָבן זיך אויך צוגערוקט און דערהערט דאָס הויכע קול פון אַ געוויסן הער, וועלכער האָט מיט אַ באָקאַל

אין דער האַנט געהאַלטן אַ רעדע פאַר די פּריוווּליקע. „צו דינען פאַר דעם גלויבן, פאַר דער מענטשהייט, פאַר די ברידער אונזערע, — האָט דער הער אַלץ מיט אַ העכער קול געזאָגט. — צו אַ גרויסן סאַט בענטשט אייך די מוטער מאָסקווע. זשיוויאָ!" האָט ער הויך און מיט טרערן פאַרענדיקט.

אַלע האָבן אָנגעהויבן צו שרייען זשיוויאָ, און נאָך אַ נייער עולם האָט זיך אַ לאָז געטון אין זאַל אַריין און האָט שיער נישט אומגעוואָרפן די פירשטין.

— אַ! פירשטין, וואָס מאַכט איר! — האָט, שיינענדיק מיט אַ פריידיקן שמייכל, געזאָגט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, וואָס האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אינמיטן עולם. — נישט אמת, ער האָט אויסגעצייכנט, וואַרים גערעדט? בראַוואָ! סערגיי איוואַנאָוויטש איז אויך דאָ! כ'לעבן, איר וואָלט אַ רעד געטון אַזוי — עטלעכע ווערטער, אַן אויפמונטערונג; איר קאָנט דאָס אַזוי גוט מאַכן. — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ צערטלעכן, חשיבותדיקן און פאַרזיכטיקן שמייכל, אַ ביסל טוענדיק לייכט בײַ דער האַנט סערגיי איוואַנאָוויטשן.

— ניין, איך פאָר באַלד.

— וווהין?

— אין דאָרף אַריין צום ברודער, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געענטפערט.

— וועט איר זען מיין פרוי. איך האָב איר געשריבן, אָבער איר וועט זי פריער זען; איך בעט אייך, זאָגט איר, אַז איר האָט מיך געזען און אַז ס'איז all right. זי וועט שוין פאַרשטיין. און איבעריקנס, זאָגט איר, זייט אַזוי גוט, אַז איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער קאָמיסיע פון דער פאַרייניקטער... נו, זי וועט שוין פאַרשטיין! איר ווייסט, les petites misères la vie humaine, — האָט ער, אַזוי ווי בעטנדיק אַנטשולדיקונג, זיך געווענדט צו דער פירשטין. — און די מיאַכקאַיאַ, נישט ליזע, נאָר ביבּיש, שיקט טאַקע טויזנט ביקסן און צוועלף שוועסטערן. איך האָב אייך געזאָגט?

— יאָ, איך האָב געהערט, — האָט קאָזנישעוו נישט גערן געענטפערט.

— אָבער עס איז אַ שאָד, וואָס איר פאָרט אַוועק, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט. — מאָרגן גיבן מיר אַ מיטאָג פאַר צוויי אַוועק-

פאַרנדיקע — דימער־באַרטניאַנסקי פון פעטערבורג און אונזער וועסלאָווסקי, גרישאַ. ביידע פאָרן. וועסלאָווסקי האָט נישט לאַנג חתונה געהאַט. דאָס הייסט אַ כוואַט! נישט אמת, פירשטין? — האָט ער זיך געווענדט צו דער דאַמע.

די פירשטין האָט, נישט ענטפערנדיק, אַ קוק געטון אויף קאָזנישעוון. אָבער דאָס, וואָס סערגיי איוואַנאָוויטש און די פירשטין האָבן אַזוי ווי געוואָלט זיך באַפרייען פון אים, האָט לגמרי נישט אַריינגעבערענגט אין קיין פאַרלעגנהייט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשן. ער האָט שמייכלענדיק געקוקט דאָ אויף דער פעדער פון דער פירשטינס הוט, דאָ אין די זייטן, אַזוי ווי דערמאַנענדיק זיך עפּעס. דערזעען אַ דורכגייענדיקע דאַמע מיט אַ זאַמל־פּושקע, האָט ער זי צוגערופן צו זיך און אַריינגעלייגט אַ פינףרובלדיקע אַסיגנאַציע.

— איך קאָן ביש רויק זעען דידאָזיקע זאַמל־פּושקעס, כּל־זמן עס געפינט זיך געלט באַ מיר, — האָט ער געזאָגט. — און וואָס זאָגט איר צו דער היינטיקער דעפּעשע? זיי זענען כוואַטן די מאָנטענעגרער!

— וואָס רעדט איר! — האָט ער אויסגעשריגן, ווען די פירשטין האָט אים געזאָגט, אַז ווראָנסקי פאָרט אין דעם צוג. אויף אַן אויגנבליק האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשס פּנים אויסגעדריקט טרויער, אָבער אין אַ מינוט אַרום, ווען ער איז, לייכט אונטערשפּרינגענדיק אויף יעדן פוס און זיך גלייך מאַכנדיק די באַקנבערד, אַריינגעגאַנגען אין צימער, ווי ווראָנסקי איז געווען, האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש שוין אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן זיין פאַרצווייפלט שלוכצן איבערן טויטן קערפּער פון דער שוועסטער און האָט געזעען אין ווראָנסקין בלויז אַ העלד און אַלטן פריינט.

— מיט אַלע זיינע חסרונות קאָן מען אים דאָך נישט געבן קיין אומגערעכט, — האָט די פירשטין געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטשן, ווי נאָר אָבלאָנסקי איז אַוועקגעגאַנגען פון זיי. — אָט דאָס איז ווירקלעך אַן עכט רוסישע סלאַווישע נאַטור! נאָר איך האָב מורא, אַז ווראָנסקין וועט נישט אָנגענעם זיין אים צו זעען. וואָס איר זאָלט נישט זאָגן, רירט מיך דאָך דער גורל פון דעמדאָזיקן מענטש. רעדט מיט אים אַ ביסל אויפן וועג, — האָט די פירשטין געזאָגט.

— יאָ, אפשר, אויב ס׳וועט אויסקומען.

— איך האָב אים קיינמאָל נישט ליב געהאַט. אָבער דאָס קויפט

איים אַ סך. ער פֿאַרט נישט בלויז אַליין, נאָר פֿירט אָן עסקאַדראָן אויף זיין חשבון.

— יאָ, איך האָב געהערט.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג. אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטון צו די טירן.

— אָט איז ער! — האָט די פֿירשטין אַ זאָג געטון, אָנווייזנדיק אויף ווראָנסקין אין אַ לאַנגן פּאַלטן און אין אַ שוואַרצן הוט מיט ברייטע ראַנדן, וואָס איז געגאַנגען אונטער דער האַנט מיט דער מוטער. אָבלאָנ־סקי איז געגאַנגען לעבן אים און האָט עפּעס לעבהאַפֿט גערעדט.

ווראָנסקי האָט אָנגעכמורעט געקוקט פֿאַר זיך, ווי נישט הערנדיק, וואָס סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש רעדט.

ער האָט זיך אומגעקוקט, מסתּמא לויט ווראָנסקיס אָנווייזונג, אין דער זייט אַריין, ווו עס זענען געשטאַנען די פֿירשטין און סערגיי איוואַ־נאָוויטש, און שווייגנדיק אונטערגעהויבן דעם הוט. זיין פּנים, וואָס איז געווען געעלטערט און האָט אויסגעדריקט ליידן, האָט אויסגעזען פֿאַר־שטיינערט.

אַרויסגייענדיק אויף דער פּלאַטפֿאָרמע, האָט ווראָנסקי שווייגנדיק דורכגעלאָזט די מוטער און איז צוריק פֿאַרשוווּנדן אין קופּע פֿון וואַגאָן.

אויף דער פּלאַטפֿאָרמע האָט זיך דערהערט ג אָ ט ב אַ ש י ץ ד ע ם ק י י ס ע ר, דערנאָך אויסגעשרייען: ה ו ר אַ! און ז ש י ו ו י אָ! איינער פֿון די פֿרייוויליקע, אַ הויכער, זייער יונגער מענטש מיט אַן איינגעפֿאַלענער ברוסט, האָט באַזונדערס שטאַרק זיך געבייגט, פֿאָכענדיק מיטן פֿילצענעם הוט און מיט אַ בוקעט איבערן קאָפּ. נאָך אים האָבן זיך אַרויסגעבויגן, אויך זיך נייגנדיק, צוויי אָפֿיצירן און אַ באַיאָרטער מענטש מיט אַ גרויסער באָרד אין אַ פֿאַרפֿעצט היטל.

III.

זיך געזעגנט מיט דער פירשטין, איז סערגיי איוואנאָוויטש צוזאַ־מען מיט קאַטאַוואַסאָוון, וואָס איז צוגעקומען, אַריינגעגאַנגען אין דעם גע־פּאַקטן וואַגאָן און דער צוג האָט גערירט.

אויף דער צאַריצינער סטאַציע איז דער צוג באַגעגנט געוואָרן דורך אַ האַרמאָנישן כאָר פון יונגעלייט, וואָס האָבן געזונגען „סלאַווסיאַ". ווי־דער האָבן די פרייוויליקע זיך געבייגט און אַרויסגעבויגן; אָבער סערגיי איוואַנאָוויטש האָט נישט געלייגט אויף זיי קיין אויפמערקזאַמקייט: ער האָט געהאַט אַזוי פיל ענינים מיט די פרייוויליקע, אַז ער האָט שוין גע־קאַנט זייער אַלגעמיינעם טיפּ און דאָס האָט אים נישט אינטערעסירט. קאַטאַוואַסאָוו אָבער, וואָס האָט צוליב זיינע וויסנשאַפטלעכע באַשעפטיקונ־גען נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די פרייוויליקע, האָט זיך זייער אינטערעסירט מיט זיי און אויסגעפרעגט וועגן זיי סערגיי איוואַנאָוויטשן.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אים געעצהט אַריינצוגיין אין צווייטן קלאַס, אַליין אַ ביסל צו רעדן מיט זיי. אויף דער פאָלגנדער סטאַציע האָט קאַטאַוואַסאָוו פאַרווירקלעכט דידאָזיקע עצה.

באַם ערשטן מאָל שטעלן זיך איז ער אַריבערגעגאַנגען אין צווייטן קלאַס אַריין און זיך באַקענט מיט די פרייוויליקע. זיי זענען געזעסן אין ווינקל פון וואַגאָן, הויך שמועסנדיק און משמעות וויסנדיק, אַז די אויפ־מערקזאַמקייט פון די פּאַסאַזשירן און פון קאַטאַוואַסאָוון איז געווענדט אויף זיי. העכער פון אַלע האָט גערעדט אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַן איינגעפאַלענער ברוסט. ער איז, משמעות, געווען שיכור און האָט דער־ציילט וועגן עפּעס אַ געשיכטע, וואָס איז פאָרגעקומען אין זייער אַנ־שטאַלט. קעגנאַיבער אים איז געזעסן שוין נישט קיין יונגער אָפיציר אין אַן עסטרייכישן גוואַרדיע־מונדיר. דער דריטער אין אַ מונדיר פון אַן אַר־טילעריסט, איז געזעסן אויף אַ וואַליזע לעבן זיי. דער פערטער איז געשלאָפן.

פאַרפירט אַ שמועס מיט דעם יונגנמאַן, איז קאַטאַוואַסאָוו געוויר

געוואָרן, אַז דאָס איז אַ רייכער מאָסקווער סוחר, וואָס האָט ביז צוויי און צוואַנציק יאָר פאַרשווענדט אַ גרויס פאַרמעגן. ער איז נישט געפעלן קאַטאַוואַסאָוון מיט דעם, וואָס ער איז געווען פאַרצערטלט, צע־באַלעוועט און שוואַך אין געזונט; ער איז, משמעות, געווען איבערצייגט, באַזונדערס אַציגד, נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט אויסגעטרונקען, אַז ער באַגייט אַ העלדן־טאַט, און האָט זיך געריממט אויפן נישט אָנגע־נעמסטן אופן.

דער צווייטער, דער דעמיסיאָנירטער אָפיציר, האָט אויך געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק אויף קאַטאַוואַסאָוון. דאָס איז געווען, קענטיק, אַ מענטש, וואָס האָט שוין אַלץ געהאַט אויסגעפרווט. ער האָט שוין אי גע־דינט אויף דער באַן, אי געווען פאַרוואַלטער, אי אַליין פאַרלייגט פאַב־ריקן, און האָט גערעדט וועגן אַלץ, אָן דער מינדסטער נייטיקייט און נישט אויפן אָרט באַנוצנדיק געלערנטע ווערטער.

דער דריטער, דער אַרטילעריסט, איז, פאַרקערט, זייער געפעלן געוואָרן קאַטאַוואַסאָוון. דאָס איז געווען אַ באַשיידענער, שטילער מענטש, וואָס האָט, משמעות, דרך ארץ געהאַט פאַר דעם טיטל פון דעמיסיאָ־נירטן גוואַרדיע־מאַן, פאַר דער העלדישער זעלבסטאָפּפערונג פונם סוחר און וואָס האָט וועגן זיך אַליין גאָרנישט גערעדט. ווען קאַטאַוואַסאָוו האָט אים געפרעגט, וואָס עס האָט אים באַוויגן צו פאָרן קיין סערביע, האָט ער באַשיידן געענטפערט:

— וואָס דען־זשע, אַלע פאָרן דאָך. מען מוז דאָך העלפן די סערבן. עס איז דאָך אַ רחמנות אויף זיי.

— יאָ, באַזונדערס זענען דאָרט אייערע אַרטילעריסטן דאָ ווייניק, — האָט קאַטאַוואַסאָוו געזאָגט.

— איך האָב דאָך נישט לאַנג געדינט אין דער אַרטילעריע; אפשר וועלן זיי מיך אין פיעכאָטע אָדער אין קאַוואַלעריע אריין באַשטימען.

— פאַרוואָס־זשע אין דער פיעכאָטע אריין, ווען מען נייטיקט זיך מערנסטנטיילס אין אַרטילעריסטן? — האָט קאַטאַוואַסאָוו געזאָגט, זיך משער זייענדיק לויט די יאָרן פון דעם אַרטילעריסט, אַז ער דאַרף זיין אין אַ הויכן ראַנג.

— איך האָב אַ קליינע צייט געדינט אין דער אַרטילעריע, איך בין אַ יונקער אין דעמיסיע, — האָט ער געזאָגט און אָנגעהויבן דער־קלערן, פאַרוואָס ער האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען.

דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געמאַכט אויף קאַטאַוואַסאָוון אַ נישט אָנגענעמען איינדרוק און ווען די פרייוויליקע זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער סטאַציע נעמען אַ ביסל משקה, האָט קאַטאַוואַסאָוו געוואָלט אין אַ געשפּרעך מיט עמעצן קאָנטראָלירן זיין נישט אָנגענעמען איינדרוק. איין דורכפאָרנדיקער אַלטיטשקער אין אַ מיליטערישן פּאַלטן האָט די גאַנצע צייט זיך צוגעהערט צו קאַטאַוואַסאָווס שמועס מיט די פרייוויליקע. ווען ער איז געבליבן מיט אים אַליין, האָט קאַטאַוואַסאָוו זיך געווענדט צו אים.

— יאָ, ווי פאַרשידנאַרטיק איז די לאַגע פון די אַלע מענטשן, וואָס לאָזן זיך אַוועק אַהין, — האָט קאַטאַוואַסאָוו אומבאַשטימט געזאָגט, וועלנדיק אויסדריקן זיין אייגענע מיינונג און אייגצייטיק געוויר ווערן די מיינונג פון דעם אַלטיטשקן.

דער אַלטיטשקער איז געווען אַ מיליטערמאַן, וואָס האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט צוויי קאַמפּאַניעס. ער האָט געוווּסט, וואָס עס איז אַזוינס אַ מיליטערמאַן, און לויטן אויסזען, לויטן רעדן פון די דאָזיקע הערן, לויט דער ווילערישקייט, מיט וועלכער זיי האָבן געשיכורט אין וועג, האָט ער זיי געהאַלטן פאַר שלעכטע מיליטערלייט. חוץ דעם איז ער געווען אַן איינוווינער פון אַ קרייז-שטאָט, און אים האָט זיך געגלוסט צו דערציילן, ווי אַזוי פון זיין שטאָט איז געגאַנגען איינער אַן אָנטערמיניקער זעלנער, אַ שיכור און אַ גנב, וועלכן עס האָט שוין קיינער נישט געוואָלט נעמען אַלס אַרבעטער. אָבער, וויסנדיק פון דער פּראַקטיק, אַז בײַ דער איצטיקער שטימונג פון דער געזעלשאַפט איז געפערלעך אַרויסצוזאָגן אַ מיינונג, וואָס איז קעגן דער אַלגעמיינער מיינונג, און באַזונדערס צו פאַראורטיילן די פרייוויליקע, האָט ער אויך געוואָלט הערן פריער קאַטאַוואַסאָווס מיינונג.

— מילא, דאָרט זענען נייטיק מענטשן, — האָט ער געזאָגט, לאַכנדיק מיט די אויגן. און זיי האָבן אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער לעצטער נייעס פון דער מלחמה, און ביידע האָבן איינער פאַרן צווייטן פאַרבאָרגן זייער פאַרוווּנדערונג וועגן דעם, מיט וועמען ס'ווערט מאָרגן אָפּגעוואַרט אַ שלאַכט, בעת די טערקן זענען, לויט דער לעצטער ידיעה, צעקלאַפּט אויף אַלע פונקטן. און אַזוי זענען זיך ביידע צעגאַנגען, נישט האָבנדיק אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג.

אַריינגייענדיק אין וואַגאָן, האָט קאַטאַוואַסאָוו נישט ווילנדיק פאַר-

לייקנט דעם אמת און דערציילט סערגיי איוואַנאָוויטשן זיינע באַגבאַכטונ־גען איבער די פריוויליקע, פון וועלכע ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען ווילדע חברהלייט.

אויף אַ גרויסער סטאַציע אין אַ שטאָט האָבן ווידער געזאַנג און געשרייען באַגעגנט די פריוויליקע, ווידער האָבן זיך באַוויזן מיט פּושקעס זאַמלערינס און זאַמלער, און דאַמען פון דער גובערניע־שטאָט האָבן דערלאַנגט בוקעטן די פריוויליקע און האָבן זיי באַגלייט אין בופעט אַריין; אָבער דאָס אַלץ איז שוין געווען אין אַ סך אַ שוואַכערער און קלענערער מאָס, ווי אין מאָסקווע.

V.

אויף דער סטאַציע אין דער גובערניע־שטאָט איז סערגיי איוואַנאָוויטש נישט אַריינגעגאַנגען אין בופעט, נאָר האָט זיך אָנגעהויבן דרייען הין און צוריק איבער דער פּלאַטפאָרמע.

דורכגייענדיק דאָס ערשטע מאָל פאַרביי װראָנסקיס קופּע, האָט ער באַמערקט, אַז דאָס פענצטער איז פאַרהאַנגען. אָבער דורכגייענדיק דאָס צווייטע מאָל, האָט ער דערזעען באַם פענצטער די אַלטע גרעפין. זי האָט צוגערופן צו זיך קאָזנישעוון.

— אָט פאָר איך, איך באַגלייט אים ביז קורסק, — האָט זי גע־זאָגט.

— יאָ, איך האָב געהערט, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, זיך אָפּשטעלנדיק באַ איר פענצטער און אַריינקוקנדיק דערין. — וואָס פאַר אַ הערלעכער שטריך דאָס איז פון זיין זייט! — האָט ער צוגע־געבן, באַמערקנדיק, אַז װראָנסקי געפינט זיך נישט אין קופּע.

— יאָ, וואָס־זשע איז אים געבליבן צו טון נאָך זיין אומגליק?

— וואָס פאַר אַ שרעקלעכע געשעעניש! — האָט סערגיי איוואַנאָ־וויטש געזאָגט.

— אַך, וואָס איך האָב איבערגעלעבט! אָבער קומט אַריין... אַך, וואָס איך האָב איבערגעלעבט! — האָט זי איבערגעחזרט, ווען סערגיי איוואַנאָוויטש איז אַריינגעקומען און זיך געזעצט צוזאַמען מיט איר אויף דער סאָפע. — דאָס איז נישט מעגלעך זיך פאָרצושטעלן! זעקס וואָכן

האָט ער נישט גערעדט מיט קיינעם און געגעסן בלויז דעמאָלט, ווען איך האָב אים תחנונימדיק געבעטן. און קיין איין מינוט האָט מען אים נישט געטאָרט לאָזן אַליין, מיר האָבן צוגענומען אַלץ, מיט וואָס ער וואָלט זיך געקאָנט דערהרגענען; מיר האָבן געלעבט אין אונטערשטן שטאָק, אָבער מען האָט גאָרנישט געקאָנט פאָרזעען. איר ווייסט דאָך, ער האָט זיך דאָך שוין איינמאָל געשאָסן צוליב איר, — האָט זי געזאָגט, און דער אַלטערס ברעמען האָבן זיך באַ דערדאָזיקער דערינערונג אָנגעכמורעט. — יאָ, זי האָט פאַרענדיקט, ווי אַזאַ פרוי האָט געדאַרפט פאַרענדיקן. אפילו אַ טויט האָט זי זיך אויסגעקליבן אַ מיאוסן, אַן עקלהאַפטן.

— נישט מיר האָבן דאָס רעכט צו משפטן, גרעפין, — האָט מיט אַ זיפץ געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש, — נאָר איך פאַרשטיי ווי שווער דאָס איז פאַר אייך געווען.

— אַך, רעדט נישט! איך האָב געוווינט באַ זיך אין גוט, און ער איז געווען באַ מיר. מ'האָט אַריינגעבערענגט אַ צעטעלע. ער האָט אָנגעשריבן ענטפער און אָוועקגעשיקט. מיר האָבן גאָרנישט געוווּסט, אַז זי געפינט זיך אויף דער סטאַציע. אין אָונט, ווי נאָר איך בין אַריינגעגאַנגען צו זיך, האָט מיר מיין מערי גלייך געזאָגט, אַז אויף דער סטאַציע האָט זיך אַ דאַמע אַרונטערגעוואָרפן אונטערן צוג. מיר האָט עפעס אַזוי־ווי אַ קלאַפּ געטון! איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען זי. דאָס ערשטע, וואָס איך האָב געהייסן, איז געווען: נישט צו זאָגן אים. אָבער זיי האָבן אים שוין געהאַט געזאָגט. זיין קוטשער איז געווען דאָרט און האָט אַלץ געזען. ווען איך בין געקומען אַריינצולויפן אין זיין צימער, איז ער שוין געווען נישט דער אייגענער — עס איז געווען שרעקלעך צו קוקן אויף אים. ער האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט און איז גלייך אַוועק אַהין. וואָס דאָרט איז געווען, ווייס איך נישט, אָבער מען האָט אים צוריקגעבערענגט ווי אַ טויטן. איך וואָלט אים נישט דערקענט. Prostration complète, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן כמעט אַ וואַנזיניקער צושטאַנד. אַך, וואָס איז דאָ צו רעדן! — האָט די גרעפין געזאָגט, אַ מאַך געגעבנדיק מיט דער האַנט. — אַ שרעקלעכע צייט! ניין, וואָס איר זאָלט נישט זאָגן, דאָס איז געווען אַ פאַרדאָרבענע פרוי. נו, וואָס פאַראַ ווילדע ליידנשאַפטן זענען דאָס עפעס! דאָס אַלץ איז צו באַווייזן עפעס באַזונדערס. נו, האָט זי טאַקע באַוויזן. האָט אומגעבערענגט זיך און צוויי הערלעכע מענטשן — איר מאַן און מיין אומגליקלעכן זון;

— און וואָס איז מיט איר מאַן ? — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געפרעגט.

— ער האָט צוגענומען איר טאָכטער. אַליאָשאַ האָט די ערשטע צייט אויף אַלץ מסכים בעוועזן. נאָר אַצינד פייניקט אים שרעקלעך, וואָס ער האָט אַ פרעמדן מענטש אוועקגעגעבן זיין טאָכטער. אָבער צוריקנעמען זיין וואָרט קאָן ער נישט. קארענין איז געקומען אויף דער לוויה. אָבער מיר האָבן זיך באמיט, אז ער זאָל זיך נישט טרעפן מיט אַליאָשען. פאַר אים, פאַרן מאַן, איז דאָס פונדעסטוועגן לייכטער. זי האָט אים אויפגעבונדן. אָבער מיין אָרימער זון האָט זיך איר אינגאַנצן אָחעקגעגעבן. ער האָט אוועקגעוואָרפן אַלץ — די קאַריערע, מיך, און נאָך דעם אַלעם האָט זי אויף אים קיין רחמנות נישט געהאַט און אים בכיוון אינגאַנצן דערהרגעט. ניין, וואָס איר זאָלט נישט זאָגן, איר טויט גופא, איז דער טויט פון אַן אומווירדיקער פרוי אָן רעליגיע. גאָט זאָל איר מוחל זיין — איך קאָן נישט נישט האַסן איר געדעכעניש, קוקנדיק אויף מיין אומגעברענגטן זון.

— אָבער ווי פילט ער זיך אַצינד ?

— דאָס האָט אונז גאָט געהאָלפן — דידאָזיקע סערבישע מלחמה. איך בין אַן אַלטער מענטש, איך פאַרשטיי אין דעם גאָרנישט, אָבער אים האָט דאָס גאָט צוגעשיקט. פאַרשטייט זיך, אז מיר, ווי אַ מוטער, איז שרעקלעך ; און דער עיקר, מען זאָגט, ce n'est pas très bien vu á Pétersbourg. אָבער וואָס־זשע קאָן מען טון ! דאָס איינע האָט אים געקאָנט שטאַרקן. יאַשווין — זיין פריינד — האָט אַלץ פאַרשפּילט און זיך געקליבן קיין סערביע. ער איז אריינגעפאָרן צו אים און אים אָנגערעדט. אַצינד אינטערעסירט דאָס אים. איך בעט אייך, רעדט אַ ביסל מיט אים, איך וואָלט אים געוואָלט אַ ביסל צעשטרייען. ער איז אַזוי אומעטיק. צום אומגליק האָבן אים נאָך די ציין אָנגעהויבן ווי טון. און מיט אייך וועט ער זיך זייער פרייען. איך בעט אייך, רעדט אַ ביסל מיט אים : ער דרייט זיך אויף יענער זייט. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט געזאָגט, אז ער איז דאָס גערן גרייט צו טון און איז אריבערגעגאַנגען אין דער צווייטער זייט אַריין פון צוג.

V.

אין דעם קרומען פארנאכטיקן שאָטן פון די באַגאַזש־פעק, וואָס זײַנען אָנגעוואָרפן געווען אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט ווראָנסקי אין זײַן לאַנגן פאַלטן און אַראָפּגערוקטן הוט, מיט די הענט אין די קעשענעס, זיך געדרייט ווי אַ חיה אין אַ שטייג און נאָך יעדע צוואַנציק טריט זיך האַסטיק אויסגעדרייט. ווען סערגיי איוואַנאָוויטש איז נענטער צוגעקומען, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ווראָנסקי זעט אים, נאָר מאַכט זיך נישט זעען. סערגיי איוואַנאָוויטשן איז דאָס געווען אַלץ איינס. ער איז געשטאַנען העכער פון אַלע פערזענלעכע חשבונות מיט ווראָנסקין.

אין דער מינוט איז ווראָנסקי געווען אין סערגיי איוואַנאָוויטשס אויגן אַ וויכטיקער טוער פון אַ גרויסער זאַך, און קאָזנישעוו האָט גע־האַלטן פאַר זײַן חוב צוצוגעבן אים חשק און מוט. ער איז צוגעגאַנגען צו אים.

ווראָנסקי האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך אײַנגעקוקט, דערקענט און, נאָכדעם ווי ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט אַקעגן סערגיי איוואַנאָוויטשן, האָט ער זייער פעסט געדריקט זײַן האַנט.

— מעגלעך, אַז איר האָט אײַך גאָרנישט געוואָלט זעען מיט מיר; — נאָר צי קאָן איך אײַך נישט נוצלעך זײַן?

— מיט קיינעם קאָן מיר נישט זײַן אַזוי ווייניק אומאַנגענעם צו זעען זיך, ווי מיט אײַך, — האָט ווראָנסקי געזאָגט. — אַנטשולדיקט מיר. קיין אָנגענעמס אין לעבן איז פאַר מיר נישטאָ.

— איך פאַרשטיי און האָב אײַך געוואָלט פאָרלייגן מײַן דינסט, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, זיך אײַנקוקנדיק אין ווראָנסקיס משמעות לײַדנדיקן פּנים. — צי דאַרפט איר נישט קיין בריוו צו ריסטיטשן, צו מילאַנען?

— אָ, ניין! — האָט ווראָנסקי געזאָגט אַזויווי קוים פאַרשטייענ־דיק. — אויב אײַך איז אַלץ איינס, טאָ לאָמיר גיין. אין די וואַגאָנעס איז אַזאַ שטיקנדיקע לופט. אַ בריוו? ניין, איך דאַנק אײַך; כּדי צו שטאַרבן, איז נישט נייטיק קיין רעקאָמענדאַציע. סיידן צו די טערקן... —

האָט ער געזאָגט און אַ שמייכל געטון בלויז מיטן מויל. די אויגן האָבן כסדר געהאַט אַ ברוגזדיק ליידנדיקן אויסדרוק.

— יאָ, נאָר פאַר אייך וואָלט, אפשר, לייכטער געווען אַריינצוטרעטן אין באַציונגען, וועלכע זענען פונדעסטוועגן נייטיק, מיט אַ מענטש אַ צוגעגרייטן. איבעריקנס, ווי איר ווילט. מיך האָט זייער געפרייט צו הערן וועגן אייער באַשלוס. מען איז שוין אַזוי פיל אָנגעפאַלן אויף די פרייוויליקע, אַז אַזאַ מענטש, ווי איר, וועט זיי אויפהייבן אין דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג.

— איך ווי אַ מענטש, — האָט וורָאָנסקי געזאָגט, — בין גוט מיט דעם, וואָס דאָס לעבן האָט פאַר מיר קיין שום ווערט נישט. און אַז איך פאַרמאָג אין מיר גענוג פיזישע ענערגיע, כדי זיך אַריינצושניידן אין אַ קאַרע און צו פאַרטיליקן אָדער אַליין אומצוקומען, — דאָס ווייס איך. איך בין צופרידן, וואָס ס'איז דאָ פאַרוואָס אָוועקצוגעבן מיין לעבן, וועלכעס איז מיר נישט בלויז נייטיק, נאָר איז מיר געוואָרן גלייכגילטיק. עמעצן וועט עס צונוץ קומען, — און ער האָט געמאַכט אַן אומגעדולדיקע באַוועגונג מיטן קין איבער דעם אומאויפהערלעכן נאָגנדיקן צאָן־ווייטיק, וואָס האָט אים געשטערט אפילו צו רעדן מיט דעם אויסדרוק, מיט וועלכן ער האָט געוואָלט.

— איר וועט באַנייט ווערן, איך זאָג אייך פאָר, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, פילנדיק זיך גערירט. — דאָס באַפרייען די אייגענע ברידער פון יאָך איז אַ ציל, וואָס איז ווערט סיי דעם טויט, סיי דאָס לעבן. זאָל אייך גאָט געבן אויסערלעכן דערפאָלג און אינערלעכן פרידן, — האָט ער צוגעגעבן און אויסגעשטרעקט די האַנט.

וורָאָנסקי האָט פעסט אַ דריק געטון סערגיי איוואַנאָוויטשס אויסגעשטרעקטע האַנט.

— יאָ, ווי אַ געווער, קאָן איך נאָך טויגן צו עפּעס. אָבער, ווי אַ מענטש, בין איך — אַ חורבה, — האָט ער אָקצענטירנדיק אַ זאָג געטון.

דער נאָגנדיקער ווייטיק פון דעם שטאַרקן צאָן, וואָס האָט אָנגעפולט מיט שפייעכץ זיין מויל, האָט אים געשטערט צו רעדן. ער איז שטיל געבליבן, זיך איינקוקנדיק אין די רעדער פון דעם טענדער, וואָס האָט פאַמעלעך און ריטמיש זיך דערנענטערט איבער די רעלסן.

און פלוצלינג האָט גאָר אַ צווייטע, נישט קיין ווייטיק, נאָר אַן אַלגעמיינע פיינלעכע אינערלעכע פאַרלעגנהייט אים געבייט צו פאַרגעסן

אויף אַן אויגנבליק דעם ווייטיק פון צאָן. קוקנדיק אויפן טענדער און אויף די רעלסן, אונטערן איינדרוק פון דעם געשפּרעך מיטן באַקאַנטן, מיט וועלכן ער האָט זיך נישט באַגעגנט נאָך זיין אומגליק, האָט זיך אים פּלוצלינג דערמאַנט זי, דאָס הייסט דאָס, וואָס איז נאָך געבליבן פון איר, ווען ער איז ווי אַ משוגענער אַריינגעלאָפן אין דער קאַזאַרמע פון דער באַן-סטאַנציע: דער פאַרבלוטיקטער ערשט נישט לאַנג נאָך לעבעדיקער קערפּער, וואָס איז אויסגעשטרעקט אין קעגנוואַרט פון פרעמדע געלעגן אויסגעצויגן אויפן טיש פון דער קאַזאַרמע; דער אַהינטער פאַרוואָרפענער גאַנץ געבליבענער קאָפּ מיט זיינע שווערע צעפּ און זיך קרייזלענדיקע האָר אויף די שלייפן און אויף דעם הערלעכן פּנים מיטן האַלב געעפנטן ראָזן מויל; דער פאַרגליווערטער מאָדנער אויסדרוק, דער נעבעכדיקער בײַ די ליפּן און שרעקלעכער אין די שטאַרע נישט פאַרמאַכטע אויגן, וואָס האָט אַזוי ווי אַרויסגעזאָגט יענץ שרעקלעכע וואָרט וועגן דעם, אַז ער וועט חרטה האָבן, — וועלכעס זי האָט אים אין דער צייט פון דער קריג געזאָגט.

און ער האָט זיך באַמיט זי צו דערמאָנען זיך אַזעלכע, ווי זי איז געווען דעמאָלט, ווען ער האָט זי דאָס ערשטע מאָל געטראָפן אויך אויף דער סטאַנציע, — אַ געהיימנישפולע, אַ הערלעכע, אַ ליבנדיקע, וואָס זוכט און גיט גליק, און נישט קיין גרויזאַם-נקמהדיקע, ווי זי האָט זיך אים דערמאָנט אין דער לעצטער מינוט. ער האָט זיך באַמיט זיך צו דערמאָנען די בעסטע מינוטן מיט איר; אָבער דידאָזיקע מינוטן זענען געווען אויף אייביק פאַרסמט. ער האָט געדענקט בלויז איר טריומפירנדיקע, פאַרווירקלעכטע דראָונג פון דער קיינעם נישט נייטיקער, אָבער אומפאַרגעסלעכער חרטה. ער האָט אויפגעהערט צו פילן דעם צאָן-ווייטיק, און שלוכצן האָבן צעקרימט זיין פּנים.

דורכגייענדיק שווייגנד צוויי מאָל פאַרביי די באַגאַזש-פּעק און באַהערשנדיק זיך, האָט ער רויק זיך געווענדט צו סערגיי איוואַנאָוויטשן:

— איר האָט נישט געהאַט קיין טעלעגראַמע נאָך דער נעכטיקער? יאָ, זיי זענען צעקלאַפּט צום דריטן מאָל, נאָר אויף מאָרגן ווערט אָפּגעוואַרט די אַנטשיידנדיקע שלאַכט.

און נאָכדעם ווי זיי האָבן נאָך גערעדט אַ ביסל וועגן דער פּראָקלאַמירונג פון דעם קעניג פון מילאַן און וועגן די גרויסע פאָלגן, וואָס

דאָס קאָן האָבן, זענען זיי זיך צעגאַנגען אין זייערע וואַגאָנעס אריין נאָכן צווייטן קלינג.

VI.

אַזוי ווי סערגיי איוואַנאָוויטש האָט נישט געוווּסט, ווען ער וועט קאָנען אַרויספאָרן פון מאָסקווע, האָט ער דערפאַר נישט טעלעגראַפירט דעם ברודער, ווען ער זאָל אַרויסשיקן נאָך אים. לעווין איז נישט געווען אין דער היים, ווען קאַטאַוואַסאָוו און סערגיי איוואַנאָוויטש זענען אויף אַ וואָגן, וואָס זיי האָבן גענומען אויף דער סטאַציע, פאַרשטויבטע ווי די נעגרעס, צוועלף אַ זייגער באַטאָג צוגעפאָרן צום גאַנעק פון דעם פאָקראָווסקע הויז. קיטי, וואָס איז געזעסן אויפן באַלקאָן מיטן פאָטער און מיט דער שוועסטער, האָט דערקענט דעם שוואָגער און אַראָפּגעלאָפן אַקעגן אים.

— ווי שעמט איר אייך נישט נישט צו וויסן צו טון, — האָט זי געזאָגט, דערלאַנגענדיק די האַנט סערגיי איוואַנאָוויטשן און אונטערשטעלנדיק אים דעם שטערן.

— מיר זענען זייער גוט צוגעפאָרן און האָבן אויך אייך נישט באַאומרויקט, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געענטפערט.

— איך בין אַזוי פאַרשטויבט, אַז איך האָב זיך מורא צוצורירן. איך בין געווען אַזוי פאַרנומען, אַז איך האָב אפילו נישט געוווּסט, ווען איך וועל זיך אַרויסרייסן. און איר, — האָט ער שמייכלענדיק געזאָגט, — קוויקט אייך אַזוי אויפן אַלטן שטייגער מיטן שטילן גליק אויסער דער גרויסער וועלט אין אייער שטיל ווינקעלע. אָט האָט אויך אונזער פריינט פעדאָר וואַסיליעוויטש זיך ענדלעך פאַרקליבן צו אונז.

— אָבער איך בין נישט קיין נעגער, איך וועל מיך אָפּוואַשן, וועל איך ענלעך זיין צו אַ מענטש, — האָט קאַטאַוואַסאָוו געזאָגט, מיט זיין געווייינלעכער טבע צו שפּאַסן, דערלאַנגענדיק די האַנט און שמייכלענדיק מיט די באַזונדערס בלישטשענדיקע ציין צוליב דעם שוואַרצן פּנים.

— קאָסטיאַ וועט זיין זייער צופרידן. ער איז געגאַנגען אויפן פאָלווארק. ער איז שוין מחויב באַלד צו קומען.

— ער פאַרנעמט זיך כסדר מיט באַלעבאַטישקייט. אָט טאַקע ווי

אין אַ שטיל ווינקל, — האָט קאַטאַוואַסאָוו געזאָגט. — און מיר אין שטאָט זענען גאָרנישט, אַ חוץ דער טערקישער מלחמה. נו, ווי באַציט זיך מיין פריינט? אוודאי נישט אַזוי ווי אַלע?

— נישט באַזונדער, אַזוי ווי אַלע, — האָט קיטי געענטפערט עס־וואָס פאַרלעגן זיך אומקוקנדיק אויף סערגיי איוואַנאָוויטשן. — ווער איך שיקן נאָך אים. באַ אונז איז אויך דער פאָטער צו גאַסט. ער איז נישט לאַנג געקומען פון אויסלאַנד.

און נאָכדעם ווי זי האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג צו שיקן נאָך לעווינען און אַריינצופירן די פאַרשטויבטע געסט זיך אָפּוואַשן, איינעם אין קאַבינעט, דעם צווייטן אין דאָליס געוועזענעם צימער, און צוצוגרייטן פרישטיק פאַר די געסט, האָט זי זיך באַנוצט מיט איר רעכט שנעל צו באַוועגן זיך, פון וועלכן זי איז באַרויבט געווען בעת איר שוואַנגער־שאַפט און איז אַרויסגעלאָפן אויפן באַלקאָן.

— דאָס איז סערגיי איוואַנאָוויטש און קאַטאַוואַסאָוו, אַ פּראָפע־סאָר, — האָט זי געזאָגט.

— אָך, אַ שווער מאכל אין אַ היץ! — האָט דער פירשט גע־זאָגט.

— ניין, פּאַפּאַ, ער איז זייער אַ ליבער, און קאָסטיאַ האָט אים זייער ליב, — האָט קיטי געזאָגט, אַזוי ווי בעטנדיק אים עפּעס, נאָכדעם ווי זי האָט באַמערקט אַן איראָנישן בליק אויפן פאָטערס פּנים.

— אָבער איך זאָג דאָך גאָרנישט.

— גיי אַריין צו זיי, האַרציגקע, — האָט זיך קיטי געווענדט צו דער שוועסטער, — און פאַרברענג אַ ביסל מיט זיי. זיי האָבן געזען סטיווען אויף דער סטאַציע, ער איז געזונט. און איך וועל אַריינלויפן צו מיטיען. ווי צום אומגליק האָב איך אים נישט געזייגט שוין פון דער טיי אָן. ער האָט אַציגד אויפגעוואַכט און שרייט אוודאי. — און שפּירנדיק אַ צופלוס פון מילך, האָט זי מיט אַ גיכן טריט זיך געלאָזט גיין אין קינ־דער־צימער אַריין.

ווירקלעך, זי האָט נישט בלויז זיך משער געווען (איר בונד מיטן קינד איז נאָך נישט געווען איבערגעריסן), זי האָט פּינקטלעך געוווּסט לויט דעם צופלוס פון מילך באַ זיך וועגן דעם מאַנגל פון שפּייז באַ אים.

זי האָט געוווּסט, אַז ער שרייט, נאָך איידער זי איז צוגעקומען צום קינדער־צימער. און ער האָט טאַקע געשריגן. זי האָט דערהערט זיין קול און אָנגעהויבן גיכער צו גיין. נאָר וואָס גיכער זי איז געגאַנגען,

אַלץ העכער האָט ער געשריגן. דאָס קול איז געווען אַ גוטס, אַ געזונטס, זאַר אַ הונגעריקס און אומגעדולדיקס.

— שוין לאַנג, ניאַניע, שוין לאַנג? — האָט קיטי איילִיק געזאָגט, זיך זעצנדיק אויף אַ שטול און זיך צוגרייטנדיק צום זייגן. — גיט־זשע מיר אים שנעלער. אַך, ניאַניע, וואָס פאַר אַ לאַנגווייליקע איר זענט, נו, איר וועט שוין דערנאָך דאָס קאָפּקעלע פאַרבונדן!

דאָס קינד איז הייזעריק געוואָרן פון גיריקן שרייען.

— אָבער מ'קאָן דאָך נישט, טייערינקע, — האָט געזאָגט אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ, וואָס איז כמעט שטענדיק אָנוועזנד געווען אין קינדער־צימער. — מען דאַרף דאָך אים אָנטון ווי עס געהער צו זיין. אַהו! אַהו! — האָט זי זיך אָנגעבויגן איבער אים, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דער מוטער.

די ניאַניע האָט צוגעטראָגן דאָס קינד צו דער מוטער. אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ איז זיי נאָכגעגאַנגען מיט אַ מילד פנים פון צערטלעכקייט.

— ער ווייסט, ער ווייסט. באמונות, טייערינקע אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ, ער האָט מיך דערקענט! — האָט אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ איבערגעשריגן דאָס קינד.

אָבער קיטי האָט נישט געהערט אירע רייד. איר אומגעדולד איז אויך אַזוי כסדר געוואַקסן, ווי די אומגעדולד פונם קינד.

פון אומגעדולד האָט זי זיך לאַנג נישט געקאָנט איינאָרדנען ווי עס געהער צו זיין. דאָס קינד האָט אָנגענומען נישט דאָס, וואָס מ'האָט געדאַרפט און האָט געשריגן.

ענדלעך, נאָך אַ פאַרצווייפלטן פאַרשטיקטן אויסגעשריי, אומזיסטן פאַרכלינען זיך, איז אַלץ געוואָרן ווי עס געהער צו זיין, און די מוטער און דאָס קינד האָבן איינצייטיק זיך דערפילט באַרויקט און זענען ביידע שטיל געוואָרן.

— פונדעסטוועגן איז ער נעבעך איינגאַנצן אין שוויס, — האָט קיטי פליסטערנדיק געזאָגט, אָנטאַפּנדיק דאָס קינד. — פאַרוואָס מיינט איר, אַז ער דערקענט? — האָט זי צוגעגעבן, קוקנדיק זייטיק אויף דעם קינדס אויגן, וואָס האָבן, ווי איר האָט זיך געדאַכט, שעלמיש אַפּערגעקוקט פון אונטערן אַראָפּגערוקטן קאָפּקעלע אָפּער, אויף די גלייכמעסיק זיך אָנבלאָזנדיקע בעקעלעך און אויף זיין הענטל מיטן רויטן דלאָניעלע, מיט וועלכן עס האָט כסדר געמאַכט רונדאַרטיקע באַוועגונגען.

— עס קאָן נישט זיין! אויב ער וואָלט שוין יאָ דערקענט, וואָלט ער מיך דערקענט, — האָט קיטי געזאָגט אויף אגאפיא מיכאילאָוונעס באַשטעטיקונג און אַ שמייכל געטון.

זי האָט אַ שמייכל געטון פון דעם, וואָס, הגם זי האָט געזאָגט, אַז ער קאָן נישט דערקענען, האָט זי דאָך מיטן האַרץ געוווּסט, אַז נישט בלויז ער דערקענט אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונען, נאָר אַז ער ווייסט און פאַרשטייט אַלץ, און ווייסט און פאַרשטייט נאָך אַ סך אַזויגס, וואָס קיינער ווייסט נישט און וואָס זי, די מוטער, האָט זיך אַליין דערוווּסט און האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין בלויז אַ דאַנק אים. פאַר אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ, פאַר דער ניאַניע, פאַרן זיידן, אפילו פאַרן פאָטער איז מיטיאַ געווען אַ לעבעדיק וועזן, וואָס פאָדערט בלויז אַ מאַטעריעלן אַרומגאַנג אַרום זיך; פאַר דער מוטער אָבער איז ער שוין לאַנג געווען אַ גייסטיק וועזן, מיט וועלכן עס איז שוין געווען אַ גאַנצע געשיכטע פון גייסטיקע באַציונגען.

— אַט וועט ער, מיט גאָטס הילף, אויפוואַכן, וועט איר אַליין זעען. ווען איך וועל אַט אַזוי מאַכן, וועט ער זיך אַזוי צעשטראַלן, דער טייערינקער. אַזוי זיך צעשטראַלן, ווי דער טאָג דער ליכטיקער, — האָט אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ געזאָגט.

— נו, גוט, גוט, וועלן מיר דעמאָלט זעען, — האָט קיטי אַ פליסטער געטון. — אַצינד גייט, ער שלאָפט איין.

VII.

אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ איז אַרויסגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער; די ניאַניע האָט אַראָפּגעלאָזט די שטאָרע, האָט אַרויסגעטריבן די פליגן פון הינטער דעם מוסלינענעם פאָרהענגל אָפער פון בעטל און אַ זשוק, וואָס האָט אַרומגעזומט איבער די שויבן פון פענצטער, און זיך אַנידערגעזעצט, פאָכענדיק מיט אַ פאַרוועלקטן צווייגל איבער דער מוטער און קינד.

— אַ מין היץ, אַ היץ! גאָט זאָל כאָטש אַ רעגנדל געבן, — האָט זי אַ זאָג געטון.

— יאָ, יאָ, ש-ש-ש... — האָט בלויז קיטי געענטפערט, זיך לייכט וויגנדיק און צאַרט צודריקנדיק דאָס פוכיקע, אַזוי ווי מיט אַ פאָדעם באַ

דער דלאָניע אַרומגענומענע הענטל, מיט וועלכן מיטיאַ האָט כּסדר לייכט געפּאַטשט, דאָ פאַרמאַכנדיק, דאָ עפנענדיק די אייגלעך. דאָסדאָזיקע הענטל האָט אַריינגעבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט קיטין: איר האָט זיך געגלוסט אַ קוש צו טון דאָסדאָזיקע הענטל, אָבער זי האָט מורא געהאַט דאָס צו טון, כּדי נישט אויפצוּוועקן דאָס קינד. דאָס הענטל האָט, לסוף, זיך אויפגעהערט צו באַוועגן, און די אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט. בלויז פון צייט-צו-צייט האָט דאָס קינד אויפגעהויבן זיינע לאַנגע, פאַרבויגענע וויעס און אַ בליק געטון אויף דער מוטער מיט פייכטע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען שוואַרץ אין דער האַלב-ליכטיקייט. די ניאַניע האָט אויפגעהערט צו מאַכן און איז אַנדרימלט געוואָרן. פון דער הייך האָט זיך געהערט דאָס הויכע רעדן פון פירשט און קאַטאַוואַסאָווס לאַכן.

„זיי האָבן זיך אוודאי צערעדט אָן מיר, — האָט קיטי געקלערט,— און פונדעסטוועגן איז אַ שאַד, וואָס קאָסטיאַ איז נישטאָ. ער איז אוודאי ווידער אַוועקגעגאַנגען צו די בינשטאָקן. הגם עס איז אומעטיק, וואָס ער פאַרברענגט דאָרט אָפט, בין איך דאָך צופרידן. דאָס צעשטרייט אים. איצטער איז ער געוואָרן אַ סך פריילעכער און בעסער, ווי אין פרילינג. וואָרים ער איז געווען אַזוי מרהשחורהדיק און האָט זיך אַזוי געמאַטערט, אַז מיר איז געוואָרן שרעקלעך פאַר אים. און וואָס פאַר אַ קאָמישער ער איז!" האָט זי שמייכלענדיק אַ פליסטער געטון.

זי האָט געוווּסט, וואָס עס האָט געמאַטערט איר מאַן. דאָס איז געווען זיין אומגלויבן.

נישט געקוקט דערויף, וואָס, ווען מען וואָלט זי געפרעגט, צי זי האַלט, אַז ער וועט אין קינפטיקן לעבן זיין פאַרלוירן, אויב ער וועט נישט גלייבן, וואָלט זי געמוזט מסכּים זיין, אַז ער וועט זיין פאַרלוירן, — האָט דאָך זיין אומגלויבן נישט געמאַכט, אַז זי זאָל זיך פילן אומגליקלעך; און זי, וואָס האָט אָנערקענט, אַז פאַר קיין אומגלויביקן קאָן נישט זיין קיין רעטונג, און וואָס האָט מער פון אַלץ אויף דער וועלט ליב געהאַט די נשמה פון איר מאַן, האָט מיט אַ שמייכל געטראַכט וועגן זיין אומגלויבן און זיך אַליין געזאָגט, אַז ער איז אַ קאָמישער.

„נאָכוואָס לייענט ער אַ גאַנץ יאָר עפּעס פילאָזאָפיעס אַזעלכע? — האָט זי געקלערט. — אויב דאָס אַלץ איז אָנגעשריבן אין דידאָזיקע ביכער, קאָן ער דאָך זיי פאַרשטיין. אויב אָבער עס איז נישטאָ קיין אמת אין זיי, נאָכוואָס זשע זאָל ער זיי לייענען? אוודאי דערפאַר, וואָס ער טראַכט אַ סך? און ער טראַכט אַ סך פון איינזאַמקייט. ער איז כּסדר אַליין,

אַליין. מיט אונז קאָן ער נישט וועגן אַלעם רעדן. איך מיין, אַז דידאָזיקע געסט וועלן אים זיין אָנגענעם, באַזונדערס קאַטאַוואַסאָוו. ער האָט ליב צו פירן געשפרעכן מיט אים", האָט זי אַ קלער געטון און זיך גלייך איבערגעטראָגן מיטן געדאַנק צו דעם, ווי עס וועט באַקוועמער זיין שלאָפן צו לייגן קאַטאַוואַסאָוון — באַזונדער אָדער אינאיינעם מיט סערגיי איוואַניטשן. און דאָ איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, וואָס האָט זי געבייט אַ ציטער צו טון פון אויפרעגונג און אפילו צו באַאומרויקן מיטיען, וועלכער האָט פאַר דעם שטרענג אַ קוק געטון אויף איר. „די וועשין האָט נאָך, דאַכט זיך, נישט געבראַכט די וועש, און דאָס בעט-איבערצוג פאַר די געסט איז אינגאַנצן פאַרנוצט. אויב מען וועט נישט פאַראָרדענען, וועט אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ בעמען פאַר סערגיי איוואַניטשן געניצטע וועש", און בלויז באַם געדאַנק וועגן דעם האָט דאָס בלוט זיך אַ וואָרף געטון קיטין אין פנים אַריין.

„יאָ, איך וועל פאַראָרדענען", האָט זי באַשלאָסן און, זיך אומקערנדיק צו די פריערדיקע געדאַנקען, האָט זי זיך דערמאַנט, אַז וועגן עפּעס וויכטיק גייסטיקס האָט זי נאָך נישט צוגעטראַכט ביזן סוף, און זי האָט זיך אָנגעהויבן דערמאַנען וואָס. „יאָ, קאָסטיאַ איז אַן אומגלויביקער", האָט זי זיך ווידער מיט אַ שמייכל דערמאַנט.

„נו, זאָל זיין אַן אומגלויביקער! זאָל ער בעסער שטענדיק זיין אַזעלכער, איידער ווי די מאַדאַם שטאַל, אָדער ווי איך האָב דעמאָלט געוואָלט זיין אין אויסלאַנד. ניין, אַבי ער וועט שוין נישט שפילן קיין געמאַכטע ראָלע".

און אַ נישט לאַנגסטיקער שטריך פון זיין גוטסקייט איז לעבעדיק אויפגעשטאַנען פאַר איר. מיט צוויי וואָכן צוריק איז דערהאַלטן געוואָרן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס אַ חרטה-בריוו צו דאָללין. ער האָט זי תחנונימדיק געבעטן צו ראַטעווען זיין ערע, צו פאַרקויפן איר גוט, כדי צו באַצאָלן זיינע חובות. דאָללי איז געווען פאַרצווייפלט, האָט געהאַסט דעם מאַן, אים פאַראַכטעט, רחמנות געהאַט אויף אים, באַשלאָסן זיך צו גטן, אָפּצוזאָגן, אָבער פאַרענדיקט מיט דעם, וואָס זי האָט מסכּים געווען צו פאַרקויפן אַ טייל פון איר גוט. נאָכדעם האָט קיטי מיט אַ נישט ווילנדיקן שמייכל פון גערירטקייט זיך דערמאַנט די פאַרלעגנהייט פון איר מאַן, זיינע כּסדרדיקע אומגעשיקטע פּרוּוון זיך צו פאַרנעמען מיט דעם ענין, וואָס האָט אים אינטערעסירט, און ווי אַזוי ער האָט ענדלעך צוגעטראַכט דאָס איינאיינציקסטע מיטל צו העלפן דאָללין אַזוי, אַז זי זאָל זיך

נישט באַליידיקן, ער האָט פאַרגעלייגט קיטין אָוועקצוגעבן איר חלק גוט, וואָס עס איז איר פריער אפילו נישט איינגעפאַלן.

„וואָס-זשע פאַר אַן אומגלויביקער איז ער? מיט זיין האַרץ, מיט דערדאָזיקער מורא נישט מצער צו זיין עמעצן, אפילו אַ קינד! אַלץ פאַר אַנדערע, גאָרנישט פאַר זיך. סערגיי איוואַנאָוויטש מיינט טאַקע אַזוי, אַז דאָס איז קאָסטיאַס פליכט — צו זיין פאַרוואַלטער. אויך די שוועסטער. אַצינד איז דאָללי מיט די קינדער אונטער זיין השגחה. די אַלע פויערן, וועלכע קומען טאָג טעגלעך צו אים. — ווי ער וואָלט מחויב געווען זיי צו דינען".

„יאָ, זיי נאָר אַזעלכער, ווי דיין פאָטער, נאָר אַזעלכער", האָט זי אַ זאָג געטון, איבערגעבנדיק מיטיען דער ניאַניע און זיך צורירנדיק מיט דער ליפּ צו זיין באַק.

VIII.

פון דער מינוט אָן, וואָס לעווין האָט באַם זעען דעם געליבטן שטאַרבנדיקן ברודער צום ערשטן מאָל אַ בליק געטון אויף די פראַגן פון לעבן און טויט דורך די נייע, ווי ער האָט זיי אָנגערופן, איבערצייגונגען, וועלכע האָבן אומבאַמערקט פאַר אים אין דעם פעריאָד פון צוואַנציק ביז פיר און דרייסיק יאָר געענדערט זיינע קינדערישע און יינגלערישע גלויבונגען, — האָט ער זיך דערשראָקן נישט אַזוי פיל פאַרן טויט, ווי פיל פאַרן לעבן אָן די מינדסטע ידיעות וועגן דעם, פון וואַנען, צוליב וואָס, נאָכוואָס און וואָס דאָס איז אַזוינס. דער אָרגאַניזם, זיין צעשטערונג, די אומפאַרגענגלעכקייט פון דער מאַטעריע, דאָס געזעץ פון אויפהאַלטן דעם כוח, די אַנטוויקלונג — זענען געווען די ווערטער, וועלכע האָבן אים פאַרטרעטן דעם פריערדיקן גלויבן. די דאָזיקע ווערטער און די מיט זיי פאַרבונדענע באַגריפן זענען געווען זייער גוט פאַר גייסטיקע צילן, אָבער פאַרן לעבן האָבן זיי גאָרנישט געגעבן, און לעווין האָט זיך פּלוצלינג דערפילט אין דער לאַגע פון אַ מענטש, וועלכער וואָלט אויסגעביטן אַ וואַטעם פוטער אויף מושלינענע בגדים און וואָלט דאָס ערשטע מאָל אויף דער פראָסט, נישט דורך רייד, נאָר מיט זיין גאַנץ וועזן אומצווייפלהאַפט

זיך איבערצייגט, אז ער איז גלייך ווי א גאַקעטער און אַז ער מוז אומ־פאַרמיידלעך אויף א פיינלעכן אופן אומקומען.

פון דער מינוט אָן, הגם ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון אין דעם און האָט ווייטער געלעבט ווי פריער, האָט לעווין נישט אויפגע־הערט צו פילן דידאָזיקע שרעק פאַר זיין אומוויסן.

חוצדעם, האָט ער נעפּלהאַפט געפילט, אַז דאָס, וואָס ער האָט אָנ־גערופן זיינע איבערצייגונגען, איז געווען נישט בלויז אומוויסן, נאָר אַז דאָס איז געווען אַזאַ אָרט דענקען, בא וועלכן עס איז נישט מעגלעך צו וויסן דאָס, וואָס ער דאַרף.

די ערשטע צייט האָט דאָס חתונה־האָבן, די נייע פריידן און פליכטן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, פולשטענדיק פאַרטויבט זיינע געדאַנקען; אָבער די לעצטע צייט, נאָך דעם ווייבס קימפּעט, ווען ער האָט געלעבט אין מאָסקווע גאָרנישט טוענדיק, האָט לעווינען אַלץ אָפטער און אָפטער, צודרינגלעכער און צודרינגלעכער זיך אָנגעהויבן פאָרשטעלן די פראַגע, וואָס האָט געפאָדערט א פאַרענטפערונג.

די פראַגע איז פאַר אים באַשטאַנען אין פאָלגנדן: „אויב איך אָנערקען נישט די ענטפערס, וועלכע דאָס קריסטנטום גיט אויף די פראַגן פון מיין לעבן, וואָסער־זשע ענטפערס אָנערקען איך יאָ?“ און ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט געפינען אין דעם גאַנצן אַרסענאַל פון זיינע איבערצייגונגען נישט בלויז וועלכע עס איז ענטפערס, נאָר קיין שום ענ־לעכס צו אַן ענטפער.

ער איז איז געווען אין דער לאַגע פון אַ מענטש, וואָס זוכט שפייז אין קראָמען פון שפּילצייג און געווער.

נישט ווילנדיק און אומבאַוווסטזיניק פאַר זיך, האָט ער אַצינד אין יעדן בוך, אין יעדן געשפּרעך, אין יעדן מענטש געזוכט אַ באַציונג צו דידאָזיקע פראַגן און אַן ענטפער אויף זיי.

מער פון אַלץ האָט אים בא דעם פאַרחידושט און צערודערט דאָס, וואָס די מערהייט מענטשן פון זיין קרייז און עלטער, וואָס האָבן, ווי ער, פאַרביטן זייערע פריערדיקע גלויבונגען אויך אויף אַזעלכע, ווי ער, נייע איבערצייגונגען, האָבן אין דעם נישט געזען קיין שום אומגליק און זע־נען געווען פולשטענדיק צופרידן און רויק. אַזוי אַז, חוץ דער הויפּט־פראַגע, האָבן לעווינען געמאַטערט נאָך אַנדערע פראַגן: צי זענען דידאָ־זיקע מענטשן אויפריכטיק? צי שפּילן זיי נישט קיין פאַלשע ראָלע? אָדער — צי פאַרשטייען זיי נישט אַנדערש עפּעס, קלאָרער, ווי ער, די

ענטפערס, וואָס די ווינסשאַפט גיט אויף די פראַגן, וואָס אינטערעסירן אים ? און ער האָט פלייסיק דורכשטודירט סיי די מיינונגען פון די־דאָזיקע מענטשן, סיי די ביכער, וואָס האָבן אויסגעדריקט דידאָזיקע ענטפערס.

איין זאַך, וואָס ער האָט אויסגעפונען, זינט דידאָזיקע פראַגן האָבן אים אָנגעהויבן צו אינטערעסירן, איז געווען דאָס, אַז ער האָט זיך טועה געווען, האַלטנדיק לויט די זכרונות פון זיין בחורישן אוניווערזיטעטס־קרייז, אַז די רעליגיע האָט שוין אָפּגעלעבט איר צייט און אַז זי עק־זיסטירט שוין מער נישט. אַלע גוטע, אים נאָענטע מענטשן האָבן גע־גלייבט. סיי דער אַלטער פירשט, סיי לוואָוו, וועלכן ער האָט אַזוי ליב בעקריגן, סיי סערגיי איוואַנאָוויטש, און אַלע פרויען האָבן געגלייבט, און זיין פרוי האָט געגלייבט אַזוי, ווי ער האָט געגלייבט אין דער ערשטער קינדהייט, און ניין און ניינציק חלקים פון רוסישן פאָלק, דאָסדאָזיקע גאַנצע פאָלק, וועמעס לעבן עס האָט אַרויסגערופן בא אים די גרעסטע אַכטונג, האָבן געגלייבט.

דאָס צווייטע איז געווען דאָס, וואָס, איבערלייענענדיק אַ סך בי־כער, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז די מענטשן, וואָס האָבן די זעלבע אַנשויונגען, וואָס ער, פאַרשטייען אונטער זיי גאָרנישט עפּעס אַנדערש און אַז, גאָרנישט אויפקלערנדיק, ווענדן זיי בלויז אָפּ דידאָזיקע פראַגן, וואָס ער האָט געפילט, אַז אָן אַן ענטפער אויף זיי קאָן ער נישט לעבן, און באַמיען זיך צו לייזן גאָר אַנדערע פראַגן, וואָס קאָנען אים נישט אינטערעסירן, ווי, אַ שטייגער, וועגן דער אַנטוויקלונג פון די אָרגאַניזמען, וועגן דער מעכאַנישער אויסטייטשונג פון דער נשמה, א. א. וו.

חוצדעם, איז אין דער צייט, וואָס זיין ווייב איז געגאַנגען צום קינד, מיט אים פאָרגעקומען אַן אומגעוויינלעכע פאַר אים געשעעניש. ער, דער אומגלייביקער, האָט אָנגעהויבן מתפלל צו זיין און אין דער מינוט, וואָס ער האָט מתפלל געווען, האָט ער געגלייבט. אָבער דידאָזיקע מינוט איז אַריבערגעגאַנגען, און ער האָט נישט געקאָנט געבן דערדאָזיקער דע־מאָלטיקער שטימונג קיין שום אָרט אין זיין לעבן.

ער האָט נישט געקאָנט אָנערקענען, אַז ער האָט דעמאָלט געוווסט דעם אמת, און אַז אַצינד איז ער זיך טועה; ווייל אַזוי ווי ער האָט נאָר אָנגעהויבן צו טראַכטן רויק וועגן דעם, איז אַלץ צעשפּליטערט געוואָרן; ער האָט אויך נישט געקאָנט אָנערקענען, אַז ער האָט זיך דעמאָלט טועה געווען, ווייל די דעמאָלטיקע גייסטיקע שטימונג איז אים טייער געווען,

און אָנערקענענדיק זי אַלס שוואַכקייט, וואָלט ער יענע מינוטן פאַראומ־ווערדיקט. ער איז געווען אין אַ פיינלעכער צעריסנקייט מיט זיך אַליין און האָט אָנגעשטרענגט אַלע גייסטיקע כוחות, כדי זיך צו באַפרייען פון איר.

IX.

דידאָזיקע געדאַנקען האָבן אים געמאַטערט און געפייניקט דאָ שוואַכער, דאָ שטאַרקער, אָבער האָבן אים קיינמאָל נישט פאַרלאָזט. ער האָט געלייענט און געטראַכט, און וואָס מער ער האָט געלייענט און געטראַכט, אַלץ ווייטער האָט ער זיך געפילט פון דעם ציל, וועלכן ער האָט פאַרפאָלגט.

די לעצטע צייט אין מאָסקווע און אין דאָרף, איבערצייגנדיק זיך, אַז באַ די מאַטעריאַליסטן וועט ער נישט געפינען קיין ענטפער, האָט ער איבערגעלייענט און ווידעראַמאָל איבערגעלייענט אי פלאַטאָנען, אי שפינאָזען, אי קאַנטן, אי שעללינגען, אי העגעלן, אי שאָפּענהויערן, די פילאָזאָפן, וועלכע האָבן נישט מאַטעריאַליסטיש דערקלערט דאָס לעבן.

די געדאַנקען האָבן אים אויסגעזען פרוכטבאַר, ווען ער האָט אָדער געלייענט, אָדער אַליין צוגעטראַכט דערווידערונגען קעגן די אַנדערע לערעס, באַזונדערס קעגן דער מאַטעריאַליסטישער; אָבער ווי נאָר ער האָט געלייענט אָדער אַליין צוגעטראַכט אַ לייזונג פאַר די פראַגן, האָט זיך שטענדיק איבערגעחזרט איינס און דאָס זעלבע. זיך פאַרטיפנדיק אין דער לאַנגער אויסטייטשונג פון די נישט קלאָרע ווערטער, ווי: ג ײ ס ט, ווי ל ן, פ ר ײ ה ײ ט, ס ו ב ס ט אַ נ ץ, בכיוון זיך לאָזנדיק אַרייננאַרן אין דעם כאַפּ־שטייגל פון ווערטער, וועלכעס די פילאָזאָפן אָדער ער אַליין האָט פאַר זיך אויפגעשטעלט, האָט ער אַזוי ווי אָנגעהויבן עפּעס צו פאַרשטיין. אָבער עס איז גענוג געווען צו פאַרגעסן דעם קינסטלעכן געדאַנקען־גאַנג און פון לעבן זיך אומקערן צו דעם, וואָס האָט באַפרידיקט, ווען ער האָט געטראַכט, האַלטנדיק זיך באַ דעם געגעבענעם פאָדעם, — און פלוצלינג איז דידאָזיקע גאַנצע קינסטלעכע געבײדע איינגע־

פאַלן, ווי אַ קאָרטן-הייזל, און עס איז געווען קלאָר, אַז די געביידע איז געמאַכט געווען פון די זעלבע איבערגעשטעלטע ווערטער, אומאָפּהענגיק פון עפּעס מער וויכטיקס אין לעבן, ווי דער שכל.

אַ געוויסע צייט, לייענענדיק שאָפּענהויערן, האָט ער געשטעלט אויפן אָרט פון זיין ווילן — ליבע, און דידאָזיקע נייע פילאָזאָפיע, ביז ער האָט זיך נישט אָפּגערוקט פון איר, האָט אים אויף אַ טאָג צוויי באַרויקט; אָבער זי איז אויך אַזוי איינגעפאַלן, ווען ער האָט דערנאָך פון לעבן אַ קוק געטון אויף איר, און האָט אויסגעזעען, ווי מלבושים פון מושלין, וואָס וואַרעמען נישט.

דער ברודער סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אים געעצהט איבערצולייענען כאָמיאַקאָווס טעאָלאָגישע ווערק. לעווין האָט איבערגעלייענט דעם צווייטן באַנד פון כאָמיאַקאָווס ווערק און, נישט געקוקט אויף דעם פּאָלעמישן, עלעגאַנטן און שאַרפזיניקן טאָן, וואָס האָט אים מתחילת אָפּגעשטויסן, איז ער געווען איבערראַשט אין זיי דורך דער לערע וועגן דער קירכע. אים האָט אין אָנהייב איבערראַשט דער געדאַנק וועגן דעם, וואָס דאָס פאַרשטיין דעם געטלעכן אמת איז נישט געגעבן געוואָרן דעם מענטש, נאָר איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשלעכן קאָלעקטיוו, וואָס איז פאַרייניקט דורך דער ליבע — פון דער קירכע. אים האָט דערפרייט דער געדאַנק וועגן דעם, ווי לייכטער עס איז צו גלייבן אין דער עקזיסטירנדיקער, אַצינד לעבעדיקער קירכע, וואָס שאַפט אַלע גלויבונגען פון די מענטשן, וואָס האָט אין דער שפּיץ גאָט און איז דערפאַר הייליק און נישט טעותדיק, און פון איר ערשט איבערצונעמען דעם גלויבן אין גאָט, אין דער באַשאַפונג, אין פאַלן, אין אויסלייזונג, איידער אָנצוהייבן פון גאָט, דעם וויטן, געהיימנישפולן גאָט, פון דער באַשאַפונג א. אַז. וו. אָבער ווען ער האָט דערנאָך איבערגעלייענט די געשיכטע פון דער קירכע פון אַ קאַטויילישן שרייבער און די געשיכטע פון דער קירכע פון אַ רעכטגלויביקן שרייבער און דערזעען, אַז ביידע קירכעס, אין זייער תוך נישט טעותדיק, ווענדן אָפּ איינע די אַנדערע, האָט ער זיך אַנטוישט אויך אין כאָמיאַקאָווס לערע וועגן דער קירכע, און דידאָזיקע געביידע איז צעשיט געוואָרן אויף שטויב, פּונקט ווי די פילאָזאָפישע געביידעס.

דעמדאָזיקן גאַנצן פרילינג איז ער געווען נישט דער אייגענער מענטש און האָט איבערגעלעבט שרעקלעכע מינוטן.

„אָן דעם וויסן וועגן דעם, וואָס איך בין אַזוינס און נאָכוואָס איך

געפין מיך דאָ, איז נישט מעגלעך צו לעבן. און וויסן דאָס קאָן איך נישט, פאַלגלעך איז נישט מעגלעך צו לעבן״, האָט לעווין זיך געזאָגט.

„אין דער אומענדלעכער צייט, אין דער אומענדלעכקייט פון דער מאַטעריע, אין דעם אומענדלעכן רוים טיילט זיך אויס אַ בלעזל-אָרגאַניזם און דאָסדאָזיקע בלעזל האַלט זיך אַ ביסל און פּלאַצט, און דאָסדאָזיקע בלעזל איז — איך״.

דאָס איז געווען אַ פּיינלעכער ליגנט, אָבער דאָס איז געווען דער איינציקער, לעצטער רעזולטאַט פון די דורות-לאַנגע אָנשטרענגונגען פון דעם מענטשלעכן געדאַנק אין דער ריכטונג.

דאָס איז געווען דער לעצטער גלויבן, מיט וועלכן עס האָבן איינגעשטימט אַלע, כמעט אויף אַלע געביטן פון פאָרשנדיקן מענטשלעכן געדאַנק. דאָס איז געווען די הערשנדיקע מיינונג, און לעווין האָט פון אַלע אַנדערע אויסטייטשונגען, ווי פונדעסטוועגן אַלס די מער קלאָרע, בישטווילנדיק, אַליין נישט וויסנדיק ווען און ווי אַזוי, אָנגענומען טאַקע דידאָזיקע.

אָבער דאָס איז געווען נישט בלויז אַ ליגנט, דאָס איז געווען אַ גרויזאַמער וויץ פון עפּעס אַ בייזן כּוח, אַ בייזן, דערווידערדיקן, אַזעלכן, וועלכן עס איז נישט מעגלעך געווען זיך אונטערצוואַרפן.

מען האָט געדאַרפט זיך באַפרייען פון דעמדאָזיקן כּוח. און די באַפרייונג איז געווען אין די הענט פון יעדן. מען האָט געדאַרפט איבעררייסן דידאָזיקע אָפּהענגיקייט פון דעם בייזס. און עס איז געווען איין מיטל — דער טויט.

און דער גליקלעכער פאַמיליע-מאַן, דער געזונטער מענטש לעווין איז געווען עטלעכע מאָל אַזוי נאָענט פון זעלבסטמאָרד, אַז ער האָט באַהאַלטן אַ שטריק, ער זאָל זיך נישט אויפהענגען אויף אים, און האָט מורא געהאַט צו גיין מיט דער ביקס, ער זאָל זיך נישט דערשיסן.

אָבער לעווין האָט זיך נישט דערשאָסן און נישט אויפגעהאָנגען און האָט ווייטער געלעבט.

X.

ווען לעווין האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס ער איז אַזוינס און נאָכוואָס ער לעבט, האָט ער נישט געפונען קיין ענטפער און איז אַריינ־געפאַלן אין פאַרצווייפלונג; אָבער ווען ער האָט זיך אויפגעהערט צו פרעגן וועגן דעם, האָט ער אַזוי ווי געוווסט, אי וואָס ער איז אַזוינס אי נאָכוואָס ער לעבט, ווייל ער האָט אַנטשלאָסן און באַשטימט געאַרבעט און געלעבט; אין דעראַזיקער לעצטער צייט האָט ער אפילו אַנטשלאָסענער און באַשטימטער געלעבט, ווי פריער.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט אָנהייב יוני אין דאָרף אַריין, האָט ער זיך אומגעקערט אויך צו זיינע געוויינלעכע באַשעפטיקונגען. דאָס דאָרפישע באַלעבאַטישקייט, די באַציונגען מיט די פויערן און שכנים, דאָס היימישע באַלעבאַטישקייט, דער שוועסטערס און ברודערס ענינים, וועלכע ער האָט געהאַט צו באַזאָרגן, די באַציונגען מיטן ווייב, מיט די קרובים, די דאגות וועגן קינד, די נייע בינשטאָקן, מיט וועלכע ער האָט זיך עקזאַלטירט דעם הייגטיקן פרילינג, האָבן פאַרנומען זיין גאַנצע צייט.

די דאָזיקע ענינים האָבן אים פאַרנומען נישט דערפאַר, וואָס ער האָט זיי באַרעכטיקט פאַר זיך דורך עפּעס אַלגעמיינע בליקן, ווי ער פלעגט דאָס פריער טון; פאַרקערט, אַצינד, נאָכדעם ווי ער האָט זיך פון איין זייט געהאַט אַנטוישט מיט דעם דורכפאַל פון די פריערדיקע אונטערנעמונגען לטובת הכּלל, פון דער צווייטער זייט, צו שטאַרק פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען און דער גרויסער צאָל ענינים גופא, וועלכע האָבן אים פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט, האָט ער לגמרי אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן טובת הכּלל, און די דאָזיקע ענינים האָבן אים פאַרנומען בלויז דערפאַר, וואָס אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער דאַרף טון דאָס, וואָס ער טוט, — אַז ער קאָן נישט אַנדערש.

פריער (דאָס האָט זיך אָנגעהויבן כּמעט פון דער קינדהייט אָן און איז כסדר געוואַקסן ביז דער פולער רייפקייט), ווען ער האָט זיך באַמיט צו טון עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיין גוט פאַר אַלע, פאַר דער מענטשהייט, פאַר רוסלאַנד, פאַרן גאַנצן דאָרף, האָט ער באַמערקט, אַז די געדאַנקען וועגן דעם זענען געווען אָנגענעם, אָבער די אַרבעט גופא פלעגט שטענ־

דיק גיין נישט געגוג געשיקט. עס איז נישט געווען די פולע זיכערקייט אין דעם, אז די זאך איז אומבאַדינגט נייטיק, און די טעטיקייט גופא, וואָס האָט אין אָנהייב אויסגעזעען אזוי גרויס, איז געוואָרן אלץ קלענער און קלענער, ביז זי האָט זיך פארענדיקט מיט גאָרנישט; אצינד אָבער, ווען ער האָט נאָך דער חתונה אָנגעהויבן אלץ מער און מער זיך צו באגרענעצן מיטן לעבן פאר זיך, הגם ער האָט נישט איבערגעלעבט קיין שום פרייד באם געדאנק וועגן זיין טעטיקייט, האָט ער פונדעסטוועגן געפילט א זיכערקייט, אז זיין ארבעט איז נייטיק, האָט געזעען, אז זי ווערט געטון א סך בעסער, ווי פריער, און אז זי ווערט אלץ גרעסער און גרעסער.

אצינד האָט ער, אזוי ווי קעגן זיין ווילן, אלץ טיפער און טיפער זיך אריינגעשניטן אין דער ערד, ווי אן אקער, אזוי אז ער האָט זיך שוין גאָרנישט געקאָנט ארויסקריגן, נישט דורכגראָבנדיק די ברוזדע.

אז די פאמיליע זאָל לעבן אזוי, ווי עס זענען געווינט געווען צו לעבן די טאטעס און די זיידעס, דאָס הייסט אין די זעלבע באַדינגונגען פון בילדונג און דערציונג פאר די קינדער, איז געווען אומבאַדינגט נייטיק. דאָס איז געווען פונקט אזוי נייטיק, ווי עסן מיטאָג, ווי עס ווילט זיך בכלל עסן; און צוליב דעם איז נייטיק געווען, פונקט אזוי, ווי עס איז נייטיק צוצוגרייטן דאָס מיטאָג, צו פירן די מאשין פון דעם באַלע-באַטישקייט אין פאָקראָווסקאָיע אזוי, אז עס זאָלן זיין הכנסות. פונקט אזוי, ווי עס איז נייטיק אָפּצוגעבן א חוב, איז נייטיק געווען צו האַלטן די ירושה-ערד אין אזא צושטאנד, אז ווען דער זון וועט זי ירשענען, זאָל ער אויך אזוי דאנקבאר זיין דעם פאָטער, ווי לעווין איז דאנקבאר געווען דעם זיידן פאר דעם אלעם, וואָס ער האָט אויסגעבויט און פארפלאנצט. און צוליב דעם האָט מען נישט געדאַרפט אוועקגעבן די ערד אין אָרענדע, נאָר אליין פירן דאָס באַלעבאַטישקייט, האַלטן בהמות, מיסטיקן די ערד, פארזעצן וואלד.

מען האָט נישט געקאָנט נישט באַזאָרגן די ענינים פון סערגיי איוואַנאָוויטשן, פון דער שוועסטער, פון אלע פויערן, וואָס זענען געקו-מען נאָך עצות און זענען געווינט געוואָרן צו דעם, ווי מ׳קאָן נישט אוועקוואַרפן קיין קינד, וועלכעס מען האַלט שוין אויף דער האַנט. מען האָט געדאַרפט זאָרגן וועגן די באַקוועמלעכקייטן פון דער איינגעלאַדענער שוועגערין מיט די קינדער און פון דעם ווייב מיטן קינד און מען האָט

נישט געקאָנט נישט פאַרברענגען מיט זיי כאָטש אַ קליינע טייל פון טאָג.

און דאָס אַלץ צוזאַמען מיטן גיין אויף יאַגד, מיט די נייע בינ-שטאָקן, וואָס האָבן אים פאַרנומען, האָט אויסגעפילט דאָסדאָזיקע גאַנצע לעבן לעווינס, וואָס האָט נישט געהאַט פאַר אים קיין שום זינען, ווען ער האָט געטראַכט.

אָבער חוצדעם, וואָס לעווין האָט פעסט געוווסט, וואָס ער דאַרף טון, האָט ער אויך געוווסט, ווי אַזוי ער דאַרף דאָס אַלץ טון און וועלכע זאַך איז וויכטיקער פאַר דער צווייטער.

ער האָט געוווסט, אַז דינגען אַרבעטער דאַרף מען וואָס ביליקער; אָבער נעמען זיי אין קאַבאַלע, געבנדיק פאָרויס געלט, ביליקער, ווי זיי זענען ווערט, דאַרף מען נישט, הגם דאָס איז זייער באַקוועם. פאַר-קויפן די פויערן שטרוי, ווען עס פעלט זיי, מעג מען, הגם עס איז אַ רחמנות אויף זיי; אָבער די קרעטשמע און די שענק, הגם זיי האָבן גע-געבן הכנסה, האָט מען געדאַרפט אונטערברענגען. פאַר אויסגעהאַקטעביימער האָט מען געדאַרפט אויפמאָנען, ווי ווייט מעגלעך שטרענגער, אָבער פאַר אַ פאַרהאַלטענער בהמה האָט מען נישט געטאָרט נעמען קיין שטראָף; און הגם דאָס האָט באַטריבט די וועכטערס און האָט צו נישט געמאַכט די מורא, האָט מען נישט געקאָנט נישט אָפּלאָזן די פאַרהאַלטענע בהמה.

פּיאָטרן, וואָס האָט געצאָלט דעם וווכערער צען פּראָצענט אַ חודש, האָט מען געמוזט געבן אַ גמילות-חסד, כּדי אים אויסצוקויפן; אָבער מען האָט נישט געטאָרט אַרויסגעבן קיין פּאַשע אָדער פּראָלאָנגירן די פויערן, וואָס האָבן נישט געצאָלט. מען האָט נישט געטאָרט פאַרזעען דעם פאַרוואַלטער דאָס, וואָס אַ שטיקל לאָנקע איז נישט אָפּגעקאָשעט געוואָרן; אָבער מען האָט אויך נישט געטאָרט קאָשען די אַכציק דעסיאַ-טין, אויף וועלכע עס איז געפלאַנצט געוועזן ייִנגער וואַלד. מען האָט נישט געקאָנט מוחל זיין אַן אַרבעטער, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען אין דער אַרבעט-צייט אַהיים דערפאַר, וואָס זיין פאָטער איז געשטאָרבן — ווי עס איז נישט געווען אַ רחמנות אויף אים, — און מען האָט אים געמוזט באַרע-כענען ביליקער פאַר פאַרנאַכלעסיקטע חדשים; אָבער מען האָט אויך נישט געקאָנט נישט אויסצאָלן דאָס חודש-געלט די אַלטע, שוין צו גאָרנישט נוצלעכע הויף-מענטשן.

לעווין האָט אויך געוווסט, אַז אומקערנדיק זיך אַהיים, דאַרף מען

גיין פריער צום ווייב, וועלכע איז נישט געזונט, און אז די פויערן, וואָס ווארטן שוין אויף אים דריי שעה, קאָנען נאָך א ביסל צוווארטן, און האָט געוווסט, אז נישט געקוקט אויף דעם גאַנצן פארגעניגן, וואָס ער האָט באַם איינאָרדענען א נייעם בינשטאָק, מוז מען זיך אָפּזאָגן פון דעמדאָזיקן פארגעניגן, לאָזן דעם אַלטן אַליין איינאָרדענען און גיין רעדן מיט די פויערן, וואָס האָבן אים געפונען בא די בינשטאָקן.

צי ער האָט געהאַנדלט גוט, אָדער שלעכט, האָט ער נישט גע־געוווסט, אָבער ער האָט אויסגעמיטן צו רעדן און טראַכטן וועגן דעם.

דאָס טראַכטן האָט אים געבערענגט צו צווייפלען און אים געשטערט צו זען, וואָס מען דאַרף יאָ און וואָס נישט. ווען אָבער ער האָט נישט געטראַכט, נאָר געלעבט, האָט ער כסדר געפילט אין זיין האַרץ די אָנוועזנהייט פון א נישט טעותדיקן ריכטער, וואָס האָט באַשלאָסן, וועלכע פון צוויי מעגלעכע האַנדלונגען איז בעסער און וועלכע ערגער, און, ווי נאָר ער האָט געהאַנדלט נישט אַזוי, ווי מען דאַרף, האָט ער דאָס גלייך געפילט.

אַזוי האָט ער געלעבט, נישט וויסנדיק און נישט זעענדיק קיין מעגלעכקייט צו וויסן, וואָס ער איז אַזוינס און צוליב וואָס ער לעבט אויף דער וועלט, און זיך געפייניקט פון דעמדאָזיקן נישט וויסן אַזוי ווייט, אַז ער האָט מורא געהאַט פאַר זעלבסטמאָרד, און איינצייטיק זיך פעסט דורכגעלייגט זיין באַזונדערן באַשטימטן וועג אין לעבן.

XI

דעם טאָג, ווען סערגיי איוואַנאָוויטש איז געקומען קיין פּאָקראָווסקאָיע, האָט לעווין זיך געפונען אין איינעם פון זיינע פייגלעכסטע טעג.

עס איז געווען די סאַמע אייליקסטע צייט פון דער אַרבעט, ווען אין גאַנצן פאָלק באַווייזט זיך אַזאַ אומגעוויינלעכע אָנגעשטרענגטקייט פון זעלבסטאָפּפערונג אין דער אַרבעט, וואָס באַווייזט זיך נישט אין קיין שום אַנדערע לעבנס־באַדינגונגען און וואָס וואָלט הויך געשעצט געוואָרן, ווען די מענטשן, וואָס פאַרמאָגן דידאָזיקע אייגנשאַפט, וואָלטן זי אַליין גע־

שעצט, ווען זי זאָל זיך נישט איבערחזרן יעדעס יאָר און ווען די פאָלגן פון דערדאָזיקער אָנגעשטרענגטקייט זאָלן נישט זיין אַזעלכע איינפאַכע.

אָפשניידן און אויסבינדן דאָס קאָרן און דעם האָבער, פאַרענדיקן דאָס קאָשען פון דער לאָנקע, אויסדרעשן די זריעה און פאַרזייען די ווינטער-תבואה, — דאָס אַלץ זעט אויס איינפאַך און געוויינלעך: און כדי צו באַוויזן דאָס אַלץ צו טון, איז נייטיק, אַז פון אַלט ביז יונג זאָלן אַלע דאָרפס-מענטשן אַרבעטן אומאויפהערלעך אין דידאָזיקע דריי-פיר וואָכן דריי מאָל אַזוי פיל, ווי געוויינלעך, זיך שפייזנדיק מיט קוואַס, מיט ציבעלע און מיט שוואַרץ ברויט, דרעשן און פירן די סנאָפּעס אין די נעכט און אָפּגעבן דעם שלאָף נישט מער ווי צוויי-דריי שעה אין מעת-לעת. און יעדעס יאָר ווערט דאָס געטון איבער גאַנץ רוסלאַנד.

דורכלעבנדיק די גרעסטע טייל לעבן אין דאָרף און אין נאָענטע באַציונגען מיטן פאָלק, האָט לעווין תמיד אין דער אַרבעטס-צייט געפילט, אַז דידאָזיקע אַלגעמיינע אויפגערודערטקייט פון פאָלק גיט זיך איבער אויך אים.

אינדערפרי איז ער געפאָרן אויפן ערשטן פעלד אַרויף פון קאָרן, פון האָבער, וועלכן מען האָט צונויפגעפירט אין סטויגן, און, אומקערנדיק זיך אַהיים אין דער צייט, ווען דאָס ווייב מיט דער שוועגערין זענען אויפגעשטאַנען, האָט ער געטרונקען מיט זיי קאַווע און איז אַוועקגעגאַנגען צופוס אויפן פאָלוואַרק אַרויף, ווו מען האָט געדאַרפט לאָזן אַ ניי אַוועקגעשטעלטע דרעש-מאַשין, כדי צוצוגרייטן זריעה.

דעמדאָזיקן גאַנצן טאָג האָט לעווין, רעדנדיק מיטן פאַרוואַלטער און מיט די פויערן און אינדערהיים רעדנדיק מיטן ווייב, מיט דאָלין, מיט אירע קינדער, מיטן שווער, געטראַכט בלויז וועגן דעם איינציקן, וואָס אים האָט פאַרנומען אויסער די דאגות פון דעם באַלעבאַטישקייט, און אין אַלעם געזוכט אַ שייכות צו דערדאָזיקער פראַגע: „וואָס-זשע בין איך אַזוינס? און ווו בין איך? און נאָכוואָס געפין איך מיך דאָ?“

שטייענדיק אין דער קילקייט פון דעם ניי-געדעקטן שייער, האָט לעווין געקוקט, דאָ דורך דעם געעפנטן טויער, דורך וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעטראָגן און געגלאַנצט דער טרוקענער און ביטערער שטויב פון דעם דרעשן, דאָ אויף דעם גראָז, דעם באַלויכטענעם מיט דער הייסער זון, און פרישן שטרוי, וואָס איז נאָר-וואָס אַרויסגעטראָגן געוואָרן פונם שייער, דאָ אויף די בונט-קעפּיקע ווייס-ברוסטיקע שוואַלבן, וואָס זענען מיט אַ געפּישטשעריי אַריינגעפלויגן אונטערן דאַך און האָבן, קלאַפּנדיק

מיט די פליגל, זיך אָפּגעשטעלט אין די פענצטערלעך פון טויער, דאָ אויף די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפּאָרעט אין דעם טונקעלן און שטויביקן שייער, און האָט געטראַכט מאָדנע געדאַנקען.

„נאָכוואָס ווערט דאָס אַלץ געטון ? — האָט ער געטראַכט. — נאָכוואָס שטיי איך דאָ, נייט זיי צו אַרבעטן ? איבער וואָס זאָרגן זיי אַלע און באַמיען זיך מיר אַרויסצווייזן זייער פלייסיקייט ? איבער וואָס מאַטערט זיך דידאָזיקע אַלטיטשקע מאַטרענאַ, מיין באַקאַנטע ? (איך האָב זי געהיילט, ווען אַ באַלקן איז אויף איר אַרויפגעפאַלן בײַ דער שרפה), — האָט ער געקלערט, קוקנדיק אויף דער דאַרער פרוי, וועלכע האָט צונויפגעשאַרט די קערנער מיט דער גראַביע און שווער געשטעלט די פיס איבער דער נישט גלייכער האַרטער ליים-פּאַדלאָגע. — דעמאָלט איז זי געזונט געוואָרן ; אָבער אויב נישט היינט-מאָרגן, וועט מען זי אין צען יאָר אַרום באַגראָבן, און עס וועט גאָרנישט בלייבן נישט פון איר, נישט פון דערדאָזיקער עלעגאַנטקע אין דעם רויטן טיכל, וואָס קלאַפּט אויס מיט אַזאַ פלינקער, צאַרטער באַוועגונג די פּלעוועס פון די זאַנגען. אויך זי וועט מען באַגראָבן, אויך זייער גיך דעמדאָזיקן געפלעקטן מערין, — האָט ער געטראַכט, קוקנדיק אויף דעם פערד, וואָס האָט שווער געהויבן דעם בויך, זייער אָפט געאָטעמט מיט די צעשפּרייטע נאָז-לעכער און האָט געדרייט דאָס ראָד. — אויך זי וועט מען באַגראָבן, אויך פעדאָרן דעם דערלאַנגער מיט זיין געקרייזלטער באָרד, וואָס איז פול מיט פּלעווע און זיין העמד איז צעריסן אויף דער ווייסער פּלייצע, וועט מען באַגראָבן. און ער צעבינדט די סנאָפּעס, און קאָמאַנדעוועט עפּעס, און שרייט אויף די פרויען, און פאַרריכט מיט אַ שנעלער באַוועגונג דעם פּאַס אויף דעם ראָד. און דער עיקר — נישט בלויז זיי, נאָר מיך וועט מען באַגראָבן, און עס וועט גאָרנישט בלייבן ! וואָס זשע ?"

ער האָט דאָס געטראַכט און אײַנצייטיק געקוקט אויפן זייגער, כדי צו באַחשבונען, וויפיל מען וועט אויסדרעשן אין אַ שעה. ער האָט דאָס געדאַרפט וויסן, כדי, אורטיילנדיק לויט דעם, צו פאַרגעבן זיי מאָרגן אַרבעט אויפן גאַנצן טאָג.

„עס איז שוין באַלד אַ שעה, און זיי האָבן ערשט אָנגעהויבן די דריטע סטערדע", האָט לעווין אַ קלער געטון, איז צוגעגאַנגען צום דערלאַנגער און, איבערשרייענדיק דאָס רוישן פון דער מאַשין, האָט ער אים געזאָגט, ער זאָל פּאַמעלעכער נאָכגעבן.

— צו ביסלעך גיב נאָך, פעדאָר! דו זעסט — עס פארפּאַקט זיך, דעריבער גייט עס נישט גיך. מאַך גלייך!

שוואַרץ געוואָרן פון דעם שטויב, וואָס האָט זיך אים צוגעקלעבט צום פּנים, האָט פעדאָר עפּעס א געשריי געטון אַלס ענטפער, אָבער אַלץ נישט געטון אַזוי, ווי לעווין האָט געוואָלט.

לעווין איז צוגעגאַנגען צום באַראַבאַן, האָט אָפּגערוקט פעדאָרן און אַליין אָנגעהויבן נאָכגעבן.

אָפּגעאַרבעט ביזן פויערישן מיטאָג, צו וועלכן עס איז שוין געבליבן נישט קיין סך, איז ער צוזאַמען מיטן דערלאַנגער אַרויסגעגאַנגען פון שייער און פאַרפירט אַ שמועס, אָפּשטעלנדיק זיך לעבן א געלער סטערדע קאָרן, וואָס איז אָוועקגעלייגט געוואָרן צום דרעשן אויף דער ליים־פּאָדלאָגע.

דער דערלאַנגער איז געווען פון א ווייט דאָרף, פון דעם, אין וועלכן לעווין האָט פריער געגעבן ערד אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. אַצינד האָט ער זי געהאַט אָוועקגעגעבן דעם וועכטער אין אַרענדע.

לעווין האָט פאַרפירט א שמועס מיט דעם דערלאַנגער פעדאָר וועגן דערדאָזיקער ערד און געפרעגט, צי עס וועט נישט נעמען קיין ערד אויפן קומעדיקן יאָר פּלאַטאָן, דער רייכער און גוטער פויער פון זעלבן דאָרף.

— די פּרייז איז א טייערע. פּלאַטאָן וועט דאָס געלט נישט אָפּנעמען, קאָנסטאַנטין דמיטריעוויטש, — האָט דער פויער געענטפערט, זיך אָפּרעמענדיק די זאַנגען פון אונטערן פאַרשוויצטן אָרעם.

— ווי אַזוי־זשע נעמט קירילאָוו אָפּ?

— ווי אַזוי, קאָנסטאַנטין דמיטריעוויטש, זאָל מיטיוכאַ (אַזוי ביטולדיק האָט דער פויער אָנגערופן דעם וועכטער), נישט אָפּנעמען! דערדאָזיקער וועט שוין אַזוי אויסנוצן, אַז ער וועט זיינס אָפּנעמען. ער וועט אויף קיין קריסט נישט קיין רחמנות האָבן. און דער פעטער פאָקאַניטש (אַזוי האָט ער גערופן דעם אַלטן פּלאַטאָן) וועט דען גיין שינדן די הויט פון א מענטש? איינעם באָרגט ער, א צווייטן שענקט ער גלאַט אוועק.

— פאַרוואָס־זשע זאָל ער גלאַט אָוועקשענקען?

— וואָרים אַזוי, זעט איר — עס זענען דאָ פאַרשידענע מענטשן; איינער לעבט בלויז פאַר זיך, כאָטש נעמט דעמדאָזיקן מיטיוכאַ, אַבי דעם

אייגענעם בויך אָנצופּאַקן, און פּאַקאַניטש — איז אַ רעכטפּאַרטיקער אַל־טער. ער לעבט פאַר דער נשמה. געדענקט אין גאָט.

— וואָס הייסט ער געדענקט אין גאָט? וואָס הייסט ער לעבט פאַר דער נשמה? — האָט לעווין כמעט אויסגעשריגן.

— עס איז באַקאַנט ווי אַזוי: מיט אמת, ווי גאָט האָט געבאָטן. עס זענען דאָך דאָ פאַרשידענע מענטשן. אָט לאָמיר נעמען כאָטש אייך, איר וועט אויך נישט קיין מענטש באַליידיקן...

— יאָ, יאָ, אַ גוטן טאָג! — האָט לעווין אַ זאָג געטון, זיך שטיקנ־דיק פון אויפרעגונג, זיך אויסגעדרייט, גענומען זיין שטעקן און שנעל זיך געלאָזט גיין אַהיים. בײַ דעם פויערס ווערטער וועגן דעם, אַז פּאַקאַניטש לעבט פאַר דער נשמה, מיט אמת, ווי גאָט האָט געבאָטן, האָבן אומקלאָ־רע, נאָר וויכטיקע געדאַנקען אין אַ גאַנצער מחנה אַזוי ווי זיך אַרויסגע־ריסן פון ערגעץ אַ פאַרשלאָסן אָרט, און אַלע, שטרעבנדיק צו איין ציל, האָבן אָנגעהויבן זיך דרייען אין זיין קאָפּ, פאַרבלענדנדיק אים מיט זייער ליכט.

XII.

לעווין איז געגאַנגען מיט ברייטע טריט איבערן גרויסן וועג, זיך צוהערנדיק נישט אַזוי פיל צו זיינע געדאַנקען (ער האָט זיי נאָך נישט געקאָנט פונאַנדערקלויבן), וויפיל צו דעם גייסטיקן צושטאַנד, וועלכן ער האָט נאָך פריער קיינמאָל נישט געהאַט איבערגעלעבט.

די ווערטער, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן דורכן פויער, האָבן אַרויס־גערופן אין זיין נשמה די ווירקונג פון אַן עלעקטרישן פונק, וואָס האָט פּלוצלינג איבערגעאַנדערשט און פאַראייניקט אין איינס אַ גאַנצע מחנה צעריסענע, אוממעכטיקע באַזונדערע געדאַנקען, וואָס האָבן אים קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו פאַרנעמען. די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אומבאַמערקט פאַר אים אַליין אים פאַרנומען אויך אין דער צייט, ווען ער האָט גע־רעדט וועגן אָוועקגעבן די ערד.

ער האָט געפילט אין זיין נשמה עפּעס נייעס און האָט מיט פאַר־

געניגן אַרומגעטאַפּט דאָסדאָזיקע נייע, נישט וויסנדיק נאָך, וואָס דאָס איז אַזוינס.

„נישט לעבן פאַר די אייגענע נויטן, נאָר פאַר גאָט. פאַר וואָסער גאָט? און וואָס קאָן מען זאָגן אומזיניקערס פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. אַז מ'דאַרף נישט לעבן פאַר די אייגענע נויטן, דאָס הייסט, אַז מען דאַרף נישט לעבן פאַר דעם, וואָס מיר פאַרשטייען, צו וואָס עס ציט אונז, וואָס עס גלוסט זיך אונז, נאָר מ'דאַרף לעבן פאַר עפּעס אומפאַרשטענדלעכס, פאַר גאָט, וועלכן קיינער קאָן נישט פאַרשטיין און נישט באַשטימען. און וואָס זשע? איך האָב נישט פאַרשטאַנען די אומזיניקע ווערטער פעדאָרס? און אויב איך האָב יאָ פאַרשטאַנען, האָב איך געצווייפלט אין זייער גערעכטיקייט? האָב זיי געפינען פאַר נאַריש, נישט קלאָר, אומפּינקטלעך?

„ניין, איך האָב אים פאַרשטאַנען און פּונקט אַזוי, ווי ער פאַרשטייט, פאַרשטאַנען גרינטלעך און קלאָרער, ווי איך פאַרשטיי עפּעס אין לעבן, און האָב קיינמאָל אין לעבן נישט געצווייפלט און קאָן נישט צווייפלען אין דעם. און נישט איך אַליין, נאָר אַלע, די גאַנצע וועלט פאַרשטייט גרינטלעך בלויז דאָס אַליין און צווייפלט נישט בלויז אין דעם אַליין און איז שטענדיק איינשטימיק.

„און איך האָב געזוכט נסים, האָב באַדויערט, וואָס איך האָב נישט געזעען קיין נס, וואָס זאָל מיך איבערצייגן. אַ מאַטעריעלער נס וואָלט מיך פאַרפירט. נאָר אָט איז אַ נס, וואָס איז איינציק מעגלעך, עקזיסטירט אייביק, רינגלט מיך אַרום פון אַלע זייטן, און איך האָב אים נישט באַמערקט!

„פעדאָר זאָגט, אַז דער ;ועכטער קיריל‌אָוו לעבט פאַר זיין בויך. דאָס איז פאַרשטענדלעך און פאַרנונפטיק. מיר אַלע, ווי פאַרנונפטיקע ברואים, קאָנען נישט אַנדערש לעבן ווי פאַרן בויך. און פּלוצלינג זאָגט דערדאָזיקער זעלבער פעדאָר, אַז פאַרן בויך איז שלעכט צו לעבן, נאָר אַז מען דאַרף לעבן פאַרן אמת, פאַר גאָט, און איך פאַרשטיי אים אויפן ווונק! און איך און מיליאָנען מענטשן, וואָס האָבן געלעבט מיט הונדערטער יאָרן צוריק און וואָס לעבן אַצינד, פּויערן, גייסטיק-אָרימע און חכמים, וואָס האָבן געטראַכט און געשריבן וועגן דעם, וואָס האָבן מיט זייער נישט קלאָרער שפּראַך געזאָגט דאָס אייגענע, — מיר אַלע זענען איינשטימיק אין דעם איינעם: צוליב וואָס מ'דאַרף לעבן און וואָס עס איז גוט. איך האָב מיט אַלע מענטשן בלויז איין פעסט, אומצווייפלהאַפט

און קלאָר וויסן; און דאָסדאָזיקע וויסן קאָן נישט דערקלערט ווערן מיטן שכל עס איז מחוץ אים און האָט נישט קיין שום סיבות און קאָן נישט האָבן קיין שום פאָלגן.

„אויב גוטס האָט א סיבה, איז עס שוין נישט קיין גוטס; אויב עס האָט א פאָלגע — א באַלוינונג, איז עס שוין אויך נישט קיין גוטס. בכן, איז דאָס גוטס אויסער דער קייט פון סיבות און פאָלגן.

„און דאָס טאַקע ווייס איך, און מיר אַלע ווייסן.

„וואָסער־זשע נס קאָן זיין גרעסער פון דעם?

„צי האָב איך געפונען די לייזונג פון אַלעם, צי האָבן זיך שוין אַצינד געענדיקט מיינע ליידן?״ האָט לעווין געקלערט, גייענדיק איבערן שטויביקן וועג. ער האָט נישט באַמערקט נישט די היץ, נישט די מידע־קייט און האָט איבערגעלעבט א געפיל פון פארלייכטערונג נאָך דעם לאַנגן ליידן. דאָסדאָזיקע געפיל איז געווען אַזוי פריידיק, אַז עס האָט אים אויס־געזעען אומוואָרשיינלעך. ער האָט זיך געשטיקט פון אויפרעגונג און, נישט זייענדיק בכוח צו גיין ווייטער, איז ער אַראָפּגעגאַנגען פון וועג אין וואַלד אַריין און זיך געזעצט אין שאָטן פון די אַשינעס אויף דעם נישט געקאָשעטן גראָז. ער האָט אַראָפּגענומען דעם הוט פון דעם פארשוויצטן קאָפּ און אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דער האַנט, זיך געלייגט אויף דעם זאַפ־טיקן וואַלד־גראָז.

„יאָ, מען דארף זיך דערקלערן און פאַרשטיין״, האָט ער געטראַכט, קוקנדיק שטאַר אויף דעם נישט צעקנייטשן גראָז, וואָס איז געווען פאַר אים, און נאָכפאָרשנדיק די באַוועגונגען פון א גרין ווערמעלע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבער א גרעזל און איז פארהאַלטן געוואָרן אין זיין אויפהייבן זיך דורך א בלעטל.

„וואָס האָב איך אַנטדעקט? — האָט ער זיך געפרעגט, אָוועקבייגנ־דיק דאָס בלעטל, עס זאָל נישט שטערן דעם ווערמל, און צובייגנדיק א צווייט גרעזל, אַז דאָס ווערמל זאָל אַריבערגיין דערויף. וואָס פרייט מיך? וואָס האָב איך אַנטדעקט?

„איך האָב גאָרנישט אַנטדעקט. איך בין בלויז געוואויר געוואָרן דאָס, וואָס איך ווייס. איך האָב פארשטאַנען דעם כּוח, וועלכער האָט מיר נישט בלויז אין דער פאַרגאַנגענהייט געגעבן דאָס לעבן, נאָר גיט מיר אַצינד לעבן. איך האָב מיך באַפרייט פון דעם גענאַרעריי, איך האָב דער־קענט דעם באַלעבאָס.

„פריער האָב איך געזאָגט, אַז אין מיין קערפּער, אין קערפּער פון

דעמדאָזיקן גרעזל און פון דעמדאָזיקן ווערמל (אַט האָט עס נישט געוואָלט אויפן גרעזל ארויף, האָט צעשפּרייט די פליגעלעך און איז אוועקגע־פלויגן) קומט פאַר לויט פיזישע, כעמישע, פיזיאָלאָגישע געזעצן אַן אויס־בייט פון דער מאַטעריע. און אין אונז אַלע, צוזאַמען מיט די אַשינעס, און מיט די וואָלקנס, און מיט די נעפּלדיקע פלעקן קומט פאַר אַן אַנט־וויקלונג. אַן אַנטוויקלונג פון וואָס? אין וואָס? אַן אומענדלעכע אַנטוויק־לונג און אַ קאַמף... ווי עס וואָלט געקאָנט זיין עפּעס אַ ריכטונג און אַ קאַמף אין דער אומענדלעכקייט! און איך האָב מיך געחידושט, וואָס, נישט געקוקט אויף דער גרעסטער אָנשטרענגונג פון געדאַנק אויף דעמ־דאָזיקן וועג, איז מיר דאָך נישט אַנטדעקט געוואָרן דער זינען פון לעבן, דער זינען פון מיינע פאַרלאַנגען און שטרעבונגען. אַצינד אָבער זאָג איך, אַז איך קאָן דעם זינען פון מיין לעבן: לעבן פאַר גאָט, פאַר דער נשמה, און דעררדאָזיקער זינען, נישט געקוקט אויף זיין קלאָרקייט, איז געהיימ־נישפול און וווּנדערלעך. אַזעלכער איז אויך דער זינען פון אַלעם עק־זיסטירנדיקן. יאָ, די שטאָלצקייט", האָט ער זיך געזאָגט, איבערדרייענדיק זיך אויפן בויך און האָט אָנגעהויבן צו פאַרבינדן די גרעזלעך אין אַ קניפּ, באַמיענדיק זיך נישט צו צעברעכן זיי.

„און נישט בלויז די שטאָלצקייט פון שכל, נאָר די נאַרישקייט פון שכל. און דער עיקר — דאָס שווינדלערישע, טאַקע דאָס שווינ־דלערישע פון שכל, טאַקע דאָס רמאות פון שכל", האָט ער איבער־געחזרט.

און ער האָט זיך אַליין אין קורצן איבערגעחזרט זיין גאַנצן גע־דאַנקענגאַנג פאַר זידאָזיקע לעצטע צוויי יאָר, וואָס זיין אָנהייב איז געווען דער קלאָרער, באַשיינפּערלעכער געדאַנק וועגן טויט באַם אָנבליק פון דעם געליבטן האָפנונגסלאָז קראַנקן ברודער.

ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז פאַר איטלעכן מענטש און פאַר אים איז פאָרויס גאָרנישטאָ, אַ חוץ ליידן, טויט און אייביקע פאַרגעסנקייט, האָט ער באַשלאָסן, אַז אַזוי איז נישט מעגלעך צו לעבן, אַז מען דאַרף אָדער דערקלערן דאָס אייגענע לעבן אַזוי, אַז עס זאָל נישט אויסזעען ווי אַ בייזער שפּאַס פון עפּעס אַ טייוול, אָדער זיך דערשיסן.

אָבער ער האָט נישט געטון נישט דאָס, נישט יענץ, נאָר האָט ווייטער געלעבט, געטראַכט און געפילט און אפילו אין דער זעלבער צייט חתונה געהאַט און איבערגעלעבט אַ סך פריידן און איז געווען

גליקלעך, ווען ער האָט נישט געטראַכט וועגן דער באַדייטונג פון זיין לעבן.

וואָס־זשע האָט דאָס באַדייט? דאָס האָט באַדייט, אַז ער האָט געלעבט גוט, נאָר האָט שלעכט געטראַכט.

ער האָט געלעבט (נישט אָנערקענענדיק דאָס) מיט די גייסטיקע אמתן, וועלכע ער האָט איינגעזויגן מיט דער מילך, און געטראַכט, נישט בלויז נישט אָנערקענענדיק דידאָזיקע אמתן, נאָר פלייסיק אויסמיידנדיק זיי.

אַצינד איז אים קלאָר געווען, אַז ער האָט געקאָנט לעבן בלויז אַ דאַנק די גלויבונגען, אין וועלכע ער איז דערצויגן געוואָרן.

„וואָס וואָלט איך געווען אַזוינס און ווי אַזוי וואָלט איך דורכגעלעבט מיין לעבן, ווען איך וואָלט נישט געהאַט דידאָזיקע גלויבונגען, וואָלט נישט געוווּסט, אַז מ'דאַרף לעבן פאַר גאָט, און נישט פאַר די אייגענע נויטן? איך וואָלט געראַבעוועט, וואָלט ליגנט געזאָגט, וואָלט דערהרגעט. גאָרנישט פון דעם, וואָס שאַפט די הויפּט־פריידן פון מיין לעבן, וואָלט נישט עקזיסטירט פאַר מיר". און מאַכנדיק די גרעסטע אָנשטרענגונגען פונם געדאַנק, האָט ער פונדעסטוועגן נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן די חיהשע ברואה, וועלכע ער אַליין וואָלט געווען, ווען ער וואָלט נישט געוווּסט, צוליב וואָס ער לעבט.

„איך האָב געזוכט אַן ענטפער אויף מיין פראַגע. און קיין ענטפער אויף מיין פראַגע האָט נישט געקאָנט געבן דער געדאַנק, — ער איז נישט גלייכמעסיק צו דער פראַגע. דעם ענטפער האָט מיר געגעבן דאָס לעבן אַליין און מיין וויסן דאָס, וואָס איז גוט און שלעכט און דאָסדאָזיקע וויסן האָב איך מיר נישט דערוואָרבן דורך גאָרנישט, נאָר עס איז מיר געגעבן געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע. געגעבן געוואָרן דערפאַר, וואָס איך האָב עס פון ערגעץ נישט געקאָנט נעמען.

„פונוואַנען האָב איך עס גענומען? צי מיטן שכל בין איך דערגאַנגען צו דעם, אַז מ'דאַרף ליב האָבן דעם נאָענטן און נישט שטיקן אים? מען האָט דאָס מיר געזאָגט אין דער קינדהייט, און איך האָב פריידיק געגלייבט, ווייל מ'האָט מיר געזאָגט דאָס, וואָס איז געווען אין מיין נשמה. און ווער האָט דאָס אַנטדעקט? נישט דער שכל. דער שכל האָט אַנטדעקט דעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ און דאָס געזעץ, וואָס פאָדערט, אַז מ'זאָל שטיקן אַלע, וואָס שטערן דער באַפרידיקונג פון מיינע פאַרלאַנגען. דאָס איז דער אויספיר פון שכל. און ליב האָבן אַ צווייטן האָט נישט געקאָנט אַנטדעקן דער שכל, ווייל דאָס איז נישט שכלדיק".

XIII.

און לעווינען האָט זיך דערמאָנט די נישט לאַנגסטיקע סצענע מיט דאָללין און אירע קינדער. די קינדער, בלייבנדיק אַליין, האָבן אָנגעהויבן צו פּרעגלען מאַלינעס אויף די ליכט און זיך צו גיסן מילך ווי אַ פאָנטאַן אין מויל אַריין. די מוטער, טרעפנדיק זיי בײַ דעם, האָט אין לעווינס קעגנוואַרט זיי אָנגעהויבן אויפקלערן, וויפיל אַרבעט עס קאָסט די גרויסע דאָס, וואָס זיי מאַכן קאַליע, אַז דידאָזיקע אַרבעט ווערט געטון פאַר זיי, אַז אויב זיי וועלן צעברעכן די שעלעכלעך, וועלן זיי נישט האָבן פון וואָס קיין טיי צו טרינקען, און אויב זיי וועלן אויסגיסן די מילך, וועלן זיי נישט האָבן וואָס צו עסן און וועלן שטאַרבן פון הונגער.

און לעווינען האָט איבערראַשט דער רויקער, גלייכגילטיקער אומצוטרוי, מיט וועלכן די קינדער האָבן געהערט דידאָזיקע רייד דער מוטערס. זיי זענען בלויז געווען באַטריבט פון דעם, וואָס עס איז איבערגעריסן געוואָרן זייער אינטערעסאַנטער שפּיל, און האָבן נישט געגלייבט אין קיין איין וואָרט, וואָס די מוטער האָט געזאָגט. זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט גלייבן, ווייל זיי האָבן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן דעם גאַנצן פאַרנעם פון דעם, פון וואָס זיי געניסן, און דעריבער זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס, וואָס זיי מאַכן קאַליע, איז טאַקע דאָס, פון וואָס זיי לעבן.

„דאָס אַלץ מאַכט זיך אַליין, — האָבן זיי געקלערט, — און קיין שום אינטערעסאַנטס און וויכטיקס איז אין דעם נישט פאַראַן, ווייל דאָס איז תמיד געווען און וועט זיין. און שטענדיק אַלץ דאָס אייגענע. וועגן דעם דאַרפן מיר נישט קלערן, דאָס איז דאָ גרייט; און אונז גלוסט זיך אויסצוקלערן עפּעס אייגנס און נייס. אָט האָבן מיר אויסגעקלערט אַריינצולייגן מאַלינעס אין אַ שעלעכל און צו פּרעגלען זיי אויפן ליכט, און די מילך זיך צו גיסן גלייך ווי אַ פאָנטאַן פון איין מויל אין אַנדערן אַריין. דאָס איז פריילעך און ניי און גאָרנישט ערגער, ווי צו טרינקען פון די שעלעכלעך.

„צי נישט דען דאָס אייגענע טוען מיר, האָב איך געטון, זוכנדיק צו

פאַרשטיין מיטן שכל די כּוחות פון דער נאַטור און דעם זינען פון מענטש־
...עכן לעבן ?" האָט ער ווייטער געטראַכט.

„און צו טוען דען נישט דאָס אייגענע אַלע פילאָזאָפישע טעאָריעס, מיטן וועג פון אויסטערלישן טראַכטן, וואָס איז נישט אייגנטימלעך דעם מענטש, ברענגענדיק אים צום וויסן פון דעם, וואָס ער ווייסט שוין לאַנג און ווייסט דאָס אַזוי זיכער, אַז ער וואָלט אָן דעם אפילו נישט געקאָנט לעבן ? צי זעט מען נישט קלאָר אין דער אַנטוויקלונג פון דער טעאָריע פון איטלעכן פילאָזאָף, אַז ער ווייסט פאָרויס פונקט אַזוי אומצווייפלהאַפט, ווי ...ער פויער פעדאָר, און קיין האָר נישט קלאָרער פון אים דעם הויפּט־זינען פון לעבן און וויל בלויז אויפן צווייפלהאַפטן אינטעלעקטועלן וועג זי... אומקערן צו דעם, וואָס איז אַלעמען באַוווּסט ?

„פּרוּווט נאָר, לאָזט די קינדער, זיי זאָלן זיך אַליין אַלץ איינשאַפן, מאַכן געשיר, מעלקן די מילך און אַז. וו. צי וואָלטן זיי געשטיפט ? זיי וואָ...טן געשטאָרבן פון הונגער. פּרוּווט נאָר, לאָזט אונז מיט אונזערע ל...יין גשאַפטן, מיט אונזערע געדאַנקען, אָן דעם באַגריף וועגן איינציקן גאָט און באַשעפער אָדער אָן דעם באַגריף פון דעם, וואָס עס איז אַזוינס גוטס, אָן דער אויסטייטשונג פון מאָראַלישן שלעכטס !

„פּרוּווט נאָר אָן דידאָזיקע באַגריפן עפּעס אויפבויען !

„מיר צעשטערן בלויז, ווייל מיר זענען גייסטיק זאַט. טאַקע ווי די קינדער !

„פונוואַנען קומט צו מיר דאָס פריידיקע, מיטן פויער בשותּפותדיקע וויסן, וואָס בלויז דאָס אַליין גיט מיר די רו פון דער נשמה ? ווו האָב איך דאָס גענומען ?

„איך, וואָס בין דערצויגן געוואָרן אין די באַגריפן וועגן גאָט, אַלס קריסט, וואָס האָב אָנגעפולט דאָס גאַנצע לעבן מיינס מיט די גייסטיקע חסדים, וועלכע עס האָט מיר געגעבן דאָס קריסטנטום, וואָס בין פול אינ־גאַנצן און לעב מיט דידאָזיקע חסדים, איך, ווי די קינדער, נישט פאַר־שטייענדיק זיי, צעשטער, דאָס הייסט, וויל צעשטערן, דאָס, פון וואָס איך לעב. און ווי נאָר עס קומט אָן אַ וויכטיקע מינוט אין לעבן, ווי די קינ־דער, ווען עס איז זיי קאַלט און זיי זענען הונגעריק, גיי איך צו אים און פיל נאָך ווינציקער, ווי די קינדער, וועלכע די מוטער זידלט פאַר זייערע קינדערישע שטיפערייען, אַז מיינע קינדערישע ווילדע שטיפערייען ווערן מיר נישט פאַררעכנט.

„יאָ, דאָס, וואָס איך ווייס, ווייס איך נישט מיטן שכל, נאָר דאָס איז מיר געגעבן געוואָרן, דאָס איז מיר אַנטדעקט געוואָרן, און איך ווייס דאָס מיטן האַרץ, מיטן גלויבן אין דעם וויכטיקן, וואָס עס פּריידיקט די קירכע.

„די קירכע? די קירכע!“ האָט לעווין זיך איבערגעחזרט, איבער־געלייגט זיך אויף דער צווייטער זייט און, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דער האַנט, אָנגעהויבן קוקן אין דער ווייטקייט, אויף דער סטאַדע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן פון יענער זייט צום טייך.

„צי קאָן איך נישט גלייבן אין אַלץ, וואָס עס פּריידיקט די קיר־כע?“ האָט ער געטראַכט, אויספּרווונדיק זיך און דורכטראַכטנדיק דאָס אַלץ, וואָס האָט געקאָנט צעשטערן זיין איצטיקע רויקייט. ער האָט בכיוון אָנגעהויבן זיך דערמאָנען די לערעס פון דער קירכע, וועלכע האָבן אים מער פון אַלץ שטענדיק אויסגעזען אויסטערליש און אים געבערענגט צו נסיון. „די באַשאַפונג? מיט וואָס זשע האָב איך דערקלערט די עקזיס־טענץ? מיט דער עקזיסטענץ? מיט גאָרנישט? — טייוול און זינד. — מיט וואָס־זשע דערקלער איך דאָס שלעכטס?... דער אויסלייזער?... אָבער איך ווייס גאָרנישט, גאָרנישט און קאָן גאָרנישט וויסן, חוץ בלויז דאָס, וואָס עס איז מיר געזאָגט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע“.

און אים האָט זיך אַצינד געדאַכט, אַז עס איז נישטאָ קיין איינס פון די קירכלעכע גלויבונגען, וואָס זאָל צעשטערן דאָס וויכטיקסטע — דעם גלויבן אין גאָט, אין גוטס, ווי די איינציקע באַשטימונג פון מענטש.

אונטער יעדער גלויבונג פון דער קירכע האָט מען געקאָנט אַרונ־טערשטעלן אַ גלויבונג אין דינען דעם אמת אַנשטאָט די אייגענע נויטן. און איטלעכע האָט נישט בלויז צעשטערט דאָסדאָזיקע, נאָר איז געווען נייטיק פאַר דעם, אַז עס זאָל פאַרקומען דאָס וויכטיקע וווּנדער, וואָס געשעט תמיד אויף דער ערד, וואָס באַשטייט אין דעם, אַז עס זאָל מעג־לעך זיין יעדן צוזאַמען מיט די מיליאָנען פאַרשידנאַרטיקסטע מענטשן, חכמים און נאַראָנים, קינדער און אַלטע לייט — מיט אַלע, מיטן פּויער, מיט לוואָוון, מיט קיטין, מיט די אָרימע און די קיסריים, אומצווייפל־האַפט צו פאַרשטיין איינס און דאָס זעלבע און צו שאַפן דאָס לעבן פון דער נשמה, וואָס נאָר פאַר דעם לוינט צו לעבן און וואָס נאָר דאָס שעצן מיר.

ליגנדיק אויפן רוקן, האָט ער אַצינד געקוקט אויף דעם הויכן,

לויטערן הימל. „צי ווייס איך דען נישט, אז דאָס איז — אַן אומענדלע־כער רוים און נישט קיין קיילעכדיק געוועלב? אָבער ווי איך זאָל מיך נישט זשמורען און נישט אָנשטרענגען מיין ראיה, קאָן איך אים נישט זעען נישט קיילעכדיק און נישט באַגרענעצט, און, נישט געקוקט אויף מיין וויסן וועגן דעם אומענדלעכן רוים, בין איך אומצווייפלהאַפט גערעכט, ווען איך זע אַ פעסט בלוי געוועלב, און מער גערעכט, ווי ווען איך שטרענג מיך אָן צו זעען ווייטער דערויף".

לעווין האָט שוין אויפגעהערט צו טראַכטן און האָט בלויז אַזוי ווי זיך צוגעהערט צו די געהיימנישפולע שטימען, וואָס האָבן וועגן עפּעס פריידיק און פאַרזאָרגט זיך איבערגעשמועסט צווישן זיך.

„ווי איז דאָס גלויבן?" האָט ער אַ קלער געטון, מורא האָבנדיק צו גלייבן אין זיין גליק.

— גאָט מיינער, איך דאַנק ד י ר! — האָט ער אַ זאָג געטון, אַראָפּ־שלינגענדיק די שלוכצן, וואָס האָבן אים אָנגעהויבן צו שטיקן, און אויס־ווישנדיק מיט ביידע הענט די טרערן, מיט וועלכע זיינע אויגן זענען פול געווען.

XIV.

לעווין האָט געקוקט פאַר זיך און געזעען די סטאַדע, דערנאָך האָט ער דערזעען זיין פורל מיטן שוואַרצן פערד און דעם קוטשער, וועלכער איז צוגעפאָרן צו דער סטאַדע און האָט גערעדט עפּעס מיטן פאַסטוך; דערנאָך האָט ער שוין נאָענט פון זיך דערהערט דאָס גערויש פון די רעדער און דאָס פאַרסקען פון דעם זאַטן פערד; אָבער ער איז אַזוי פאַרשלונגען געווען פון זיינע געדאַנקען, אַז ער האָט אפילו נישט געקאָנט קיין קלער טון נאָך וואָס דער קוטשער פאָרט צו אים.

ער האָט זיך דערמאַנט אין דעם בלויז דעמאָלט, ווען דער קוטשער איז שוין איינגאַנצן געהאַט צוגעקומען צו אים און האָט אים אַ רוף געטון.

— די מאַדאַם האָט געשיקט. עס איז געקומען דער ברודער און נאָך עפּעס אַ הער.

לעווין האָט זיך אַריינגעזעצט אין פורל און גענומען די לייצן.

ווי אויפגעוואַכט פון אַ שלאָף, האָט לעווין לאַנג נישט געקאָנט קומען צו זיך. ער האָט באַטראַכט דאָס זאַטע פערד, וואָס איז פאַרשוימט געווען אויפן האַלז, ווו די לייצן האָבן עס געריבן, באַטראַכט איוואַן דעם קוטשער, וואָס איז געזעסן לעבן אים, און זיך דערמאָנט אָן דעם, אַז ער האָט זיך גערעכט אויפן ברודער, אַז דאָס ווייב באַאומרויקט זיך, מסתמא, צוליב זיין לאַנגער אָפּוועזנהייט, און האָט זיך באַמיט משער צו זיין ווער עס איז דער גאַסט, וואָס איז געקומען מיטן ברודער. און דער ברודער, און די פרוי, און דער אומבאַקאַנטער גאַסט האָבן אים אַצינד אויסגעזען אַנדערש, ווי פריער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַצינד וועלן זיינע באַציונגען מיט אַלע אַנדערע שוין זיין אַנדערש.

„מיטן ברודער וועט שוין אַצינד נישט זיין די פרעמדקייט, וועלכע איז שטענדיק געווען צווישן זיי, — עס וועלן שוין נישט זיין קיין חלוקי דעות; מיט קיטין וועלן שוין קיינמאָל נישט זיין קיין מחלוקות, מיטן גאַסט, ווער ער זאָל נישט זיין, וועל איך זיין ליבלעך און גוט, מיט די מענטשן, מיט איוואַנען — אַלץ וועט זיין אַנדערש“.

איינהאַלטנדיק מיט שטייף־פאַרצויגענע לייצן דאָס גוטע פערד, וואָס האָט געפּאָרסקעט פון אומגעדולד און זיך געריסן שנעלער צו גיין, האָט לעווין זיך אומגעקוקט אויף איוואַנען, וואָס איז געזעסן לעבן אים, האָט נישט געוווסט, וואָס צו טון מיט זיינע פריי געבליבענע הענט, האָט כּסדר צוגעדריקט זיין זיך אָנבלאָזנדיק העמד, און ער האָט געזוכט אַן אויסרייד אָנצוהייבן אַ שמועס מיט אים. ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז בחינם האָט איוואַן צו הויך פאַרצויגן דאָס געזעס, נאָר דאָס איז ענלעך געווען צו אַ פאָרוואורף, און אים האָט זיך געגלוסט צו פירן אַ ליבלעך געשפּרעך. עפּעס אַנדערש איז אים אָבער נישט געקומען אין קאָפּ אריין.

— איר וועט באַווייליקן זיך צו פאַרנעמען רעכטס, וואָרים דאָ געפינט זיך אַ שטאָם אויפן וועג, — האָט דער קוטשער געזאָגט, פאַרעכטנדיק בײַ די לייץ לעווינען.

— איך בעט דיך, ריר נישט און לערן מיך נישט! — האָט לעווין געזאָגט, מיט תּרעומות אויף דעם, וואָס דער קוטשער האָט זיך צריינגעמישט. פּונקט ווי שטענדיק, האָט דאָס אַריינמישן זיך אַרויסגערופן בײַ אים תּרעומות, און ער האָט גלייך מיט טרויער דערפילט, ווי טעותדיק עס איז געווען זיין השערה וועגן דעם, אַז אַ גייסטיקע שטימונג זאָל אים גלייך קאָנען ענדערן באַם באַרירן זיך מיט דער ווירקלעכקייט.

נאָך אַ פערטל וויאָרסט פון דער היים, האָט לעווין שוין דערזעען גרישען און טאַניען, וואָס זענען אים אַקעגנגעלאָפן.

— פעטער קאָסטיא! די מאַמאַ גייט, און דער זיידעשי, און סערגיי איוואַנאָוויטש, און נאָך עמעצער, — האָבן זיי געזאָגט, אַרויפקריכנדיק אויפן פורל.

— אָבער ווער?

— אַ זייער שרעקלעכער! און ער מאַכט אָט אַזוי מיט די הענט, — האָט טאַניאַ געזאָגט, זיך אויפהייבנדיק אין פורל און נאָכמאַכנדיק קאַטאַוואַסאָוון.

— ער איז אַן אַלטער צי אַ יונגער? — האָט לאַכנדיק געפרעגט לעווין, וועמען טאַניעס פאָרשטעלן האָט עמעצן דערמאָנט.

„אַך, עס זאָל נאָר נישט זיין קיין נישט אָנגענעמער מענטש!" האָט לעווין אַ קלער געטון.

ווי נאָר ער האָט זיך אַריינגעדרייט באַם אויסבויג פון וועג און דערזעען די אַקעגנגייענדיקע, האָט לעווין גלייך דערקענט קאַטאַוואַסאָוון אין שטרויענעם הוט, וועלכער איז געגאַנגען פונקט אַזוי מאַכנדיק מיט די הענט, ווי טאַניאַ האָט פאָרגעשטעלט.

קאַטאַוואַסאָוו האָט זייער ליב געהאַט צו רעדן וועגן פילאָזאָפיע, האָבנדיק וועגן איר אַ באַגריף פון די נאַטורוויסנשאַפטלער, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט פילאָזאָפיע, און אין מאָסקווע האָט לעווין די לעצטע צייט אַ סך דיסקוטירט מיט אים.

און איינער פון אַזעלכע געשפרעכן, אין וועלכן קאַטאַוואַסאָוון האָט זיך, משמעות, געדאַכט, אַז ער האָט געזיגט, איז געווען דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך לעווינען דערמאַנט, ווען ער האָט אים דערקענט.

„ניין, דיסקוטירן און לייכטזיניק אַרויסזאָגן מיינע געדאַנקען וועל איך שוין בשום אופן נישט", האָט ער אַ קלער געטון.

ווען ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון פורל און זיך באַגריסט מיטן ברודער און מיט קאַטאַוואַסאָוון, האָט לעווין זיך געפרעגט אויפן ווייב:

— זי האָט איבערגעטראָגן מיטיען אין קאָלאָק אַריין (דאָס איז געווען דער וואַלד לעבן הויז). זי האָט אים געוואָלט איינאָרדנען דאָרט, ווייל אין שטוב איז הייס, — האָט דאָלי געזאָגט. לעווין האָט שטענדיק אָפּגערעדט דאָס ווייב פון טראָגן דאָס קינד אין וואַלד אַריין.

האַלטנדיק דאָס פּאָר געפּערלעך, און דידאַזיקע ידיעה איז אים געווען נישט אָנגענעם.

— זי טראָגט זיך אַרום מיט אים פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן, — האָט דער פֿירשט געזאָגט מיט אַ שמייכל. — איך האָב איר געראָטן צו פּרוּוון אים אַראָפּטראָגן אין אייז-קעלער אַריין.

— זי האָט געוואָלט קומען צו די בינשטאָקן. זי האָט געמיינט, אַז דו ביסט דאָרט. מיר גייען אַהין, — האָט דאָלי געזאָגט.

— נו, וואָס מאַכסטו? — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, אָפּ-שטייענדיק פֿון די איבעריקע און זיך אויסגלייכנדיק מיטן ברודער.

— קיין שום באַזונדערס. ווי שטענדיק, איך פֿאַרנעם מיך מיטן באַלעבאַטישקייט, — האָט לעווין געענטפֿערט. — וואָס-זשע מאַכסטו, ביסט געקומען אויף לאַנג? מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט

— אויף אַ צוויי וואָכן. ס'איז דאָ זייער אַ סך אַרבעט אין מאָסקווע.

בײַ די ווערטער האָבן זיך די ברידערס אויגן באַגעגנט, און נישט געקוקט אויף דעם שטענדיקן און אַצינד באַזונדערס שטאַרקן פֿאַרלאַנג אין אים צו זיין אין פֿרײַנטלעכע און דער עיקר איינפֿאַכע באַציונגען מיטן ברודער, האָט לעווין דאָך דערפֿילט, אַז אים איז נישט באַקוועם צו קוקן אויף אים. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן.

איבערקלייבנדיק אַזעלכע טעמעס פֿאַר אַ שמועס, וואָס זאָלן זיין אָנגענעם סערגיי איוואַנאָוויטשן און זאָלן אים אָפּציען פֿון דעם געשפּרעך וועגן דער סערבישער מלחמה און סלאַוויאַנישער פֿראַגע, וועגן וועלכן ער האָט מרמז געווען אין דעם דערמאָנען וועגן די באַשעפֿטיקונגען אין מאָסקווע, האָט לעווין אָנגעהויבן צו רעדן וועגן סערגיי איוואַנאָוויטשס בוך.

— נו וואָס, עס זענען געווען רעצענזיעס וועגן דיין בוך? — האָט ער געפֿרעגט.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אַ שמייכל געטון אויף דער בכיוונדיקער פֿראַגע.

— קיינער איז נישט פֿאַרנומען מיט דעם, און איך ווינציקער פֿון אַנדערע, — האָט ער געזאָגט. — איר וועט זען, דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוו-נאַ, עס וועט זיין אַ רעגנדל, — האָט ער צוגעגעבן, אָנווייזנדיק מיטן

שירם אויף די ווייסע וואַלקנדלעך, וואָס האָבן זיך באַוויזן איבער די שפּיצן פון די אַשינעס.

און דידאַזיקע ווערטער זענען גענוג געווען, אַז די נישט פיינט־לעכע, נאָר קאַלטע באַציונג פון איינעם צום אַנדערן, וועלכע לעווין האָט אַזוי געוואָלט אויסמיידן, זאָל זיך ווידער איינשטעלן צווישן די ברידער.

לעווין איז צוגעגאַנגען צו קאַטאַוואַסאָוון.

— ווי גוט איר האָט געטון, וואָס איר האָט באַשלאָסן צו קומען, — האָט ער אים געזאָגט.

— איך האָב מיך שוין לאַנג געקליבן. אַצינד וועלן מיר שמועסן אַ ביסל, וועלן זעען. ספּענסערן האָט איר איבערגעלייענט?

— ניין, נישט פאַרענדיקט, — האָט לעווין געזאָגט. — איבעריקנס, ער איז מיר אַצינד נישט נייטיק.

— וואָס הייסט? דאָס איז אינטערעסאַנט, פאַרוואָס?

— דאָס הייסט, איך האָב זיך פולשטענדיק איבערצייגט, אַז קיין ענטפער אויף די פראַגן, וואָס אינטערעסירן מיך, וועל איך נישט געפי־נען בא אים און זיינס גלייכן. אַצינד... אָבער דער רויקער און פריילעכער אויסדרוק פון קאַטאַוואַסאָווס פּנים האָט אים פּלוצלינג איבעררראַשט, און אים איז אַזוי אַ שאָד געוואָרן זיין שטימונג, וועלכע ער האָט זיך משמעות צע־שטערט מיט דעמדאָזיקן געשפּרעך, אַז, דערמאָנענדיק זיך אָן זיין אָב־זיכט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

— איבעריקנס, מיר וועלן שוין דערנאָך שמועסן, — האָט ער צו־געגעבן. — אויב צו די בינשטאָקן, איז דאָ אַרום, מיט דעם וועגעלע, — האָט ער זיך געווענדט צו אַלע.

צוקומענדיק איבערן שמאָלן שטעגל צו אַ נישט אָפּגעקאָשעט שטיקל לאָנקע, וואָס איז באַדעקט געווען פון איין זייט מיט אַ מענגע העלע סאַמעט־בלימעלעך, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אָפט צעוואַקסן טונקל־גרינע, הויכע קוסטעס טשעמעריצע, האָט לעווין באַזעצט זיינע געסט אין געדיכטן, קילן שאָטן פון די יינגע אָשינעס אויף דער באַנק און אויף די קלעצלעך, וואָס זענען ספּעציעל צוגעגרייט געווען פאַר די באַזוכער פון די בינשטאָקן, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר די בינען, און אַליין איז ער געגאַנגען ברענגען פאַר די קינדער און די גרויסע ברויט, אוגערקעס און פרישן האָניק.

באַמיענדיק זיך צו מאַכן ווי ווייט מעגלעך ווינציקער האַסטיקע

באַוועגונגען און צוהערנדיק זיך צו די בינען, וואָס זענען אַלץ אָפטער און אָפטער פאַרביי אים דורכגעפלויגן, איז ער צוגעגאַנגען איבערן שטעגל צום הויז. באַם סאַמע הויז האָט איין בין אַ זשווזשע געטון, זיך אַריינפלאָנטערנדיק אים אין דער באָרד, נאָר ער האָט זי פאָרזיכטיק אַרויסגענומען. אַריינקומענדיק אין שאָטנדיקן הויז, האָט ער אַראָפּגענומען פון דער וואַנט זיין אויף אַ קאָליק אויפגעהאָנגענע שאַטקע, זי אָנגעטון, אַריינגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס און אַריינגעגאַנגען אין דעם אַרומגעצוימטן אָרט פון די בינשטאָקן, ווו עס זענען אין רעגולערע רייען, צוגעבונדן צו פאַליעס, געשטאַנען אויף אַן אָפּגעקאָשעט אָרט אַלע אים באַקאַנטע, יעדער מיט זיין געשיכטע, אַלטע בינשטאָקן, און לענגאויס דעם געפלאָכטענעם פלויט די יונגע ערשט אין דעם יאָר איינגעאָרדנטע בינשטאָקן. אַרום די לעכלעך פון די בינשטאָקן האָבן געשימערט אין די אויגן בינען, וואָס האָבן זיך געדרייט און אַרומגעזומט אויף איין אָרט, און פון צווישן זיי זענען אַלץ אין דער זעלבער ריכטונג, אין וואַלד אַריין צו די בליענדיקע ליפּעס און צוריק צו די בינשטאָקן, געפלויגן די אַרבעטס־בינען.

אין די אויערן האָבן כסדר זיך אָפּגערופן פאַרשידנאַרטיקע קלאַנגען דאָ פון אַ פאַרנומענער אַרבעטס־בין, וואָס איז שנעל דורכגעפלויגן, דאָ פון אַ זשומענדיקער בין, וואָס האָט זיך סתם געדרייט אַרום דעם בינשטאָק, דאָ פון די אויפגערעגטע וועכטער־בינען, וואָס האָבן געהיטן פון אַ שונא זייער פאַרמעגן און זענען גרייט געווען צו לאָזן גיפטן. אין דער זייט פון דער פאַרצוימונג האָט אַן אַלטער געשניצט אַ רייף און נישט געזען לעווינען. לעווין האָט אים נישט גערופן און זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן די בינשטאָקן.

ער איז צופרידן געווען פון דער געלעגנהייט צו זיין אַ ביסל אַליין, כדי זיך צו דערווייטערן פון דערווירקלעכקייט, וועלכע האָט שוין באַוויזן אַזוי וואַכעדיק צו מאַכן זיין שטימונג.

ער האָט זיך דערמאַנט, אַז ער האָט שוין באַוויזן זיך צו בייזערן אויף איוואַנען, אַרויסצווייזן אַ קאַלטקייט דעם ברודער און צו כאַפּן אַ לייכטזיניקן שמועס מיט קאַטאַוואַסאָוון.

„צי איז דאָס געווען בלויז אַ מינוטנווייליקע שטימונג און זי וועט פאַרגיין, נישט איבערלאָזנדיק קיין שפּור?" האָט ער אַ קלער געטון.

אָבער אין דער זעלבער מינוט, וואָס ער האָט זיך אומגעקערט צו

זיין שטימונג, האָט ער מיט פרייד דערפילט, אַז עפּעס נייעס און וויכטיקס איז פאָרגעקומען אין אים. די ווירקלעכקייט האָט בלויז אויף אַ ווײלע פאַרשטעלט די גייסטיקע רויקייט, וועלכע ער האָט געפונען, אָבער זי איז געווען גאַנץ אין אים.

פונקט אַזוי ווי די בינען, וואָס האָבן זיך אַצינד געדרייט אַרום אים, האָבן אים באַדראָט און צעשטרייט, האָבן אים צוגענומען די פולע פיזישע רויקייט, האָבן אים גענייט זיך צוריקצוציען, אויסמיידנדיק זיי, אַזוי האָבן אויך די דאגות, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, ווי נאָר ער איז אַריינגעזעסן אין פורל, אים צוגענומען די גייסטיקע פרייהייט; אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז אַזוי לאַנג, כּל-זמן ער איז געווען צווישן זיי. פונקט אַזוי, ווי נישט געקוקט אויף די בינען, איז זיין קערפּערלעכער כּוח געווען גאַנץ אין אים, אַזוי איז אויך גאַנץ געווען זיין נייער דורך אים אַנערקענטער גייסטיקער כּוח.

XV.

— און דו ווייסט, קאָסטיאַ, מיט וועמען סערגיי איוואַנאָוויטש איז געפאָרן אַהער? — האָט דאָללי געזאָגט, איינטיילנדיק די קינדער אוגערקעס און האָניק. — מיט ווראָנסקין! ער פאָרט קיין סערביע.

— און נישט בלויז אַליין, ער פירט אַן עסקאַדראָן אויף זיין חשבון! — האָט קאַטאַוואַסאָוו געזאָגט.

— דאָס פּאַסט אים, — האָט לעווין געזאָגט. — און עס פאָרן דען נאָך אַ לעקפרייוויליקע? — האָט ער צוגעגעבן, אַ בליק געבנדיק אויף סערגיי איוואַנאָוויטשן.

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט נישט געענטפערט און פאָרזיכטיק אַרויסגענומען מיטן טעמפּן מעסער פון שעלעכל, אין וועלכן עס איז געלעגן אַ ווייס שטיק פלאַסטער, אַ נאָך לעבעדיקע בין.

— אָבער נאָך ווי! איר וואָלט געזען, וואָס עס איז נעכטן געווען אויף דער סטאַציע, — האָט קאַטאַוואַסאָוו געזאָגט, הויך אָפּבייסנדיק די אוגערקע.

— נו, ווי אַזוי זאָל מען דאָס פאַרשטיין? ווי גאָט איז אייך ליב, דערקלערט מיר, סערגיי איוואַנאָוויטש, וווהין עס פאָרן די־דאָזיקע אַלע

פרייוויליקע, מיט וועמען זיי קעמפן ? — האָט דער אַלטער פירשט געפרעגט, משמעות פאַרזעצנדיק דעם געשפּרעך, וואָס איז נאָך אָנגעהויבן געוואָרן אָן לעווינען.

— מיט די טערקן, — האָט רויק שמייכלענדיק געענטפערט סערגיי איוואַנאָוויטש, אַרויסנעמענדיק די שוואַרץ געוואָרענע בין פון האָניק, וואָס האָט הילפלאָז באַוועגט מיט די פיסלעך, און זי אַראָפּגעזעצט פון מעסער אויף אַ גרויס אָשינע-בלאַט.

— אָבער ווער האָט דערקלערט מלחמה די טערקן ? איוואַן איוואַנאָוויטש ראַגאָזאָוו און די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ מיט דער מאַדאַם שטאַל ?

— קיינער האָט נישט דערקלערט קיין מלחמה, נאָר די מענטשן פילן מיט די ליידן פון זייערע נאָענטע און ווילן זיי העלפן, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט.

— אָבער דער פירשט רעדט נישט וועגן הילף, — האָט לעווין געזאָגט, זיך אָננעמענדיק פאַרן שווער, — נאָר וועגן מלחמה. דער פירשט זאָגט, אַז פּריוואַטע מענטשן קאָנען נישט נעמען קיין אָנטייל אין אַ מלחמה אָן דער דערלויבניש פון דער רעגירונג.

— קאָסטיאַ, זע, דאָס איז אַ בין ! כ'לעבן, זיי וועלן אונז צעבייסן ! — האָט דאָלי געזאָגט, זיך אָפּיאָגנדיק פון אַ בין.

— נו, נו, ווי אַזוי איז אייער טעאָריע ? — האָט קאַטאַוואַסאָוו געזאָגט מיט אַ שמייכל צו לעווינען, משמעות אַרויסרופנדיק אים אויף אַ וויכוח. — פאַרוואָס האָבן קיין פּריוואַטע מענטשן נישט קיין רעכט ?

— מיין טעאָריע איז פאָלגנדע : די מלחמה איז, פון איין זייט, אַזאַ חיהשע, אַכזריותדיקע און שרעקלעכע זאַך, אַז קיין איין מענטש, איך זאָג שוין נישט קיין קריסט, קאָן נישט פּערזענלעך נעמען אויף זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט אָנצוהייבן אַ מלחמה, נאָר עס קאָן דאָס בלויז טון די רעגירונג, וועלכע איז באַרופן און ווערט דערפירט אויף אָן אומפאַרמיידלעכן אופן צו דעם. פון דער צווייטער זייט זאָגן זיך די בירגער אָפּ פון זייער אייגענעם ווילן, ווען עס האַנדלט זיך אין מלוכה-ענינים, באַזונדערס אין ענין פון מלחמה.

סערגיי איוואַנאָוויטש און קאַטאַוואַסאָוו האָבן מיט גרייטע דערווידערונגען אָנגעהויבן צו רעדן איינצייטיק.

— אין דעם גייט עס דאָך, טייערינקער, וואָס עס קאָנען זיין פאַלן, ווען די רעגירונג דערפילט נישט דעם ווילן פון די בירגער, און

דעמאָלט דריקט די געזעלשאַפט אויס איר ווילן, — האָט קאַטאַוואַסאָוו געזאָגט, אָבער סערגיי איוואַנאָוויטש האָט, משמעות, נישט באַגיטיקט די דאָזיקע דערווידערונג. ער האָט זיך אָנגעכמורעט אויף קאַטאַוואַסאָווס ווערטער און האָט געזאָגט עפּעס אַנדערש.

— אומזיסט שטעלסטו אַזוי די פראַגע. דאָ איז נישט פאַראַן קיין מלחמה־דערקלערונג, נאָך איינפאַך אַן אויסדרוק פון אַ מענטשלעך, קריסטלעך געפיל. מען דערהרגעט ברידער, פון אייגענעם בלוט און אייגענעם גלויבן. נו, לאָמיר זאָגן, נישט קיין ברידער, נישט פון אייגענעם גלויבן, נאָר סתּם קינדער, פרויען, אַלטע לייט; דאָס געפיל ווערט אויפגעקאָכט, די רוסישע מענטשן לויפן, כדי צו העלפן אַ סוף מאַכן צו די דאָזיקע גרויליקייטן. שטעל דיר פאָר, וואָס עס וואָלט געווען. ווען דו וואָלסט געגאַנגען אויף דער גאַס און דערזעען, אַז שכּורע שלאָגן אַ פרוי אָדער אַ קינד; איך מיין, דו וואָלסט נישט געגאַנגען פרעגן, צי עס איז יאָ אָדער נישט דערקלערט געוואָרן מלחמה דעמדאָזיקן מענטש, נאָר דו וואָלסט זיך געוואָרפן אויף אים און וואָלסט פאַרטיידיקט דעם באַליידיקטן.

— אָבער וואָלט נישט דערהרגעט, — האָט לעווין געזאָגט.

— ניין, דו וואָלסט דערהרגעט.

— איך ווייס נישט. ווען איך וואָלט דאָס דערזעען, וואָלט איך מיך אָפּגעגעבן מיין אוממיטלבאַר געפיל; אָבער פאָרויס זאָגן קאָן איך נישט. און אַזאַ אוממיטלבאַר געפיל בנוגע דעם אונטערדריקן די סלאַוויאַנער איז נישטאָ און עס קאָן נישט זיין.

— אפשר פאַר דיר איז נישטאָ. אָבער פאַר אַנדערע איז יאָ דאָ, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט און נישט ווילנדיק זיך אָנגעכמורעט. — אין פאָלק לעבן מסורות וועגן רעכטגלויביקע מענטשן, וואָס ליידן אונטער דעם יאָך פון די „גאָטלאָזע ישמאלים“. דאָס פאָלק האָט דערהערט וועגן די ליידן פון זיינע ברודער און איז אויפגערודערט געוואָרן.

— אפשר, — האָט לעווין געזאָגט נאָכגעביק, — נאָר איך זע נישט; איך אַליין בין — דאָס פאָלק, און איך פיל דאָס נישט.

— אָט בין איך דאָך אויך דער אייגענער, — האָט דער פירשט געזאָגט. — איך האָב געלעבט אין אויסלאַנד, האָב געלייענט די צייטונגען און בין מיך מודה, אַז נאָך פאַר די בולגאַרישע גרוילעכקייטן האָב איך בשום אופן נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אַלע רוסן האָבן פּלוצלינג אַזוי ליב געקריגן די ברידער סלאַוויאַנער, און איך פיל נישט צו זיי

קיין שום ליבע? איך האָב מיך זייער מצער געווען, האָב געמיינט, אַז איך בין אַזאַ אויסטערלישער, אָדער אַז קאַרלסבאַד ווירקט אַזוי אויף מיר. אָבער, ווען איך בין געקומען אַהער, האָב איך מיך באַרויקט; איך זע אַז אויך חוץ מיר זענען דאָ מענטשן, וואָס אינטערעסירן זיך בלויז מיט רוסלאַנד און נישט מיט די ברידער סלאַוויאַנער. אָט קאָנסטאַנטין אויך.

— קיין פערזענלעכע מיינונגען האָבן דאָ קיין שום באַדייטונג נישט, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, — עס גייען קיינעם נישט אָן קיין פערזענלעכע מיינונגען, ווען גאַנץ רוסלאַנד — דאָס פאָלק האָט אויסגעדריקט זיין ווילן.

— יאָ, אָבער אַנטשולדיקט מיר. איך זע דאָס נישט. דאָס פאָלק ווייסט אפילו נישט, — האָט דער פירשט געזאָגט.

— ניין, פאַפאַ... וואָס הייסט נישט, און זונטיק אין קירכע? — האָט דאָללי געזאָגט, זיך צוהערנדיק צום געשפּרעך. — גיב, איך בעט דיך, דאָס האַנטוך, — האָט זי געזאָגט צום אַלטן, וואָס האָט מיט אַ שמייכל געקוקט אויף די קינדער. — עס קאָן נישט זיין, אַז אַלע...

— וואָס-זשע איז געווען זונטיק אין קירכע? מען האָט דעם גייסט-לעכן געהייסן איבערלייענען. ער האָט איבערגעלייענט. זיי האָבן גאָר-נישט פאַרשטאַנען, האָבן געזיפצט ווי בײַ יעדער דרשה, — האָט דער פירשט פאָרגעזעצט. — דערנאָך האָט מען זיי געזאָגט, אַז מען נעמט צוזאַמען אויף אַ דבר-מצווה אין דער קירכע, נו, האָבן זיי אַרויס-גענומען צו קאָפּיקעס און געגעבן, נאָר אויף וואָס — ווייסן זיי אַליין נישט.

— דאָס פאָלק קאָן נישט נישט וויסן; דאָס באַוווּסטזיין פון די אייגענע שיקזאַלן לעבט תמיד אין פאָלק, און אין אַזעלכע מינוטן, ווי די היינטיקע, ווערט עס אים קלאָר, — האָט מיט זיכערקייט געזאָגט סערגיי איוואַנאָוויטש, אַ בליק געבנדיק אויף דעם אַלטן וועכטער פון די בינשטאָקן.

דער שיינער אַלטיטשקער מיט דער שוואַרצער גרוילעכער באָרד און געדיכטע זילבערנע האָר איז אומבאַוועגלעך געשטאַנען, האַלטנדיק דאָס שעלעכל מיטן האָניק, ליבלעך און רויק קוקנדיק פון דער הייך פון זיין וווּקס אויף די הערן, משמעות, גאָרנישט פאַרשטייענדיק און נישט וועלנדיק פאַרשטיין.

דאָס איז טאַקע אַזוי, — האָט ער געזאָגט אויף סערגיי איוואַנאָוויטשס ווערטער, וויכטיק צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— אָט פרעגט אים, ער ווייסט גאָרנישט און טראַכט נישט, — האָט לעווין געזאָגט. — דו האָסט געהערט, מיכאַילאָוויטש, וועגן דער מלחמה? — האָט ער זיך געווענדט צו אים. — אָט דאָס, וואָס מען האָט אין קירכע געלייענט? ווי־זשע טראַכסטו? דאַרפן מיר מלחמה האַלטן פאַר די קריסטן.

— וואָס־זשע האָבן מיר צו טראַכטן? אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש, דער קייזער, האָט שטענדיק געטראַכט פאַר אונז, וועט ער שוין פאַר אונז וועגן אַלעם טראַכטן. ער ווייסט בעסער... קיין ברויט שוין נישט ברענגען מער? דעם בחורל נאָך געבן? — האָט ער זיך געווענדט צו דאַריאַ אַלעקסאַנדראָווְנאַ, אָנווייזנדיק אויף גרישען, וועלכער האָט אויפגעגעסן דאָס לעצטע שטיקל ברויט.

— איך דאַרף נישט פרעגן, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, — מיר האָבן געזעען און זעען הונדערטער און הונדערטער מענטשן, וועלכע וואַרפן אַוועק אַלץ, כדי צו דינען דער גערעכטער זאַך, קומען פון אַלע עקן רוסלאַנד און דריקן אויס אָפן און קלאָר זייער געדאַנק און ציל. זיי ברענגען זייערע גראָשנס אָדער גייען אַליין און זאָגן גלייך פאַרוואָס. וואָס זשע באַדייט דאָס?

— דאָס באַדייט, לויט מיין מיינונג, — האָט געזאָגט לעווין, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו היצן — אַז אין אַן אַכציק מיליאָניקן פאָלק וועלן זיך תמיד געפינען נישט קיין הונדערטער, ווי אַצינד, נאָר צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם געזעלשאַפטלעכן מעמד, אַוואַנטוריסטישע מענטשן, וועלכע זענען שטענדיק גרייט אַריינצוטרעטן — אין דער שייקע פון אַ פוגאַטשאָוו, צו גיין קיין כיווע, קיין סערביען...

— איך זאָג דיר, אַז נישט קיין הונדערטער און נישט קיין אַוואַנטוריסטישע מענטשן, נאָר די בעסטע רעפּרעזענטאַנטן פון פאָלק! — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט מיט אַזאַ צערייצטקייט, ווי ער וואָלט פאַרטיידיקט דאָס לעצטע, וואָס ער פאַרמאָגט. — און די שפּענדונגען? דאָ דריקט דאָך שוין דירעקט אויס דאָס גאַנצע פאָלק זיין ווילן.

— דאָסדאָזיקע וואָרט „פאָלק“ איז אַזוי אומבאַשטימט, — האָט לעווין געזאָגט. — די דאָרפס־שרייבערס, לערערס און פון פויערן איינער אויף טויזנט ווייסן אפשר אין וואָס עס האַנדלט זיך. די איבעריקע אָבער

אַכציק מיליאָן, ווי מיכאַילאָוו, דריקן נישט בלויז נישט אויס זייער ווילן, נאָר האָבן נישט דעם מינדסטן באַגריף, וועגן וואָס זיי דאַרפן אויס־דרוקן זייער ווילן. וואָסער־זשע רעכט האָבן מיר צו זאָגן, אַז דאָס איז דער ווילן פון פאָלק?

XVI

דער געניטער דיאַלעקטיקער סערגיי איוואַנאָוויטש האָט נישט דער־ווידערט, נאָר גלייך אַריבערגעפירט דעם געשפּרעך אויף אַן אַנדער געביט.

— יאָ, אויב דו ווילסט אויף אַן אַריטמעטישן וועג דערקענען דעם גייסט פון פאָלק, איז, פאַרשטייט זיך, דאָס זייער שווער צו באַגרייפן. און דאָס אָפּגעבן שטימען איז נישט איינגעפירט בא אונז און קאָן נישט איינ־געפירט ווערן, ווייל עס דריקט נישט אויס דעם ווילן פון פאָלק; נאָר אויף דעם זענען דאָ אַנדערע וועגן. דאָס פילט זיך אין דער לופט. דאָס פילט זיך מיטן האַרץ. איך רעד שוין נישט וועגן יענע אונטערוואַסער־דיקע שטראָמען, וועלכע האָבן זיך אַ ריר געטון אין דעם שטייענדיקן ים פון פאָלק און וועלכע זענען קלאָר פאַר יעדן נישט פאַרויס באַאיינ־פלוסטן מענטש; גיב אַ קוק אויף דער געזעלשאַפט אין ענגן זינען. אַלע פאַרשידנאַרטיקסטע פּאַרטייען אויס דער וועלט פון דער אינטעליגענץ, וואָס זענען זיך אַזוי פיינדלעך געווען פריער, האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איינעם. יעדע צעריסנקייט האָט זיך געענדיקט, אַלע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַנען זאָגן איינס און דאָס זעלבע, אַלע האָבן דערפילט דעם סטי־כישן כוח, וועלכער האָט זיי פאַרכאַפּט און טראָגט זיי אין איין ריכטונג.

— דאָס זאָגן בלויז די צייטונגען איינס און דאָס זעלבע, — האָט דער פירשט געזאָגט.

— דאָס איז אמת. שוין אַזוי איינס און דאָס זעלבע, פּונקט ווי פרעש פאַר אַ שטורעם. איבער זיי הערט מען טאָקע גאָרנישט.

— צי יאָ פרעש, צי נישט קיין פרעש, — איך גיב די צייטונגען נישט אַרויס און וויל זיי נישט פאַרטיידיקן; נאָר איך רעד וועגן דער סאָלידאַריטעט אין דער וועלט פון דער אינטעליגענץ, — האָט סערגיי

איוואַנאָוויטש געזאָגט, ווענדנדיק זיך צום ברודער. לעווין האָט געוואָלט ענטפערן, נאָר דער עלטער פירשט האָט אים איבערגעשלאָגן.

— נו, וועגן דערדאָזיקער סאָלידאַריטעט קאָן מען נאָך עפּעס אַנדערש זאָגן, — האָט דער פירשט געזאָגט. — אָט האָב איך אַן איידעם, סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, איר קענט אים. ער באַקומט אַצינד אַ שטעלע אַלס מיטגליד פון דעם קאָמיטעט פון דער קאָמיסיע... און נאָך עפּעס, איך געדענק נישט. נאָר צו טון איז דאָרט נישטאָ גאָרנישט — עס שאַדט נישט, דאָללי, דאָס איז נישט קיין סעקרעט — און ער וועט באַקומען אַכט טויזנט געהאַלט. פּרוווט, פרעגט אים, צי זיין דינסט איז נוצלעך, וועט ער אייך אויפווייזן, אַז זי איז די נוצלעכסטע. און ער איז אַן ערלעכער מאַן, נאָר מען קאָן דאָך נישט גלייבן אין דעם נוצן פון די אַכט טויזנט.

— יאָ, ער האָט מיך געבעטן איבערצוגעבן דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען, אַז ער האָט באַקומען די שטעלע, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט אומצופרידן, האַלטנדיק, אַז דער פירשט רעדט נישט צו דער זאַך.

— אַזוי איז אויך די סאָלידאַריטעט פון די צייטונגען. מיר האָט מען דאָס אויפגעקלערט: ווי נאָר עס מאַכט זיך אַ מלחמה, האָבן זיי שוין טאָפּלטע הכנסות. ווי אַזוי זשע זאָלן זיי נישט האַלטן, אַז דער גורל פון פאָלק און פון די סלאַוויאַנער... און דאָס אַלץ?

— איך האָב אַ סך צייטונגען נישט ליב, נאָר דאָס איז נישט גערעכטיק, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט.

— איך וואָלט בלויז איין באַדינג געשטעלט, — האָט דער פירשט פאָרגעזעצט. — Alphonse Karr האָט דאָס זייער גוט געשריבן פאַר דער מלחמה מיט פּרייסן. „איר האַלט, אַז די קריג איז נייטיק? אויסגעצייכנט. ווער עס פּריידיקט די קריג, — אין אַ באַזונדערן, פראָנטישן לעגיאָן אַריין, און אין שטורעם, אויף אַטאַקע, פאָרויס אַלע”.

— שיין וואָלטן אויסגעזעען די רעדאַקטאָרן. — האָט קאַטאַוואַסאָוו געזאָגט און זיך הויך צעלאַכט, זיך פאָרשטעלנדיק זיינע באַקאַנטע רעדאַקטאָרן אין דעמדאָזיקן אויסגעוויילטן לעגיאָן.

— איז וואָס־זשע, וועלן זיי אַנטלויפן, — האָט דאָללי געזאָגט, — זיי וועלן בלויז שטערן.

— און אויב זיי וועלן אַנטלויפן, איז פון הינטן מיט קאַרטעטש אָדער קאָזאַקן מיט נאַהייקעס אַוועקשטעלן, — האָט דער פירשט געזאָגט.

— דאָס איז דאָך אַ וויץ, און נישט קיין שיינער וויץ, איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן, פּירשט, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט.

— איך זע נישט, אַז דאָס זאָל זיין אַ וויץ, אַז... — האָט שוין לעווין אָנגעהויבן, נאָר סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אים איבערגעשלאָגן.

— יעדער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט איז באַרופן צו טון דאָס, וואָס ס'איז אייגנטימלעך פאַר אים, — האָט ער געזאָגט. — און די מענטשן פון געדאַנק דערפילן זייער זאַך מיט דעם, וואָס זיי דריקן אויס די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. און די סאָלידאַרע און אַלגעמיין אויסגעדריקטע געזעלשאַפטלעכע מיינונג איז דאָס פאַרדינסט פון דער פּרעסע און איינצייטיק אַ פריידיקע דערשיינונג. מיט צוואַנציק יאָר צוריק וואָלטן מיר געשוויגן, אָבער אַצינד הערט זיך דאָס קול פון רוסישן פאָלק, וואָס איז גרייט אויפצושטיין, ווי איין מענטש, און איז גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר די אונטערגעדריקטע ברידער; דאָס איז אַ גרויסער שריט און אַן אויפגאַב פון כּוח.

— אָבער דאָך נישט בלויז מקריב זיין, נאָר דערהרגענען טערקן, — האָט לעווין נישט דרייסט געזאָגט. — דאָס פאָלק איז מקריב און איז גרייט מקריב צו זיין פאַר דער אייגענער נשמה, אָבער נישט פאַר מאָרד — האָט ער צוגעגעבן, אומגערן צונויפבינדנדיק דעם געשפּרעך מיט יענע געדאַנקען, וועלכע האָבן אים פאַרנומען.

— וואָס הייסט פאַר דער נשמה? דאָס איז, זעט איר, פאַר אַ נאַטורוויסנשאַפטלער אַ שווערער אויסדרוק. וואָס־זשע איז אַזוינס נשמה? — האָט קאַטאַוואַסאָוו שמייכלענדיק געזאָגט.

— אָך, איר ווייסט!

— בנאמנות, איך האָב דעם מינדסטן באַגריף נישט! — האָט הויך לאַכנדיק געזאָגט קאַטאַוואַסאָוו.

— איך האָב געבראַכט נישט קיין שלום, נאָר אַ שווערד, זאָגט קריסטוס, — האָט פון זיין זייט דערווידערט סערגיי איוואַנאָוויטש, איינפאַך, ווי די סאַמע פאַרשטענדלעכסטע זאַך, ברענגענדיק דאָס אָרט טאַקע פון דער עוואַנגעליע, וואָס האָט תּמיד מער פון אַלץ באַאומרויקט לעווינען.

— אַזוי איז דאָס טאַקע, — האָט ווידער איבערגעחזרט דער אַלטער, וואָס איז געשטאַנען לעבן זיי, ענטפערנדיק אויף דעם בליק, וואָס איז צופעליק געוואָרפן געוואָרן אויף אים.

— ניין, סייערינקער, איר זענט צעקלאַפּט, צעקלאַפּט, אינגאַנצן צעקלאַפּט! — האָט קאַטאַוואַסאָוו פריילעך אַ געשריי געטון.

לעווין איז רויט געוואָרן פון פאַרדראָס נישט דערפאַר, וואָס ער איז געווען צעקלאַפּט, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און אָנגעהויבן צו דיסקוטירן.

„ניין, איך טאָר נישט מיט זיי דיסקוטירן, האָט ער אַ קלער געטון: — זיי טראָגן אַ נישט דורכדרינגלעכן פּאַנצער, און איך בין נאַקעט". ער האָט געזעען, אַז דעם ברודער און קאַטאַוואַסאָוון איז נישט מעגלעך איבערצוצייגן, און נאָך ווינציקער געזעען אַ מעגלעכקייט אַליין מסכים צו זיין מיט זיי. דאָס, וואָס זיי האָבן געפּריידיקט, איז געווען די זעלבע שטאָלצקייט פון שכל, וואָס האָט אים שיער נישט אומגעברענגט. ער האָט נישט געקאָנט איינשטימען, אַז צענדליקער מענטשן, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך זיין ברודער, זאָלן האָבן דאָס רעכט, אויפן גרונט פון דעם, וואָס עס דערציילן זיי הונדערטער אין די הויפּט-שטעט אריין געקומענע פּרייוויליקע, וואָס קאָנען שיין רעדן, צו זאָגן, אַז זיי מיט די צייטונגען דריקן אויס דעם ווילן און דעם געדאַנק פון פאָלק, און אַזאַ געדאַנק, וואָס דריקט זיך אויס אין נקמה און מאָרד. ער האָט נישט געקאָנט איינשטימען מיט דעם, ווייל ער האָט אויך נישט געזעען דידאָזיקע געדאַנקען אין פאָלק, אין דער סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט, און האָט נישט געפונען דידאָזיקע געדאַנקען אין זיך (און ער האָט זיך נישט געקאָנט האַלטן פאַר עפּעס אַנדערש, ווי פאַר איינעם פון די מענטשן, וואָס בילדן דאָס רוסישע פאָלק). און דער עיקר דערפאַר, וואָס ער האָט צוזאַמען מיטן פאָלק נישט געוווּסט, נישט געקאָנט וויסן דאָס, אין וואָס עס באַשטייט דאָס אַלגעמיינע ווילזיין, אָבער האָט פעסט געוווּסט, אַז צו דערגרייכן דאָסדאָזיקע אַלגעמיינע ווילזיין איז מעגלעך בלויז, ווען מען וועט שטרענג דערפילן יענץ געזעץ פון גוטס, וואָס איז קלאָר יעדן מענטש, און דעריבער האָט ער נישט געקאָנט ווען קיין מלחמה און פריידיקן פאַר וועלכע-ס'איז אַלגעמיינע צילן. ער האָט געזאָגט צוזאַמען מיט מיכאַילישן און מיטן פאָלק, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער געדאַנק אין דער מסורה, וועגן דעם איינלאַדן די וואַריאַגן: „קעניגט און הערשט איבער אונז. מיר זאָגן פריידיק צו פולע אונטערטעניקייט. די גאַנצע אַרבעט, אַלע דערנידערונגען, אַלע קרבנות נעמען מיר אויף זיך; אָבער נישט מיר אורטיילן און באַשליסן". און אַצינד האָט דאָס פאָלק, לויט

סערגיי איוואַנאָוויטשס ווערטער, זיך אָפּגעזאָגט פון דעם רעכט וואָס איז געקויפט געוואָרן פאַר אַזאַ טייערן פּרייז.

אים האָט זיך געגלויבט נאָך צו זאָגן, אַז אויב די געזעלשאַפטלעכע מיינונג איז אַזאַ ערלעכער ריכטער, פאַרוואָס־זשע איז די רעוואָלוציע, די קאָמונע אויך נישט אַזוי געזעצלעך, ווי די באַוועגונג לטובת די סלאַוויאַנער? אָבער דאָס אַלץ זענען געווען געדאַנקען, וועלכע האָבן גאָרנישט געקאָנט אַנטשיידן. איינס האָט מען אָן ספק געקאָנט זען — דאָס איז, אַז אין דער איצטיקער מינוט האָט דער וויכוח אויפגערייצט סערגיי איוואַנאָוויטשן און עס איז דעריבער שלעכט געווען צו דיסקוטירן; און לעווין איז שטיל געוואָרן און האָט געווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון די געסט אויף דעם, אַז די וואָלקנדלעך האָבן זיך צונויפגעקליבן און עס איז גלייכער אַהיימצוגיין פאַרן רעגן.

XVII.

דער פירשט און סערגיי איוואַנאָוויטש זענען אויפגעזעסן אויפן פורל און זענען אַוועקגעפאָרן; די איבעריקע געזעלשאַפט האָט מיט שנעלערע טריט זיך אַוועקגעלאָזט אַהיים.

אָבער דער וואָלקן, וואָס איז געוואָרן דאָ העל, דאָ טונקל, האָט אַזוי שנעל זיך אָנגערוקט, אַז מ'האָט געדאַרפט נאָך מער זיך צואײַלן, כּדי צו קומען אַהיים פאַרן רעגן. די פאָדערשטע וואָלקנס, נידעריקע און שוואַרצע, ווי רויך מיט קאָפּעטש, זענען מיט אַן אומגעוויינלעכער שנעלקייט געלאָפן איבערן הימל, ביז אַהיים איז נאָך געווען אַ צוויי הונדערט טריט, און עס האָט זיך שוין אויפגעהויבן אַ ווינט, און מ'האָט יעדער רגע זיך געקאָנט ריכטן אויף אַ שלאַקסרעגן.

די קינדער זענען מיט אַן איבערגעשראָקן און פריידיק שרייען געלאָפן פאָרויס. דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, וואָס האָט אָנגעשטרענגט געקעמפט מיט איר קלייד, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אירע פיס, איז שוין נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון די קינדער. די מענער זענען, צוהאַלטנדיק די היטן, געגאַנגען מיט גרויסע טריט. זיי זענען שוין געווען האַרט באַם גאַנעק, ווען אַ גרויסער טראָפּן האָט זיך אָנגעקלאַפּט און צעשפּריצט אָן ראַנד פון דער אייזערנער רינע.

די קינדער און נאָך זיי די גרויסע זענען מיט א פריילעך גערעדעריי ארונטערגעלאָפן אונטער דער באַשיצונג פון דאַך.

— ווו איז קאַטערינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ? — האָט לעווין געפרעגט באַ אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ, וואָס איז זיי אַקעגנגעקומען אין פאָרצימער מיט טיכער און פלעדן.

— מיר האָבן געמיינט, אַז זי איז מיט אייך, — האָט זי געזאָגט.

— און מיטיאַ!

— אין קאָלאָק, מסתמא, אויך די ניאַניע איז מיט זיי.

לעווין האָט געכאַפּט די פלעדן און האָט זיך געלאָזט לויפן אין קאָלאָק אַריין.

אין משך פון דערדאָזיקער קורצער ווײַלע האָט דער וואָלקן זיך שוין געהאַט אויף אַזוי פיל אָנגערוקט מיט זיין מיטלסטער טייל אויף דער זון אַרויף, אַז עס איז געוואָרן פינצטער, ווי אין אַ לקוי-חמה. דער ווינט האָט עקשנותדיק, אַזוי ווי זיך געהאַלטן באַ זיינס, אָפּגעשטעלט לעווינען, געריסן די בלעטער און דאָס בליעכץ פון די ליפּעס און אָנגעבויגן אַלץ אין איין זייט אַריין: די אַקאַציעס, די בלימען, און די שפּיצן פון די ביימער, די מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט אין סאָד, זענען מיט געשרייען אַרונטערגעלאָפן אונטערן דאַך פון דעם הויז פאַר דער דינערשאַפט. דער ווייסער פאָרהאַנג פון דעם שלאַקסרעגן האָט שוין געהאַט פאַרכאַפּט דעם גאַנצן ווייטן וואַלד און אַ העלפט פון באַנעבן פעלד און האָט זיך שנעל דערנענטערט צו קאָלאָק. די פייכטקייט פון רעגן, וואָס איז צעקלאַפּט געוואָרן אויף דראָבנע טראָפּנס, האָט זיך געפילט אין דער לופט.

אָנגעבויגן דעם קאָפּ פאָרויס און קעמפנדיק מיטן ווינט, וואָס האָט אים געוואָלט אויסרייסן די טיכער, איז שוין לעווין געהאַט צוגעלאָפן צום קאָלאָק און האָט שוין געזען עפּעס, וואָס האָט זיך געווייסט אונטער דעמב, ווו פלוצלינג האָט אַלץ אויפגעפלאַמט, די גאַנצע ערד האָט זיך אָנגעצונדן און אַזוי ווי איבער זיין קאָפּ האָט געפּלאַצט דאָס הימל-געוועלב. געעפנט די פאַרבלענדטע אויגן, האָט לעווין דורך דעם געדיכטן פאָרהאַנג פון רעגן, וואָס האָט אים אַצינד אָפּגעטיילט פון קאָלאָק, מיט שרעק דערזען פריער דעם גרינעם שפּיץ פון דעם אים באַקאַנטן דעמב אין מיטן וואַלד, וואָס האָט אויסטערליש אינגאַנצן געהאַט געביטן זיין לאַגע. „צי איז ער צעבראָכן געוואָרן?“ האָט לעווין קוים באַוויזן אַ קלער צו טון,

ווי דער שפּיץ פון דעמב, וואָס האָט אַלץ מער און מער פאַרשנעלערט זיין באַוועגונג, איז פאַרשווונדן אונטער די אַנדערע ביימער, און ער האָט דערהערט אַ קנאַק פון דעם גרויסן בוים, וואָס איז אַרויפגעפאַלן אויף אַנ-דערע ביימער.

דאָס ליכט פון דעם בליץ, דער קנאַל פון דעם דונער און דע-שוידער, וואָס איז אים אויגנבליקלעך דורכגעלאָפן דורכן קערפער, האָבן זיך צונויפגעגאָסן פאַר לעווינען אין איין איינדרוק פון פחד.

— גאָט מיינער! גאָט מיינער! זאָל ער נישט פאַלן אויף זיי! — האָט ער אַ זאָג געטון.

און הגם ער האָט גלייך אַ טראַכט געטון, ווי אומזיניק זיין בקשה איז וועגן דעם, אַז זיי זאָלן נישט דערהרגעט ווערן דורכן דעמב, וועלכער איז שוין אַצינד געהאַט אַראָפּגעפאַלן, האָט ער זי דאָך איבערגעחזרט, וויסנדיק, אַז בעסערס פון דערדאָזיקער אומזיניקער תפילה קאָן ער גאָר-נישט טון.

צולויפנדיק צו דעם אָרט, וווּ זיי פלעגן געוויינטלעך זיין, האָט ער זיי נישט געפונען.

זיי זענען געווען אין צווייטן עק וואַלד, אונטער אַן אַלטער ליפּע, און האָבן אים גערופן. צוויי פיגורן אין טונקעלע קליידער (זיי זענען פריער געווען אין העלע), זענען אָנגעבויגן געשטאַנען איבער עפּעס. דאָס זענען געווען קיטי און די ניאַניע. דער רעגן האָט שוין אויפגעהערט און עס האָט אָנגעהויבן העלער ווערן, ווען לעווין איז צוגעלאָפן צו זיי. בײַ דער ניאַניע איז די אונטערשטע טייל פון קלייד געווען טרוקן, נאָר אויף קיטין איז דאָס קלייד געווען נאַס דורך און דורך און אינגאַנצן צוגעקלעפּט צו איר. הגם עס האָט שוין נישט גערעגנט, זענען זיי נאָך אַלץ געשטאַנען אין דער זעלבער פּאָזע, ווי ווען דער שטורם האָט אויסגע-בראָכן: ביידע זענען געשטאַנען אָנגעבויגן איבערן קינדער-וועגעלע מיטן גרינעם שירעם.

— זיי לעבן? זיי זענען גאַנץ? דאַנקען גאָט! — האָט ער אַ זאָג געטון, שליאַפּענדיק אין דעם נישט אָפּגעלאָפּענעם וואַסער, מיט די צע-ווייקטע שיך, וואָס זענען פול געווען מיט וואַסער, און צולויפנדיק צו זיי.

קיטיס ראָז און פייכט פּנים איז געווען געווענדט צו אים און האָט שולדיק געשמייכלט פון אונטערן הוט אַפער, וואָס האָט געענדערט זיין פאָרם.

— נו, ווי איז דיר נישט קיין בושה! איך פאַרשטיי נישט, וויאַזוי מען קאָן זיין אַזוי אומפאַרזיכטיק! — איז ער מיט פאַרדראָס אָנגעפאַלן אויפן ווייב.

— בנאמנות, איך בין נישט שולדיק, כ׳האָב נאָר־וואָס געוואָלט אַהיימגיין, דאָ האָט ער געטון, וואָס ער האָט געדאַרפט. מען האָט אים געמוזט ריין מאַכן. מיר האָבן נאָר־וואָס... — האָט זיך קיטי אָנגעהויבן פאַרענפערן.

מיטיאַ איז געווען גאַנץ, טרוקן און איז כסדר געשלאָפן.

— נו, דאַנקען גאָט! איך ווייס נישט, וואָס איך רעד.

מען האָט צונויפגענומען די נאַסע ווינדעלעך; די ניאַניע האָט אַרויסגענומען דאָס קינד און עס געטראָגן. לעווין איז געגאַנגען לעבן ווייב, האָט זיך געפילט שולדיק פאַר זיין פאַרדראָס, און האָט אין געהיים פון דער ניאַניע אַ דריק געטון איר האַנט.

XVIII.

אין משך פון גאַנצן טאָג באַ די פאַרשידנאַרטיקסטע געשפּרעכן, אין וועלכע ער האָט זיך בלויז אַזוי ווי מיט דער אויסערלעכער זייט פון זיין שכל באַטייליקט, נישט געקוקט אויף דער אַנטוישונג, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין אים, האָט לעווין נישט אויפגעהערט פריידיק צו פילן די פולקייט פון זיין האַרץ.

נאָך דעם רעגן איז געווען צו פייכט, כדי צו גיין שפּאַצירן; חוצדעם זענען די דראָענדיקע וואָלקנס נישט אַראָפּ פון האָריזאָנט און האָבן דאָ און דאָרט זיך געצויגן, אַמאָל מיט דונערן, אַמאָל שוואַרץ ווערנדיק, איבער די ברעגן פון הימל. די גאַנצע געזעלשאַפט האָט פאַרברענגט די איבעריקע טייל פון טאָג אינדערהיים.

קיין וויכוחים זענען מער נישט פאַרפירט געוואָרן, נאָר, פאַרקערט, נאָכן מיטאָג זענען אַלע געווען אין דער בעסטער שטימונג.

קאַטאַוואַסאָוו האָט מתחילת געוויילט די דאַמען מיט זיינע אָריגינעלע וויצן, וועלכע זענען שטענדיק אַזוי געפעלן געוואָרן באַ דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט אים. נאָר דערנאָך, אָנגערעגט דורך סערגיי איוואַנאָוויטשן, האָט ער דערציילט זיינע זייער אינטערעסאַנטע באַאָבאַכטונגען

וועגן די פאַרשידענע כאַראַקטערן און אפילו פיזיאָנאָמיעס פון דעם ווייב־לעכן און מענלעכן מין פון די הויז־פליגן און וועגן זייער לעבן. סערגיי איוואַנאָוויטש איז אויך געווען פריילעך און באַ דער טיי, אָנגערעגט דורכן ברודער, אַרויסגעזאָגט זיין בליק אויף דער צוקונפט פון דער מזרח־פראַגע, און אַזוי פשוט און שיין, אַז אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו אים. בלויז קיטי אַליין האָט אים נישט געקאָנט אויסהערן ביזן סוף: זי האָט מען גערופן באָדן מיטיען.

אין עטלעכע מינוט אַרום נאָך איר אַוועקגיין, האָט מען אויך לע־ווינען גערופן צו איר אין קינדער־צימער אַריין.

איבערלאָזנדיק זיין טיי, מיט באַדויערונג וועגן דעם איבערגעריסענעם אינטערעסאַנטן געשפּרעך און איינצייטיק באַאומרויקט פון דעם, וואָס מען רופט אים, ווייל דאָס פלעגט געשעען נאָר אין וויכטיקע פאַלן, האָט לעווין זיך געלאָזט גיין אין קינדער־צימער אַריין.

נישט געקוקט דערויף, וואָס סערגיי איוואַנאָוויטשס פּלאַן, וועלכן ער האָט נישט אויסגעהערט ביזן סוף, וועגן דעם, אַז די פערציק מיליאָניקע סלאַווישע וועלט איז מחויב צוזאַמען מיט רוסלאַנד אָנצו־הייבן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע, האָט אים שטאַרק פאַראינטע־רעסירט, נישט געקוקט דערויף, וואָס אויך די נייגיריקייט און אומרויקייט וועגן דעם, וואָס מען האָט אים גערופן, האָט אים אויפגערעגט, — האָט ער דאָך זיך גלייך דערמאַנט זיינע פרימאָרגנדיקע געדאַנקען, ווי נאָר ער איז געבליבן אַליין, אַרויסגייענדיק פון גאַסט־צימער. און דידאָזיקע אַלע השערות וועגן דער באַדייטונג פון דעם סלאַווישן עלעמענט אין דער אַלוועלטלעכער געשיכטע האָבן אים אויסגעזען אַזוי נישטיק אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין זיין נשמה, אַז ער האָט אויגנבליקלעך פאַרגעסן דאָס אַלץ און זיך איבערגעטראָגן אין דער זעלבער שטימונג, אין וועלכער ער איז געווען היינט אינדערפרי.

ער האָט זיך נישט דערמאַנט אַצינד, ווי עס פלעגט פאָרקומען פריער, דעם גאַנצן געדאַנקען־גאַנג (דאָס איז אים נישט נייטיק געווען). ער האָט זיך גלייך איבערגעטראָגן אין דעם געפיל, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אים, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דידאָזיקע געדאַנקען, און גע־פונען אין זיין נשמה דאָסדאָזיקע געפיל נאָך שטאַרקער און באַשטימטער, ווי פריער. אַצינד איז מיט אים נישט געווען דאָס, וואָס עס פלעגט זיין מיט די פריערדיקע צוגעטראַכטע באַרויקונגען, ווען מען האָט געמוזט צוריקשטעלן דעם גאַנצן געדאַנקען־גאַנג, כדי צו געפינען דאָס געפיל.

אצינד, פארקערט, איז דאס געפיל פון פרייד און בארויקונג געווען לעבעדיקער, ווי פריער, און דער געדאנק האט נישט באוויזן נאכצואיילן דעם געפיל.

ער איז געגאנגען איבער דער טעראסע און געקוקט אויף די צוויי שטערן, וואס האבן זיך באוויזן אויף דעם שוין טונקל געווארענעם הימל און פלוצלינג זיך דערמאנט: „יא, קוקנדיק אויפן הימל, האב איך גע־טראכט וועגן דעם, אז דאס געוועלב, וואס איך זע, איז נישט קיין ליגנט, און בא דעם האב איך עפעס נישט דערטראכט, עפעס פארהוילן פאר זיך, — האט ער א קלער געטון. — אבער וואס עס זאל דארט נישט זיין, קאן קיין דערווידערונג נישט זיין. עס איז גענוג א ביסל צו טראכטן, — און אלץ ווערט קלאר!"

שוין אריינגייענדיק אין קינדער־צימער, האט ער זיך דערמאנט, וואס אזוינס עס איז געווען דאס, וואס ער האט פארהוילן פון זיך. דאס איז געווען דאס, אז אויב דער הויפט־באווייז פון דער געטלעכקייט איז זיין אנטפלעקונג וועגן דעם, וואס עס איז אזוינס גוטס, פארוואס־זשע באגרענעצט זיך דידאזיקע אנטפלעקונג בלויז מיט דער קריסטלעכער קירכע? וואסער באציונג האבן צו דערדאזיקער אנטפלעקונג די גלויבנס פון די בודדיסטן, מאכמעדאנער, וואס פריידיקן אויך און טון אויך גוטס?

אים האט זיך געדאכט, אז ער האט אן ענטפער אויף דער פראגע: אבער ער האט נאך נישט באוויזן אליין זיך אים אויסצודריקן, ווי ער איז אריינגעגאנגען אין קינדער־צימער. קיטי איז געשטאנען מיט פאר־שארצטע ארבל בא דער וואנע איבערן קינד, וואס האט זיך געפלעסקעט אין איר און, דערהערנדיק דעם מאנס טריט, האט זי אויסגעדרייט איר פנים צו אים, אים גערופן מיט א שמייכל צו זיך. מיט איין האנט האט זי אונטערגעהאלטן אונטערן קאפ דאס פוכיקע קינד, וואס איז געשווומען אויפן רוקן און האט געווארפן מיט די פיסלעך, מיט דער צווייטער האט זי, גלייכמעסיק אנשטרענגנדיק דעם מוסקול, אויסגעדריקט די שוואם איבער אים.

— נו, אט, זע, זע! — האט זי געזאגט, ווען דער מאן איז צוגע־קומען צו איר; — אגאפיא מיכאילאוונא איז גערעכט: ער דערקענט.

עס האט זיך געהאנדלט אין דעם, וואס מיטיא האט פון היינטיקן טאג אן משמעות אן ספק שוין דערקענט אלע זיינע אייגענע.

ווי נאר לעווין איז צוגעקומען צו דער וואנע, איז גלייך פאר אים

געמאַכט געוואָרן דער פּרווו, און דער פּרווו האָט זיך פוּלשטענדיק איינ־געגעבן. די קעכין, וואָס איז ספּעציעל צו דעם גערופן געוואָרן, האָט זיך אָנגעבויגן צום קינד. ער האָט זיך אָנגעכמורעט און אומצופרידן אָנגעהויבן דרייען מיטן קאָפּ. ווען קיטי האָט זיך אָנגעבויגן צו אים, האָט ער זיך גליקלעך צעשמייכלט, אַ כאַפּ געטון די הענטלעך צום מיילעכל און אָנגע־הויבן גאַדערן, אַרויסברענגענדיק אַזאַ צופרידענעם און אויסטערלישן קלאַנג, אַז נישט בלויז קיטי און די ניאַניע, נאָר אויך לעווין איז אַריינ־געפאַלן אין אַן אומדערוואַרטער התפעלות.

דאָס קינד האָט מען אַרויסגענומען אויף איין האַנט פון דער וואַ־נע, עס אָפּגעגאָסן מיט וואַסער, איינגעהילט אין אַ לײַלעך, אָפּגעווישט און נאָך אַ הילכיק שרייען איבערגעגעבן דער מוטער.

— נו, עס פרייט מיך, וואָס דו הייבסט אים אָן ליב צו קריגן, — האָט קיטי געזאָגט צום מאַן, נאָכדעם, ווי זי האָט מיטן קינד אויף דער האַנט זיך אַוועקגעזעצט אויף איר געוויינלעך אָרט. — עס פרייט מיך זייער. ווארים דאָס האָט מיר שוין אָנגעהויבן צו פאַרשאַפן עגמת נפש. דו האָסט געזאָגט, אַז דו פילסט גאָרנישט צו אים.

— ניין, צי האָב איך געזאָגט, אַז איך פיל נישט, איך האָב נאָר געזאָגט, אַז איך האָב מיך אַנטוישט.

— וואָס, אין אים זיך אַנטוישט?

— נישט דאָס, אַז איך האָב מיך אַנטוישט אין אים, נאָר אין מיין געפיל; איך האָב מיך גערעכנט אויף מער. איך האָב מיך גערעכנט, אַז, ווי אַ סורפּריז, וועט זיך צעגיין אין מיר אַ ניי, אָנגענעם געפיל. און פּלוצ־לינג אָנשטאָט דעם — איבל. רחמנות...

זי האָט אים געהערט, אַנטועענדיק אויף די דינע פינגער די רינג־לעך, וועלכע זי האָט אַראָפּגענומען, כדי צו וואַשן מיטיען.

— און דער עיקר, וואָס אַ סך מער שרעק און רחמנות, ווי פאַר־גענינגן. היינט, נאָך דערדאָזיקער שרעק בעת דעם שטורעם, האָב איך ערשט פאַרשטאַנען, ווי ליב איך האָב אים.

אויף קיטיס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ ליכטיקער שמייכל.

— און דו האָסט דיך זייער דערשראָקן? — האָט זי געזאָגט. — און איך אויך, נאָר אַצינד איז מיר שרעקלעכער, ווען עס איז שוין אַרי־בערגעגאַנגען. איך וועל גיין זען דעם דעמב. און וואָסער ליבער מענטש קאַטאַוואַסאָוו איז! בכלל איז דער גאַנצער טאָג געווען אַזאַ אָנגע־

מער. און דו מיט סערגיי איוואנאוויטשן ביסט אזוי גוט. ווען דו ווילסט נאר... נו, גיי צו זיי. ווארים נאך דער וואנע איז דא שטענדיק הייס און דעמפיק...

XIX.

ווען לעווין איז ארויסגעגאנגען פון שלאפצימער און געבליבן אליין, האט ער זיך גלייך דערמאנט אן יענעם געדאנק, און וועלכן עס איז אים געווען עפעס נישט קלאר.

אנשטאט אריינצוגיין אין גאסט-צימער, פון וועלכן עס האבן זיך געהערט שטימען, האט ער זיך אפגעשטעלט אויף דער טעראסע, זיך אנ-געלענט אויפן פארענטש און אנגעהויבן קוקן אויפן הימל.

עס איז שוין געהאט איינגאנצן טונקל געווארן, און אויפן צפון, וווהין ער האט געקוקט, זענען נישט געווען קיין וואלקנס. די וואלקנס זענען געשטאנען אין דער קעגנאיבערדיקער זייט. פון דארט האט אויפ-געפלאמט א בליץ און עס האט זיך געהערט א וויטער דונער. לעווין האט זיך צוגעהערט צו די טראפנס, וואס זענען גלייכמעסיק געפאלן פון די ליפעס אין גארטן און געקוקט אויף דעם אים באקאנטן דרייעק פון די שטערן און דעם מילך-וועג מיט זיין פונאנדערצווייגונג, וואס איז אים דורכגעגאנגען אינמיטן. בא יעדן אויפפלאמען פון א בליץ זענען נישט בלויז דער מילך-וועג, נאר אויך די העלע שטערן פארשוווּנדן, אבער ווי נאר דער בליץ האט זיך פארלאשן, האבן זיי גלייך, ווי געווארפן דורך עמעצנס א געשיקטער האנט, זיך באוויזן אויף די זעלבע ערטער.

„נו, וואס-זשע באאומרויקט מיך?" האט זיך לעווין געזאגט, פילנ-דיק פארויס, אז די לייזונג פון זיינע ספקות, הגם ער ווייסט זי נאכנישט, איז שוין גרייט אין זיין נשמה.

„יא, די איינציקע באשיינפערלעכע, אומצווייפלהאפטע אנטפלעקונג פון דער געטלעכקייט — דאס זענען די געזעצן פון גוטס, וואס זענען אנטפלעקט געווארן דער וועלט דורך דער השגחה, וועלכע איך פיל אין מיר און אין דער אנערקענונג, פון וועלכע נישט בלויז איך פארייניק מיך, נאר בין אפילו אומאפהענגיק פון מיין ווילן פארייניקט מיט אנדערע מענטשן אין איין געזעלשאפט פון גלויביקע, וועלכע מען רופט די קירכע-

נו, און די יידן, די מאַכמעדאַנער, די קאָנפוציער, די בודדיסטן — וואָס־זשע זענען זיי אַזוינס? — האָט ער זיך געשטעלט די זעלבע פראַגע, וועלכע האָט אים טאַקע אויסגעזען געפערלעך. — צי זענען דידאָזיקע הונדערטער מיליאָנען מענטשן בארויבט פון דעם העכסטן גליק, אָן וועלכן דאָס לעבן האָט נישט קיין זינען?" ער האָט זיך פאַרטראַכט, אָבער גלייך זיך פאַרבעסערט. „אָבער וואָס־זשע פרעג איך? — האָט ער זיך געזאָגט. — איך פרעג וועגן דער באַציונג צו דער געטלעכקייט פון אַלע פאַרשידנאַרטיקסטע גלויבנס פון דער גאַנצער מענטשהייט. איך פרעג וועגן דער אַלגעמיינער אַנטפּלעקונג פון גאָט פאַר דער גאַנצער וועלט מיט דידאָזיקע אַלע נעפּלהאַפטע פלעקן. וואָס־זשע טו איך? מיר פּערזענלעך, מיין האַרץ איז אומצווייפלהאַפט אַנטדעקט דאָס וויסן, וואָס מען קאָן נישט דערגרייכן מיטן שכל, און איך וויל דווקא מיט שכל און מיט ווערטער אויסדריקן דאָסדאָזיקע וויסן".

„צי ווייס איך דען נישט, אַז די שטערן גייען נישט? — האָט ער זיך געפרעגט, קוקנדיק אויף דעם העלן פּלאַנעט, וואָס האָט שוין געענדערט זיין לאַגע און דעם העכסטן צווייגל פון דער בעריאָזע. — אָבער קוקנדיק אויף דעם באַוועגן זיך פון די שטערן, קאָן איך מיר נישט פאָרשטעלן, אַז די ערד דרייט זיך, און איך בין גערעכט, ווען איך זאָג, אַז די שטערן גייען.

„און צי וואָלטן די אַסטראָנאָמען געקאָנט פאַרשטיין און אויסרעכענען עפּעס, ווען זיי זאָלן נעמען אין אַכט אַלע קאָמפּליצירטע פאַרשידנאַרטיקע באַוועגונגען פון דער ערד? אַלע זייערע וווּנדערבאַרע החלטות וועגן דער ווייטקייט, וואָג, באַוועגונגען פון די הימלישע קערפּער זענען באַגרינדעט בלויז אויף דער באַשיינפּערלעכער באַוועגונג פון די הימל, קערפּער, אַרום דער אומבאַוועגלעכער ערד, אויף דער זעלבער באַוועגונג וועלכע איך זע אַצינד פאַר מיר און וועלכע איז געווען אַזעלכע פאַר מיליאָנען מענטשן אין משך פון יאָר־הונדערטער און איז געווען און וועט תמיד זיין די אייגענע און קאָן שטענדיק קאָנטראָלירט ווערן. און פּונקט אַזוי, ווי ווערטלאָז און וואַקלהאַפט עס וואָלטן געווען די באַשלוסן פון די אַסטראָנאָמען, וואָס וואָלטן נישט באַגרינדעט געווען אויף די באַאָבאַכטונגען פון דעם געזעענעם הימל, לויט דער באַציונג צו איין מערדיאַן און איין האָריזאָנט, אַזוי ווערטלאָז און וואַקלהאַפט וואָלטן געווען אויך מיינע באַשלוסן, וואָס וואָלטן נישט באַגרינדעט געווען אויף דעם פאַרשטיין דאָס גוטס, וואָס איז פאַר אַלע שטענדיק געווען און וועט תמיד

אַלץ איינס זיין און וואָס איז מיר אַנטפּלעקט געוואָרן דורך קריסטנטום און קאָן שטענדיק אין מיין נשמה קאָנטראָלירט ווערן. די פראַגע אָבער וועגן די איבעריקע גלויבנס אין זייער באַציונג צו דער געטלעכקייט האָב איך נישט קיין רעכט און קיין מעגלעכקייט צו פאַרענטפערן".

— אַ, דו ביסט נישט אַוועקגעגאַנגען? — האָט פּלוצלינג געזאָגט קיטי, וואָס איז געגאַנגען מיטן זעלבן וועג אין גאַסט-צימער אַריין. — וואָס, דו ביסט נישט פון עפּעס אויפגערעגט? — האָט זי געזאָגט, אויפמערקזאַם זיך איינקוקנדיק באַם ליכט פון די שטערן אין זיין פּנים.

אָבער זי וואָלט סיי-ווי נישט געזען זיין פּנים, ווען אַ בליץ, וואָס האָט פאַרלייך געמאַכט די שטערן, וואָלט עס ווידער נישט געווען באַלויכטן. באַם ליכט פון דעם בליץ האָט פאַר איר אויפגעלויכטן זיין גאַנץ פּנים און, דערזעענדיק, אַז ער איז רויק און פריידיק, האָט זי אַ שמייכל געטון צו אים.

„זי פאַרשטייט, — האָט ער געקלערט, — זי ווייסט, וועגן וואָס איך טראַכט. זאָגן איר, צי ניין? יאָ, איך וועל איר זאָגן". אָבער אין דער מינוט, וואָס ער האָט געוואָלט אָנהייבן צו רעדן, האָט זי אויך אָנגעהויבן צו רעדן.

— אָט וואָס, קאָסטיאַ! זיי דיך מטריח, — האָט זי געזאָגט, — גיי אַריין אין ווינקלדיקן צימער און גיב אַ קוק, ווי אַזוי מען האָט פאַר סערגיי איוואַנאָוויטשן אַלץ איינגעאָרדנט. מיר איז אומבאַקוועם. צי מען האָט אַריינגעשטעלט דעם נייעם וואַש-טיש?

— גוט, איך וועל גלייך אַריינגיין, — האָט לעווין געזאָגט, אויפשטייענדיק און קושנדיק זי.

„ניין, מען דאַרף נישט צו רעדן, — האָט ער אַ קלער געטון, ווען זי איז דורכגעגאַנגען פאַר אים. — דאָס איז אַ געהיימניש, וואָס איז מיר אַליין נייטיק, וויכטיק און לאָזט זיך נישט אויסדריקן מיט קיין ווערטער.

„דאָסדאָזיקע נייע געפיל האָט מיך נישט געענדערט, נישט גליקלעך געמאַכט, נישט קלוגער געמאַכט פּלוצלינג, ווי איך האָב פאַנטאַזירט, — פּונקט אַזוי, ווי דאָס געפיל צום זון. קיין שום סורפּריז איז אויך נישט געווען. נאָר דער גלויבן, נישט דער גלויבן — איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס, נאָר דאָס געפיל איז אויך אַזוי אומבאַמערקט דורך ליידן אַריין און האָט זיך באַפעסטיקט אין דער נשמה.

„איך וועל מיך ווייטער אַזוי בייזערן אויף דעם קוטשער איוואַן,

וועל ווייטער אַזוי פּירן וויכּוחים, וועל נישט ווי געהעריק אויסדריקן מיי־נע געדאַנקען, עס וועט ווייטער זיין אַ וואַנט צווישן דעם קדשי־קדשים פון מיין נשמה און אַנדערע, אַפילו דעם ווייב מיינעם, איך וועל זי ווײ־טער אַזוי באַשולדיקן פאַר מיין שרעק און חרטה האָבן אויף דעם, וועל ווייטער אַזוי נישט פאַרשטיין מיטן שכל, פאַרוואָס איך בין מתפּלל, און וועל מתפּלל זיין, נאָר דאָס לעבן מיינס, דאָס גאַנצע לעבן מיינס אומאָפּ־הענגיק פון אַלעם, וואָס עס קאָן געשעען מיט מיר, יעדע רגע דערפון — איז שוין אַצינד נישט בלויז נישט אומזיניק, ווי עס איז געווען פריער, נאָר עס האָט אַן אומצווייפלהאַפטן זינען פון גוטס, וועלכן איך בין בכוח אַריינצולייגן דערין.

סוף

צוגאָבן

צום ערשטן באַנד פון

„אַננאַ קאַרעני נאַ"

די וואַריאַנטן פון דער רעדאַקציע פאַר דעם זשורנאַל

צ ו ז י י ט 27, ש ו ר ה 1 פ ו ן א ו נ ט ן. נאָך די ווערטער — „איך בין נאַר־וואָס געקומען... און אומרויק זיך אומגעקוקט".

מיט אַ שאָטן פון אײליקײט און פאַרלעגנהייט, וואָס האָט אַרויסגע־וויזן, אַז ער איז אַ דאָרפישער איינוווינער, וואָס איז נישט געוווינט אָדער איז אָפּגעוווינט פון געזעלשאַפט און נייע מענטשן.

צ ו ז י י ט 36 ש ו ר ה 8, פון אונטן. נאָך די ווערטער „מענטשן, וואָס טויגן צו גאָרנישט":

ער האָט זיך געפילט, אַזוי ווי ער וואָלט אומזיסט ברויט געגעסן, נישט האָבנדיק אויסגעקליבן קיין שום געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, און דאָס באַוווסטזיין, אַז אין אים פעלט עפּעס האָט אים פאַרשאַפט עגמת נפש. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט דעם קורס, האָט ער געטון ווי אַלע, דאָס הייסט, ער האָט אָנגענומען אַ פּאָסטן אין מיניסטעריום; אָבער דאָס ליידיקגיין, לויט זיין מיינונג, וואָסאיז איינגעהילט געוואָרן אין אַ פייערלעכער וויכטיקייט, איז אים גלייך דערווידער געוואָרן און ער איז אַרויס אין דעמיסיע אין אַ האַלב יאָר אַרום און איז אַוועקגעפאָרן אין דאָרף אַריין, און אויפן ווינטער קיין מאָסקווע, און איז געוואָרן טיילוויין אַ מענטש פון דער הויכער געזעלשאַפט. אינמיטן פון זיין הויכוועלטיש לעבן האָט אים געטראָפן די באַפרייונג פון די פויערן און ער איז ווי־דער אַוועקגעפאָרן אין דאָרף אַריין און איז געוואָרן אַ פאַרמיטלער. אין צוויי יאָר אַרום איז ער געפאָרן קיין אויסלאַנד, און ווען ער איז צוריק־געקומען, איז ער געוואָרן אַ סלאַוויאַנאָפיל און האָט זיך באַזעצט אויף תמיד, ווי ער האָט זיך געזאָגט, אין דאָרף. ער האָט זיך גענומען צו זעמסקער טעטיקייט, אָבער אין משך פון צוויי יאָר האָט ער זיך אין איר פולשטענדיק אַנטוישט און זי אַוועקגעוואָרפן. און נישט געקוקט אויף דער גאַנצער אַפּאַטיע, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט אַצינד, בלייבנדיק אַז

געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, האָט ער זיך נישט געקאָנט נייטן צו פאַר-נעמען זיך מיט דער זאַך, אַזוי ווי אַ מענטש קאָן נישט אָפּהיטן קיין אַסיגנאַציע, וועלכע האָט זיך אין זיין פּראַקטיק אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש. און דאָס אַלץ, וואָס פאַר אים, אין זיין לעבן, איז עס געווען אַזוי גע-וועצלעך און מיט אַ סדר, האָט פאַר אַ זייטיקן צושויער געמוזט אויסזעען אַלס נאַרישקייט פון אַן אומרויקן און אומפעיקן בחור, פון וועלכן עס איז בײַ 32 יאָר גאָרנישט געוואָרן. און ער האָט דאָס געפילט, און נישט געקוקט דערויף, וואָס אַלע זיינע פרוּוון און זוכענישן זענען געווען אויפ-ריכטיק, האָט ער געפילט, אַז נישט בלויז ער דאַרף אויסזעען, נאָר אַז ער איז טאַקע אַ נאַרישער, אומפעיקער בחור. באַזונדערס שטאַרק האָט ער דאָס געפילט, ווען ער פלעגט זיין אין שטאָט און זיך צונויפקומען מיט מענטשן פאַרנומענע מיט אַ באַשטימטער טעטיקייט, און פלעגט זען די-דאָזיקע אין אַלע זייטן ברויזנדיקע באַשטימטע, דורך אַלע אָנערקענטע און דורך אַלע געאַכטעטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. בלויז ער אַליין איז געווען אָן אַ פּאָסטן אונאָן אַרבעט. אַזוי האָט ער געטראַכט וועגן זיך אין שטאָט.

צו זייט 37 שורה 7 פונדערהייך. נאָך די ווער-טער „געהיימנישפולע און אומגעוויינלעכע פרוּוון“.

אַצינד, נאָך זיין לעצטער אַנטוישונג אין דער זעמסקער טעטיקייט, אָדער אַנטוישונג אין זיך גופא בנוגע זיין פעיקייט צו זעמסקער טעטי-קייט (אָפּהענגיק צו זיין פריילעכער אָדער טרויעריקער שטימונג, האָט ער זיך אויף פאַרשידענע אופנים דערקלערט דידאָזיקע אַנטוישונג), מחמת דערדאָזיקער לעצטער אַנטוישונג, האָט ער דערפילט אַ פאַרשטאַרקטקייט פון זיין ליבע צו קיטין און אַ נייטיקייט חתונה צו האָבן. די פרייהייט, דאָס נישט אַרבעטן, דאָס נישט האָבן קיין אָנשפּאַר, איז אים געווען צו לאַסט, און אים האָט זיך נעפּלהאַפט געדאַכט, אַז דאָס חתונה-האָבן וועט אים געבן דאָס אַלץ. ער איז געקומען אַצינד קיין מאָסקווע מיטן פעסטן באַשלוס צו מאַכן אַ פאָרשלאַג און חתונה האָבן, אויב מען וועט אים אָנ-נעמען.

צו זייט 40, שורה 3 פונדערהייך נאָך די ווער-טער „אונטערשיידן דידאָזיקע צוויי באַגריפן“:

דער איינדרוק איז אַ פיזישע ווירקונג, און די עמפּינדונג איז דאָס אויפנעמען דעם איינדרוק. איך נעם אָן די פּאַראַלעלקייט פון דידאָזיקע

צוויי דערשיינונגען, נאָר קאָן נישט אָננעמען, אַז איינע זאָל זיין די סיבה פון דער צווייטער.

— אָבער אין דעם גייט עס דאָך, — האָט סערגיי לעווין דערווידערט, — אויב איר נעמט אָן דעם פּאַראַלעליזם, דאָס הייסט די אָפּהענגיקייט פון איינעם פון אַנדערן, האָט איר שוין נישט קיין רעכט צו זיין אין דער מיינונג, אַז פּסיכישע דערשיינונגען זענען אין זייער תוך זעלבסטשטענדיק.

צו זייט 40, שורה 19 פונדערהייך. נאָך די ווערטער „אַפּוטראָפּסישן טאָן“:

מיט וועלכן ד״ר ברײדער האָט אים אויסגעפרעגט וועגן זייער שטיפמוטער (זייער אַלטע שטיפמוטער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דאָרף בײַ קאָנסטאַנטין לעווינען), וועגן די ענינים פון דעם באַלעבאַטישקייט.

צו זייט 42, שורה 2 פון אונטן. נאָך די ווערטער „דאָס, וואָס ער איז...“:

— צי טאַקע געמיינהייטן? — האָט קאָנסטאַנטין לעווין געפרעגט מיט אַן אויסדרוק פון צער אויפן פּנים.

— ווי דען ווערסטו אָנרופן דאָס, וואָס ער האָט גענומען בײַ דער דאָזיקער דאַמע די בילעטן צום אויסטוישן און האָט זיי צוגעגנבעט?

צו זייט 54, שורה 11 פון אונטן. אָנשטאָט דעם שטיקל פון די ווערטער „ער האָט מורא געהאַט צו פאַרשמוצן“ ביז די ווערטער „נו, וואָס-זשע, דו ווערסט פאָרן“:

ער האָט מורא געהאַט נישט צו פאַרשמוצן דאָס אייביקע, וואָס האָט איבערפולט זיין האַרץ.

— איך בין געוואָרן אַ פּראָווינציאַל, דאָס אַלץ זשעניִרט מיך.

— יאָ, דו ביסט אַ סטעפּ-מענטש אין בלוט, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, — איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי אַזוי מיר זענען צוריקגעפאָרן פון די ציגיינער (לעווין, מיטגעריסן דורך אָבלאָנסקין, איז אַ געוויסע צייט געפאָרן צו די ציגיינער). און מיר זענען צוגעפאָרן אויף פרישטיק פינף אַ זייגער אינדערפרי Rocher de Cancal?

— וואָס? איך געדענק נישט.

— ווי הייסט! דו האָסט דאָך דיך אויסגעצייכנט. מען האָט אונז נישט געוואָלט עפענען און דו האָסט דיך אונטערגענומען איבערצייגן

זיי. און האָסט געזאָגט: מיר דאַרפֿן בלויז אַ שטיקל געבראָטנס און קעז, און, פֿאַרשטייט זיך, אַז מען האָט די טיר פֿאַרקלאַפּט פֿאַר אונז.

— יאָ, יאָ, — האָט לעווין לאַכנדיק געזאָגט.

צו זייט 56, שורה 4 פֿונדערהייך. אָנשטאָט דעם שטיקל פֿון די ווערטער „און איך ווייס בלויז איין זאַך" ביז „אָ, וואָס פֿאַר אַ גליקלעכער דו ביסט":

— און איך בין אין אַ מאָדנער לאַגע. אין מאָסקווע האָב איך נישט וואָס צו טון, איך בין דאָ אַלעמען אַ פֿרעמדער און אַלע זענען מיר פֿרעמדע לויט זייערע אָנשויונגען — דו פֿאַרשטייסט — נאָר פֿון איין זייט איז מיר מאָסקווע נייטיק — מיר איז נייטיק אי מאָסקווע אי די הויכע געזעלשאַפֿט. אַצינד בין איך געקומען... האָט לעווין געזאָגט רויט ווערנדיק און איז שטיל געבליבן.

צו זייט 56, שורה 3 פֿון אונטן. נאָך די ווערטער „ווי אַזוי איז דיין מיינונג וועגן דעם?":

אפילו אויף סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן האָט ער געקוקט ווי אויף עפּעס הייליקס, ווי אויף איינעם פֿון די כּהנים, וועלכער איז אַריינגעלאָזט געוואָרן אין מקדש אַריין מיט דעם, וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט איינער פֿון די שוועסטערן. ער האָט מיט אַ פֿאַרשטאַרבן האַרץ געוואַרט אויף זיין ענטפֿער.

צו זייט 62, שורה 19 פֿונדערהייך. אָנשטאָט די ווערטער „אָך! הער אויף! קריסטוס וואָלט קיינמאָל... מיט זיי":

— אַך, איך בין זיכער, אַז ווען קריסטוס וואָלט געוווסט, ווי אַזוי מען וועט מיסברויכן מיט זיינע ווערטער, וואָלט ער דער ערשטער געוואָרפֿן דעם שטיין, וואָרים אַזוי איז...

צו זייט 63, שורה 11 פֿון אונטן. נאָך די ווערטער „קלאָר און ריין":

— אַ ווי יונג און נישט געניט דו ביסט, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַ זאָג געטון, שמייכלענדיק באַם געדאַנק וועגן דעם, אַז ער גייט טאַקע אַצינד צו דער M-lle Roland, כּדי אין אַן אָנשטענדיקער פֿאָרם איר אויסצודריקן זיין אַכטונג. — ניין, ברודער, אַ דראַמע איז פֿאַראַן.

צו זייט 64, שורה איינס פֿון אונטן. נאָך דער שלוס-פֿראַזע:

נאָך אים איז טאַקע אָבלאָנסקי געקומען צו לידיען און אַנשטענ־דיקער פאָרם איר זאָגן: מיין אַכטונג.

צו זייט 67, שורה 17 פונדערהייך. נאָך די ווער־טער „נישט די עלטערנס":

און די פירשטין האָט מיט שרעק געזען, אַז די שטילע, ליבע קיטי האָט נישט ווילנדיק זיך אָנגעשטעקט מיט דעם זעלבן גייסט.

צו זייט 72, שורה 8 פון אונטן. נאָך די ווער־טער „בלויז איין אויגנבליק":

זי האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן ווראָנסקין און דאָס, אַז זי האָט אים ליב און מוז אַצינד אָפּזאָגן לעווינען. זי האָט אַ קוק געטון אויף אים און, דערזעען זיין פאַרצווייפלט דערשראָקן פּנים, האָט זי איילִיק געענטפערט: אַך, נאָכוואָס האָט איר דאָס געזאָגט? דאָס קאָן נישט זיין!

— דאָס קאָן נישט זיין. פאַרוואָס? ניין, איך פרעג נישט פאַר־וואָס? — האָט ער געזאָגט... (ער האָט געזען, אַז זי האַלט מיט גע־וואַלט איין די טרערן). ער איז האַסטיק אויפגעשטאַנען און גע־וואַלט אַוועקגיין.

צו זייט 76, שורה 3 פונדערהייך. נאָך די ווער־טער „פעסט געבויטער ברונעט" איז אויסגעשטראָכן:

מיט אַ כאַראַקטעריסטיש שיין און רויק חנעוודיק לויטער פּנים (ווי דער מונדיר, פריש פון דער נאָדל אַוועק, אַזוי האָט דאָס פּנים, די גלאַנ־ציקע בלאָנדע האָר און שוואַרצע דינע וואָנסעס, — אַלץ האָט געגלאַנצט אויף אים).

צו זייט 76, שורה 14 פונדערהייך. נאָך די ווערטער „און געזאָגט עטלעכע ווערטער":

ער האָט זיך ווידער געזעצט (מיט דער זעלבער צערטלעכער פאַר־זיכטיקייט, ווי לעווינען האָט זיך געדאַכט) לעבן קיטין און אַ בליק געטון אויף לעווינען. אָבער באַלד איז ער שנעל אויפגעשטאַנען און אַ זאָג גע־טון: שטעלט מיך פאָר, איך בעט אייך, און אויסגעשטרעקט די האַנט לעווינען. עס איז קענטיק געווען, אַז אים איז נישט באַקוועם געווען צו זיין אין גאַסטצימער מיט אַן אומבאַקאַנטן מענטש, און אַז ער האָט נישט געקאָנט צווייפלען, אַז עמעצער זאָל נישט צופרידן זיין זיך צו באַקענען מיט אים.

— דער גראַף אַלעקסיי וואַסיליעוויטש ווראָנסקי, קאָנסטאַנטין דמיט־

ריעוויטש לעווין, — האָט די פּירעטין אַ זאָג געטון. (קיטי האָט געקוקט אויף זיי, בשעת) וורא̇נסקי האָט (לויט זיין טבע) פעסט, פעסט געדריקט די האַנט, (מיט רויק בלישטשענדיקע אויגן און געטראַכט: „ווי גוט וואָלט געווען, ווען זיי זאָלן זיין באַפריינדעט צווישן זיך און מיט מיר", איז איר איינגעפאַלן, און קאָמיש און שרעקלעך האָט איר אויסגעזעען דערדאָזיקער געדאַנק, ווען זי האָט זיך דערמאַנט, וואָס ס'איז נאָר וואָס פאָרגעקומען).

די וואַריאַנטן פון דעם זשורנאַל־טעקסט

צו זייט 25, שורה 16 פון דערהייך. נאָך די ווערטער „באַם טרעפן מיט אים":

אָבער עס איז געווען איין אומצווייפלהאַפטע מעלה, פאַר וועלכער מען האָט נישט געקאָנט נישט ליב האָבן סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשן. ער האָט, אָן דער מינדסטער אָנשטרענגונג, זיין גאַנץ לעבן דערפילט דאָס וואָס אַ סך מענטשן, וואָס ווילן זיין גוט, באַמיען זיך און קאָנען נישט דערפילן. ער האָט קיינמאָל וועגן קיינעם נישט גערעדט קיין שלעכטס. ער, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט זיך צו וויצלען, איז אפילו אין זיין וויצלען זיך קיינמאָל נישט אַריינגעפאַלן אין חוזק. יעדער וויץ האָט אים שוין אויסגעזעען נישט פריילעך, אויב ער האָט נאָר געקאָנט באַליידיקן אָדער מצער זיין עמעצן.

צו זייט 36, שורה 8 פון אונטן. נאָך די ווערטער „מענטשן, וואָס טויגן צו גאָרנישט":

ער האָט דאָס באַזונדער שטאַרק געפילט, ווען ער פלעגט זיין אין שטאָט און זיך צונויפקומען מיט מענטשן, פאַרנומענע מיט אַ באַשטימטער טעטיקייט, און פלעגט זעען דידאָזיקע גאַנצע ברויזנדיקע, פון אַלע זייטן באַשטימטע, דורך אַלעמען אָנערקענטע און געאַכטעטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. בלויז ער אַליין איז געווען אָן אַ שטעלע, אָן אַרבעט.

דער צווייטער חסרון, און דער וויכטיקסטער, וועלכן ער האָט געפילט אין זיך באַם געדאַנק וועגן חתונה־האָבן, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געהאַט דערקלערט אין ליבע קיין איין פרוי. ער האָט געטראַכט וועגן זיך, ווי וועגן זייער נישט קיין שיינעם, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז קיין פרוי, בפרט די געהיימנישפולע

און הערלעכע קיטי, וועס אים נישט קאָנען ליב האָבן. זיינע פריערדיקע באַציונגען צו קיטין,

צו זייט 33, שורה 15. דער אָפּזאַץ „לעווין האָט באַגעגנט“ איז אַנדערש:

לעווין האָט באַגעגנט אין די זשורנאַלן די אַרטיקלען, וועגן וועלכע עס איז דאָ גערעדט געוואָרן, אָבער ער האָט זיי נישט געקאָנט איבער־לייענען, ווייל בײַ דעמדאָזיקן לייענען פלעגט אים באַפאַלן אַ שרעקלעכע לאַנגווייליקייט. לעווין האָט זיך בכלל נישט אינטערעסירט מיט דער נייעסטער פילאָזאָפיע. דידאָזיקע אַלע פראַגן וועגן דער אָפּשטאַמונג פון מענטש אַלס חיה, וועגן די רעפלעקסן, וואָס פאַרטרעטן די נשמה, וועגן ביאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע, האָבן אים אויסגעזעען אומדערטרעגלעך לאַנגווייליק, ווייל דאָס לייזן דידאָזיקע פראַגן אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן האָט מיט גאָרנישט מיטגעווירקט צו דער לייזונג פון די פראַגן וועגן דער באַדייטונג פון לעבן און טויט, וועלכע זענען אים די לעצטע צייט אַלץ אָפטער און אָפטער געקומען אויפן רעיון און אין וועלכע ער האָט זיך פאַרטיפט, באַמיענדיק זיך צו לייזן זיי. אָבער ער האָט נישט אויסגעדריקט אפילו פאַר זיך אַליין מיט ווערטער די דורך אים געפונענע לייזונגען, ווייל ער האָט נעפּלהאַפט געפילט, אַז דאָס לייזן דידאָזיקע פראַגן איז די אויפגאַבע און דער ציל פון דעם גאַנצן לעבן.

צו זייט 41, שורה 15 פונדעריייך. נאָך די ווער־טער: „און אַט מיר לאַכן בלויז“:

לעווינען איז נישט ווילנדיק איינגעפאַלן, אַז אויב די זעמסקע אינ־סטיטוציעס זענען גוט בלויז דערפאַר, וואָס פון זיי קאָנען זיך אַנטוויק־לען אַנדערע געזעצן, האָט ער טאַקע לכתחילה אַזוי געדאַרפט זאָגן: אַז די זעמסקע אינסטיטוציעס זענען פאַר זיך אַ נאַרישקייט, נאָר אַז פון זיי קאָנען זיך אַנטוויקלען געזעצן, און חוצדעם נאָך זאָגן, וואָסערע געזעצן. אָבער ער האָט נישט דערווידערט, ווייל ער האָט נישט דורך רייד, נאָר דורך פראַקטיק זיך איבערצייגט, אַז אין דער זאַך, ווי אין אַלע אַנדערע, צו וועלכע ער האָט זיך גענומען, שטיצט זיך אויף געמאַכטקייט און פאַלש־קייט, און אַז גלייבן אין דער וויכטיקייט פון די זעמסקע אינסטיטוציעס, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַקענט מיט זיי נישט דורכן שכל, נאָר דורך פראַקטיק, קאָן ער נישט, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט גלייבן אין דער חערט פון אַן אַסיגנאַציע, וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פאַלש.

צו זייט 41, שורה 16 פון אונטן. נאָך די ווער־טער „דו פּאַסט נישט גוט אויף די זאַך":

— אפשר.

— און ווי איז דיר געפעלן דער פּראָפעסאָר קלימאָוו? — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געפרעגט מיט אַ שמייכל, כּדי ווייכער צו מאַכן זיין באַמערקונג און צו ענדערן דעם געשפּרעך. — זייער אַן אויפריכטיקער מענטש.

— יאָ, נאָר איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, — האָט לעווין לאַכנדיק געזאָגט. — און ווי דאָר ער איז, עס איז דאָך שרעקלעך, וואָס פאַר אַ שפּענדל ער איז!

— נישט יעדער קאָן דאָך זיין אַזאַ הערקוליעס, ווי דו ביסט.

צו זייט 42, שורה 17 פון אונטן. נאָך די ווערטער „אַז מען קאָן דאָס נישט":

לעווין האָט געוווּסט, ווי אומגערעכט זיין ברודער ניקאָלאַי איז גע־ווען קעגן סערגיי איוואַנאָוויטשן, ווי אומגערעכט ער האָט אים באַשול־דיקט אין נישט פּינקטלעכקייט פון די חשבונות באַם צעטיילן, ווי אכזריות־דיק ער האָט אים אָנגערירט די שמערצלעכסטע ערטער; אָבער קאָנסטאַנטין דמיטריעוויטש האָט דערפאַר נאָך שטאַרקער געפילט זיין נאָענטקייט צום ברודער ניקאָלאַי. טרערן האָבן אָנגעפילט זיינע אויגן. ער האָט זיך אָוועקגעדרייט, איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער, און פון צווייטן ווינקל געזאָגט:

— איך פאַרשטיי און שאַץ אָפּ...

צו זייט 69, שורה 15 פון דערהייך. נאָך די ווערטער „איך ווייס, איך ווייס אַלץ":

זי האָט ליב געהאַט ווראָנסקין אַליין, ליב געהאַט, ווי זי האָט נאָך קיינמאָל קיינעם נישט ליב געהאַט און וועט נישט ליב האָבן, און האָט געוווּסט, אַז די מוטער וועט רעדן לטובת אים; אָבער דאָס טאַקע איז איר געווען נישט אָנגענעם.

צו זייט 105, שורה 7 פון אונטן. נאָך די ווער־טער „קאָמפּליצירטע און פּאָעטישע":

אַננאַ האָט זיך געפילט אויפגערעגט און געריִרט. און די מידעקייט פון וועג און די געשעענישׂ אויף דער באַן, און דאָס פאַרשטייענדע אי־בערבעטן זיך פון מאַן־און־ווייב, און בכלל מאָסקווע, די היים, דער ברו־דער, די פריינט, דאָסדאָזיקע ליבע, אומשולדיקע, משמעות פאַרליבטע

שיינע פריילין, דידאָזיקע ווונדערבאַרע קינדער, דאָס אַלץ האָט זי איבער־געטראָגן אין אַ פולשטענדיק פאַר איר נייער וועלט, און באַ איר אייגנ־טימלעכער פעיקייט זיך צונויפצולעבן מיט יעדער סביבה, האָט זי אויס־געזעען ווי אַן עלטער און גאָר טייערער מיטגליד פון דערדאָזיקער פאַמיליע.

צו זייט 122, שורה 5 פון אונטן. נאָך די ווערטער „אַז זי וועט נישט בלייבן"

וראָנסקי איז געשטאַנען דערלעבן און האָט געשוויגן. זי האָט אַ בליק געטון אויף אים. הגם זי האָט אים בלויז דריי מאָל געהאַט געזעען, האָט זי דאָך דערפילט, אַז צווישן זיי איז שוין דאָ אַ פאַרוויקלטע און באַדייטנדיקע פאַרגאַנגענהייט.

צו זייט 123. קאַפיטל XXIV (אין זשורנאַל XV) הייבט זיך אָן אַנדערש:

גלייך פון די שטשערבאַצקיס איז לעווין, נאָך דעם פיינלעכן אָוונט, צוגעפאָרן צום טעלעגראַף און געגעבן צו וויסן צו זיך אין דאָרף אריין, מען זאָל אַרויסשיקן די פערד נאָך אים. צוריקקומענדיק אַהיים, איז ער אַריינגעגאַנגען צום ברודער, כדי צו מעלדן אים וועגן זיין אָוועקפאָרן. סערגיי איוואַנאָוויטש איז געזעסן מיט צוויי ליכט באַם שרייבטיש, וואָס איז פאַרוואָרפן געווען מיט צעעפנטע ביכער און האָט שנעל געשריבן. ער האָט זיך אויסגעלייגט אויפן אָנלען פון פאָטעל און אָנגעשטעלט זיינע תמיד דורכדרינגלעכע אויגן אויף דעם צערודערטן פנים פונם יינגערן ברודער. די דורכדרינגלעכע אויגן האָבן דאָס מאָל גאַרנישט געזעען. דעם עלטערן ברודערס פנים איז געווען אינגאַנצן אַן אַנדערס. ווי עס איז געווען אינדערפרי; עס איז געווען אַזוי ווי אָפּגעפּאַלענער און מאָגערער, נאָר די אויגן האָבן געגלאַנצט, גאָרנישט זעענ־דיק און נישט באַוואַכטנדיק. „וואָס, זו פאָרסט?" — האָט ער געזאָגט. — וואָס־זשע ביסטו אַזוי... — ער האָט משמעות פאַרגעסן, ווען דער ברודער איז געקומען, נאָכוואָס, צי אויף לאַנג, און מיט שווערקייט זיך באַמיט צו דערמאַנען. — וואָס־זשע, ביסט שוין פאַרטיק מיט דיינע גע־שעפטן?"...

לעווין האָט פאַרשטאַנען, אַז דער ברודער וועט, צוליב דעם רעדן מיט אים, מוזן איבעררייסן זיין געדאַנק, און האָט דעריבער איילִיק גע־ענטפערט: „יאָ, שוין פאַרטיק. דאַרפסטו האָבן טויזנט רובל ביז יום־טוב. איך וועל דיר שיקן". סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך פלוצלינג אָנגעבויגן

און צוגעשריבן צוויי ווערטער אויפֿן מאַרגינעז פֿון פּאַפּיר. „יאָ, יאָ, איך דאַנק דיר, — האָט ער געזאָגט. — נו, זיי געזונט, קאָסטיאַ, אַנטשולדיק מיר". לעווין איז אויפֿגעשטאַנען און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. „אָך יאָ! — האָט ער געזאָגט, זיך אָפּשטעלנדיק. — ווו קאָן מען געפֿינען ני־קאָלענקען?" סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך אָנגעכמורעט. „כ'לעבן, איך ווייס נישט. פּראָקאָפּיאַ האָט דעם אַדרעס. דו ביסט נישט געווען באַ אים?" — „ניין, נאָר איך וועל באַלד פֿאָרן". — „נו, ווי דו פֿאַרשטייסט. זיי געזונט, זיי געזונט". לעווין איז אַוועקגעגאַנגען אין זיין צימער אַריין און האָט אָנגעהויבן זיך איינפּאַקן.

צו זייט 125, שורה 6 פֿון אונטן. נאָך די ווערטער „דער הער אין קאַפּטן".

ער האָט גערעדט וועגן דער נישט גלייכמעסיקער איינטיילונג פֿון די רייכטימער אין די פּריווילעגירטע קלאַסן; און פֿון דעמדאָזיקן הערס בלויזע ווערטער און פֿון זיין מאַניר צו רעדן האָט שוין קאָנסטאַנטין פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ יונגערמאַן דאָס איז, און זיין האַרץ האָט זיך באַ דעם צונויפֿגעדריקט. נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין קלאָרן חשבון אין זיין באַשלוס, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז די נאָענטקייט מיט אַזעלכע שטייגער מענטשן איז דער בעסטער סימן פֿון אַ האָפֿנונגסלאָז קאַליע גע־מאַכט לעבן.

צו זייט 128, שורה 8 פֿון אונטן. נאָך די ווערטער „פֿאַראַכטונג צו זיך אַליין".

ניקאָלאַי לעווין האָט אַזוי ווי פֿאַרשטאַנען זיין געדאַנק. ער האָט זיך פּלוצלינג פֿאַרלוירן, זיך אַ ציי געטון און אָנגעהויבן הייס צו רעדן, אַזוי ווי דערווידערנדיק

— דידאָזיקע זאַך איז פּונקט אַזאַ וויכטיקע, ווי די זאַך פֿון די ערשטע קריסטן. דידאָזיקע מענטשן ווערן אויך אַזוי פֿאַרפֿאָלגט און זענען אויך אַזוי מענטשן פֿון דער צוקונפֿט.

קריצקי, הערנדיק, האָט מיט ביטול געשמייכלט, ווי קאָנסטאַנטין לעווינען האָט זיך געדאַכט, און ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, נישט צו זאָגן, ווענדנדיק זיך צו קריצקין:

— נאָר דער חילוק איז אין דעם, וואָס די קריסטן האָבן אָנגער־קענט איין געווער: ליבע און איבערצייגונג.

— איך, פֿון מיין זייט, האָב נישט באַשטעטיקט, אַז מיר זאָלן ענלעך זיין צו די ערשטע קריסטן; איך בין אייך מודה, אַז איך ווייס

גאַרנישט, וואָס זיי האָבן געפּריידיקט, און וויל נישט וויסן, — האָט קריצקי געזאָגט מיט אַ שמייכל, אַ בייזן און פֿײַנטלעכן, וואָס דערמאַנט אָן דעם אויסדרוק פֿון אַ הונט, וואָס ווייזט די ציין. — מיר לאָזן איבער צו פּריידיקן די ליבע פֿאַר די, ווער עס איז צופֿרידן מיט דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג. און מיר אָנערקענען זיי פּשוט אַלס אומגעלומפּערטקייט און ווייסן, אַז געוואַלט ווערט באַקעמפֿט בלויז דורך געוואַלט.

— איז וואָס־זשע הייסט דאָס אַ פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו? — האָט זיך קאָנסטאַנטין לעווין געווענדט צום ברודער, נישט ענטפֿערנדיק קריצקין.

אָט וואָס, דו ווייסט, אַז דער קאַפּיטאַל" א. אַז. וו.

צו זייט 131, שורה 12 פֿונדערהייך. נאָך די ווערטער „אַ סך? — האָט לעווין אַ פֿליסטער געטון":

— יאָ, — האָט זי געזאָגט מיט אַ זיפֿץ און זיך שרעקעוודיק אומגעקוקט אויף דער טיר.

און, אַ מערקווירדיקע זאַך, הגם לעווין האָט ערשט היינט געהאַט געזאָגט, אַז ער אָנערקענט נישט קיין געפֿאַלענע פֿרויען פֿאַר מענטשן, האָט ער געשפּירט אַ ברידערלעך געפֿיל צו דערדאָזיקער פֿרוי, פֿאַרשטייענדיק פֿון דידאָזיקע נישט קיין סך ווערטער אירע און, דער עיקר, פֿון איר פּשוטן, גוטן אויסדרוק, אַז זי האָט אמתדיק און, אפֿשר די איינציקע אויף דער גאַנצער וועלט, ליב זיין ברודער. דערווייל איז ניקאָלאַי צוריקגעקומען. זיין פּנים איז געווען פֿריילעך, ווי בײַ אַ שילער נאָך דער לעקציע; אָבער דערזעען, אַז דער ברודער רעדט מיט מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ, איז ער רויט געוואָרן און האָט זיך ווידער אָנגעכמורעט.

צו זייט 183. קאַפּיטל IV הייבט זיך אָן אַנדערש:

עס זענען אַריבער צוויי חדשים, זינט אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ איז צוריקגעקומען קיין פּעטערבורג, און איר לעבן איז געגאַנגען אויפֿן אַלטן שטייגער; אָבער נאָך איר נסיעה קיין מאָסקווע האָט איר בליק אויף דעמדאָזיקן לעבן זיך געענדערט. פֿריער האָט דאָס הויכוועלטישע לעבן מיט די הויכוועלטישע געשפּרעכן וועגן די חתונות, אינצידענטן, אַוואַנסירונגען איבערגרופּירונגען, מיט די דאגות וועגן דער פֿריזור און אַ קלייד אויף אַ באַל, דאָס לעבן מיט די קליינע פֿריידן, ערגייציקן פֿאַרדראָס און, דער עיקר, מיט די געוויינלעכע און רויקע באַציונגען צום מאַן און זון, — פֿריער האָט דאָס אַלץ אויסגעפֿילט איר צייט.

דאַסדאָזיקע הויכוועלטישע לעבן, וואָס האָט אויסגעזעען אַנגען איידער זי איז אַריינגעטרעטן דערין, ווי אַ שרעקלעכער, געפּערלעכער קעסלגרוב, האָט אין תּוך זיך אַרויסגעוויזן אַלס גאָר שטיל און פרידלעך לעבן, וואָס האָט גאָרנישט אָנגערירט די גייסטיקע אינטערעסן. עס זענען אָנגערירט געוואָרן בלויז די גאָר קליינע אינטערעסן, און אין משך פון אירע לעצטע צוויי יאָר פּעטערבורגער לעבן, בײַ די וויזיטן, אָווגטן און בעלער, האָט אַננאַ אָפּט איבערגעלעבט אַ געפיל פון לאַנגווייליקייט צוליב דער כּסדרדיקער איינאַרטיקייט. אָבער אַצינד, זינט זי איז צוריקגעקומען פון מאָסקווע, האָט זיך דאָס אַלץ פּלוצלינג געענדערט. די הויכע געזעלשאַפט האָט זי אָדער אַריינגעבראַנגט אין צאָרן מיט איר לאַנגווייליקייט, געמאַכטקייט און נאַרישקייט. אָדער זי האָט זיך געפילט אין דער הויכער געזעלשאַפט אויפגערעגט־גליקלעך און צערודערט, ווי זי פלעגט זיך פילן אַלס פריילין אויף די ערשטע בעלער.

צו זייט 186, שורה 2 פונדערהייך. נאָך די ווערטער „די גאַנצע הויכע געזעלשאַפט איז געווען אין טעאַטער“:

קיין באַל איז נישט געווען דעם טאָג, און די פירשטין בעטסי האָט איינגעלאַדן עמעצן פון אירע פּריינט צו זיך אויף טיי נאָך דער אָפּערע. אַננאַ איז נישט געווען אין טעאַטער. די קאַרעגינס האָבן נישט געהאַט קיין לאָזשע אין דעם אַבאָנאַמענט. די פירשטין בעטסי האָט זיך דעם טאָג געריכט אויף אַננען צו מיטאָג, אָבער אַננאַ איז נישט געקומען, מיטן אויסרייד, אַז זי האָט צוגעזאָגט צו זיין דעם אָוונט בײַ דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָווגאַ. פאַרן אָוועקפאָרן אין טעאַטער אַריין האָט איר בעטסי געשיקט אַ צווייט צעטעלע.

„קומט צו מיר, איך בעט אייך, אינאָוונט נאָך דער אָפּערע, — האָט זי געשריבן, — איך וועל מיטברענגען עמעצן פון טעאַטער, און מיר וועלן זיך באַמיען צו פאַרברענגען דעם אָוונט נישט אַזוי פייערלעך, פאַרדעם נישט גאָר אַזוי לאַנגווייליק, ווי בײַ דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָווגאַ“.

צו זייט 198. אַנשטאָט דעם אָנהייב פון דעם קאַפּיטל VII („בײַ דער אַריינגאַנג־טיר... אונטערגעהויבן“):

די פירשטין בעטסי, וואָס האָט צופעליק אַ בליק געטון אויף ווראָנסקין, האָט דערזעען, אַז אין זיין פּנים, וואָס איז געווענדט געווען צו דער טיר, איז פאָרגעקומען אַ מערקווירדיקע ענדערונג. ווראָנסקיס פּנים האָט זיך צעשטראַלט. אַלע האָר, ווי די אויערן בײַ אַ יאָג־הונט, האָבן זיך אַ

צי־געטון צוריק, און, נישט אראפלאזנדיק די אויגן פון דער טיר, האט ער זיך אויפגעהויבן.

צו זייט 208, שורה 1 פון אונטן. נאך די ווער־טער „די געשאפענע אומשטענדן״:

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש איז געווען א מענטש א גלויביקער, ערשטנס דערפאר, וואס די רעליגיעזע פראגן האבן אים קיינמאל נישט שטארק אנגערירט און דעריבער פלעגן אים נישט באפאלן קיין ספקות; צווייטנס, און דער עיקר, דערפאר, וואס די רעליגיע האט קלאר געמאכט און באשטימט אלע לעבנס־אומשטענדן, וועגן וועלכע עס איז אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשן געווען נישט אנגענעם צו טראכטן. די רעליגיע, וואס האט באזייטיקט דידאזיקע אלע פראגן, האט געגעבן א מעגלעכקייט פאר רויקער און ברייטער טעטיקייט אין די פראקטישע ספערן.

צו זייט 194, שורה 9 פון אונטן. נאך די ווערטער „צו אומבאטירלעך״:

מען קאן צוטראכטן וואס צו טון, ווען אין וועג צעברעכט זיך אן אקס אדער עס פאלט א פערד, אבער מען קאן גארנישט צוטראכטן, ווען אין וועג צעברעכן זיך אלע גלידער פון קערפער. מען קאן גארנישט צו־טראכטן, מען קאן בלויז שנעלער טרייבן דאס פערד.

צוליב דעם געוויינלעכן עקזאלטירטן באוועגן זיך, האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש נישט געוואלט זיך מודה זיין, אז ער איז שוין צעקלאפט אויף פיצלעך, הגם טיף אין דער נשמה האט ער דאס גע־פילט.

צו זייט 404. דאס קאפיטל XII (אין זשורנאל X) ענדיקט זיך אנדערש:

„ניין, עס איז אינגאנצן נאריש, וואס איך האב געטראכט די נאכט. אינגאנצן נאריש; איך קאן זיין גליקלעך נאר מיט איר״.

און ער האט זיך אנגעהויבן דערמאנען זיין שמועס מיט דאללין און זיך פארשטעלן א מעגלעכקייט זיך צו זעען מיט קיטין. „איך האב געזאגט, אז איך וועל נישט קומען. דאללי וועט איר איבערגעבן. ווי אזוי זשע קאן איך קומען אצינד נאכדעם, וואס איך האב געזאגט: פונקט ווי איך וואלט איר מוחל געווען״. און אלץ, וואס ער האט איבערגעלעבט באנאכט, איז פארשוואונדן, און ער איז ווידער געבליבן אזעלכער ווי ער איז געווען, א נישט גאנצער, נישט פארענדיקטער מענטש, וואס איז נישט צופרידן מיט זיין לעבן. וואס זעט דאס פארקריפלטקייט פון זיין לעבן

און קאָן נישט לעבן אַנדערש. אָבער דער טרויעריקער, פּאַרטראַכטער אויסדרוק פון איר פּנים האָט אים נישט בלויז איבערגעבעטן מיט איר, נאָר האָט אויך אָנגעפילט זיין האַרץ מיט ליבשאַפט און האָפנונג.

צו זייט 464, שורה 3 פון אונטן. נאָך די ווערטער „געבעטן די זיצן״:

אננא האָט באַמערקט, אַז ער איז באַזונדערס בלייך און זיינע הענט טרייסלען זיך. דאָס איז געווען נישט דאָס, וואָס זי האָט דערוואַרט. גרייטנדיק זיך צו דערדאַזיקער זעונג, האָט זי זיך געלערנט האַסן, באַשולדיקן אים, באַרעכטיקן זיך, אָבער דערזעענדיק אים אַזעלכן, איז איר געוואָרן אַ רחמנות, און זי האָט געפילט, אַז זי וואָגט אפילו נישט רחמנות צו האָבן אויף אים.

צו זייט 469, שורה 4 פון אונטן. נאָך די ווערטער „בכיוון זיך אָפּגעאַרנדיק״:

ער האָט זיך באַצויגן מיט ביטול צו אַלע אים באַקאַנטע טעטיקייטן, און געהאַלטן בלויז זי לאַנדווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פאַר דער ערנסטער און אמתער, און בלויז די אַליין ליב געהאַט. אים וואָלט גאָר נישט געבליבן, ווען ער וואָלט זיך אַנטוישט אין איר.

צו זייט 473, שורה 5 פונדערהייך. נאָך די ווערטער „ביז זיי וועלן אָפּעסן מיטאָג״:

לעווין האָט די גאַנצע צייט געקוקט, ווי אַזוי מען האָט אויסגעשפּאַנט און זיך צוגעגרייט צו אַ צווייטער אַרבעט, און זיין געווינט, באַלעבאַטיש אויג האָט דאָ געזעען אַזעלכע מעטאָדן, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געזעען בײַ זיינע אַרבעטער.

די געשיקטקייט פון דער אַרבעט, דאָס מסוגלקייט, דער חשק, מיט וועלכן אַלץ איז געטון געוואָרן, דאָס זאַטקייט פון די פערד איז געווען טאַקע דאָס, וואָס ער האָט זיך בחנם תמיד געווונטשן און קיינמאָל נישט געקאָנט דערגרייכן אין זיין באַלעבאַטישקייט.

צו זייט 477, שורה 13 פון אונטן. נאָך די ווערטער „אויף אים און אויף זיין לעבן״:

דאָס איינציקע, וואָס לעווין האָט זיך געקאָנט זאָגן און האָט זיך געזאָגט ווען אים: דאָס איז געווען דאָס, אַז ער האָט דאָס גאַנצע לעבן נישט געוווּסט פון קיין ליידנשאַפטן, פון קיין פאַרלוסטן, פון קיין נויט. די איינציקע זאָרג און עגמת נפש, וועלכע ער האָט געקאָנט האָבן, — האָט לעווין געקלערט, — דאָס איז געווען די זאָרג און עגמת

נפש וועגן דעם, וואָס צו טון און ווי אַזוי פרייליכער צו פאַרברענגען די צייט, הגם דידאָזיקע זאָרג איז נישט געווען צו באַמערקן: אַזוי נאַטירלעך און איינפאַך זענען געגאַנגען בײַ אים די געשעפטן, די פליכטן, דאָס ווײַלן זיך, איינס נאָכן אַנדערן. ער איז געווען דאָס, וואָס די פויערן רופן אָן: אַ נישט איינגעבראָכענער מענטש. נאָר לעווין האָט דאָך נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי ער האָט געקאָנט איינאָרדענען זײַן גאַנץ לעבן אַזוי, אַז ער זאָל נישט וויסן פון קיין ליידנשאַפטן, נויטן, פאַרלוסטן, באַליידיקונגען, אַנטוישונגען, און פאַרוואָס דאָס לעבן איז בײַ אים געווען בלויז אַ ליידיקע פאָרם פון צייט, וועלכע מען האָט געדאַרפט וואָס בעסער אָנפילן.

צו זייט 487, שורה 13 פונדערהייך. אָנשטאָט די ווערטער „עס איז קיין מאַכט נישטאָ, — האָט דער גוטבאַזיצער געענטפערט“ שטייט אין זשורנאַל:

זיי זענען חזירים, און וועלן חזירים בלײַבן.

צו זייט 487, שורה 18 פונדערהייך. נאָך די ווערטער „צוגעקומען צו די דיספּוטירנדיקע“

ער איז, משמעות, אַצינד איינשטימיק געווען מיט דער מיינונג פון דעם גוטבאַזיצער וועגן רוסישן פאָלק.

צו זייט 501, שורה 12 פונדערהייך. אָנשטאָט דער טייל פון דעם קאַפּיטל XXX פון די ווערטער „נישט געקוקט אויף דער מרהשחורהדיקייט פון דער אַרומיקער נאַטור“ ביז די ווערטער „נאָך דער באַראַטונג“:

„איך וועל אָפּעסן מיטאָג, וועל איך דערנאָך פאַרענדיקן וועגן דער רענטע. מאָרגן וועט קומען דער הויף־וועכטער, און מיטוואָך וועל איך אוועקפאָרן. ווי איינפאַך און לײַכט אַלץ איז אַצינד, ווען איך האָב פאַרשטאַנען מײַן אויפגאַבע און וואַרט אויף גאָרנישט“.

דער מענטש, וואָס איז אַרויסגעקומען צונעמען דאָס פערד, האָט געמאָלדן, אַז פאַרפען דעניסיטש שטאַרבט און האָט געשיקט נאָך אים. פאַרפען דעניסיטש איז געווען די לעווינס אַן אַלטער דינער, וואָס האָט געלעבט מיט נאָך אַ סך זקנים און זקנות אויף פענסיע בײַ לעווינען. לעווין האָט זיך פאַרקרימט. ער פלעגט טיילמאָל באַגעגענען דידאָזיקע זקנים און זקנות; נאָר ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן זיי. ער האָט בלויז געוווּסט, אַז זיי דאַרפן אַזוי לעבן בײַ אים און באַקומען חודש־געלט. און האָט אויך געוווּסט, אַז זיי זענען אַלט און וועלן אוודאי אײַנ־

גיכן שטארבן, נאר וועגן דעם האט ער נאך ווינציקער געטראכט. אצינד האט מען אים גערופן צוליב עפעס צו א שטארבנדיקן, און דאס איז אים געווען נישט אנגענעמעם און פארדראסיק, בפרט, אז ער איז געווען הונ-געריק, אבער מען האט זיך נישט געקאנט אפזאגן.

ער האט זיך אפגעטרייסלט, ווי א נאסער הונט, זיך נישט אויסגעטון און געלאזט גיין אין דארף אריין. לאסקע, וועלכע איז אים אקעגנגעקו-מען, האט אים אנגעהויבן נאכלויפן און, פרייענדיק זיך, האט ער גייט צופוס, דרייענדיק מיטן וויידל, איז זי פארזיכטיק מיט א קוויטש ארי-בערגעשפרונגען איבער א קאלוזשע און אים אנגעהויבן צווארטן פארן הויז.

דער אנבליק פון וואסקען האט אים דערמאנט, אז מיט א טאג צו-ריק איז משוגע געווארן דער יאג-הונט פאמטשישקא. ער איז צוריקגע-גאנגען.

— קוזמא! וואס, מען האט דערהרגעט פאמטשישקען?

— עס האט אים נישט ווער אפצוזוכן, — האט קוזמא געענטפערט. — דער יעגער שיכורט שוין דעם צווייטן טאג.

— נעם-זשע צו לאסקען, זי זאל איר נישט אמאל א ביס טון. אהיים! און גרייט צו דאס מיטאג, איך וועל באלד קומען.

און נישט טראכטנדיק וועגן דעם, וווהין ער גייט, האט ער אנגע-בויגן דעם קאפ פון די קרומע טראפנס, וואס האבן אים געקלאפט אין פנים אריין, און קוקנדיק זיך בלויז אונטער די פיס אויף דעם בלאטיקן וועג, וואס איז באזייעט געווען מיט קיילעכיקע, געלע בעריאזע-בלעטער, וואס זענען ערטערווייז אריינגעדריקט געווען פון רעדער, איז ער אזוי צוגעקומען ביז די הייזער פון דער דינערשאפט און אריינגעגאנגען אין פעדערהויז פון דער דירה, ווו דער אלטער האט געווינט. אין פעדער-הויז איז קיינער נישט געווען. אבער הינטער דעם אלטנס טיר האבן זיך געהערט שטימען. לעווין האט געעפנט די טיר. א שווערער קראנקהאפטער ריח האט זיך ארויסגעריסן פון איר. לעווין איז שטיין געבליבן אויף דער שוועל. אין דער ערשטער שטוב איז קיינער נישט געווען, אבער הינטער דעם ווענט איז געווען ליכטיק, און עס האבן זיך געהערט אייליקע שטי-מען און א גערויש פון וואסער, וואס האט זיך געגאסן אויף דער פאד-לאגע אראפ.

— זאג-זשע, האט געזאגט אין ווייבעריש קול: — ער וועט פאר-שטייפט ווערן, וועט מען אים דערנאך נישט קאנען אנטון.

לעווין האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער איז געשטאָרבן. ער האָט זיך איבערגעצלמט און איז צוריק אַרויסגעגאַנגען אין פעדערהויז אַריין, אָבער איז נישט אַהיימגעגאַנגען. אים איז איבער עפּעס שווער געווען אַוועקצוגיין, הגם ער האָט געוווּסט, אַז ער האָט דאָ נישט וואָס צו טון. ער האָט איבערגעלעבט אַ געפיל פון פאַרלעגנהייט וועגן דעם, וואָס ער דאַרף אין דעם פאַל צו טון. און איינצייטיק האָט ער געפילט, אַז ער דאַרף עפּעס טון. ער האָט זיך איבערגעצלמט, ווען ער איז געוויר געוואָרן, אַז דער אַלטער איז געשטאָרבן, נאָר אַצינד איז אים געווען איבער דער טבע דערפאַר, וואָס ער האָט זיך איבערגעצלמט, ווי עס פלעגט אים תמיד זיין איבער דער טבע, ווען ער פלעגט טון דאָס, אין וואָס ער האָט נישט געגלייבט.

פון שטוב איז אַרויסגעקומען די אַלטע, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אַרום דעם אַלטן. דערזעען לעווינען, האָט זי אים געזאָגט, אַז דער אַלטער איז געשטאָרבן און אַז זיי האָבן אים נאָר־וואָס אָנגעטון. זי האָט אים דערציילט די פּרטים פון זיין טויט; אָבער לעווין האָט זי נישט אויסגעהערט. „אַ שאָד, וואָס איך בין נישט געווען, ער האָט מיר אפשר געוואָלט עפּעס זאָגן", האָט ער געזאָגט און געוואָלט אַרויסגיין. אָבער ווידער האָט אים אַ געפיל פון פאָרוווּרף איבער עפּעס פאַרהאַלטן. אין פעדערהויז איז אַריינגעקומען אַ צווייטע פרוי און, נאָכדעם ווי זי האָט זיך פאַרנייגט פאַרן פריץ, איז זי אַריינגעגאַנגען דורך דער טיר. אפשר פאָדערט די העפלעכקייט, אַז איך זאָל אַריינגיין, האָט לעווין אַ קלער געטון און איז גלייך נאָך דער אַלטער אַריינגעגאַנגען צום בר־מינן. דער אַלטיטשקער איז געלעגן אויף אַ ברעט, אָנגעטון אין אַ בלויען פראַק, ווייסע הויזן און נייע שיך, נאָך נישט צוגעדעקט מיט קיין ליילעך. לעווין איז געשטאַנען אַ ביסל, זיך נאָכאַמאָל איבערגעצלמט און אַרויסגעגאַנגען, מיטנעמענדיק מיט זיך דאָס זעלבע געפיל פון פאַרלעגנהייט און פאָרוווּרף.

ער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. פלוצלינג האָט עפּעס אַ ווייסע זאַך זיך אים אַ ווייז געטון רעכטס. ער האָט אַ בליק געטון — דאָס איז געווען פּאַמטשישקאַ. זי איז געלעגן באַ דער שטאַל אויף אַ קופּע שטרוי, וואָס איז שוואַרץ געוואָרן פון רעגן, אַרויפגעלייגט איר ווייס געשטרייפטן קאָפּ אויף די לאַפּעס, און האָט געקוקט אויף לעווינען, ווי אים האָט זיך געדאַכט. ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, זיך איינגעקוקט

אין איר. אין דער האַלבפינצטערניש האָט ער נישט געקאָנט גוט זעען איר פנים.

— פּאַמטשישקאַ, פּיוו, נאַ! — האָט ער אַ פּייף געטון.

דער הונט האָט זיך וואַקלענדיק אויפגעהויבן און זיך געלאָזט גיין צו אים. „כ'לעבן, אפשר איז זי טאַקע משוגע”, האָט ער אַ קלער געטון און פאַרגיכערט דעם טריט. אַ פופציק טריט פאָרויס האָט זיך געפונען דעם פאַרוואַלטערס הויז, אַ צוואַנציק טריט פון הינטן איז געווען דער הונט. ער האָט זיך ווידער אומגעקוקט. דער הונט האָט זיך דערנענטערט צו אים מיט אַ פּאַמעלעך לויפן. אין גיין האָט ער אים גוט באַטראַכט. דאָס מויל איז געווען אָפן. דער ווידל פאַרקוועטשט, און זי איז געלאָפן, וואַקלענדיק זיך פון איין זייט אין דער צווייטער, נישט אויסקלויבנדיק דעם וועג און שפּריצנדיק מיט די לאַפּעס איבער די קאַלוזשעס. דערדאָזיקער גאַנצער, פריער אַזוי ליבלעכער, פריילעכער הונט, האָט אַצינד געהאַט אַן אויסטערלישן, נישט הינטישן אָנבליק. דאָס איז געווען נישט קיין הונט, נאָר עפּעס אַן אומבאַקאַנט באַשעפעניש. וואָס מער ער האָט זיך דערנענטערט, אַלץ ווינציקער איז ער ענלעך געווען צו זיך און אַלץ דייטלעכער איז געווען דאָס נייע באַשעפעניש, וואָס, אָננעמענדיק דעם אָנבליק פון אַ הונט, האָט עס זיך דערנענטערט צו אים.

אַ פחד, וואָס לעווין האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט איבערגעלעבט, איז אים באַפאַלן, ער האָט מיט זיינע שטאַרקע, פלינקע פיס זיך אַ לאָז געטון לויפן מיט אַלע כוחות. דער פחד, וועלכן ער האָט איבערגעלעבט, האָט, דאַכט זיך, נישט געקאָנט זיין שטאַרקער; אָבער אין דער מינוט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו לויפן, איז דער פחד נאָך שטאַרקער געוואָרן. ווי אַ משוגענער איז ער אַריינגעלאָפן אין דער טיר פון דעם פאַרוואַלטערס פעדערהויז און, נישט זייענדיק בכוח צו ענטפערן אויף די פראַגן פון דעם פאַרוואַלטערס פרוי, וואָס איז אַרויסגעלאָפן צו אים אין פעדערהויז אַריין, האָט ער לאַנג נישט געקאָנט אָפּעטעמען. ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער חוזק געמאַכט פון זיין שרעק און, נעמענדיק אַ קאָטשערע, האָט ער געעפנט די טיר. אין ווינקל איז, וואַקלענדיק זיך, געשטאַנען דער שיכורער יעגער.

— נו, הער, איר זענט אַ גוטער לויפער, — האָט ער געזאָגט, חוזק מאַכנדיק. — וואָס איז דאָ פאַר איר מורא צו האָבן?

— ווו-זשע איז זי? — האָט לעווין געפרעגט.

— אָט דאָ אַהער איז זי אַריינגעקראָכן.

דער יעגער האָט אָנגעוויזן אויפֿן פֿענצטער פֿון קעלער אונטער דעם פּאַרוואַלטערס הויז און, כּדי צו ווייזן זיין דרייסטקייט, האָט ער אַוועקגעוואָרפֿן דעם ראַפּניק, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף קניען, און קיינער האָט נישט באַוויזן צו פֿאַרהאַלטן אים, ווי ער איז שוין אַריין מיטן קאָפּ אין דעם פֿענצטער פֿון קעלער, וועלכעס האָט קוים געקאָנט דורכלאָזן זיין קערפּער.

— אָט וואָס בראָנפֿן מאַכט, — האָט דער פּאַרוואַלטער געזאָגט.

— וווּהין קריכסטו? — האָט לעווין אַ געשריי געטון.

אָבער דער יעגער איז שוין געהאַט אַריינגעקראָכן מיט אַ האַלבן קערפּער און האָט געפּלאָנטערט מיט די שוואַכע, שיכּורע פֿיס אין די ברייטע, געלעכערטע הויזן, באַמיִענדיק זיך אַריינצוקריכן ווייטער אָדער צוריק אַרויסצוקריכן, אָבער נישט זייענדיק בכּוח צו טון נישט דאָס, נישט יענץ.

לעווין איז צוגעלאָפֿן, האָט אַרומגעכאַפּט דעם יעגער נידעריקער פֿון די לענדן, אים אַרויסגעשלעפּט צוריק און אויפֿגעשטעלט אויף די פֿיס.

— ער, פּאַר אַ הונט האָבן זיי זיך דערשראָקן. איך וועל זי אויסהיילן, — האָט סעמיאָן עפּעס געבורטשעט, מאַכלאָז געעפֿנט דאָס מויל און זיך צעשמירט מיט דער האַנט די בלאָטע אונטערן אויג.

— נעמט אים צו און פֿאַרקלאַפּט דאָס פֿענצטער, — האָט לעווין געזאָגט און זיך געלאָזט גיין אַהיים.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך איבערגעטון און אָפּגעגעסן מיטאָג, האָט לעווין, אַליין מיט אַ בוך, ווי געוויינטלעך, זיך אומגעקערט צו זיין הייערן געמיטס-צושטאַנד, אין וועלכן ער איז געקומען פֿון פֿעלד. בלויז פֿון צייט-צו-צייט זענען אָן יעדן געבונדענעם געדאַנק אויפֿגעקומען אין זיין דמיון די איינדרוקן דאָ פֿון דעם הונט, וואָס האָט זיך מיטן אַראָפּגעלאָזטן וויידל געוואַקלט איבער די קאַלוזשעס, און די שרעק פֿאַר אים, דאָ דאָס מיט בלאָטע אויסגעשמירטע פּנים, די לעבנסלאָזע שיכּורע אויגן, דעם יעגערס געעפֿנטע מויל און זיינע דאַרע, ווייסע פֿיס אין די צעריסענע הויזן, דאָ די אויסגעדרייטע סטאָפּעס פֿון דעם געשטאָרבענעם אַלטיטשקען אין די נייע שיך. דידאָזיקע איינדרוקן האָבן זיך פֿאַרגעשטעלט

דאָ אין איינעם. דאָ אין אַ צווייטן סדר, אָבער שטענדיק צוזאַמען. ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט בײַ דידאָזיקע איינדרוקן, וויסנדיק, אַז דאָ איז נישטאָ וואָס צו טראַכטן, און האָט פאַרגעזעצט זיינע געווײנלעכע באַשעפטיקונגען.

צו זייט 504. אָנשטאָט די ערשטע פיר אָפּזאַצן פון דעם קאַפּיטל XXXI:

דאָס איז געווען אַ פריידיקער גאַסט, דער ברודער ניקאָלאַי. אָבער באַלד אין דער ערשטער מינוט, וואָס ער האָט אים דערזען, האָט לעווין גלייך פאַרשטאַנען, אַז פון אַלע געסט, וועלכע האָבן געקאָנט קומען, איז דאָס געווען דער, וועלכן ער וואָלט נישט געוואָלט זען. לעווין האָט נאָך נישט געקאָנט זען די אויסערלעכע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין ברודער, זינט ער האָט אים נישט געזען, אָבער דער ערשטער איינדרוק האָט אים געוויזן, אַז דידאָזיקע זעונג וועט זיין נישט בלויז אַ פריידיקע, נאָר אַ שרעקלעך פּיינלעכע.

ניקאָלאַי לעווין איז געשטאַנען אין פאָרצימער, צוקנדיק מיטן לאַנגן דאַרן האַלז און אַראָפּרייסנדיק פון אים דעם שאַליק. ווי נאָר קאָנסטאַנטין האָט דערזען דעמדאָזיקן פּיבערהאַפטן גלאַנץ פון די אויגן, דידאָזיקע נאָך מער בולטע באַקנביינער, באַזונדערס ווען ער האָט דערזען דעמדאָזיקן שמייכל, דעם באַשיידענעם און הכנעהדיקן, האָט ער דערפילט, אַז שלוכצן שטיקן אים אין האַלז.

צו זייט 545, שורה 7 פונדערהייך. נאָך די ווערטער „צווישן מאַן און ווייב“:

נאָכדעם ווי ער האָט זיך דורכגעשמועסט וועגן דעם מיטן ווייב, אין וועמעס פעיקייט פאַרצווזעען ער האָט אַזוי געגלייבט, האָט ער איינגעפונען, אַז זי טראַכט אויך דאָס אייגענע. דאַלי האָט אפילו געזאָגט דעם מאַן: — איך וועל בשום אופן און קיינמאָל נישט גלייבן, אַז אננאַ איז שלעכט געוואָרן. דאָס איז זיכער רכילות, לשון־הרע. און דו רעד מיט אים אָפן: ער איז, דאַכט זיך, אַזאַ קאַלטער און טרוקענער מענטש. איך האָב מורא פאַר אים. און ער האָט זיך אַזוי שרעקלעך געביטן. ער האָט זיך אָפּגעלאָזט. איז געוואָרן גאָר אַ זקן, — האָט זי צוגעגעבן.

— ניין, אָט וואָס, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, — איך קאָן דאָס נישט, אָבער איך וועל אים אומבאַדינגט ברענגען צו דיר אויף מיטאָג, און tirez-lui les vers ou nez; דו וועסט דאָס בעסער מאַכן.

צו זייט 546, שורה 16 פונדערהייך. אַנשטאָט דער טייל פון קאַפּיטל VII פון די ווערטער — „נו, זאָג־זשע“ ביז די ווערטער „די לעצטע יאָרן איז נאָך פרייליכער“:

עס זענען שוין געהאַט אַריבער צוויי יאָרן זינט לעווין איז צוריקגעקומען פון אויסלאַנד. ער איז געווען אין דאָרף און איז אַצינד געקומען אויף בערן־יאַגד. לעווין האָט זיך אומגעקערט נאָך זיין פיר חדשימדיקער רייזע גאָר אַן אַנדערער מענטש. ווי אַזוי און מחמת וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אים דידאָזיקע ענדערונג פון פאַרצווייפלונג אין לעבן צו פולשטענדיקער רויקייט און כסדרדיקער פרייליכער אויפגערודערטקייט, האָט ער נישט אַצינד, נישט שפּעטער געקאָנט זיך דערקלערן. ווען ער איז אַוועקגעפאָרן, האָט די פינצטערניש פון טויט פאַרשטעלט פאַר אים די גאַנצע וועלט, בלויז איין זאַך האָט אים געגעבן אַ שטיק־פונקט, אָבער אויך דידאָזיקע זאַך גופא האָט אויסגעזעען נישטיק און קליין אין פאַרגלייך מיט דער אים אַנטדעקטער פינצטערניש פון טויט, וואָס האָט פאַרשטעלט אַלץ, וואָס עקזיסטירט. די פראַגע וועגן טויט, וואָס האָט זיך אים פאָרגעשטעלט מיט אַזאַ קראַפט איז געבליבן פונקט אַזוי נישט בלויז אומבאַשיידבאַר, נאָר אויך נישט צוטריטלעך ווי פריער; זיין געשעפט האָט אויך פונקט אַזוי ווי דעמאָלט אויסגעזעען קליין, נישטיק, בלויז אַלס מיטל פאַר אים, כדי דורכצולעבן דאָס לעבן; קיין שום פריידיקס און גליקלעכס איז נישט געשען מיט אים; דער צושטאַנד פון זיין געזונט איז געווען דער זעלבער ווי דעמאָלט; נאָר צי דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אַ ביסל איינגעקוקט אין דער פינצטערניש, וואָס האָט דעמאָלט פאַרדעקט פאַר אים די גאַנצע וועלט, און איז געווינט געוואָרן צו דער נישטיקייט פון זיך און זיין געשעפט, אָדער דערפאַר, וואָס נאָך דער פינצטערניש, צו וועלכער ער האָט צוגעוווינט זיין גייסטיקן בליק, האָט יעדעס ליכטיקע אויסגעזעען באַזונדערס פריידיק, אָדער דערפאַר, וואָס, נישט רעדנדיק וועגן קיין לייזונג, פרישט שוין די בלויזע אָנערקענונג פון דער פראַגע וועגן טויט אויף דאָס לעבן און גיט עס צו אַ גרעסערן רייץ, אָדער אָן יעדער סיבה, בלויז דערפאַר, וואָס אַזוי האָט געדאַרפט זיין; נאָר די לעצטע צייט האָט ער געזעען בלויז גוטס און פריידיקס אין דער וועלט און אין די מענטשן, און איז אומבאַמערקט אַריבערגעגאַנגען פון פאַרצווייפלונג צום פריידיקן אָנערקענען דאָס לעבן, וועלכעס ער האָט פריער נישט איבערגעלעבט.

צו זייט 596, שורה 6 פון אונטן. אַנשטאָט דער פראַזע „אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אַריינגעגאַנגען“:

איך בין אַלץ גרייט איבערצוטראָגן, אַבי אַלץ זאָל זיך ענדיקן, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַ קלער געטון, און איז אַריינגעגאַנגען אין די אינערלעכע צימערן.

צו זייט 601, שורה 6 פון אונטן. נאָך די ווערטער „מיר האָט פאַרפּאָלגט“:

ער האָט גלייך און מילד געקוקט אין זיינע אויגן אַריין.

צו זייט 306, שורה 10 פון דערהייך. נאָך די ווערטער „אין זיין אָפּנאַרעריי“:

דידאַזיקע מינוט בײַ אַננעס טויטן-בעט האָט איבערגעקערט זיין גאַנץ האַרץ.

צוגאָבן

צום צווייטן באַנד פון

„אַנאַ קאַרעניגאַ"

די וואַריאַנטן פון דער זשורנאַל־רעדאַקציע

צו זייט 7, שורה 4 פון אונטן. נאָך די ווערטער „זאָל זיין נישט אמת“:

ער איז טאַקע געווען איבערצייגט, אַז די אויסטייטשונגען, וואָס די רעליגיע גיט, זענען נישט אמת; ער איז אָבער נישט געווען איבערצייגט, אַז די פראַגן, אויף וועלכע די רעליגיע גיט אויסטייטשונגען, זענען נישט וויכטיקע פראַגן. פאַרקערט, די פראַגן וועגן לעבן און טויט האָבן אים שטענדיק אויסגעזען ווי די וויכטיקסטע פראַגן. אָבער נישט אָנערקענענדיק די ענטפערס, וועלכע די רעליגיע האָט אויף זיי בעגעבן, האָט ער געפילט, אַז ער האָט נישט אויף דידאָזיקע פראַגן קיין שום ענטפערס.

צו זייט 10, שורה 2 פון אונטן. אָנשטאָט די ווערטער „דער גלח געפרעגט“:

ווען די פאַלשע לערעס, — האָט ער צוגעגעבן, — וואָלטן אייך געקאָנט דערקלערן די באַשאַפונג, וואָלט איר אייך געקאָנט סומך זיין אויף זיי, אָבער איר אַליין זאָגט דאָך, אַז איר ווייסט נישט. וואָסער זשע ספק קאָנט איר האָבן?

צו זייט 11, שורה 2 פון אונטן. נאָך די ווערטער „איר ווייסט גאָרנישט“:

אָדער זאָגט, אַז עס עקזיסטירט בלויז די מאַטעריע?

צו זייט 13, שורה 14 פון אונטן. נאָך די ווערטער „יעדן געשפרעך“:

און הגם ער האָט געהאַט ווען יעדער זאַך זיין זייער באַשטימטע מיינונג, האָט ער זיך נישט געאיילט זי אַרויסצוזאָגן, ווען אָבער ער האָט שוין אַרויסגעזאָגט, האָט ער דאָס געמאַכט קורץ און אַזוי ווי שפּאַסנדיק.

צו זייט 20, שורה 11 פונדערהייך. נאָך די ווערטער „אין דעם הויכן קופאָל“:

די כּלה אין ווייסן קליידן און אין לאַנגן וואַל מיטן שלייער איז געשטאַנען באַם פענצטער מיט די קראַטן, אַרומגערינגלט פון אַ גרופּע דאַמען, האָט צעשטרייט געשמייכלט און כּסדר געקוקט אויף דער איינגאַנג-טיר.

צו זייט 23, שורה 5 פונדערהייך. נאָך די ווערטער „אַריינגאַנג אין קירכע“:

אַלע האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט, אַז ווי נאָר דער חתן האָט באַוויזן אַריינצוקומען, איז גלייך דער געהאַקטער פּאַסיק פון דעם גייסטלעכן פאַרשווונדן פון דער זייטיקער טיר, די קירך-דינער האָבן אָנגעטון זייערע קירכלעכע בגדים, און דער גייסטלעכער מיטן דיאַק זענען אַרויסגאַנגען צום עמוד, וואָס שטייט אין פּאַליש פון דער קירכע.

צו זייט 23, שורה 7 פון אונטן. אַנשטאָט דעם שטיקל פון די ווערטער „— איך האָב שוין געמיינט, אַז דו האָסט געוואָלט אַנטלויפן“ ביז די ווערטער — „נעמט אָן די כּלה באַ דער האַנט און פירט זי“:

באַמערקט, אַז ער קוקט אויף איר, האָט זי אַ שמייכל געטון, און דערדאָזיקער שמייכל איז געווען נאָך מער רייצנד, נאָך מער זי, ווי ווען ס'איז פריער. ער האָט שוויַגנדיק אַ דריק געטון איר האַנט און ווידער זיך געמוזט ווענדן צו אַ צוגעקומענער דאַמע:

צו זייט 27, שורה 16 פון אונטן. נאָך די ווערטער „און באַגעגנט איר בליק“:

זי איז כּלומרשט אין ספק געווען, צי דאָס אַלץ איז אמת, און אַזוי ווי קאָנטראָלירנדיק זיך, אַ קוק געטון אויף אים.

יאָ, דאָס איז אמת. נאָר דאָס איז צו אומפאַרשטענדלעך, צו אומ-מעגלעך, צו גוט, אַז דאָס זאָל קאָנען זיין אמת, האָט זיין בליק געענטפערט.

צו זייט 102, שורה 15 פון אונטן. אַנשטאָט די ווערטער „ווען דער ברודער איז צו אים געקומען“:

ווען דער עלטער איז געשטאָרבן און ער איז אַנטלאָפן פאַרן משוגעם הונט.

צו זייט 118, שורה 5 פון אונטן. נאָך די ווערטער „עס איז אים באַשערט געווען אָנצושרייבן“

צוגאָבן

הגם קיינער האָט זיי נישט געגלייבט, און מען האָט זיי געהערט בלויז דעמאָלט, ווען עס איז נישט מעגלעך געווען דאָס אויסצומיידן.

צו זייט 121, שורה 5 פונדערהייך. נאָך די ווערטער „נישט מודה אין דעם".

— יאָ, יאָ, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט, און זיינע ליפּן האָבן זיך צונויפגעדריקט אין אַן איינגעהאַלטענעם שמייכל פון פאַרגעניגן.

צו זייט 125, שורה 8 פונדערהייך. אַנשטאָט די ווערטער „ארויסגערופן אויף קיין דועל":

זי נישט אָנגעהרגעט, ווי עס האָט זיך אים דעמאָלט געגלויבט.

צו זייט 153, שורה 12 פון אונטן. נאָך די ווערטער „אויב ער האָט זי אויפגעהערט ליב צו האָבן?":

שוין לאַנג, און ער האַלט דאָס בלויז בסוד.

די זעונג מיטן זון, די באַגעגעניש מיטן מאַן, אַלע זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט, אַלץ איז געווען פאַרגעסן דורך איר. „ער האָט מיך אויפגעהערט ליב צו האָבן", האָט זי געקלערט. „ווי אַזוי האָב איך דאָס נישט פאַרשטאַנען?"

צו זייט 154, שורה 8 פונדערהייך. נאָך די ווערטער „פּאַסן אים צום מיינסטן":

אָבער אַצינד האָט זי שוין געקלערט בלויז וועגן אים, וועגן זייער ליבע, און נישט געקלערט מער וועגן זון.

צו זייט 161, שורה 1 פון אונטן. נאָך די ווערטער „חוץ דעם קאַפּעלדינער און":

דעם פּאַרקויפער, וועלכער האָט אונטער דער צאַנקענדער שיין פון דעם גאַז-לעמפּל מיט פלינקע פינגער איבערגעלייגט די באַרנעס און

צו זייט 162, שורה 11 פון אונטן. נאָך די ווערטער „אויף דעם גערויש":

וואָס האָט, ווי ער האָט געוווסט, גאָרנישט עפּעס אַנדערש אויסגעדריקט, ווי נאָר פרייד, וואָס עס איז דאָ אַן אויסרייד אַ ביסל צו רוישן, נישט

צו זייט 162, שורה 8 פון אונטן. נאָך די ווערטער „זענען אין די לאָזשעס געווען די זעלבע דאַמען":

פון דער מיטעלער געזעלשאַפט, די זעלבע דאַמען פון באַנקירן און

סוחרים, די זעלבע געוויינלעכע, גאָט ווייסט ווער, פון די דערפער געקומענע, וואָס האָבן זיך געמאַכט אַ יום-טוב מיט פריילינס אימעניניצעס אָדער כּלות און

צו זייט 162, שורה 5 פון אונטן. אָנשטאָט דער פראַזע „דער זעלבער שמוציקער עולם אויף דער גאַלעריע":

דער זעלבער געהיימניספולער אומגליקלעכער עולם וואָרשיינלעך פון מענטשלעכע ברואים האָט זיך געפּאַקט און גערוישט אויף דער גאַלעריע, אין פּאַרטער

צו זייט 163, שורה 6 פון אויבן. נאָך די ווערטער „מיט אַ שמייכל אים צוגערופן":

פאַר וורא‏ָנסקין איז גענוג געווען בלויז צו וואַרפן אַ בליק אויף דידאָזיקע „אמתע", דאָס הייסט זיינע מענטשן, אויף דער ריכטונג פון בליקן, אויף דעם אויסדרוק פון זייערע פּנימער, עס איז גענוג געווען צו באַמערקן די אויפמערקזאַמקייט, וועלכע מען האָט געווענדט אויף איר, עס איז גענוג געווען בלויז זיך דורכצוּוואַרפן מיט אַ צוויי, דריי ווערטער מיט זיינע באַגעגנטע באַקאַנטע, כּדי צו פאַרשטיין, וואָס ס'איז אַצינד דער אַלגעמיינער אינטערעס פון זיין קרייז. דערדאָזיקער אינטערעס איז געווען, פון איין זייט, דער אָפּיציעלער חתן פון אַ געוויסער פריילין, וועלכער איז כּמעט שיכּור געזעסן אין זיין לאָזשע, און דאָס דערשיינען פון דער קאַרענינאַ. וורא‏ָנסקי האָט געוווּסט, אַז דער שידוך מיט אַ מענטש אַ פאַרקריפּלטן דורך אַן אומגליקלעכער קראַנקייט און אַ שיכּור, אויף וועלכן די עלטערן האָבן מסכּים געווען דערפאַר, וואָס דעם חתנס פאָטער איז געווען אַ וויכטיקע פּערזאָן. האָט אַצינד, ווען דער חתן איז דאָס ערשטע מאָל דערשינען צווישן פּובליקום מיט דער כּלה, זייער פאַרנומען די הויכע געזעלשאַפט; אָבער ער האָט געזען, אַז דער אינטערעס, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַננעס דערשיינען, איז געווען נאָך שטאַרקער, און אַז אַלע שמייכלען, וויצן, קוועטשן מיט די פּלייצעס, אויסדרוק פון פאַרדראָס, אַלץ האָט זיך באַצויגן צו איר.

צו זייט 170, שורה 2 פון אונטן. נאָך די ווערטער „אויפן פענצטער לעבן ברודער":

האָט ער אָפּגעווענדט זיין מיינונג, אַז דער הויפּט-רייץ פון דעם דאָרפישן לעבן איז זיין איינפאַכקייט און קלאָרקייט. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס שטאָטישע לעבן איז איינפאַך און קלאָר, ווייל אין שטאָטישן — לעבן די מענטשן אין באַדינגונגען, וועלכע זיי האָבן אַליין געשאַפן, און

אין דעם דאָרפישן — לעבסטו און האָסט צו טון מיט די געהיימניש־פולסטע דערשיינונגען פון לעבן, וואָס זענען נישט אָפּהענגיק פון די מענטשן.

צו זייט 171, שורה 10 פונדעהייך. נאָך די ווערטער „און באַדייטנד קוקנדיק אויף איר":

— נו וואָס־זשע פאַר אַ קאָמפּליצירטקייט קאָן זיין אין די פּרימי־טיווע לעבנס־באַדינגונגען, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש נאָכלעסיק פאַרגעזעצט, — אין פאַרגלייך מיט די זעלבע אומצייַלבאַרע צעצווייגונגען פון די זעלבע באַדינגונגען אויפן געביט פון געדאַנק.

— יאָ, אָבער די אַלע צעצווייגונגען זענען דאָך בלויז די פּרוכט פון אונזער שׂכל, — האָט שוין לעווין אָנגעהויבן...

צו זייט 182, שורה 13 פון אונטן. נאָך די ווערטער „ער קאָן זיך נישט פאַרליבן ?"

לעווינען איז געווען פאַרדראָסיק פאַרוואָס קיטי האָט אַזוי פריי איבערגעזעצט זיינע ווערטער, אָבער אייַנצייטיק איז געווען אָנגענעם. פונדעסטוועגן האָט ער פאַרגעזעצט זיין געדאַנק:

צו זייט 129, שורה 3 פון אונטן. אָנשטאָט דעם אָפּזאַץ „די פירשטין וואַרוואַראַ":

די פירשטין וואַרוואַראַ האָט משמשות געפילט די נישט אָנשטענ־דיקייט פון איר אָנוועזנהייט בײַ ווראָנסקין נאָך שמערצלעכער ווי דאָלי, ווייל באַלד פון די ערשטע ווערטער, האָט זי איר אָנגעהויבן צו דער־קלערן פאַרוואָס זי האָט זיך באַזעצט בײַ אַננען. זי האָט זיך באַזעצט נישט דערפאַר, וואָס איר איז פריילעך צו לעבן מיט איר אין ראָסקאָש, נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט שטענדיק ליב געהאַט אַננען, האָט זיך תּמיד מקריב געווען און איז זיך אַצינד מקריב, כּדי צו פאַרלייכטערן די לאַגע און העלפן איר אין דעמדאָזיקן שווערסטן איבערגאַנג־פּעריאָד.

צו זייט 293, שורה 1 פון אונטן. נאָך די ווערטער „אַ צו פאַרוויקלטע פראַגע":

די קעגנזעצלעכע אויפרעגונג, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין איר נשמה מיט דעם בכּיוון איבערפלעכלעכן און לייכטן טאָן, צו וועלכן אַננאַ איז פּלוצלינג איבערגעגאַנגען, ווען זי האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם, האָט זי איבערראַשט.

צו זייט 329, שורה 18 פונדערהייך. נאָך די ווער־טער „ווען יענער איז אויסגעקליבן געוואָרן":

און אין דעמדאָזיקן עולם איז געווען אַ גרויסע טייל סנעטקאָהס אָנהענגער, פּונקט אַזוי ווי סנעטקאָוון, ווען מען האָט אים באַגריסט, איז באַכגעגאַנגען אַ גרויסע טייל ניעוויעדאָווסקיס אָנהענגער.

צ ו ז י י ט 334. דער אָנהייב פון קאַפּיטל איז אַנדערש:

נאָך דעם נישט אָנגענעמען געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אים און אַנגען פאַר ווראָנסקיס אַוועקפאָרן צו די וואַלן, האָט זי דאָס ערשטע מאָל זיך דערשראָקן פאַר דער אָפּהענגיקייט, אין וועלכער זי האָט זיך געפונען פון אים און האָט זיך אַנטשלאָסן.

צ ו ז י י ט 338, ש ו ר ה 5 פ ו ן א ו נ ט ן. נאָך די ווערטער „איז דאָס אַן אומגליק!":

„אויב אַזוי, איז בעסער דער טויט!"

צ ו ז י י ט 344, ש ו ר ה 3 פ ו ן א ו נ ט ן. נאָך די ווערטער „אַ באַרימטער פּעטערבורגער געלערנטער, — האָט לעווין געזאָגט":

מיטן פאַרלאַנג אַרויסצורופן בײַ דער פרוי אַכטונג צו זײַנע באַשעפטיקונגען.

צ ו ז י י ט 345, ש ו ר ה 9 פ ו ן א ו נ ט ן. אַנשטאָט דער פראַזע „איך וואָלט, באמנות, בעסער צוויי טעג קיין מיטאָג נישט געגעסן, איידער צו פאָרן אויף דעם וויזיט":

איך וואָלט געוויינלעך מסכּים געווען אַריבערצוטראָגן אַ קערפּערלעכע שטראָף, ווען ס'וואָלט נאָר קיינער נישט געזען, אַנשטאָט דעמדאָזיקן וויזיט.

צ ו ז י י ט 349, ש ו ר ה 3 פ ו ן א ו נ ט ן. נאָך די ווערטער „און דאָס האָט ער ביז אַצינד אָפּגעהיטן":

אַזוי, אַז די מערהייט פון זײַנע מאָסקווער באַקאַנטע האָבן אים געהאַלטן פאַר זייער אַ באַרעכנטן און פאָרויסגעזעענעם באַלעבאָס:

צ ו ז י י ט 357, ש ו ר ה 14 פ ו נ ד ע ר ה י י ך. נאָך די ווערטער „געריררט פון זיין נידעריקער":

ליבע און אַכטונג צו אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געוווסט און אויף זיין

צ ו ז י י ט 362, ש ו ר ה 2 פ ו ן א ו נ ט ן. נאָך די ווערטער „אין דער מאָלערײַ":

לעווין איז אַזוי מיד געוואָרן צו רעדן און הערן, אַז ער איז צופרידן געווען פון דעם, וואָס דער קאָנצערט האָט זיך געענדיקט, און פון

דער גאָר נייער וועלט, אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן, דורכגייענדיק מיט דער שווערין איבערן זאַל צום אַרויסגאַנג.

צו זייט 397, שורה 1 פון אונטן. נאָך די ווערטער „אַלץ אַ גרעסערן אויפשטייג":

צו זיין באַדויערן, צו גאַרנישט נייטיקע.

צו זייט 411, שורה 11 פון דערהייך. נאָך די ווערטער „ווען דאָס קינד האָט אַ ניס געטון".

אָבער זי האָט ער אַצינד ליב געהאַט אַזוי, אַז זיין פריערדיקע ליבע צו איר האָט אים אויסגעזעען גלייכגילטיק.

צו זייט 417, שורה 6 פון דערהייך. אָנשטאָט דער פראַזע „אָנשטאָט דער פריערדיקער הייטערקייט, האָט עס אויסגעדריקט מידקייט און טויטקייט":

אָנשטאָט דער פריערדיקער רויקייט און זעלבסטזיכערקייט, האָט זיך אויף אים אויסגעדרוקט שרעק, אומרויקייט און אַ פאַרלאַנג צו פאַרבאָרגן דידאָזיקע געפילן. פאַרויס גרייט אויף ווידערשטאַנד, האָט ער פריינדלעך אַ קוק געטון אויפן שוואָגער.

צו זייט 420, שורה 2 פון דערהייך. נאָך די ווערטער „האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט":

אויפמערקזאַם זיך איינקוקנדיק אין דעם שווערס אומעטיק און געהיימנישפול פנים.

צו זייט 420, שורה 4 פון אונטן. אָנשטאָט דער פראַזע „אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט דערלאַנגט זיין האַנט, זיך פאַרטראַכט און אַ זאָג געטון":

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך פאַרטראַכט.

„צי וועט אַמאָל זיין אַ סוף צו מיין שאַנד און דערנידערונג, האָט ער געטראַכט. צי האָט דערדאָזיקער איינער טעות, ווען איך האָב חתונה געהאַט מיט דערדאָזיקער אוממאָראַלישער פרוי, געבראַנגט נאָך זיך דידאָזיקע אַלע שרעקלעכע טעותים, איינער דערנידערנדיקער פאַרן צווייטן, און וועט ברענגען נאָך נייע דערנידערונגען. און דידאָזיקע דערנידערונגען, ווען? אַצינד, ווען איך פיל מיך אויף אַזאַ הויכער גייסטיקער מדרגה, אַזוי ווייט פון אַלעם נישטיקן מענטשלעכן און אַזוי נאָענט צו גאָט. אָפּזאָגן זיך פון מיין מחילה, אָדער דערנידעריקן זיך? איך קאָן דאָס אַליין נישט אַנטשיידן. איך מוז מיך אָפּגעבן אין גאָטס מאַכט און בעטן זיין אָנפירערשאַפט".

צו זייט 424, שורה 4 פונדערהייך. נאָך די ווערטער „שוין נישט דורכאויס אומשולדיק“:

ער האָט רחמנות געקריגן אויף דעמדאָזיקן ליבן יונגל.

צו זייט 424, שורה 1 פון אונטן. נאָך די ווערטער „נאָר צו דער גאַנצער וועלט“:

דאָס איז געווען דעם זונס לעצטע דערינערונג וועגן דער מוטער.

צו זייט 427, שורה 16 פונדערהייך. נאָך די ווערטער „מיט צען יאָרייגגער“:

„די אָפּגעלאָזנקייט, אָבלאָמאָווסטשינע“, האָט ער זיך געזאָגט, — „אַלץ פאַרשווינד בײַ אַ גוט לעבן“.

צו זייט 433, שורה 21 פונדערהייך. אַנשטאָט דער פראַזע „ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס רעדט זיך וועגן רעליגיע“:

אים האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ דילעמע: זאָגן איר אָפן, אַז ער איז li·bre penseur, וועט זי שוין בשום אופן נישט זאָגן אויף אים קיין איין גוט וואָרט, און אָפּנאַרן אין דער זאַך איז אים געווען נישט אָנגענעם

צו זייט 441, שורה 7 פון אונטן. אַנשטאָט דער פראַזע „און זייענדיק אײַפערזיכטיק אויף אים, איז אַננאַ געווען אומצופרידן מיט אים און האָט אין אַלעם געזוכט אַ סיבה פאַר דערדאָזיקער אומצופרידנקייט“:

איבערקלייבנדיק אין געדאַנק אַלץ, וואָס זי האָט מקריב געווען פאַר אים, האָט אַננאַ אַלץ מער און מער געפילט זײַן אומגערעכטיקייט און גרויזאַמקייט.

צו זייט 442, שורה 6 פונדערהייך. נאָך די ווערטער „וואָס זי איז אויף אײביק צעשיידט געווען מיטן זון“:

און אויפהערן זי ליב צו האָבן, ווען זי האָט אַלץ פאַרלוירן צוליב אים!...

צו זייט 442, שורה 10 פונדערהייך. נאָך די ווערטער „וועלכע זענען פריער נישט געווען און וועלכע האָבן זי אויפגערייצט“:

ווראָנסקי האָט פון זײַן זייט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס זי פאַרסמט זייער אַזוי אויך שווער לעבן און פאַרוואָס זי באַשטראָפט, פײַניקט אים, וואָס האָט אַזוי פיל מקריב געווען פאַר איר, בשעת ער איז איר אין לעבן און אין די געדאַנקען ווייטער אַזוי טריי

געווען. ער האָט נישט געקאָנט מוחל זיין זיך און איר דעם טעות, אין וועלכן זי האָט אים אַריינגעצויגן, זיך צו פֿאַראייביקן אָן חתונה. ער האָט ערשט אַצינד פֿאַרשטאַנען די גאַנצע שווערקייט פֿון דערדאָזיקער לאַגע. זי איז פּראַקטיש געווען אין זיין מאַכט, נאָר אָט דידאָזיקע הילפֿלאָזיקייט טאָקע, דידאָזיקע שוואַכקייט אירע, האָט איר געגעבן אַ ריזיקע מאַכט איבער אים. דידאָזיקע מאַכט האָט איר געגעבן זיין ערלעכקייט און איידלקייט. און זי האָט מיסברויכט מיט דערדאָזיקער מאַכט פֿון איר שוואַכקייט. „איך בין דיין געליבטע, דו קאָנסט מיך אַוועקוואַרפֿן“. זי האָט דאָס אים אפֿילו געזאָגט. און זי האָט אַזוי ווי בכּיוון כּדי אים אויסצופּרוּוון אים אַרויסגערופֿן אויף אַ קאַמף. ער איז אין אַלעם גרייט געווען זיך אונטערצוגעבן און האָט זיך איר אונטערגעגעבן, אָבער נישט אין דעם קאַמף, אויף וועלכן זי האָט אים אַרויסגערופֿן. ער האָט איר נישט געקאָנט אָפּטרעטן דאָרט, וווּ עס איז געגאַנגען אין זיין גאַנץ לעבן. עס איז ניישט מעגלעך געווען צו פֿאַרשטיין, וואָס זי פֿאָדערט. דאָ איז עס געווען גאָר אוממעגלעכס, עפּעס אַ קאָמיש (ridicule) אָפּזאָגן זיך פֿון אַלע לעבנס-אינטערעסן, דאָ עפּעס אַן אייביק פֿאַרליבט דרייען זיך אַרום איר, וואָס איז אים געוואָרן דערווידער, ווייל מען האָט עס געפֿאָדערט פֿון אים. הגם ער האָט זיך אפֿילו עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז זי איז נעבעכדיק אין איר לאַגע און מען דאַרף זיין ווי ווייט מעגלעך ווייך און נאָכגיביק צו איר, אָבער ער פֿלעגט פֿאַרגעסן דעמדאָזיקן אַבזיכט, ווי נאָר ער פֿלעגט אַריינטרעטן אין באַציונגען מיט איר. ער האָט צערייצט איר אומגערעכטיקייט און זיכערקייט אין דער מאַכט פֿון איר שוואַכקייט, און ער האָט זיך געשטעלט אין דער לאַגע פֿון ווידערשטאַנד און אָפּט אַרויסגערופֿן דורך אירע אומפֿאַרשטענדלעכע, באַליידיקנדע אָנפֿאַלן, איז ער אַליין צערייצט געוואָרן און האָט איר געזאָגט, וואָס ער וואָלט נישט געדאַרפֿט זאָגן. חוצדעם, האָט אַצינד דערדאָזיקער באַשיינפּערלעכער פֿאַרלאַנג אירער כּסדר פֿיזיש צו געפֿעלן אים, דאָס קאָקעטירן מיט אים, דאָס טראַכטן וועגן די פּאָזעס, וועגן די טואַלעטן, אַנשטאָט צוצוציען אים, מאָדנע אים קילער געמאַכט, אפֿילו אָפּגעשטויסן.

צו זייט 482, שורה 5 פֿון אונטן. אַנשטאָט דעם שטיקל פֿון די ווערטער „מיט אַ פֿלינק, לייכטן טריט אַראָפּגעגאַנגען פֿון די טרעפּ“ ביז די ווערטער „זען דערדאָזיקער מיטן וועט זיין קעגן איר“ :

זי איז מיט אַ שטילן, לייכטן גאַנג אַראָפּגעגאַנגען פֿון דער פּלאַט-

פאָרמע, האָט אַ בליק געטון אויפן מאַשיניסט אין אַ קורטקע, וואָס האָט פאַרווונדערט אַ קוק געטון אויף איר, אויף דעם גרויסן ראָד, וואָס האָט זיך געדרייט מיט דער הייב־שטאַנג און איז פאַרבייגעגאַנגען דעם לאָקאָמאָטיוו.

באַמערקונגען

ל. נ. טאָלסטאָי, אננא קאַרענינא (38)

אַננאַ קאַרעניִנאַ

1873—1877

דאָס שרייבּן דעם ראָמאַן, וועלכער האָט כּמעט בּאַלד בּאַקומען דעם נאָמען, וואָס איז אים געבּליבּן, — „אַננאַ קאַרעניִנאַ“, האָט זיך אָנגעהויבּן אומדערוואַרט אַ פּאָר ל. נ. טאָלסטאָיען אַליין, אַ פּאָר זיין פרוי סאָפיאַ אַנדרעיעוונאַ, וואָס האָט אין דער צייט אויפמערקזאַם נאָכגעפאָרשט זיינע אַרבּעטן. אָבּער די צוגרייטונגס-אַרבּעטן צו אים האָבּן שוין מיט דריי יאָר צוריק בּהדרגה זיך אָנגעהויבּן שאַפן אין די געדאַנקען פון ל. נ. טאָלסטאָי.

אין יאַנוואַר 1873 יאָר איז בּאַ ל. נ. טאָלסטאָי נאָך געגאַנגען די אַרבּעט איבּער דעם ראָמאַן פון פּיאָטר דעם גרויסנס צייטן, געגאַנגען שווער און פּיינלעך. דעם 24 יאַנוואַר האָט ער געשריבּן פּ. צ. גאָלאָכוואַסטאָוון, וועלכער האָט אים צוגעהאָלפן אין אָפזוכן די קוועלן, אַז ער „איז שוין דערגאַנגען אין זיין דורכשטודירן די צייט צו דער שטופע, אַז די הייבּסט דיך אָן דרייען אין אַ פאַרכּישופטן קרייז“. אין עטלעכע טעג אַרום אין זיין בּריוו צו א. א. פעטן לייענען מיר: „איך בּין שרעקלעך נישט אויפגעלייגט. די אָנגעהויבּענע אַרבּעט איז שרעקלעך שווער, צו די צוגרייטונגען, שטודיומס נעמט גאָרנישט קיין סוף, דער פּלאַן ווערט אַלץ גרעסער, און די כּוחות, פיל איך, ווערן אַלץ קלענער און קלענער“. אין זעלבּן גייסט האָט ל. נ. טאָלסטאָי געשריבּן אין אַ חודש אַרום צו זיין פריינט א. א. טאָלסטאָי; אין דעם בּריוו צו איר פון 1-טן מערץ זאָגט ער, אַז זיין אַרבּעט „גייט שלעכט“; דאָס לעבּן איז אַזוי שיין, לייכט און קורץ, און דאָס געשטאַלטן עס קומט שטענדיק אַרויס אַזוי אומגעלומפּערט, שווער און לאַנג“. פון דידאָזיקע בּריוו-אויסצוגן איז צו זען, ווי טאָלסטאָי האָט זיך „געמאַטערט“ און „אויפגערעגט“. אין מיטן מערץ האָט ער שוין אפילו שלום געשלאָסן מיט דעם, אַז זיין אַרבּעט

„גייט נישט פאָרויס״; „איך נעם מיר שוין נישט שטאַרק צום האַרץ״, שרייבט ער פּעטן דעם 17־טן מערץ. ווי די פרוי ס. א. טאָלסטאָי דער־ציילט, האָט ער דעם 19־טן מערץ צופעליק דערזעען איינעם פון די בענדער פון אַנענקאָווסקעס אויסגאַבע פון פּושקינען. מעכאַניש געעפנט אים און, דורכלויפנדיק די ערשטע שורה, וואָס איז אים אונטער די אויגן געקומען („די געסט זענען זיך צונויפגעפאָרן אויף דער דאַטשע״), האָט ער נישט ווילנדיק פאַרגעזעצט דאָס לייענען. דאָ איז אין צימער עמעצער אַריינגעקומען. — אָט דאָס הייסט הערלעך! — האָט לעוו ניקאָ־לאַיעוויטש געזאָגט. — אָט ווי אַזוי מיר דאַרפן שרייבן. פּושקין טרעט צו גלייך צו דער זאַך. אַ צווייטער וואָלט אָנגעהויבן צו באַשרייבן די געסט, די צימערן, און ער פירט גלייך אַריין אין דער אַקציע״. צו־מאָרגנס האָט די פרוי ס. א. טאָלסטאָי געשריבן צו איר שוועסטער ט. א. קוזמינסקאַיאַ, אַז „נעכטן האָט ליאָוואָטשקאַ פּלוצלינג אומדער־ווארט אָנגעהויבן צו שרייבן אַ ראָמאַן פון מאָדערנעם לעבן״. „דער סיוזשעט פון ראָמאַן. — גיט זי צו, — איז אַן אומטרייע פרוי און די גאַנצע דראַמע, וואָס אַנטוויקלט זיך פון דעם״. ווירקלעך, דער ערשטער, קלענער כקיץ, ס״ה איין בויגן, פון „אַננאַ קאַרעינאַ״ וואָס איז אָנגערופן געוואָרן דורך טאָלסטאָיען „אַ כוואַטסקע פרוי״, דערמאָנט מיט זיין אָנהייב פּושקינס נישט פאַרענדיקטע דערציילונג „די געסט זענען זיך צונויפגעפאָרן אויף דער דאַטשע״: „די געסט זענען נאָך דער אָפּערע זיך צונויפגעפאָרן צו דער יונגער פירשטין...״ *). דאָס איז עס, וואָס עס האָט אין איינער פון די שפּעטערדיקע רעדאַקציעס

*) אין פּ. י. בירוקאָווס ביאָגראַפיע איז דאָס דערציילן וועגן דעם אָנהייבן צו שרייבן „אַננאַ קאַרעינאַ״ פאַרגעשטעלט אַ ביסל אַנדערש פון די רייד פון ל. נ.ס „נאָענטע״ מענטשן. מיר וועלן אָנמערקן איין מער פּינקטלעכן פּרט: „ל. נ.ס עלטערער זון, דער צעניעריקער סערגיי, האָט איר (דער ט. א. יערגאָלסקאַ) געלייענט אויפן קול פּושקינען. סאָפיאַ אַנדרעעוונאַ איז אויך געזעסן דערביי מיט אַן אַרבעט. די אַ־טיטשקע האָט איינ־געדרימלט, און דאָס לייענען האָט אויפגעהערט. פּושקינס בוך איז געלעגן אויפן טיש, געעפנט אויף דער זייט, ווו עס הייבט זיך אָן די דערציילונג „אַ פראַגמענט״. אין דער צייט איז אַריינגעקומען אין צימער לעוו ניקאָלאַיעוויטש. דערזעען דאָס בוך, האָט ער עס גענומען און איבערגעלייענט דעם אָנהייב פון „פראַגמענט״. — אָט ווי אַזוי מען דאַרף אָנהייבן... פּושקין איז אונזער לערער...״.

געבילדעט דעם אָנהייב פון דער צווייטער טייל פון „אַננאַ קאַרענינאַ“. דאָס, איבער וועלכן טאָלסטאָי האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן דעם 19־טן מערץ 1873 יאָר, האָט זיך שוין לאַנג געצייטיקט אין זיינע געדאַנקען, אָפּגערוקט דורך אַנדערע פּלענער. אין די נאָטיצן פון דער פרוי ס. אַ. טאָלסטאָי אונטערן 24־טן פעברואַר 1870 יאָר ווערט געזאָגט: „נעכטן אין אָוונט האָט ער מיר געזאָגט, אַז אים האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ טיפּ פון אַ פרוי, אַ פאַרהייראַטער, פון דער הויכער געזעלשאַפט, נאָר וואָס האָט זיך אומגעבראַכט. ער האָט געזאָגט, אַז זיין אויפגאַבע איז — צו מאַכן די דאָזיקע פרוי פאַר אַ נעבעכדיקע און אומשולדיקע און אַז, ווי נאָר דער דאָזיקער טיפּ האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, האָבן שוין אַלע פּערזאָנען און מענער־טיפּן, וואָס האָבן זיך אים פריער פאָרגעשטעלט, זיך געפונען אַן אָרט און זיך צונויפגעגרופּירט אַרום דער דאָזיקער פרוי. — אַצינד איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן — האָט ער געזאָגט“. אין דער דאָזיקער ווייטער פאָרשטעלונג איז שוין געווען עפּעס גאַנץ נאָענטס צו דעם, וואָס האָט סוף כּל סוף געפירט צו דער שאַפונג „אַננאַ קאַרענינאַ“; נישט אומזיסט האָט ער געזאָגט, אַז אים איז „אַלץ קלאָר געוואָרן“. דער טיטל, וואָס טאָלסטאָי האָט געגעבן דעם ערשטן סקיץ „אַ כוואַטסקע פרוי“, איז געווען עפּעס צופעליקס. און אין דעם צווייטן (אויך קורצן) אָנהייב פעלט ער שוין; ל. נ. טאָלסטאָי האָט אים אָנגעהויבן צו שרייבן גאָר אָן אַ טיטל: „די יונגע באַלעבאָסטע איז נאָר־וואָס אייליק אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ...“ און אַזוי האָט דעם 19־טן מערץ 1873 יאָר זיך אָנגעהויבן דאָס שרייבן פון דעם ראָמאַן, וועלכער האָט שפּעטער באַקומען דעם נאָמען „אַננאַ קאַרענינאַ“.

די ווערטער „אַלץ איז צעדרייט געוואָרן בײַ די אָבלאָנסקיס אין הויז“, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן דורך פּ. י. בירױקאָוון און שפּעטער דורך ס. אַ. טאָלסטאָי פאַר דעם אָנהייב פונם ערשטן וואַריאַנט פון ראָמאַן, וואָס זענען דערנאָך דערפילט געוואָרן מיטן אייגנטלעכן אָנהייב פון ראָמאַן „אַלע גליקלעכע פאַמיליעס זענען ענלעך איינע צו דער אַנדערער...“ שטעלט מיט זיך פאָר איינעם פון די שפּעטערע וואַריאַנטן פון דעם אָנהייב. נאָך אָן דעם עפּיגראַף „לי נקם ושלם“, אָבער שוין מיטן טיטל „אַננאַ קאַרענינאַ“, ווען די ערשטע טייל האָט שוין פאַרנומען איר אָרט, איז דער אָנהייב געווען אַזעלכער: „דאָס חתונה־האָבן איז פאַר טייל דער שווערסטער און וויכטיקסטער ענין פון זייער לעבן...“ באַקומען אַן עפּיגראַף, וואָס איז נאָענט צו דעם ענדגילטיק אָנגענומענעם „לי נקם“,

האָט זיך דער ראָמאַן נאָך נישט אָנגעהויבן מיט די אונז באַקאַנטע ווערטער: „אַלע גליקלעכע פאַמיליעס זענען ענלעך איינע צו דער אַנדערער...“

אין פרילינג פון דעמדאָזיקן יאָר אין מאַי האָט ל. נ. טאָלסטאָי געשריבן אין אַ בריוו, וואָס איז נישט אויפגעהיטן געוואָרן, צו נ. נ. סטראַכאָוון, ווי עס איז צו זען פון די ווערטער פון דעם לעצטן, אַז „אויף שוואַרץ“ איז דער ראָמאַן שוין פאַרטיק. אָבער נאָכדעם איז בא טאָלסטאָיען אין דער אַרבעט פאָרגעקומען אַן הפסקה אויף אַ דריי אָדער פיר חדשים. אין האַרבסט 1873 יאָר, נאָכן אומקערן זיך פון דער סאַמאַרער גובערניע, ווו עס איז אין דער צייט געווען אַ שרעקלעך אומגערעטעניש, וואָס אין קאַמף דערמיט האָט טאָלסטאָי גענומען אַן אַנטשלאָסענעם אָנטייל סיי מיט פערזענלעכער טעטיקייט, סיי מיט אַן אויפרוף נאָך געזעלשאַפטלעכער הילף, איז ער אין סעפטעמבער צוגעטרעטן צו זיין ראָמאַן: „איך הייב אָן צו שרייבן ד. ה. גיכער איך ענדיק מיין אָנגעהויבענעם ראָמאַן“, האָט ל. נ. טאָלסטאָי געשריבן דעם 23-טן סעפטעמבער 1873 יאָר פעטן, אָנרופנדיק אַלס פאַרענדיקונגס-אַרבעט דאָס, וואָס ער האָט אײַגיכן אָנערקענט בלויז אַלס איר אָנהייב. דערנאָך, אַריינלאָזנדיק זיך אין פעדאַגאָגישער אַרבעט, האָט ער ערשט אין דעצעמבער ווידער אָנגעהויבן צו אַרבעטן איבערן ראָמאַן, ווי מיר לייענען אין זיין בריוו צו נ. נ. סטראַכאָוון פון 13-טן דעצעמבער: „די אַרבעט איבערן ראָמאַן האָט ערשט די טעג אָנגעהויבן גוט גיין פאָרויס“. וועגן דעם רעדט אויך די פרוי ס. א. טאָלסטאָי אין דעם בריוו צו דער שוועסטער ט. א. קוזמינסקאַיאַ, דעם 9-טן יאַנואַר 1874 יאָר, אַז זי שרייבט אין די אָוונטן זייער אַ סך איבער פאַר לעוו ניקאָלאַיעוויטשן און אַז „ליאָוואָטשקעס ראָמאַן גייט אַלץ פאָרויס“. דעם 15-טן יאַנואַר 1874 יאָר, ווען ל. נ. איז געפאָרן קיין מאָסקווע אויף דער איינלאַדונג פון מאָסקווער קאָמיטעט פון לערנען לייענען און שרייבן, געבן דערקלערונגען פון זיין מעטאָדע צו לערנען לייענען און שרייבן, וואָס ער אַליין האָט נאָך פאָרגעלייגט אין אָקטאָבער 1873 יאָר, האָט ער מיטגענומען מיט זיך אויך דעם כתב-יד פון דעם ראָמאַן, כדי זיך דורכשמועסן וועגן דרוקן אים. אין יאַנואַר, פעברואַר און מערץ איז די אַרבעט ווייטער געגאַנגען: לויט די ווערטער פון ס. א. טאָלסטאָי אין דעם בריוו צו דער שוועסטער פון 6-טן פעברואַר „די גאַנצע פרייע צייט פון די קינדערס לעקציעס“ לאָזט „זי נישט אַרויס די פעדער פון דער האַנט“: „איך שרייב אַלץ איבער ליאָוואָטש-

קעס ראָמאַן, וועלכן ער האַלט, ווי זיין טבע איז, אין איין שטרייכן אָן אַ סוף". אין מערץ האָט ל. נ. אַוועקגעפירט די „ערשטע טייל" פון ראָמאַן „אַוועקגעבן צום דרוקן" (פון ס. א.ס בריוו צו ט. א. קוזמינסקאַיאַ דעם 2-טן מערץ). דעמאָלט טאַקע האָט ל. נ. געשריבן א. א. טאָלסטאָי, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו דרוקן דעם ראָמאַן, „וועלכער, — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, — געפעלט מיר, נאָר ווער ווייסט, צי ער וועט געפעלן אַנדערע, ווייל ער איז צו איינפאַך". ער האָט אָנגעהויבן צו דרוקן דעם ראָמאַן אַלס באַזונדער, זעלבשטענדיק בוך. פון דערדאָזיקער ערשטער געדרוקטער רעדאַקציע איז אויסגעזעצט געווען בלויז דער אָנהייב, ס"ה אַ פינף בויגן, ד. ה. 80 זייטן מיט עפעס; דער פראַגמענט ענדיקט זיך מיט דעם 10-טן קאַפיטל פון דער ערשטער טייל, אין מיטן (ער הייבט זיך אָן: „אַלע גליקלעכע פאַמיליעס..." ענדיקט זיך: „קיטי האָט געקוקט אויף זיי (אויף לעווינען און וורָאָנסקין)... און געטראַכט: „ווי גוט וואָלט געווען, ווען זיי וואָלטן געווען באַפריינדעט צווישן זיך און מיט מיר", איז איר איינגעפאַלן, און קאָמיש, און שרעקלעך האָט איר אויסגעזעען דער געדאַנק, ווען זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם, וואָס ס'איז נאָר-וואָס געווען"). דער טעקסט גיט אַ היפשע צאָל וואַריאַנטן אין פאַרגלייך מיט דער פאָלגנדער געדרוקטער רעדאַקציע; געוויסע פערזאָנען זענען געגעבן אַנדערע פאַמיליעס: וורָאָנסקי — אודאַשעוו, גריניעוויטש — שפאַנדאָרסקי, און אַנדערע. אין דעם איבערקוקן קאָרעקטן פון ראָמאַן, לויט נ. נ. סטראַכאָוון, האָט זיך אונטערגענומען צוצוהעלפן טאָלסטאָיען יו. פ. סאַמאַרין, נאָר די אַרבעט איז אינגיכן איבערגעריסן געוואָרן; ל. נ. איז קאַלט געוואָרן צום ראָמאַן, ווידער עקזאַלטירנדיק זיך מיט פעדאַגאָגיק, און האָט אפילו געטראַכט אים אַוועקצוּוואַרפן: „אַזוי געפעלט ער מיר נישט" (דער בריוו צו א. א. טאָלסטאָי דעם 23-סטן יוני 1874 יאָר).

בײַ ל. נ. טאָלסטאָי רוקן זיך די גאַנצע צייט אַרויס אויפן ערשטן פּלאַן די פעדאַגאָגישע פראַגן, דער עיקר, די פראַגע וועגן דעם אופן פון לערנען לייענען און שרייבן; זיינע פעדאַגאָגישע אַרטיקלען שטעלט ער אין דער צייט העכער פון זיינע קינסטלערישע ווערק (דער בריוו צו סטראַכאָוון). אין מאַי האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ באַזונדערער עקזאַלטאַציע צו שרייבן דאָס אַרטיקל „וועגן פאָלקס-בילדונג", אָנרופנדיק עס לכתחילה „מיין פעדאַגאָגישער ווידוי". אָפּגעדרוקט אין די „א ט י ע ט ש ע ס ק י אַ ז אַ פּ י ס ק י" אין סעפטעמבער 1874 יאָר, האָט ער צַרויסגערופן גרויסע

וויכּוחים צווישן די פּעדאַגאָגן, אין דער געזעלשאַפט און אין דער פּרעסע. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע אַנדערע פראַגן, און צווישן זיי, דאָס שרייבן דעם ראָמאַן, זענען אינגאַנצן פאַרגעסן געווען דורך ל. נ. טאָלסטאָי. נאָך דעם באַזוך אין יולי 1874 יאָר אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ פון נ. נ. סטראַכאָוון, וועלכער איז געווען אין התפּעלות פון ל. נ.ס אַרבעט איבערן ראָמאַן, אונטער דער ווירקונג פון זיין אָפּרוף, האָט ל. נ. ווידער זיך גענומען צום ראָמאַן, נאָר אים גלייך „אָוועקגעוואָרפן" אַלץ האָט זיך אים אויסגעוויזן „שרעקלעך דערווידער און מיאוס".

ערשט אין טיפן האַרבסט האָט די אַרבעט איבערן ראָמאַן זיך ווידער אַזוי ווי אַ רוק געטון, און אין נאָוועמבער אָדער, אפשר, אין אָקטאָבער 1874 יאָר האָט ל. נ. טאָלסטאָי שוין געקלערט וועגן פאַרקויפן דעם ראָמאַן, ווי דאָס איז צו זען פון נ. נ. סטראַכאָווס בריוו פון 8-טן נאָוועמבער. אין זעלבן גייסט שרייבט אויך ס. אַ. טאָלסטאָי צו ט. אַ. קוזמינסקאַיאַ: „ליאָוואָטשקאַ פאַרקויפט זיין ראָמאַן אין אַ זשורנאַל אַריין, ער פאַרלאַנגט 500 רובל פאַר אַ בויגן און מען וועט, אוודאי, געבן. אָבער ער פאַרנעמט זיך נישט (מיטן ראָמאַן), — גיט זי צו — נאָר איז זייער מיטגעריסן געוואָרן פון די שולן און איז אינגאַנצן פאַרנומען מיט דערדאָזיקער זאַך; איך זע אים כמעט נישט, אָדער ער איז אין דער שול, אָדער אויף יאַגד, אָדער אונטן אין קאַבינעט מיט די לערערס, וועלכע ער ווייזט אָן, ווי אַזוי צו לערנען". וועגן דידאָזיקע אַרבעטן פון ל. נ. טאָלסטאָי, וועלכע זענען געווען צו ווייט פון ס. אַ. טאָלסטאָי, האָט זי אויך דערציילט איר ברודער ס. א. בערסן, קלאָגנדיק זיך פאַר אים אין אַ בריוו דעם 20-טן נאָוועמבער אויף איר מאַן: „מיר זענען אַ שאָד זיינע כּוחות, וואָס גייען פאַרלוירן אויף דידאָזיקע באַשעפטיקונגען, און נישט אויפן שרייבן דעם ראָמאַן, — שרייבט זי, — און איך פאַרשטיי נישט, ווי ווייט דאָס איז נוצלעך, ווייל דידאָזיקע גאַנצע טעטיקייט וועט זיך אויסשפּרייטן אויף אַ קליין ווינקעלע פון רוסלאַנד — אויף דעם קראַפּיווענסקי קרייז". און ל. נ., וואָס האָט אין דער צייט מיט לייב און לעבן זיך אַריינגעטון אין דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט, שרייבט צו א. א. טאָלסטאָי, אַז ער האָט „ווידער ליב געקריגן, ווי מיט פערצן יאָר צוריק, דידאָזיקע טויזנטער קינדערלעך". „איך טראַכט נישט אַריין, — זאָגט ער, — נאָר ווען איך גיי אַריין אין שול און זע דידאָזיקע אָפּגעריסענע, שמוציקע, דאַרע קינדער מיט זייערע ליכטיקע אויגן און, אַזוי אָפט, מלאָכישע אויסדריקן, באַפאַלט מיך אַ צעטומלטקייט, אַ שרעק, דאָס, וואָס

איך וואָלט איבערגעלעבט, זעענדיק מענטשן זיך טרינקען. אָך, טייערינקע! ווי אַזוי שלעפּט מען אַרויס, און וועמען פריער, וועמען דערנאָך! און עס טרינקט זיך דאָ דאָס טייערסטע, טאַקע דאָס גייסטיקע, וואָס וואַרפט זיך אַזוי באַשייַנפּערלעך אין די אויגן אַרייַן באַ קינדער". לויט די רייד פון ס. אַ. טאָלסטאָי האָבן אייניקע רעדאַקציעס פון זשורנאַלן געשיקט ל. ניקאָלאַיעוויטשן בריוו מיט די גינציקסטע פאָרשלאָגן צו דרוקן זייַן ראָמאַן; אַזוי האָט זי געשריבן דער שוועסטער, נאָר „ליאָוואטשקאַ רעדט אפילו נישט וועגן דעם, ווי די זאַך וואָלט גאָרנישט קיין שייכות געהאַט צו אים" (10-טן דעצעמבער 1874). אין דער צווייטער העלפט פון דעצעמבער איז פונדעסטוועגן פאָרגעקומען דאָס פאַרקויפן „אַננאַ קאַרעניגאַ" דעם זשורנאַל „רוסקי וויעסטניק" פאַר 20 טויזנט; אָבער ל. נ. האָט זיך אויך נאָכן פאַרקויפן נישט גענומען צום באַאַרבעטן דעם ראָמאַן: „איך קאָן מיך אַלץ בשום אופן נישט אָפּרייסן פון די לעבעדיקע מענטשן, כדי זיך צו פאַרנעמען מיט די אויסגעטראַכטע" (דער בריוו צו א. א. טאָלסטאָי). ענדלעך מיטן ערשטן ביכל 1875 יאָר פון „רוסקי וויעסטניק", וואָס איז אַרויס סוף יאַנואַר, האָט „אַננאַ קאַרעניגאַ" זיך אָנגעהויבן צו דרוקן. קייגן זייַן געוווינהייט האָט ל. נ. טאָלסטאָי די ערשטע קאַפּיטלעך געפירט משמעות אָן שווערע קאָרעקטורן: ער האָט ערשט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין יאַנואַר, אָבער אויך באַ דעם ווייטערדיקן דרוקן, איז די אַרבעט געגאַנגען מיט גרויס אומחשק פון ל. נ. טאָלסטאָיס זייט. נ. נ. סטראַכאָוו באַגייסטערטע אָפּרופן, א. א. פעטס ליבערייען אין די בריוו, דער אַלגעמיינער דערפאָלג פונם ראָמאַן באַם פובליקום, און די כסדרדיקע טעלעגראַמעס מ. נ. קאַטקאָווס, וועלכער האָט געאײַלט מיטן דרוקן דעם ראָמאַן, קיין זאַך האָט נישט געווירקט אויף ל. נ. טאָלסטאָיען. נאָך פיר ביכלעך (יאַנואַר—אַפּריל) האָט דאָס דרוקן פון דעם ראָמאַן זיך אָפּגעשטעלט און אויף לאַנג — ביז 1876 יאָר. אין די פיר נומערן איז אָפּגעדרוקט געווען ביזן אָנהייב פון דער דריטער טייל (III טייל 12 קאַפּיטל — III טייל 10 קאַפּיטל פון דער ערשטער רעדאַקציע).

באַ טאָלסטאָיען זענען אין דער צייט געווען שווערע פאַמיליעןאומשטענדן — די קראַנקייט און דער טויט פון דעם צענחדשימדיקן זון ניקאָלושקאַ (21 פעברואַר 1875 יאָר) „פון דעם וווּנדערבאַרן קינד", וואָס האָט באַ עטלעכע חדשים שוין אַרויסגעוויזן „אַ וווּנדערבאַרע, ליבע נאַטור"; אין אַ יאָר אַרום האָט ל. נ. געשריבן, אַז „נאָך ביז איצינד איז שמערצלעך, זייער שמערצלעך זיך צו דערמאָנען דידאָזיקע שרעקלעכע

וואָך פון זיין שטאַרבן״ (פון טאָלסטאָיס אַ בריוו צו אַ. אַ. טאָלסטאָי). זומער 1875 יאָר איז טאָלסטאָי אָוועקגעפאָרן אין סאַמאַרער גוט, און האָט צוויי חדשים נישט געשריבן — „צוויי חדשים נישט איינגערעכט די הענט מיט טינט און דאָס האַרץ מיט געדאַנקען״ — ווי ער האָט געשריבן א. א. פעטן דעם 25-טן אויגוסט. „איך נעם מיך אַצינד — שרייבט ער טאַקע דעמאָלט סטראַכאָוון — צו דער לאַנגווייליקער, אומווערדיקער א. קאַרע-נינאַ, כּדי ליידיק צו מאַכן דאָס אָרט — פרייע צייט איז מיר זייער נייטיק — נישט פאַר פּעדאַגאָגישע, נאָר פאַר אַנדערע, מיך מער פאַר-כאַפּנדע באַשעפטיקונגען״. דאָס איז אויך געווען דאָס עקזאַלטירן זיך מיטן דורכשטודירן די פילאָזאָפיע. דאָס באַקענען זיך מיט וול. סאָלאָוויאָווס בוך „דער קריזיס פון דער מעריב-פילאָזאָפיע״ „האָט זייער אויפגערודערט אין מיר, — ווי ער שרייבט סטראַכאָוון, — די פילאָזאָפישע הייוון און מער אַ סך באַפעסטיקט און קלאָר געמאַכט מיינע נייטיקסטע געדאַנקען פאַר דעם רעשט לעבן און טויט״; נייס האָט דאָסדאָזיקע בוך, איבעריקנס, אים געגעבן זייער ווייניק — און דורכדעם אים נישט באַפרידיקט. „אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ״ האָט אים נישט צוגעצויגן צו זיך, עס האָט זיך אַלץ נישט געשריבן, און אין אָנהייב אָקטאָבער 1875 יאָר האָט טאָלסטאָי גאַנץ ריכ-טיק געשריבן פעטן: „דער טאָלסטאָי, וועלכער שרייבט ראָמאַנען, איז נאָך נישט געקומען, און איך וואַרט אים אָפּ נישט מיט קיין באַזונדערן אומגעדולד״. „אַ שרעקלעכע זאַך איז פאַר אונז אַרבעט, — לייענען מיר אין אַ צווייטן בריוו צו אים. — חוץ אונז ווייסט דאָס קיינער נישט. כּדי צו אַרבעטן, איז נייטיק עס זאָלן אָנוואַקסן אונטער די פיס רושטאָוואַניעס. און דידאָזיקע רושטאָוואַניעס זענען אָפּהענגיק נישט פון דיר. אויב דו וועסט אָנ-הייבן צו אַרבעטן אָן די רושטאָוואַניעס, וועסטו בלויז קאַליע מאַכן דעם מאַ-טעריאַל און וועסט אויפשטעלן אָן אַ זינען אַזעלכע ווענט, וועלכע עס איז גאָר-נישט מעגלעך ווייטער צו בויען... אַצינד, דאַכט זיך, זענען די רושטאָוואַ-ניעס אונטערגעוואַקסן און איך פאַרשאַרץ די אַרבל״. קאַטקאָוו איז געווען אויפגערעגט פון טאָלסטאָיס אָפּשלעפּן. עס זענען געווען באַ אים, אויף גאָרנישט באַגרינדעטע קלאַנגען, אַז טאָלסטאָי וויל נישט דרוקן אין „רוסקי וויעסטניק״ די צווייטע העלפט פון ראָמאַן, ענדלעך אין דעצעמ-בער האָט די אַרבעט איבער „אַננאַ קאַרענינאַ״ זיך אָנגעהויבן. אין יאַנואַר 1876 יאָר האָט ל. נ. געשריבן צו נ. מ. נאַגאָרנאָוון, דעם מאַן פון זיין פּלימעניצע וואַרוואַראַ וואַלעריאַנאָוונאַ טאָלסטאָי, אַז „אַצינד אַרבעט זיך גוט און עס ווילט זיך נישט פאַרלירן קיין צייט״. ווידער האָט

זיך „אננאַ קאַרעני‌נאַ“ אָנגעהויבן צו דרוקן אין יאַנואַר-נומער פון „רוסקי
וויעסטניק“ 1876 יאָר (אָנהייבנדיק זיך לויט דער ערשטער געדרוקטער
רעדאַקציע פון קאַפּיטל 11, III באַנד — לויט דער לעצטער רעדאַקציע
קאַפּיטל 13, טייל III). טאָלסטאָי האָט געאַרבעט „נישט אויסגלייכנ-
דיק זיך“ (דער בריוו פון ס. אַ. טאָלסטאָי צו ט. אַ. קוזמינסקאַיאַ);
נאָר ל. נ. אַליין האָט געשריבן צו א. א. טאָלסטאָי, אַז זיין „אננאַ“ איז
אים „דערעסן געוואָרן, ווי ביטערער רעטעך“. „איך פיר מיך מיט איר
אַרום, ווי מיט אַ דערציונגס-טאָכטער, וועלכע האָט אַ שלעכטן כאַראַקטער“;
„אָבער — גיט צו ל. נ. — רעדט מיר נישט אויף איר קיין שלעכטס,
אָדער, אויב איר ווילט, איז מיט ménagement: זי איז דאָך אַדאָפּ-
טירט“. אין דער זעלבער צייט עקזאַלטירט זיך ל. נ. מיט רעליגיעז-פי-
לאָזאָפישע פראַגן און הייבט אָן צו שרייבן זיין ערשט ווערק וועגן גלויבן;
ער לייענט עס זיין פריינט פון סעוואַסטאָפּאָל סערגיי סעמיאָנאָוויטש אורו-
סאָוו; זיין נייע שטימונג איז קענטיק פון דעם בריוו צו א. א. טאָלסטאָי,
וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אַלס אויפקלערונג צו דעם פּלאָנטער, וואָס איז
פאָרגעקומען באַם אוועקשיקן די בריוו. צוליב וועלכן אין איר האַנט איז
אַריינגעפאַלן דער בריוו, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר אורו-
סאָוו; אין דעמדאָזיקן בריוו רעדט זיך וועגן אַ שמועס מיט
א. פ. באָבּרינסקין, מיט וועלכן ער האָט אַ סך גערעדט וועגן גלויבן,
צו א. א. טאָלסטאָי שרייבט ער, אַז „צום אומגליק“ קאָן ער „זיך נישט
דערלויבן מיט גאָרנישט צו פאַרנעמען, חוץ מיטן פאַרענדיקן דעם ראָמאַן“;
נאָר מיטן אָנקומען פון פרילינג פילט ער, אַז „די נייטיקע ערנסטקייט
צום פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ פוסטער זאַך פאַרלאָזט“ אים. ער האָט
מורא, אַז ער וועט נישט פאַרענדיקן דעם ראָמאַן פאַר דעם קינפטיקן
ווינטער. „זומער — זאָגט ער — וועל איך מיך פאַרנעמען מיט די פילאָ-
זאָפישע און רעליגיעזע אַרבעטן, וועלכע זענען באַ מיר אָנגעהויבן געוואָרן
נישט צום דרוקן, נאָר פאַר זיך“. אין דער זעלבער צייט שרייבט ער אין
אַפּריל צו נ. נ. סטראַכאָוון, אַז ער הייבט אָן (מיט שרעק) צו פילן, אַז
ער גייט איבער אין „זומערדיקן צושטאַנד“: אים איז דערווידער דאָס
אָנגעשריבענע, און ער האָט מורא, אַז ער וועט נישט „בכוח זיין“ צו
פאַרריכטן די קאָרעקטן, וועלכע ליגן באַ אים און וואַרטן פאַרראָכטן צו
ווערן. „אַלץ אין זיי איז שלעכט און מען דאַרף אַלץ איבערמאַכן, אַלץ,
וואָס ס'איז אָפּגעדרוקט, און אַלץ פאַרשטרייכן און אוועקוואַרפן און זיך
אָפּזאָגן און זאָגן: אַנטשולדיקט, איך וועל שוין מער נישט, און זיך באַ-

מיען אָנצושרייבן עפּעס נייעס און שוין נישט אַזאַ אומזיניקס און נאַרישס.״

מיטן אַפּריל־בוך פון 1876 יאָר האָט דאָס שרייבן פון דעם ראָמאַן זיך אָפּגעשטעלט. דער טעקסט האָט זיך געענדיקט מיטן קאַפּ. 19, V טייל, וואָס גלייכט זיך, לויט דער לעצטער רעדאַקציע, מיטן 20 קאַפּ. פון דער זעלבער טייל, ווו עס רעדט זיך וועגן ניקאָלאַי לעווינס טויט. דער־נאָך האָט ל. נ. טאָלסטאָי זיך נישט געקאָנט פאַרנעמען מיט שרייבן דעם גאַנצן זומער, הגם ער פּרוווט זיך פאַרנעמען און וויל אומבאַדינגט זיך „נייטן צו אַרבעטן״ (דער בריוו פון 31 יולי 1876 יאָר צו נ. נ. סטראַ־כאָוון). ערשט אין נאָוועמבער האָט ער דערפילט, אַז ער האָט „אַ ביסל אויפגעלעבט״, הערט אויף „זיך מבטל צו זיין״ און „דעריבער גלוסט זיך צו שרייבן״: ער זאָגט, אַז „ער הנפעט זיך מיט דער שטאָלצער האָפנונג״, אַז אויף אים „איז געקומען ... אין דידאָזיקע לעצטע טעג״ „די קינסט־לערישע שעפונג״ (דער בריוו פון נ. נ. סטראַכאָוון דעם 18־טן נאָוועמ־בער 1876 יאָר). אין דעצעמבער אַרבעט ל. נ. טאָלסטאָי ווידער מיט עקזאַלטאַציע. ס. אַ. טאָלסטאָי שרייבט דער שוועסטער דעם 9־טן דע־צעמבער 1876 יאָר: „אַננאַ קאַרעני‌נאַ שרייבן מיר ענדלעך ווי עס גע־הערט צו זיין, ד. ה. אָן איבעררייס. ליאָוואטשקאַ, אַן אויפגעהייטערטער און קאָנצענטרירטער, גיט יעדן טאָג צו צו אַ גאַנץ קאַפּיטל, איך שרייב אָנגעשטרענגט איבער״. אין זיינע בריוו פון דער צייט, שרייבט טאָלסטאָי, אַז ער איז זייער „צופרידן מיט זיין שיקזאַל״ (דער בריוו צו פעטן), אַז ער אַרבעט און דעריבער איז ער „גייסטיק רויק״ (דער בריוו צו נ. נ. סטראַכאָוון). אַ סך יאָרן שפּעטער, אין 1902 יאָר, לויט די ווערטער פון ס. יאַ. עלפּאַטיעווסקין, האָט ער דערמאַנט וועגן דערדאָזיקער צייט, ווי וועגן דער בעסטער צייט פון זיין אַרבעט: „איך האָב קיינמאָל אַזוי נישט געאַרבעט״; דידאָזיקע צייט האָט זיך פאַרייניקט אין זיין זכרון מיטן שרייבן „אַננאַ קאַרעני‌נאַ״. אין דעצעמבער 1876 יאָר איז דערשינען די פאָרזעצונג פון „אַננאַ קאַרעני‌נאַ״. דאָס זענען געווען די לעצטע קאַ־פּיטלעך פון דער פינפטער טייל: „אַלע זענען דערטרונקען געוואָרן אין דער פּראַכט פון דידאָזיקע לעצטע קאַפּ. — שרייבט אַ. א. טאָלסטאָי...— יעדעס קאַפּיטל פון אַננאַ קאַרעני‌נאַ האָט אויפגעהויבן אַ שטורעם אין דער געזעלשאַפט, און עס האָט נישט גענומען קיין סוף צו די אָפּהאַנד־לונגען, באַגייסטערונגען און איבערשאַצונגען, און וויכוחים, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין אַ פּראַגע, וואָס איז יעדן פּערזענלעך נאָענט״. טור־

גענייעווס „גנאָוו“, וואָס איז דעמאָלט דערשינען, איז נישט ווילנדיק פֿאַרגלייכט געוואָרן מיט „אַננאַ קאַרענינאַ“: „טורגעניעווס פּריינט קלאָגן זיך, לייענען מיר אויפֿן זעלבן אָרט, פֿאַרוואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט זיין „גנאָוו“ אין דער זעלבער מינוט, ווען עס איז ווידער דערשינען „אַננאַ קאַרענינאַ“. „ער שרייבט בלויז מיטן קאָפּ, — שרייבט ל. ניקאָלאַיעוויטשן א. א. טאָלסטאָי — און אין אייך, ליבער פֿריינט, איז הערלעך דאָס, וואָס אומעטום פֿילט זיך האַרץ, ווי נישט ווילנדיק. סעריאָזשעס זעונג מיט דער מוטער, סעריאָזשעס שמועס מיטן שווייצער וואָלט קיינער, חוץ אייך, נישט אָנגעשריבן. „איך האָב זעלטן איבערגעלעבט אַזאַ געגוס — האָט סטראַכאָוו געשריבן טאָלסטאָיען — איך האָב אַזוי גוט געלאַכט און געוויינט. קאַרענינאַס זעונג מיטן זון — ווי וווּנדערבאַר... עס זענען געווען שורות, וואָס האָבן מיך געבייט אויפֿצוציטערן און ווידער זיי לייענען — אַזוי האָט איבערראַשט זייער אמת און טיפֿקייט“. אין אַ צווייטן בריוו שרייבט סטראַכאָוו, אַז „אַננאַ קאַרענינאַ“ רופֿט אַרויס אַלגעמיינע אַנטציקונג: „איך הער פֿון אַלע זייטן, אַז מיין איינדרוק — פֿון דער אומגעווייינלעכער פֿרישקייט און קראַפֿט פֿון דעמדאָזיקן פֿראַגמענט — חזרט זיך איבער בא אַלע. סטאַסאָוו זאָגט, אַז ער איז נישט צופֿרידן מיטן אינהאַלט פֿון ראָמאַן, נאָר אַז דאָ איז די קראַפֿט פֿון שילדערן, די סקולפּטוראַרטיקייט, ווי ער דריקט זיך אויס, אַזעלכע, אַז טורגעניעוו גרייכט נישט צום קנעכל. נ. יאַ. דאַנילעווסקי האָט זיך צעוויינט, לייענענדיק — און דערנאָך צוריקגענומען זיינע דערווידערונגען, ער אַנטציקט זיך מיט דער פֿיגור פֿון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן און זאָגט, אַז קינדער שילדערט איר בעסער פֿון דיקענסן... אפֿילו די בעסטע פּעדאַגאָגן האַלטן, אַז אין דער שילדערונג פֿון סעריאָזשען געפֿינען זיך וויכטיקע אָנווייזונגען פֿאַר דער טעאָריע פֿון דערציען און לערנען“.

אין ערשטן נומער פֿון 1877 יאָר פֿון „רוסקי וויעסטניק“ האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן די VI טייל פֿון „אַננאַ קאַרענינאַ“, און קיין איין טייל ביז איצט, לויט סטראַכאָווס ווערטער, האָט נישט געהאַט אַזאַ דערפֿאָלג. טאָלסטאָי האָט געהאָפֿט אינגיכן צו ענדיקן „אַננאַ קאַרענינאַ“: „איך האָף, אַז איך וועל ענדיקן אין איין אַרבעט-פּעריאָד און לײדיק מאַכן דאָס אָרט פֿאַר אַ נייער אַרבעט, וועלכע בעט זיך אַלץ מער און מער“. דער נייער געדאַנק, וואָס האָט אים פֿאַרכאַפּט, זענען געווען „די דעקאַבריסטן“. אין אַפּריל האָט טאָלסטאָי פֿאַרענדיקט די אַרבעט: „איך האָב אַלץ פֿאַרענדיקט, נאָר מען דאַרף אויסבעסערן“, האָט ער געשריבן

דעם 5-טן אַפּריל סטראַכאָוון, און דעם 22-סטן אַפּריל אין אַ בריוו אויך צו אים האָט ער געזאָגט, אַז „דאָס ערשטע מאָל הייַנט נאָך אַ סך טעג" איז ער „געבליבן אָן אַרבעט": — „טייל קאָרעקטן זענען אַוועקגעשיקט, אַנדערע זענען נאָך נישט אָנגעקומען, און קיין כתב-יד האָב איך נישט מער, און עס איז אומעטיק און איינזאַם". די זיבעטע טייל פון „אַננאַ קאַרעינאַ" איז פאַרענדיקט געוואָרן אין פערטן בוך פון „רוסקי וויעסטניק" 1877 יאָר. דידאַקטיקע טייל, לויט נ. נ. סטראַכאָווס ווערטער, האָט געמאַכט אַ באַזונדער שטאַרקן רושם, אַן אמתן אויפרייס. דאָסטאָיעווסקי פּאַטשט מיט די הענט און רופט אייך אָן אַלס דעם גאָט פון קונסט... סטאַסאָוו האָט אָנגעשריבן אונטער אַ פּסעוודאָנים אַן אַרטיקל אין דער „נאָוואָיע ווּרעמיאַ", אין וועלכן ער פּראָקלאַמירט אייך אַלס גרויסן שרייבער צוגלייך מיט גאָגאָלן און שעקספּירן, און זאָגט אייך פאַר אייביקן רום (דער בריוו צו ל. נ. טאָלסטאָי דעם 18-טן מאַי 1877 יאָר).

מיט דער זיבעטער טייל האָט, גאָר אומדערוואַרט פאַרן פּובליקום, דאָס דרוקן זיך פון „אַננאַ קאַרעינאַ" אין „רוסקי וועסטניק" זיך אָפּגעשטעלט. באַם דרוקן די לעצטע 8-טע טייל פונם ראָמאַן איז צווישן טאָלסטאָיען און קאַטקאָוון פאָרגעקומען אַ גרויסע מיספאַרשטענדניש צוליב זייער פולשטענדיקער מיינונגספאַרשידנהייט אין די בליקן בנוגע די לויפנדע געשעענישן. קאַטקאָוו האָט נישט געוואָלט דרוקן דידאַקטיקע טייל אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן זי איז אַרויס פון מחברס פעדער, נישט וועלנדיק צולאָזן קיין פאַראורטיילונג לגבי דער באַוועגונג פון די פרייוויליקע, וואָס האָט זיך דעמאָלט געשאַפן אין רוסלאַנד צו הילף די סערבן, הערצעגאָווינער און באָסניער, וואָס זענען אויפגעשטאַנען קעגן די טערקן. קאַטקאָוו אַליין האָט פאַרקערט שטאַרק זיך באַמיט אַרייַנצוציען אין דער אידעע פון אַ מלחמה מיט די טערקן די העכערע שיכטן פון דער רוסישער געזעלשאַפט. ל. נ. טאָלסטאָי זאָגט אין אַ בריוו פון 22-סטן מאַי צו נ. נ. סטראַכאָוון: „איך האָב אייך נישט באַלד געשריבן אַי דערפאַר, וואָס איך בין פאַרנומען געווען מיט שרייבן, — אַי דער עיקר דערפאַר, וואָס עס האָט זיך נישט געגלוסט אייך גאָרנישט צו זאָגן. כל זמן איר וועט נישט איבערלייענען די לעצטע טייל. זי איז שוין לאַנג אויסגעזעצט, איז שוין צוויי מאָל דורך מיר אויסגעבעסערט געוואָרן און די טעג וועט מען זי מיר שיקן צום ענדגילטיקן איבערקוקן. נאָר איך האָב מורא, אַז זי וועט דאָך נישט אינגיכן אַרויס. און וועגן דעם וויל איך מיך מיט אייך באַראַטן און בעטן אייער הילף. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז קאַטקאָוו איז נישט איינ-

שטימיק מיט מיינע בליקן, אז עס קאן גארנישט זיין אנדערש, ווייל איך פאראורטייל טאקע אזעלכע מענטשן, ווי ער איז, און, דרייענדיק מיט דער צונג, העפלעך מיך בעטנדיק מילדער צו מאכן דאס, ארויסצוואַרפן יענץ, איז ער מיר שרעקלעך דערעסן געווארן, און איך האב זיי שוין געמאלדן, אז אויב זיי וועלן נישט אפדרוקן אזוי, ווי איך וויל, וועל איך אינגאנצן נישט דרוקן בא זיי, און אזוי וועל איך טאקע טון... איך בעט אייך, גיט מיר אן עצה און העלפט מיר. אפשר וועל איך נאך דורכקומען מיט קאטקאוון, נאר איך וואלט זייער געוואלט וויסן, וואס מען קאן טון אין פאל איך וועל נישט דורכקומען. טאלסטאי איז נישט דורכגעקומען מיט קאטקאוון, אונטערגעשטיצט דורך סטראכאוון, און האט איבערגעריסן יעדן קאנטאקט מיט אים. אין מאי-בוך פון 1877 יאר פון „רוסקי וויעסטניק" איז אפגעדרוקט געווען פאלגנדע מעלדונג פון דער רעדאקציע פון „רוסקי וויעסטניק": „אין פריערדיקן בוך, אונטערן ראמאן „אננא קארענינא" געפינט זיך די אונטערשריפט: „פארזעצונג קומט". אבער מיטן טויט פון דער העלדין האט דער ראמאן, אייגנטלעך, זיך פארענדיקט. לויט דעם מחבר'ס פלאן האט נאך געזאלט קומען א נישט גרויסער עפילאג פון א צוויי בויגן, פון וועלכן די לעזער וואלטן זיך געקאנט דערוויסן, אז ווראנסקי, אין צערודערטקייט און צער פון אננעס טויט, פארט אוועק אלס פרייוויליקער קיין סערביע, אז אלע איבעריקע לעבן און זענען געזונט און אז לעווין בלייבט אין זיין דארף און איז קייגן די סלאוויאנער קאמיטעטן און די פרייוויליקע, דער אויטאר וועט, אפשר, אנטוויקלען די דאזיקע קאפ. צו דער באזונדערער אויסגאבע פון זיין ראמאן". טאלסטאי איז געווען זייער אויפגעבראכט פון דערדאזיקער מעלדונג פון דער רעדאקציע: „ער איז נישט געשלאפן א נאכט און איז געווען אין כעס", ווי ער האט געשריבן סטראכאוון. סטראכאוו האט אים געעצהט אלס ענטפער אויף קאטקאווס באמערקונג, אפצודרוקן א בריוו, און האט צונויפגעשטעלט א פראיעקט פון אים. כמעט איינשטימיק מיט דעם פראיעקט פון סטראכאווס בריוו, האט טאלסטאי לייכט איבערעדאַגירט דעם פראיעקט. וואס איז אויפגעהיטן געווארן צווישן סטראכאווס בריוו, נאר האט זיך איינגיכן אפגעזאגט פון דעם געדאנק צו שיקן דעם בריוו. דאס וואלט טאקע נישט געווען אין גייסט פון טאלסטאיען. ס. א. טאלסטאי האט געשריבן איר שוועסטער ט. א. קוזמינסקאיא, אז ער „איז געווען אין כעס 3 טעג, האט נישט צוריקגעשיקט קיין ענטפער און דערנאך באשלאסן, אז הכנעה איז דער עיקר, און האט אים צעריסן".

די אַכטע טייל פון „אַננאַ קאַרענינאַ" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אַלס באַזונדערע אויסגאַבע אין מאָסקווע, אין דער דרוקעריי ט. ריס, זומער 1877 יאָר, מיט דער דערלויבניש פון דער צענזור דעם 25־טן יוני 1877 יאָר. נאָכדעם ווי עס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן דער סוף פון „אַננאַ קאַרענינאַ", האָט קאַטקאָוו אין יולי־נומער פון „רוסקי וויעסטניק" (ז. 492—448) אָפּגעדרוקט אַ גאַנץ מאָדנע אַרטיקל, אָנרופנדיק עס „וואָס איז פאָרגעקומען נאָכן טויט פון „אַננאַ קאַרענינאַ"; אין דעם אַרטיקל האָט ער מיט גרינגשעצונג אַנאַליזירט די לעצטע טייל פון ראָמאַן, ווענדנדיק די אויפמערקזאַמקייט בלויז אויף דעם, וואָס אים איז נייטיק געווען אין געגעבענעם מאָמענט, אויסלאָזנדיק דאָס, מיט וואָס ער איז נישט איינשטימיק געווען און אָפּוואַרפנדיק דאָס גאַנצע איבעריקע.

נאָכדעם האָט אויך טאָלסטאָי באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע דעם גאַנצן ראָמאַן. ער האָט אים נאָכאַמאָל איבערעדאַגירט זומער 1877 יאָר, אָנהייבנדיק די אַרבעט צוזאַמען מיט נ. נ. סטראַכאָוו, וועלכער איז געווען צו גאַסט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ אין חודש יוני, און האָט אים אויפגעגעבן דעמדאָזיקן געדאַנק. סטראַכאָוו האָט גרינטלעך אָנגעמערקט אויפן עקזעמפּלאַר פון „רוסקי וועסטניק" די נישט פּינקטלעכקייטן פון דער אינטערפּונקציע און דייטלעכע גרייזן און האָט אָנגעוויזן ל. ניקאָלאַיעוויטשן די ערטער, וואָס מען האָט געדאַרפט אויסבעסערן. מתחילת איז סטראַכאָוו געגאַנגען אין דער אַרבעט פאָרויס ל. ניקאָלאַיעוויטשן, אָבער דערנאָך, עקזאַלטירנדיק זיך מיט דער אַרבעט, האָט טאָלסטאָי אים איבערגעיאָגט, און סטראַכאָוו האָט איבערגעלייענט נאָך אים. אין דער אָפּטיילונג פון די כתב־ידן פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק געפינט זיך אַן אינטערעסאַנטער עקזעמפּלאַר פון „רוסקי וויעסטניק" מיט אַריינגעטראָגענע אין אים אויסבעסערונגען פון ל. נ. טאָלסטאָיס האַנט. נ. נ. סטראַכאָוו, וואָס האָט געשענקט דעמדאָזיקן עקזעמפּלאַר דער ביבליאָטעק, האָט צוגעגעבן צו אים אַן אויפקלערונגס־צעטל, אין וועלכן ער גיט איבער אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן זיין געשיכטע. „מיר האָבן געאַרבעט, — זאָגט נ. נ. סטראַכאָוו, — יעדן טאָג מער ווי אַ חודש. די־דאָזיקע אָנגעשטרענגטע אַרבעט האָט געבראַנגט אירע פּרוכטן. ווי איך האָב נישט ליב געהאַט דעם ראָמאַן אין זיין ערשטער פאָרם, האָב איך גאָר איינגיכן זיך איבערצייגט, אַז ל. ניקאָלאַיעוויטשס אויסבעסערונגען זענען שטענדיק געמאַכט געוואָרן מיט אַ וווּנדערבאַרער מייסטערשאַפט, אַז זיי האָבן קלאָרער געמאַכט און פאַרטיפט די שטריכן, וואָס האָבן צוזי

אויך אויסגעזעען קלאָר און זענען תמיד געווען אין גייסט און אין טאָן פון דעם גאַנצן... ל. נ. האָט שטאַרק פאַרטיידיקט זיינע קלענסטע אויס־דרוקן און האָט נישט מסכים געווען אויף די, ווי עס האָט זיך געדאַכט, אומשולדיקסטע ענדערונגען. פון זיינע דערקלערונגען האָב איך מיך אי־בערצייגט, אַז ער ציטערט אומגעוויינלעך איבער זיין שפּראַך און אַז, נישט געקוקט אויף זיין אין פלוג נאַכלעסיקן און נישט גלאַטיקן סטיל, באַטראַכט ער זיין יעדעס וואָרט, יעדן אויסדרוק נישט ערגער פון אויפ־מערקזאַמסטן פּערזן־שרייבער". די ניי־באַאַרבעטע אויסגאַבע פון אַננאַ קאַרענינאַ איז אַרויס 1878 יאָר אין 3 בענדער (אין מאָסקווע, אין דער דרוקעריי ט. ריס) אָן דער איבערחזרונג פון דער 8־טער טייל, וואָס איז מיט אַ יאָר צוריק אָפּגעדרוקט געוואָרן. די קאָרעקטן פון דער נייער אויסגאַבע פון „אַננאַ קאַרענינאַ" האָט געהאַלטן נ. נ. סטראַכאָוו.

אַזוי פיל זענען די באַמערקונגען צו דער געשיכטע פון דעם אָנ־שרייבן „אַננאַ קאַרענינאַ", אויף וויפיל זיי האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט, הויפּט־זעכלעך, אין דער קאָרעספּאָדענץ פון ל. נ. טאָלסטאָי מיט זיינע נאָענטע, געאַכטעטע און אים געליבטע מענטשן.

א. א. טאָלסטאָי, ל. נ. טאָלסטאָיס נאָענטע פריינדין, וואָס האָט אים הויך געשעצט אי אַלס מענטש אי אַלס שרייבער, זאָגט אין איין בריוו אירן צו טאָלסטאָיען, אַז לייענענדיק „אַננאַ קאַרענינאַ", באַקענט זי זיך מיט זיין פאַרגאַנגען לעבן. „אַ סך — שרייבט זי פאַראורטיילן אַ מחבר דערפאַר, וואָס ער באַשרייבט דאָס דורך זיי אַליין איבערגעלעבטע, און פאַר מיר איז דאָס גראָד אָנציענד, — ערשטנס, דערפאַר, וואָס איך האָב אייך ליב און פיל־אויס מיט דעמדאָזיקן לייענען די בלייזן פון אייער פאַר מיר ווייניק באַקאַנט פאַמילען־לעבן; און צווייטנס, דערפאַר, וואָס דאָס אמתע איז בעסער פאַר דעם אויסגעטראַכטן און, איבערגע־געבן דורך דער פעדער פון מיין חשובן פריינט, לאָזט זי מיך אַריין אין אַלע ווינקעלעך פון זיין נשמה". אינאמתן איז אַ סך אין לעווינען — אויטאָביאָגראַפישע שטריכן פון ל. נ. טאָלסטאָי. נישט אומזיסט איז אויך די פאַמיליע פון דעם העלד פון זיין ראָמאַן צונויפגעשטעלט פון דער פאַרקלענערונג פון זיין נאָמען: ליעוו — ליאָווא. אַ סך געשעענישן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט לעווינען, דערמאָנען נישט בלויז געוויסע פאַקטן פון טאָלסטאָיס לעבן, נאָר מען קאָן זאָגן, זיי זענען גלייך אָפּקאָפּירט פון זיי. מיר וועלן דערמאָנען אָן לעווינס דערקלערן זיך אין ליבע מיט

קיטי שטשערבאצקאיא דורך שרייבן מיט קרייד די איניצאלן אויפן קארטן-טיש. דאס איז א פינקטלעכע קאפיע פון ל. נ. טאלסטאיס דערקלערן זיך מיט ס. א. בערס אין איוויצא, אין א. מ. איסלעניעווס, סאפיא אנדרעיעוונעס ווייזנס גוט, וואס איז באשריבן געווארן דורך ט. א. קוזמינסקאיא, פון איר שוועסטערס ווערטער, אין אירע דערינערונגען". אלע פרטים פון דעם נישט לאנגן פעריאד פון לעווינס חתנשאפט, ווי דאס לייענען פון זיינע טאגביכער דורך דער כלה, זיין נישט אנטשלאסנקייט פאר דער חתונה, דאס פארשפעטיקן זיך אין קירכע אריין איבער דעם זוכן דאס געפרעסטע העמד, דאס אלץ איז א שילדערונג פון די שטריכן פון טאלסטאיס לעבן. די יארן פון זוכן, — די שווערע פראגן פון טאלסטאיס לעבן, וועגן וועלכע ער רעדט אין דער „ווידוי", האבן זיך אפגעשפיגלט אין דער שילדערונג פון לעווינס שווערע ספקות און וואקלענישן. זיין ליבע צו די פויערן, צו זייער ארבעט, דאס עקזאלטירן זיך מיט זייער ארבעט האט טאלסטאי אריבערגעטראגן אויף לעווינען, וועלכער פילט „אן אכטונג און עפעס א קרובישע ליבשאפט צום פויער, וועלכע ער האט איינגעזויגן, ווי ער האט געזאגט, ווארשיינלעך, מיט דער מילך פון דער פויערטע, וואס האט אים געזייגט". נאר אוודאי איז לעווין — נישט טאלסטאי.

אין קאנסטאנטין לעווינס ברודער אין ניקאלאיען זענען דא א סך שטריכן פון ל. נ.ס ברודער דמיטריען, וועלכער איז אזוי פינקטלעך באשריבן אין זיינע זכרונות פון דער קינדהייט". די פרוי, מאשע — מאריא ניקאלאיעוונא, וועלכע האט געלעבט מיט ניקאלאי לעווין, איז באשריבן פון דעם מיידל, וואס איז אויסגעקויפט געווארן דורך דמיטרי טאלסטאי — פון דער געשטופלטער מאשען, וועלכע איז ארומגעגאנגען ארום אים, ווען ער איז געשטארבן פון שווינדזוכט אין ארלע. אזוי ווי קאנסטאנטין לעווין איז געקומען צו זיין שטארבנדיקן ברודער, אזוי האט אויך ל. נ. באזוכט דעם ברודער דמיטרי פארן טויט (ער איז געשטארבן אין 1856 יאר).

אננא קארענינא פון דער אויסערלעכער זייט דערמאנט אן מ. א. גארטונג, א טאכטער פון א. ס. פושקין, מיט וועלכער ל. נ. האט זיך באקענט אין טולע באם גענעראל טולוביעוו. פארן באשרייבן אננעס זעלבסטמארד האט געדינט דער טויט פון אננא סטעפאנאוונא זיקאווא, וועלכע האט געמאכט א סוף צו זיך אין יאנואר 1872 דורך דעם, וואס זי האט אין אן אנפאל פון אייפערזוכט זיך ארונטערגעווארפן אונטערן צוג אין יאסענקי (א נאנטע סטאציע פון יאסנאיא פאליאנא). זי האט געלעבט אין טעליאטינקי,

דריי וויאָרסט פון יאסנאיא פאָליאַנאַ, בא טאָלסטאָיס באַקאַנטן א. נ. ביביקאָוו. וועלכער האָט זי פארראַטן.

קאַרענין, לויט זיינע באַציונגען צום ווייב, דערמאָנט, לויט נ. נ. גוסיעווס ווערטער, אָן טאָלסטאָיס גוט באַקאַנטן, „מיושבדיקן", ווי עס רופט זיך אָפּ וועגן אים א. א. פעט, ס. מ. סוכאָטינען, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט ד. א. דיאַמקאָווס שוועסטער, טאָלסטאָיס גרויסן פריינט, מאַריאַ אַלעקסעיעוונאַ. זי האָט זיך געגט מיט סוכאָטינען אין 1868 יאָר און האָט חתונה געהאַט מיט ס. א. לאַדיזשענסקען. ס. מ. סוכאָטינס זון, מיכאַיל סערגעעוויטש, האָט זיך דערנאָך משדך געווען מיט טאָלסטאָיען מיט דעם, וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט טאַטיאַנאַ לוואָוונאַ, דער טאָכטער פון לעוו ניקאָלאַיעוויטש.

אָבלאָנסקי סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, אַננאַ קאַרענינאַס ברודער, דער-מאָנט זייער שטאַרק אָן ל. נ. טאָלסטאָיס פריינט י. ס. פּערפיליעוון, דעם מאָסקווער גובערנאַטאָר. די באַראָנעסע שטאָל מיט איר דערציונגס-טאָכ-טער וואַרענקאַ איז, לויט די ווערטער פון סאָפיאַ אַנדרעיעוונאַ, ענלעך צו דער פירשטין א. יע. גאָליצינאַ מיט איר דערציונגס-טאָכטער קאַטענ-קאַ. אַגאַפיאַ מיכאַילאָווטנאַ, לעווינס אַלטע ניאַניע — איז די זעלבע אַגאַ-פיאַ מיכאַילאָוונאַ אין יאסנאיא פּאָליאַנאַ, דאָס שטובמיידל פון פּעלאַגעיאַ ניקאָלאַיעוונאַ, לעוו ניקאָלאַיעוויטשס באָבע, וואָס איז באַשריבן געוואָרן דורך ל. נ. אַליין אין די „זכרונות פון דער קינדהייט" און דורך י. ל. טאָלסטאָי אין זיין בוך „מיינע דערינערונגען".

דאָס אַלץ און נאָך אַ סך אַנדערס, וואָס איז דאָ נישט דערמאָנט געוואָרן, טראָגט לייכט אַריבער דעם לעזער אין דעם אמתדיקן לעבן, וואָס האָט אַרומגערינגלט ל. נ. טאָלסטאָיען.

וו. סרעזניעווסקי.